STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00815

A RING IN A RING

Moses Schulstein

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Rebecca C. Brezel
in memory of
Dr. Karen Brezel Edelson

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה שולשטיין

אַ רינג אין אַ רינג

משה שולשטיין

א רינג אין א רינג

זאַמלונג פון
ע ס ״ ע ן
פאַרצייכענונגען
רעפּאָרטאַזשן

1975 פּאַריז תשל״ה

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער הילף פון מיין
בן־עיר און פריינט שלום בריצמאַן צום אָנדענק
פון זיין פרוי מאַניע (געבוירן עדעלשיין).

משה שולשטיין / אַ רינג אין אַ רינג

M. SZULSZTEIN

Un chaînon dans l'autre

Copyright by M. SZULSZTEIN

Printed in France
Imprimerie IM.PO., 65, rue du Faubourg-Saint-Denis, 75010 Paris

פֿאַרבליבן אין זכרון

דאָרט, וווּ ס׳איז געווען אַמאָל דער לאַגער דראַנסי

אַ ווינטיקער קאַלטער טאָג פון אָנהייב דעצעמבער. איך לאָז זיך עולה־רגל זיין קיין דראַנסי, צום אָרט פון געוועזענעם לאַגער פאַר יידן אין פראַנקרייך בעת דער דייטשער אָקופּאַציע. פוןביידע זייטן וועג — רייען ביימער, נאַקעטע, אָפּגעבלעטערטע, נאַסע, אַזוי ווי דעמאָלט, אין אַ רעגנדיקן ווינטיקן טאָג פון חודש נאָוועמבער אין יאָר 1941, ווען אַ פּאָליציייאישער אויטאָ האָט מיך געפירט אַהער, אין לאַגער אריין, מיט עט־לעכע געכאַפּטע יידן.

אונדזער אויטאָ, וואָס פאָרט איצטער אויפן זעלבן וועג, נאָר ביי אַנדערע באַדינגונגען און ביי אַן אַנדער געמיט, לאָזט הינטער זיך פּאַריז. אָט איז שוין פאַרביי דאָס שטעטל פּאַנטען און מיר דערנעענטערן זיך צו דראַנסי. אָט זעען זיך שוין אַרויס די פיר הויכע פערצן־שטאָקיקע בנינים, גלייכע ווי קאַסטנס, וואָס מ׳האָט אַמאָל גערופן וואָלקנקראַצערס, ווייל עפּעס העכערס פון זיי איז נישט געווען אַרום אין דער סביבה. אין די בנינים איז נאָך פאַר דער מלחמה געווען לאָקירט די זשאַנדאַרמעריע. זיי געפינען זיך לעבן דעם געוועזענעם לאַגער און זעען זיך אָן פון דער וויטנס ווי פיר מצבה־שטיקער, וואָס ווייזן אָן אַז דאָ איז געווען דער לאַגער דראַנסי. קיין אַנדערער דענקמאָל איז לעת־עתה נישטאָ, אַחוץ אַן אָנ־דענק־טאָוול אויף דער וואַנט. אָבער דער געוועזענער לאַגער לאָזט זיך גלייך דערקענען דורך עמעצן וואָס איז דאָ אַמאָל געווען פאַרשפּאַרט, הגם דאָס אָרט האָט זיך געענדערט. מיט וואָס? אַמאָל זענען דאָ מענטשן אָפּגעקו־מען ביז זיי זענען אָפּגעשיקט געוואָרן פון דאַנען צום אומקום. איצטער וווינען דאָ מענטשן ווי לאָקאַטאָרן, אין די זעלבע מויערן, וואָס מ׳האָט אינעווייניק מער־ווייניק געמאַכט דערטרעגלעך צום וווינען. די געפּאַנ־גענשאַפט־קאַמערן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דירות.

דער פיר־שטאָקיקער קאָמפּלעקס פון מויערן אין דער פאָרעם פון

א „חית״ איז דאָ לכתחילה אויפגעשטעלט געוואָרן פאַר דער מלחמה פאַר קאַזאַרמעס. ערשט אין יאָר 1941 האָבן די דייטשע אָקופּאַנטן פאַרוואַנדלט דאָס אָרט אין א לאַגער פאַר פאַריזער יידן און שפּעטער, פון יאָר 1942 אָן — אין אַן אָפּגאַנג־פּונקט קיין אוישוויץ. די מויערן גופא וואָס האָבן אינעווייניק געהאַלטן פאַרשפאַרט די געפאַנגענע, זענען גלייכציטיק געווען די שטיינערנע צוים וואָס האָט זיי איזאָלירט פון דער וועלט. בלויז די זייט ווו דער „חית״ איז אָפן, איז געווען פאַרשטעלט מיט אַ הויכער געדיכטער נעץ פון שטעכלדראָט.

איצטער איז אָט דאָס אָרט, נאַטירלעך, פריי צו דער שטאָט און אַ ביסל וויטער, אַקעגנאיבער, געפינט זיך די קאַפּע, ווו אין דער ערשטער צייט, ווען דער לאַגער איז געעפנט געוואָרן, פלעגן קומען אַהער יידישע פרויען און פּרובירן דערכאַפּן מיטן בליק די נאָענטע געזיכטער פון זייערע פאַרשפאַרטע מענער. אין מיטן פונעם אינעווייניקסטן שטח, ווו עס האָט אַמאָל געווימלט מיט די געשטאַלטן פון די געפאַנגענע, זענען פאַרפלאַנצט ביימלעך און גרינס און זומער־צייט שפּילן זיך דאָ קינדער. וואָס וויסן זיי דען וואָס דאָ האָט זיך אַמאָל אָפּגעטאָן מיט אַנדערע קינדער?

פאַר מיר, וואָס איך בין דאָ אין נאָוועמבער 1941 אָפּגעקומען עטלעכע וואָכן ווי אַן אינטערנירטער, איז פון דעסטוועגן זייער לייכט צו דערקענען דעם געוועזענעם לאַגער, טראָץ זיינע טראַנספאָרמאַציעס. ס׳איז נישט דאָס ערשטע מאָל וואָס איך קום דאָ אַהער זינט דער באַפרייאונג. אַלע מאָל לאָז איך זיך אַוועק אין די שפּורן פון יענע טעג פון פּיין און אומגליק. באַזונדערס ציט מיך דאָ אַהער אין דער צייט פון חודש נאָוועמבער, ווען איך בין דאָ געווען פאַרריגלט, פאַרשלאָסן און פאַרדראָטעוועט, און אויך אין חודש דעצעמבער. ווייל דעצעמבער איז ביי מיר, ווי ביי אַ סך פאַריזער יידן, פאַרבונדן מיט דראַנסי נאָך מער ווי אַלע אַנדערע חדשים.ביידע „דלדן״ (דראַנסי, דעצעמבער) זענען אַזוי געבונדן צווישן זיך, ווייל אין 15־טן פון חודש דעצעמבער (1941) האָבן די דייטשן אַרויסגעפירט פונעם לאַגער אכט און פערציק יידן אַלס ערובניקעס צום דערשיסן.

דאָס מאָל בין איך געקומען אין דראַנסי נישט בלויז צוליב די געווינלעכע סיבות, ס׳הייסט, נישט אַזוי צוליב דעם וואָס דראַנסי איז געווען ווי צוליב דעם וואָס דראַנסי איז געוואָרן.

דער געוועזענער לאַגער איז עטלעכע יאָר נאָך דער באַפרייאונג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א וווין־אָרט. דער מאַנגל אין דירות איז צו יענער צייט געווען גרויס. זענען אַנגעקומען אַהער פון פאַרשידענע ערטער מענטשן וואָס האָבן נישט געהאַט ווו צו וווינען, אָדער האָבן געוווינט נאָך קלאָגעדי־

קער ווי עס איז אַט דער בלאָק פון אומהיימלעכע מויערן. איך, וואָס האָב זיך דאָ געפונען אַמאָל אין איינער פון די גרויסע „שאַמבערעס", ס'הייסט קאַמערן, צוזאַמען מיט פערציק גורל־ברידער מיינע, אַנגעפּראָפּט אַ בעטל איבער אַ בעטל, אין דריי עטאַזשן, האָב זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן ווי אַזוי מען האָט דאָ שפּעטער געוואָלט וווינען. אָבער די מענטשן זענען דאָ געקומען אַהער פון באַראַקן, ביידלעך, געצעלטן, חורבות, וואָס די ווענט פונעם געוועזענעם לאַגער זענען שוין פאַר זיי געווען אַ העכערע מדרגה.

איך שלייך זיך אַרום לענגאויס די ווענט, דורך די לאַנגע גאַלעריעס, ווו ביי דער זייט זענען געווען די איינגענג צו די בלאָקן, וואָס האָבן געפירט יעדן צו זיין „שאַמברע". אונטן, אויפן פּאַרטער, ווו עס זענען איצטער אינ־סטאַלירט ביוראָען פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג און שולן פאַר קינדער, איז אַמאָל געווען די קיך און די אינפערמערי (מעדיצינישער פונקט) פון לאַגער.

איך גיי אריין אין די איינגענג. די זעלבע שווערע בעטאָנענע קאַזאַרמע־טרעפּ ווי אַמאָל, אויף וועלכע עס איז מיר אויסגעקומען צו גיין אַראָפּ און אַרויף אין משך פון טאָג. אַן ענדערונג זע איך בלויז אין די פּאָסט־קעסטלעך וואָס זענען צוגעפעסטיקט צו דער וואַנט. דאָס איז פאַר מיר א סימן אַז דאָ איז מער נישט קיין לאַגער, נאָר אַז מענטשן וווינען דאָ אוז פירן א נאָרמאַל לעבן. און נישט וויסנדיק פאַרוואָס, נעם איך לייענען די נעמען פון די לאָקאַטאָרן, וואָס זענען אויפגעשריבן אויף די פּאָסט־קעסטלעך.

דראַנסי האָט, פון דעסטוועגן, א ביסל געענדערט דעם אויסזען. די באַלעבאָסטעס האָבן אויך, אויסערלעך, געגעבן די ווענט אַ מילדערע מראה. מען האָט אויסגעמאָלן אויף גרין, בלוי, און סעלעדין די לאָדנס און צעהאָנגען ציכטיקע פאַרהענגלעך אויף די פענצטער, דורך וועלכע מיר פלעגן אַמאָל אַרויסקוקן שעהען־לאַנג און גאַרנישט זען.

אַרומשלייכנדיק זיך אונטער די ווענט דערהער איך ערגעץ מיאַוקען אַ קאַץ. פון פענצטער אַרויס טראָגט זיך דאָס שפּילן פון אַ ראַדיאָ־טראַנ־זיסטאָר און פון אַ צווייטן — דאָס טשוויטשערן פון אַ קאַנאַריק. זיין זיס טרילן אָט דאָ, אין דעם אָרט פון געוועזענעם לאַגער, רעגט מיך אויף. מיר דאַכט זיך, אַז איך וואָלט איצטער געווען בכוח עפּעס אָפּטאָן דעם קאַנאַ־ריקל פאַר זיין פאַרשייט און חוצפּהדיק טרילן אין אָט דעם מקום, און פון פענצטער, ווו יידישע פרויען האָבן זיך אין זייער לעצטער פאַרצווייפלונג געוואָרפן אויפן ברוק.

איך קרייז אַרום דעם גרויסן „חית" איין מאָל און נאָך אַ מאָל. איך דערקען די קאָפּע אויף דער גאַס, וואָס האָט זיך געפונען לעבן דעם אַרויס־

גאַנג פון לאַגער. ווען איך בין באַפרייט געוואָרן בין איך צום ערשט דאָ אַריין עפּעס טרינקען. עס זענען דאָ געווען יידישע פרויען פון פּאַריז. זיי זענען געקומען זיך דערוויסן עפּעס וועגן זייערע נאָענטע (אין דעם לאַגער האָבן זיך דעמאָלט געפונען בלויז מענער). זיי האָבן מיך מכבד געווען מיט סאַנדוויטשן, וואָס זיי האָבן געהאַט מיטגעברענגט מיט זיך און זיי האָבן מיך אויסגעפרעגט צי איך קען נישט אַמאָל דעם און יענעם.

מיר איז געווען פיינלעך פאַר זיי וואָס איך גיי אַרויס פון לאַגער און זייערע מענער בלייבן דאָרט איבער, און איך האָב זיי געטרייסט, אַז עס וועט קומען די ריי אויף יעדן באַפרייט צו ווערן און אַז סוף כל סוף וועט דער גאַנצער לאַגער פאַנאַנדערגעלאָזט ווערן. איך האָב זיי דאָס געזאָגט בכדי זיי צו פאַרלייכטערן און מיר אויך. אָבער אַ שווערקייט איז מיר פון דעסטוועגן געבליבן אויפן האַרצן, ווייל איך האָב געוווסט אַז מיינע רייד, וואָס איך האָב אַרויסגעזאָגט צו זיי, זענען אָן אַ גרונט און אַז איך נאַר זיי אָפּ און זיך אויך. אויב האָט מען זינט עטלעכע וואָכן אַרויסגעלאָזט פון לאַגער אַ געוויסע קאַטעגאָריע מענטשן ווי קראַנקע, אָפּגעשוואַכטע, געשוואָלענע פון הונגער, האָט זיך דאָס פּלוצלינג אָפּגעשטעלט און איך בין שוין געווען פון די סאַמע לעצטע וואָס זענען באַפרייט געוואָרן.

אויב איך האָב איצטער דערקענט די קאַפע, וואָס איך בין אין איר אַריין ווען איך בין אַמאָל באַפרייט געוואָרן פון לאַגער, קען איך דאָס נישט זאָגן וועגן דעם קאַפע־אייגנטימער. איך פּרוביר מיט אים פאַרפירן אַ שמועס ביים „קאָנטואַר" שטייענדיק. ער האָט טאַקע צו יענער צייט געוווינט אין דראַנסי, ס'הייסט אין שטעטל, אָבער די קאַפע האָט ער דעמאָלט נישט גע־האַלטן. ער ווייזט אַרויס אַ גוטע באַציאונג צו מיר און ענטפערט מיר גערן אויף מיינע פראַגן. דורכן פענצטער ווייזט ער מיר אָן אַז אַקעגנאיבער, ווו עס שטייט איצטער אַ נייע געביידע, איז געשטאַנען אַמאָל דער באַראַק פון די דייטשן, וועלכע מיר האָבן, אגב, קיינמאָל נישט געזען. ער קען מיר אָנווייזן אויף אַ שכנה וואָס האָט דאָ געוווינט צו יענער צייט, זאָגט ער מיר. אָבער דאָס איז מיר נישט נייטיק. וואָס דראַנסי איז געווען דאָס ווייס איך. איך וואָלט וועלן וויסן וואָס פון דראַנסי איז געוואָרן. וועלכע זענען די שטי־מונגען פון די מענטשן וואָס געפינען זיך אין דעם געוועזענעם לאַגער? צי קאָנען זיי דאָ וווינען מיט אַ רואיק געמיט?

און איך קער זיך ווידער אום צום גרויסן אינעווייניקסטן פּלאַץ. אויף איינער פון די גאַלעריעס, לענגאויס די מויערן, גייט מיר אַקעגן אַ מיטליאָ־ריקע פרוי און איך שטעל זי אָפּ. איך פרעג זי צו זי וווינט דאָ און צי זי ווייסט וואָס פאַר אַן אָרט דאָס איז. יאָ, זי ווייסט. איך פרעג זי דאַן צי עס שטערט איר נישט דאָ צו וווינען. עס זעט אויס ווי זי וואָלט זיך עטוואָס

זשענירט און געזוכט ווערטער אויף צו פֿאַרענטפֿערן זיך. ניין, זאָגט זי, עס שטערט מיר נישט. איך האָב דאָך דאָס אָרט דאָ אַמאָל נישט געזען. איך האָב דאָך די אומגליקלעכע נישט געקענט. איך האָב דאָך געמוזט ערגעץ וווינען און איך האָב נישט געהאַט קיין דאַך איבערן קאָפּ.

אַט שטיי איך ביים איינגאַנג ווו עס איז געווען מיין בלאָק. אויפֿן צווייטן שטאָק איז געווען מיין „שאַמברע", די קאַמער פֿון די עטלעכע צענדליק פֿאַרשפּאַרטע יידן. איך וועל פּרובירן אָנקלאַפּן אין אַ טיר פֿון אַ וווינונג, אפשר איז עמעצער דאָ. מיר ווילט זיך אַ קוק טאָן ווי עס זעט אויס אינעווייניק. איך וועל דערציילן דער פֿערזאָן וואָס וווינט דאָ אַז איך האָב דאָ אַמאָל געלעבט און געליטן צוזאַמען מיט אנדערע און אַז פֿון דאַנען איז מען אַוועק צום טויט.

עס עפֿנט זיך די טיר און עס באַווייזט זיך אַ פֿרוי. בליץ־שנעל בין איך זיך מישב און איך רעזיגניר פֿון אָנגעבן דעם מאָטיוו צוליב וועלכן איך האָב אָנגעקלאַפּט. די פֿרוי האָט דאָך דאָ איינגעאָרדנט און אויסגעפּוצט מיט פֿלייס און בריהשקייט אַ דירה, דאָ אויפֿגעשטעלט אַ משפּחה, געכאָוועט מסתמא קינדער. ווי קאָן איך צעשטערן איר אידיליע, איר דערמאָנען אַז אַט דאָ, ווו זי זיצט אין פֿאָטעל און ליגט אין בעט, הערט דעם טראַנזיסטאָר און קוקט אויף דער טעלעוויזיע, איז געווען אַן אָרט פֿון אומגליק און אַז זי זאָל מיך דאָ זען ווי דעם לעבעדיקן באַווייז פֿון אַט דעם אומגליק, וואָס האָט זיך איצטער אַריינגעריסן צו איר און פֿאַרפֿאָלגט איר. און איך גיב איר גלייך אָן אַן אַנדערע סיבה פֿאַר מיין אָנקלאַפּן ביי איר און אַ מאָטיוו צוליב וועלכן זי זאָל מיך דאַרפֿן אריינבעטן. איך גיב זיך אָן פֿאַר אַן אַגענט פֿון אַ געוויסער האַנדלס־פֿירמע, וואָס גיט זאַכן אויף אויסצוצאָלן און איך לייג איר פֿאַר פֿאַר איר באַלעבאַטישקייט אַ זאַך פֿאַר שפּאָט־ביליק (וואָס אַרט עס מיך? עס קאָסט מיך דען עפּעס טייערער?). זי איז פֿאַראינטערעסירט און איך בין נאָך מער פֿאַראינטערעסירט אין איר פֿאַראינטערעסירטקייט. זי פֿאַרבעט מיך צו גיין ווייטער. און אין דעם בלויז איז עס דאָך מיר געגאַנגען

— איך זאָל קענען אַריינדרינגען אין מיין געוועזענער „שאַמברע", אויפֿלעבן אין מיר יענע אַטמאָספֿער, זען די שאָטנס פֿון מיינע פֿאַרשווונדענע חברים וואָס האָבן דאָ פֿאַרבייגעשוועבט אַמאָל... פּלוצים דערהער איך דאָס טרילן פֿון דעם קאַנאַריקל אין זיין שטייגל ביים פֿענצטער. איך פֿאַרשטעל זיך מיין געהער. זאָל עס דאָרטן אויפֿהערן, ווייל איך פֿיל אַז איך וועל זיין בכוח דאָס קאַנאַריקל אַרויסצושליידערן דורכן פֿענצטער צוזאַמען מיטן שטייגל.

נאָכן פֿאַרלאָזן דעם געוועזענעם לאַגער טרעף איך זיך נאָך מיט עטלעכע יידן, וואָס וווינען אין שטעטל. ביי אַ נישט־צוגעגרייטן כיבוד

דערמאָנט מען די פאַרגאַנגענע יאָרן. דערביי ווייזט מיר דער באַלעבאָס א פאָטאָגראַפיע פון זיין פרוי און זיבן קינדער וואָס זענען אוועק פון דאַנען, פון לאַגער. ווילט זיך מיר אים פרעגן צי ער קאָן דאָ ווינען אין שאָטן פון געוועזענעם דראַנסי־לאַגער. אָבער איך האַלט זיך אָפּ, ווייל איך זע ווי די שטוב איז ציכטיק, אָנגענעם, קולטורעל. ספרים, ביכער, יידישע צייטונגען, און ס'איז דאָ א באַלעבאָסטע, וואָס גיט אַכטונג אויף דעם אַלעם, אַ פרוי. פאַרשטיי איך, אַז די צייט האָט אַ סך איבערגעמישט און איך דאַרף אפשר נישט צוריקמישן די בלעטער פון אונדזער געזונג קאָמפּ־ליצירטן לעבנס־בוך. פאַלן פראַגן אַלגעמיינע, וואָס האָבן א שייכות צו דראַנסי , און דהיינו, פאַרוואָס איז פון דראַנסי נישט געוואָרן קיין מוזעאום. מיינט עמעצער, אַז יידן האָבן געדאַרפט מיט יאָרן צוריק, נאָך דער מלחמה, אָפּקויפן דעם געוועזענעם לאַגער, אָדער לכל הפּחות איין בלאָק, וואָס זאָל פאָרשטעלן מיט זיך די מאַרטירערשאַפט אונדזערע פון גאַנצן לאַגער. איז דאָס מעגלעך געווען? מען מיינט אַז אפשר יאָ. אין דער ערשטער צייט נאָך דער באַפרייאונג האָט מען דאָס אפשר געקאָנט דערגרייכן. אָבער די נויט און די דאַכלאָזיקייט צו יענער צייט זענען געווען שטאַרק און שטאַר־קער פון אונדזערע סענטימענטן, און זי, די נויט, האָט זיך געפעדערט אָנצוקומען אַהער פריער פאַר אונדז און זי האָט באַזעצט דעם אויסגע־ליידיקטן לאַגער מיט בעטן, מאַטראַצן, טישן, קינדער, קעץ, טראַנזיסטאָרן און קאַנאַריקלעך.

1968

ווען די ערשטע יידישע ערובניקעס זענען דערשאָסן געוואָרן אין פּאַריז

איך געדענק די טריבע דעצעמבער־טעג פון יאָר 1941 אין פּאַריז. און ווי קען איך זיי נישט געדענקען? אזעלכע טריבע דעצעמבער־טעג זענען נאָך, דוכט זיך מיר, קיינמאָל נישט געווען. גרויע הימלען, שווערע, ווי דאָס געמיט, וואָס ווילן אונדז צודעקן און צעדריקן. אַזעלכע הימלען זענען נאָך אפשר קיינמאָל נישט געווען זינט ששת ימי בראשית.

גרויער דעצעמבער און כסלו. חנוכה־טעג. אָבער אַנשטאָט חנוכה־געלט און חנוכה־מתנות וועלן יידישע קינדער אין פּאַריז באַקומען דעם אָנזאָג אז זיי זענען געוואָרן יתומים. חנוכה־טעג, נאָר אנשטאָט חנוכה־ליכט צינדט מען אָן אין אַכט און פערציק יידישע היימען נשמה־ליכט.

גרויע דעצעמבער־טעג. ס׳איז נאָענט צו ווייַנאַכטן. די שטימונג וואָלט געדאַרפט זיין ביי פראַנצויזן אן ערב־יום־טובדיקע און אויפגעלייגטע. אָבער וויפל פראַנצויזישע קינדער וועלן דאָס מאָל נישט זען אין זייערע חלומות דעם „פּער נאָעל" מיט גוטמוטיקע רויטע בעקעלעך און ווייַסער וואַטענער באָרד און וואָנסעס, ווייל אנשטאָט אים וועלן זיי זען דעם אָפּשרעקנדיקן דייטשן סאָלדאַטישן געשפּענסט, און נישט דעם שוך אונטן, ביים קאמין, וועלן זיי זען, א פולן מיט מתנות, אַראָפּגעוואָרפן דורכן קוימען, נאָר דעם פאַרבלוטיקטן שטיוול פונעם אימהדיקן גרינעם פאַנטאָם.

די פינצטערע בשורה, אַז עס וועלן דערשאָסן ווערן אַכט און פערציק יידישע ערובניקעס פון לאַגער דראַנסי (צוזאַמען מיט צוויי און פופציק פראַנצויזישע ערובניקעס) איז באַקאַנט געוואָרן דורך קליינע געל־גרויע פלאַקאַטלעך אין שוואַרצע רעמלעך, צעקלעפּטע אויף די פּאַריזער מויערן, אַ פאַראָרדענונג פונעם קאָמענדאַנט פון „גראָס פּאַריז", גענעראַל פאָן שטולפּנאַגעל, אין פראַנצויזיש און אין דייטש, זייט ביי זייט: „אַווי" און „בעקאַנטמאַכונג". יעדע שורה איז געווען אַ נאָגל פון שטולפּנאַגעלס נעגל. ער, דער אַלמעכטיקער הערשער פון „גראָס

פּאַריז״, בכבודו ובעצמו, גיט צו וויסן די איינוווינער פון דער פראַנ־צויזישער הויפּטשטאָט, אַז „לעצטנס, זענען דורכגעפירט געוואָרן אַטענ־טאַטן אויף דייטשישע מיליטערלייט. די אויספירער פון די דאָזיקע אַטענטאַטן זענען נישט אַנטדעקט געוואָרן. הונדערט יידן, קאָמוניסטן און אַנאַרכיסטן, וועלכע זענען געווען אין נאָענטע באַציאונגען מיט די אויספירער פון די דאָזיקע אַטענטאַטן וועלן דערשאָסן ווערן״.

דערביי באַמיט זיך פאָן שטולפּנאַגעל אַ ביסל ווייס צו מאַכן זיינע עלעגאַנטע תליניש־פאַרבלוטיקטע האַנדשו. ער מאַכט אַ העפלעך־דייטשן קניקס און חניפהדיקן טשאַק דער פראַנצויזישער באַפעלקערונג, צוגעבנדיק אַז „די דאָזיקע מאַסמיטלען טרעפן לגמרי נישט דאָס פאָלק פון פראַנק־רייך, נאָר בלויז געוויסע אינדיווידומען, פאַרקויפטע צום דינסט פון די שונאים פון דייטשלאַנד״, גלייך ווי די ערובניקעס, באַשטימטע צום דער־שיסן, וואָלטן גאָרנישט געווען קיין פראַנצויזן און זייערע פאַראַבלטע משפחות וואָלטן נישט געהערט צום פראַנצויזישן פאָלק.

ווען יידן אין פּאַריז האָבן דעמאָלט איבערגעלייענט די דאָזיקע וויסטע מעלדונג אויף די ווענט, האָבן זיי זיכער געטראַכט מיט אַנגסט, אַז ווער ווייסט צי זייערע נאָענטע וועלן זיך נישט געפינען צווישן די דערשאָסענע. נישט לאַנג האָט געדויערט האָט מען זיך דאָס געגנוי דער־ווסט. צו אַכט און פערציק יידישע משפחות אין פּאַריז זענען אָנגע־קומען געזעגענונגס־בריוו פון אומגעבראַכטע מענער, פאָטערס, זין. אין דער זעלבער צייט זענען אויך אָנגעקומען צו זיי מעלדונגען, אַז זיי זאָלן קומען אין דער תפיסה שערש־מידי אָפּנעמען די זאַכן פון די דערשאָסענע, ווו פאַר יעדן האָט שוין געוואַרט אַ פּעקל, זאָרגפעליק און אין אָרדענונג צוגעגרייט, און לויט דייטשישער פּינקטלעכקייט און „אָרנט־לעכקייט״ האָט גאָרנישט געפעלט, אפילו נישט קיין פילפעדער און נישט קיין זייגער...

אינעם לאַגער פון דראַנסי זענען די יידישע ערובניקעס אַרויס־גענומען געוואָרן פון צווישן דעם גאַנצן פאַרזאַמלטן עולם. אַכט און פערציק קרבנות, אויסגעקליבענע פון צווישן די פינף טויזנט געפאַנגענע. דער גאַנצער לאַגער, וואָס איז געשטעלט געוואָרן צום אַפּעל, איז באַ־וואַכט געווען דורך געשטאַפּאָ, עס־עס און זשאַנדאַרמען און איז אַרומ־געשטעלט געווען מיט מאַשין־געווער פון אַלע זייטן און ווינקלען. און דאָ האָט יעדער, כלומרשט, געדאַרפט זיין אַנגעוויזן אויף זיין אייגע־נעם גורל, אויף יעדן איינעמס מזל. ס׳הייסט, אַז מען האָט אין דער גרויסער מאַסע אָפּגעציילט צען און אויף יעדן צענטן איז געפאַלן דער גזר: טויט. ס׳הייסט, בלויז דער יעניקער, וואָס איז, צום אומגליק, גע־

ווען דער צענטער, האָט אים דער גורל באַשטימט צו שטאַרבן. עס זע־נען אויך דאָ אַזעלכע, וואָס מיינען, אַז די דייטשן האָבן נישט געגעבן די יידן דעם טויט לויטן „גורל", נאָר זיי האָבן לויט אויסקונפטן, איג־פאָרמאַציעס און פּאָליטישע דאָסיעס (קאַרטאָטעקעס) באַשטימט ווער עס דאַרף דערשאָסן ווערן. קלאָר איז עס נאָך נישט פאַר מיר ביז צום היינ־טיקן טאָג. איינס איז אָבער זיכער: די ערשטע אַכט און פערציק יידי־שע ערוביניקעס פון דראַנסי זענען דערשאָסן געוואָרן דעם 15־טן דע־צעמבער 1941 אויפן באַפעל פון דער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט.

די זאַלפּן פון מאָן־וואַלעריען (אַ מיליטערישע פעסטונג הינטער פּאַריז) האָבן שווער אָפּגעהילכט אין אַלע יידישע הערצער. מיר זענען פלוצים געוואָרן טרויעריק איבערראַשט און דערשיטערט פון דער גע־שעעניש. מען האָט נאָך דעמאָלט נישט באַנומען און נישט געאַנט אַז דאָס איז נישט קיין פּאַראיינצלטע איזאָלירטע טראַגעדיע, נאָר דער אָנהייב פון אַ געפּלאַנטער אַלגעמיינער עקסטערמינאַציע און אַז אַלע זע־נען מיר אין דער נאָענטער פּערספּעקטיוו פאַרמשפּט צום טויט; אַז מיר געפינען זיך אַלע אין די נעגל פון פאַן שטולפּנאַגעל און מיר זענען אַלע אויסגעשטעלט אויפן זעלבן גורל וואָס עס האָט דערוואַרט די ערשטע יידישע און פראַנצויזישע ערוביניקעס. נישט יעדער צענטער, נאָר יעדער איינער.

די ידיעות וועגן דעם גרויסן אומגליק האָבן זיך גלייך פאַרשפּרייט צווישן אַלע יידן אין פּאַריז. אין אַלע היימען האָט מען באַוויינט די קרבנות און מען האָט מיטגעלעבט מיט די שווער־געטראָפענע משפחות. עס האָט געדאַרפט הייסן פאַר אַלעמען אַז צוליב אַן אַטענטאַט אויף אַ דייטש האָבן טעלעכע צענדליק יידן געדאַרפט באַצאָלן מיט זייער לעבן, צוזאַמען מיט נאָך צענדליקער פראַנצויזן, וואָס אינאיינעם האָבן זיי גע־דאַרפט שאַפן פאַר די דייטשן די גלאַטע רונדע ציפער: 100. די יידן אַלס יידן און די פראַנצויזן אַלס ווידערשטענדלער. די דייטשן האָט צו יענער צייט נישט געפעלט קיין ערטער פון וואַנען צו נעמען זייערע קרבנות. די רעזערוון זענען געווען גרויסע. די לאַגערן און תפיסות זע־נען געווען איבערפולט. די אָקופּאַציע־מאַכט האָט געקענט פון זיי שעפן מיט פולע הויפנס. וואָס פאַר אַ ווערט האָט דען געהאַט ביי דעם דייטש דאָס לעבן פון אַ מענטש.

פון די דערשאָסענע ערוביניקעס האָב איך געקענט פּערזענלעך בלויז צוויי: מרדכי בלאַט און משה בורשטין. מרדכי בלאַט איז געווען אַן אַרבעטער מיט אַ טיפּיש־אינטעליגענטן אויסזען, אַן עמיגראַנט פון פּוילן אין די סוף דרייסיקער יאָרן. ער האָט פאַרקערט אין די קרייזן

פון דער „קולטור־ליגע" אין פּאַריז. מען האָט געקענט זאָגן אויף אים: אַ „שטילער מענטש, וואָס טשעפּעט נישט קיין פליג אויף דער וואַנט".

משה בורשטין איז געווען דער היפּוך: אַ רירעוודיקע, דינאַמישע נאַטור און גלייכצייטיק אַ מילדער, גוטמוטיקער מענטש. ער איז גע־ווען דער טיפּ פון אַ פאָלקס־טוער. צום ערשט ווי אַן עמיגראַנט פון פּוילן אין דייטשלאַנד איז ער געווען אַקטיוו אין די דאָרטיקע רעוואָלו־ציאָנערע קרייזן אין די אָנהייב צוואַנציקער יאָרן און איז שפּעטער אויך געגאַנגען אויפן זעלבן וועג אין פראַנקרייך. מען האָט אים געקענט צווישן די מאַרשאַנעס (מאַרק־הענדלער), ווו ער איז געווען טעטיק, און אויך אַלס אַדמיניסטראַטאָר פון דער צייטונג „נייע פּרעסע". זייענדיק אין דראַנסי, איז מיר אויסגעקומען צו טרעפן זיך מיט אים נישט בלויז יעדן טאָג, נאָר עטלעכע מאָל אין טאָג. ווען איך בין סוף אָקטאָבער 1941 אַריינ־געפאַלן אין לאַגער האָט ער מיך גלייך אָפּגעזוכט. אונדזער באַגעגענען זיך האָט געהאַט אין זיך עפּעס פון אַ טראַגישער סתירה: פון איין זייט איז מען געווען צופרידן צו זען זיך און פון דער צווייטער זייט איז מען געווען אַזוי אומצופרידן צו זען זיך ד אָ. איך האָב באַמערקט, אַז אויך אין דראַנסי איז משה בורשטין ממשיך זיין פאָלקסטוערישקייט, איז פאַר־בונדן מיט אַ סך מענטשן, רוט נישט איין, איז אומעטום, זאָרגט פאַר דעם און יענעם. ביי מיין אָנקומען אין לאַגער האָט ער גלייך גענומען זאָרגן פאַר דעם ווי אַזוי צו פאַרלייכטערן מיר דאָס לעבן (כאָטש אים אַליין איז אויך נישט געווען לייכט), צי דאָס זאָל זיין מיט אַ ביסל עסן, צי מיט אַ ביסל טרייסט.

נאָך פינף און צוואַנציק יאָר זינט יענע באַגעגענישן שטייט מיר פאַר די אויגן זיין אומפאַרגעסלעך געשטאַלט. מיר ווילט זיך וויסן עפּעס מער וועגן אים, מיר ווילט זיך וויסן מער וועגן אַלע ערובניקעס פון דראַנסי. איך וואָלט וועלן אויפלעבן פאַר זיך יענע פינצטערע טעג פון אומגליק, רעדן מיט די פאַראָבלטע משפחות און זיין מיט זיי צוזאַמען, רעדן מיט זיי, אָדער שווייגן מיט זיי צוזאַמען. דאָס איז שוין אָבער איצ־טער, נאָך אַזוי פיל יאָרן, נישט פון די לייכטע זאַכן, בפרט אַז איך ווייס נישט ווו זיי געפינען זיך. די איינציקע, מיט וועמען איך האָב זיך געקענט באַגעגענען, איז געווען די אלמנה פון משה בורשטין, יוכבד, אַ טיף־געליטענע, איינע פון די לעבן־געבליבענע קרבנות פון 15־טן דעצעמבער 1941. זיצן מיר און שמועסן און לעבן־אויף די אַטמאָספער פון יענע גרויע און גרויליקע דעצעמבער־טעג פון 1941 און זי הערט זיך צו צו מיינע זכרונות פון לאַגער וועגן איר מאַן.

ווען די ידיעות וועגן דערשיסן די ערובניקעס זענען דערגאַנגען

צו זייערע משפּחות איז יוכבֿד בורשטין גראַד געזעסן אין פּרויען־לאַ־גער לאַ טורעל אין פּאַריז פֿאַר ווידערשטאַנד־טעטיקייט און זי האָט בכלל גאַרנישט געוווּסט וועגן דעם גורל פֿון איר מאַן. זי האָט זיך דאָרטן באַ־טייליקט אין אַ טרויער־פֿאַרזאַמלונג צום אָנדענק פֿון די דערשאָסענע, נישט וויסנדיק, אַז אויך דער נאָמען פֿון איר מאַן געפֿינט זיך צווישן די נעמען פֿון די אַכט און פֿערציק דערשאָסענע פֿון דראַנסי.

אחוץ די מלבושים און פּערזענלעכע חפֿצים פֿון איר אומגעקומענעם מאַן איז איר גאַרנישט געבליבן. זי איז אַפֿילו נישט זוכה געווען צו באַקומען פֿון אים אַ געזעגענונגס־בריוו פֿאַר זיין טויט, ווי עס האָבן דאָס באַקומען אַלע אַנדערע פֿרויען און משפּחות. אַלע ערובֿניקעס איז, ווי שוין באַקאַנט, געווען דערלויבט פֿאַרן דערשאָסן ווערן אָנצושרייבן געזעגענונגס־בריוו צו זייערע נאָענטע (דייטשער חסד!). בלויז פֿון אים, בורשטינען, איז נישט אָנגעקומען אַזאַ בריוו. לויט די השערות און אויסטייטשונגען פֿון זיינע קרובֿים האָט דאָס נישט דערלויבן אים אָנצו־שרייבן אַזאַ בריוו געקענט זיין מצד די דייטשן אַ רעפּרעסיע קעגן אים פֿאַר זיין מוטיקער האַלטונג, א שטראָף. (אַ, ביטערע איראָניע פֿון בי־טערן גורל: אַ שטראָף ערבֿ באַשטראָפֿט ווערן מיטן טויט!).

וועגן די אויפֿטרייסלענדיקע רירנדיקע געזעגענונגס־בריוו, וואָס עס האָבן באַקומען די אומגליקלעכע משפּחות, האָט מען נישט אויפֿגעהערט צו רעדן צווישן זיך אין יענע דערדריקנדיקע טעג, דורכגענומענע מיט א תשעה־באָבֿ־שטימונג. זיי זענען געווען די איינציקע טעמע ביי באַגע־גענישן וואָס מען האָט אַרויסגעבראַכט אויף די פֿאַרפּרעסטע ליפּן. זיי זענען פֿאַרגעלייענט געוואָרן אויף צענדליקער געהיימע אָנדענק־מסיבות, הזכרות אין פּריוואַטע שטובן און אין באַהעלטענישן צווישן יידן אויפֿן בעלוויל און אין עלפֿטן אַראָנדיסמאַן, וווּ עס האָבן זיך פֿאַרזאַמלט פֿון צען ביז צוואַנציק מענטשן. ביי דער געלעגנהייט האָט מען אויך געזאַמלט געלט אויף אונטערצושטיצן די משפּחות פֿון די דערשאָסענע.

דער שרייבער אהרון בעקערמאַן, וועלכער איז צו יענער צייט גע־ווען טיכטיק אלס כראָניקער און אַרכיוויסט, האָט געזאַמלט און פֿאַר־צייכנט אין זיינע טאָגביכער אַלע ידיעות, פֿאַקטן, עפּיזאָדן און אַפֿילו קלאַנגען, וואָס זענען אַרומגעגאַנגען, האָט אויך פֿאַרצייכנט יעדן פּרט וואָס האָט געהאַט א שייכות צו דער געשעעניש פֿון 15־טן דעצעמבער 1941. אין זיין באַשיידענער וווינונג אין אַן אַלט חרובֿדיק הויז אויף רי פּיקסע־ריקור נומער 60, אין צוואַנציקסטן אַראָנדיסמאַן, איז פֿאַקטיש געווען אין אַן אָפּגעזונדערט בוידעם־צימער אַ דאָקומענטאַציע־צענטער וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן און געפֿירט געוואָרן דורך אים אַליין, צום ערשט אין

פּאַריז און דערנאָך אין דער „פרייער זאַנע”, פון וואַנען ער איז דעפּאָר־טירט געוואָרן.

צווישן די פאַרשידענע ידיעות און קלאַנגען, וואָס זענען אָנגעקומען צו אים, געדענק איך באַזונדערס צוויי, וואָס האָבן געווירקט אויף מיר מיט זייער טיפן טראַגיזם. איך האָב זיי אויפגענומען אַזוי ווי איך האָב זיי געהערט פון בעקערמאַנען, נישט וויסנדיק ביזן היינטיקן טאָג צי זייער וואַרהאַפטיקייט איז קאָנטראָלירט געוואָרן:

ביי איינער אַן אַלמנה נאָך אַ דערשאָסענעם ערובניק, וועלכע איז געקומען אָפּנעמען זיינע פאַרבליבענע זאַכן, האָט מען זיך אין דער געשטאַפּאָ געמאָנט פאַר די הוצאות פון דערשיסן איר מאַן, דאָס געלט פאַר די קוילן.

אַ צווייטע ידיעה, אָדער קלאַנג, האָט איבערגעגעבן וועגן אַן אייגנאַר־טיקן געזעגענונגס־בריוו פון אַ ייד פאַר זיין טויט. דער ייד האָט נישט געקענט שרייבן און דער בריוו זיינער וואָס איז אָנגעקומען צו דער פאַראַבלטער משפחה, איז באַשטאַנען פון אַ פּראָסט שטיקל פּאַק־פּאַפּיר, אויף וועלכן עס איז געווען בלויז אָנגעשריבן איין איינציק וואָרט, זיין נאָמען „בערל”...

אַלע מאָל, ווען איך טראַכט וועגן דאָזיקן דערשיטערנדיקן בריוו מיטן איינציקן וואָרט „בערל”, קומט מיר אויפן זינען דאָס יידישע דאָרפס־יינגל וואָס האָט נישט געקענט דאַוונען און קומענדיק איין מאָל יום־כּיפּור אין שטעטל אין שול אַריין, האָט ער, לויט אַ יידישער לעגענדע, מתפּלל געווען דורך געבן אַ פייף. און די דאָזיקע פּראָסטע תּפילה זיינע, אָבער פול מיט כּוונה און תּמימות, האָט דורכגעבראָכן די הימלען און זי איז אָנגענומען געוואָרן דורך דער פּמליא של מעלה.

קען זיין אַז ווען די נעמען פון די יידישע קדושים פון דראַנסי זענען אַרויף אין הימל האָט דאָס פּראָסטע שטיקל ליידיקע פּאַק־פּאַפּיר מיטן איינציקן וואָרט, מיטן נאָמען בערל פאַרנומען דאָס שענסטע און אָנגעזעענסטע אָרט ביים כּסא־הכּבוד.

.1966

ווען יידישע שרייבער זענען דעפּאָרטירט געוואָרן פון פראַנקרייך

זינט דעם סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה פעלן אונדז נישט אויס קיין יאָרציַיטן. דאָס נשמה־ליכט קען ברענען אָן אויפהער אין אונדזערע אומעטיקע ווינקלען. יאָרצייַט־אויס, יאָרצייַט־איין. יאָרציַיט נאָך יחיד און יאָרציַיט נאָך כּלל. יאָרציַיט נאָך ערגעץ־ווו פאַרפאַלענע און ערגעץ ווו געפאַלענע. יאָרציַיט נאָך שטעט און שטעטלעך, נאָך פאַרשיקונ־גען און גירושים; יאָרציַיט נאָך גייסטיקע מנהיגים, קעמפער, גיבורים, און יאָרציַיט נאָך אומבאַקאַנטן גרויען אַנאָנים, ווי גרוי עס איז דאָס אַש, אין וועלכן אַ גאַנץ פאָלק האָט זיך באַהאַפטן און אויסגעמישט.

ס׳רוב זענען די יאָרציַיטן נישט קיין גענויע, קיין פּינקטלעכע. עס זענען אונדז נישט געבליבן נאָך די קרבנות קיין טויט־שיַינען מיט די דאַטעס פון זייער אומקום. אָפט איז עס יאָרציַיט נישט פון טאָג, נאָר פון חודש, פון יאָר. יאָרציַיט פון אַרעסטן, כאַפּעניש, ליקווידאַציעס, דעפּאָרטאַציעס פון גאַנצע עדות, גרופּעס, קאָלעקטיוון.

וויל איך דאָ איצטער דערמאָנען איינע אַזאַ יאָרציַיט. די יאָרציַיט פון יידישע שרייבער אין פראַנקרייך. אין דעם יאָר 1963, איז געוואָרן צוואַנציק יאָר פון זייער דעפּאָרטאַציע פון פאַרשידענע עקן פון לאַנד. אמת, אויך אין יאָר 1942 זענען יידישע שרייבער דעפּאָרטירט געוואָרן, אָבער די מערהייט פון זיי איז אַוועק אין יאָר 1943. נעם איך אָן אַט דאָס יאָר פאַרן געדענק־יאָר פון אַלע.

איינציקוויַיז זענען זיי געוואָרן צוגענומען און אַוועקגעפירט אין די פאַרשטאָפּטע צוגן דורכצומאַכן דעם וועג צום גיהנום, אין פינצטערע וואַגאָנען וואָס האָבן מאַנאָטאָן אויסגעקלאַפּט דעם לעצטן סך־הכּל פון זייער לעבן. עס זענען געווען צווישן זיי נאָך יונגע אין סאַמע צוויט פון זייער טאַלאַנט, ווי יאָסל צוקער, יאַנקל שפּאַן און אַנדערע, וועל־כע וואָלטן איצטער, אין רייפקייט און לעבנס־דערפאַרונג, געקענט ברענ־גען זייער ביישטייער צו דער יידישער ליטעראַטור. געווען אויך צווישן

זיי שרייבער מיט גוט־באַקאַנטע נעמען, ווי עוזר וואַרשאַווסקי, אַהרן בעקערמאַן, וו. וועוויאָרקע, מאיר דזשאַלאָווסקי, אַנגעזעענע געשטאַלטן פון יידישן ליטעראַרישן לעבן פאַר דער מלחמה אין פּאַריז. בלויז איינער פון זיי, מוניע נאַדלער, איז נישט דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אוישוויץ, נאָר איז דערשאָסן געוואָרן אין פּאַריז פאַר ווידערשטאַנד־טעטיקייט. פון די דעפּאָרטירטע שרייבער איז צוריקגעקומען בלויז אברהם ווייץ. קיינמאָל איז נישט דערגאַנגען צו עמעצן קיין ידיעה וועגן זיי, וועגן זייער גע־פינען זיך אין לאַגער. קיין איינער פון די געוועזענע יידישע דעפּאָרטיר־טע האָט זיי דאָרטן נישט געזען, אחוץ איינעם פון זיי, וו. וועוויאָרקען, וואָס אויך דער שרייבער ישעיהו שפּיגל, א דעפּאָרטירטער פון לאָדזשער געטאָ, האָט אים דאָרטן באַגעגנט און ווי א שוין דערפאַרענער קאַצעט־ניק געהאָלפן אים, שפּיגלען, מיט וואָס נאָר ער האָט געקאָנט.

די יידישע שרייבער אין פּאַריז זענען געקומען אַהער אין די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן. עס איז נישט געווען לייכט דאָס אויס־וואָרצלען זיך, דאָס אויסרייסן זיך פונעם היימישן אַלטן באָדן און דאָס צוריק איינוואָרצלען זיך אין דעם נייעם. דער באַגאַזש, סיי דער מאַטעריע־לער, סיי דער גייסטיקער, וואָס מען האָט מיטגעברענגט, האָט נישט געקענט זיין קיין צו וואַגיקער. ביים פאַרלאָזן דאָס געבוירן־לאַנד האָט מען ווי בעת אַ שרפה געכאַפּט דאָס סאַמע נויטיקסטע און וויכטיקסטע אונטער דער האַנט און געלאָפן דערמיט אין דער וועלט אַריין. מען האָט געדאַרפט אָנהייבן פון ס׳נײַ. אויפבויען זיך אַן אייגן ווינקל, איינשאַפן זיך אַ בעטל, א טישל, אַ בענקל, אַ פּאָליצע פאַר אַ בוך און אַ בוך פאַר דער פּאָליצע. מען האָט געדאַרפט דעראָבערן און זיך צואייגענען אַ ניי לשון, אַ נייע קולטור, שטייגער־לעבן, מנהגים, האָבנדיק דעם באַוווסט־זיין גלייכצייטיק, אַז מען שאַפט דאָ אַ באַזונדער און זעלבשטענדיק יידיש־ליטעראַריש שטראָמל אין פאַריז, וואָס איז באַזונדער און דאָך אַ טייל פו־נעם גרויסן טייך, וואָס הייסט יידישע ליטעראַטור. פון דעם שטראָמל, וואָלט זיכער געוואָרן אַ שטראָם אַ טיף־ריזלענדיקער, אַ לויטערער, אין וועלכן אונדזער לעבן דאָ וואָלט זיך געשפּיגלט און זיך געזען מיט אַלע זיינע פאָרמען, אייגנשאַפטן און ניואַנסן. אָ ברוטאַלע האַנט האָט אים אָבער אָפּגעשטעלט אין מיטן פון זיין גאַנג, פון זיין האַסטיקן געלויף.

זיי זענען אַוועק איינציקוויז פון פּאַריז, פון פּיטיוויע, קאַמפּיען, דראַנסי, שאַמבערי, ניס, שאַטאָרו, רוים. כמעט יעדער פון זיי האָט נאָך אין דעם לאַגער אין פראַנקרייך, פאַרן דעפּאָרטירט ווערן, דערפילט זיין שליחות פון אַ שרייבער, נישט צעשיידט זיך מיט דער פען ביז צום לעצטן מאָמענט, געשריבן און איבערגעשיקט די שאַפונגען צו זייַנע

נאָענטע. אַזוי אַרום זענען דערגאַנגען צו אונז די לידער און דערציי־לונגען פון פּיטיוויע־לאַגער פון יאָסל צוקער, כלאַוונע קאַגאַן, י. ש. צענדאָרף. איך מיש זייערע איבערגעבליבענע שאַפונגען. איך זאַפּ איין אין זיך זייער אַראָמאַט, זייער הויך, זייער חותם־שפּור. איך פּרוביר זיך אַריינלעבן אין זייער שטימונג, אין זייער געמיט פון געפאַנגענע, אָפּגעשלאָסענע, איזאָלירטע פון דער וועלט. איך פּרוביר זיך דער־גרונטעווען צו זייער טראַכטן און פילן פון יענע טעג און נעכט זייערע. וואָס איז געווען זייער געדאַנקען־גאַנג? זייער באַנעמען? צי האָבן זיי פאַר־געאַנט אָדער געוווּסט וועגן זייער נאָענטער דעפּאָרטאַציע און וואָס עס שטייט זיי פאַר נאָכן פאַרלאָזן דעם פּיטיוויע־לאַגער. פון פּיטיוויע זע־נען אַפילו פאַראַן פון זיי פאָטאָגראַפישע בילדער. אויף איינעם פון זיי זעט מען שטיין דער שרייבער יאָסל צוקער אויפן לאַגער־הויף אָנגע־לענט מיט דער האַנט אויף אַ קליין דאַרביימל. אויף אַ צווייט בילד זעט מען פאָטאָגראַפירט ווי צוויי נאָענטע חברים, צום אָנדענק, דעם דיכטער צענדאָרף, מיטן קאָמפּאָזיטאָר זעמעלמאַן, וועלכער האָט אין לאַגער גע־שאַפן מוזיק צו יידישע לידער, אויך צו טעקסטן פון צענדאָרפן, וואָס די געפאַנגענע האָבן זיי געזונגען און אפשר אויך זיך פאַרזונגען מיט אילוזיעס.

די, וואָס זענען שפּעטער צוגענומען געוואָרן, האָבן נישט געלאָזט נאָך זיך קיין שום שפּור. צייטווייליק און צו קורץ איז געווען דער דורכ־גאַנג אין דראַנסי — דאָס פאָדערהויז פון אוישוויץ. ס'איז געווען אַ פראַגע בלויז פון צוואַרטן עטלעכע טעג ביז צום נאָענטסטן טראַנספּאָרט. דאָ איז שוין מער נישט געווען קיין צייט און קיין געמיט פאַר גע־זאַנג, פאַר שאַפן און פאַר פאָטאָגראַפישע בילדער. צוגן נאָך צוגן האָבן זיך אָוועקגעלאָזט און געצויגן אין די גרויע באַגינענס, איבערגעפּאַקטע מיט אונדזער לייב־און־לעבן, און פאַרקלאַפּטע מיט אַלע אונדזערע חלו־מות און האָפענונגען.

דעם 15־טן יולי 1942, אין טאָג ערב דער ריזן־אַבלאַווע און געיעג אויף די יידן פון פּאַריז, האָב איך זיך נאָך באַגעגנט מיטן דיכטער דוד פּליסקין. ער איז געווען, זייער באַזאָרגט וועגן דעם וואָס עס שטייט אונדז אַלע פאַר אין דער היינטיקער נאַכט, אָבער וואָס שייך אים גופא איז ער געווען גאַנץ זיכער און געגלויבט, אַז ער קען בלייבן אין דער היים; אַז ביי זיין עלטער, פון עטלעכע און פופציק יאָר, וועט מען אים נישט קומען זוכן. ער האָט אויסגעשטעלט אויף זיין גרויען קאָפּ, אָבער מער איינגעשטעלט ווי אויסגעשטעלט סוף כל סוף. „ווען איך וואָלט געקענט אויף דיר אַרויפזעצן מיין גרויען קאָפּ, וואָלט איך עס געטאָן פאַר

דיר״, האָט ער מיר דעמאָלט געזאָגט, זייענדיק זיכער, אַז אים מיינט מען נישט. פאַרטאָג האָט מען אים צוגענומען צוזאַמען מיט זיין פרוי און אַוועקגעפירט קיין דראַנסי. זיין גרויער קאָפּ איז אים נישט בייגע־שטאַנען. היטלער האָט נישט געמאַכט קיין אונטערשיד פון קעפּ. אַלע אונדזערע קעפּ זענען אים געווען נייטיק.

אין אַ האַלב יאָר אַרום, מער־ווייניק, האָט מען צוגענומען דעם דיכטער מאיר דזשאַלאָווסקי, איינעם אַליין און צופעליק, אין אַ סיטע (בלינד געסל) פון עלפטן אַראָנדיסמאַן אין פּאַריז, ווו ער האָט זיך אויס־באַהאַלטן. איך בין אָפט געהיימערהייט געקומען אים באַזוכן אין זיין באַהעלטעניש, הגם ס'איז געווען קעגן די געזעצן פון דער אומלעגאַליטעט און פאַרזיכטיקייט צו קומען צוגאַסט צו עמעצן. זיין אָרט האָט מיר נישט אויסגעזען צו זיין גענוג זיכער און איך האָב געטראַכט וועגן באַ־מיען זיך אים אַרויסצונעמען פון דאָרטן. אין דעם הויז האָט זיך אויס־באַהאַלטן אַ גאַנצע גרופּע יידן. מען איז געווען שכנים און מען איז גע־קומען אָפּשטאַטן זיך קעגנזייטיקע וויזיטן. קורטואַזיע איז טאַקע אַ פיינע זאַך, אָבער נישט שטענדיק, זעט אויס. און איך האָב געפילט אַז איינער דעם אַנדערן קען דאָרטן אַמאָל, נישט ווילנדיק און אומגערן, אָפּטאָן די גרעסטע עוולה.

אין זיין צימער־באַהעלטעניש האָט דזשאַלאָווסקי געשריבן, אַז עס איז נישט געווען מיט וואָס מיך מכבד צו זיין ווען איך פלעג קומען צו אים, האָט ער מיך מכבד געווען מיט זיינע נייע לידער און פּאָעמעס, וואָס ער האָט פאַר מיר פאַרגעלייענט. מען האָט דעמאָלט געדאַרפט קענען אויפנעמען פּאָעזיע און אוודאי און אוודאי שאַפן פּאָעזיע. און איך בין געווען גליקלעך איינצוזען, אַז דזשאַלאָווסקי איז געווען אין דעם מצב־רוח פון קאָנען גאַנץ אָפט איזאָלירן זיך פון דער וועלט פון רשעות און געוואַלט און זיך פאַרמאַכן אין זיין וועלט פון ריטעם, גראַם און בילד. און איך האָב זיך געפילט ווי דערהויבן, זעענדיק יעדעס מאָל ווי ער ציט אַרויס פון טאַש אַ שפּאָגל־ניי ליד, גלייך פון דער פּען אַוועק.

ווען מען האָט דזשאַלאָווסקין צוגענומען איז ער אפשר אַוועק מיט דער איינציקער טרייסט פון זיין דערפילטער שליחות. אַז איך קוק צוריק אויף אַ וויטן מהלך פון יאָרן זע איך אים אָפּט, דעם בלייכן און שלאַנקן פּאָעט, דעם בלאָנדן, מיטן אַריסטאָקראַטיש־אַרישן געזיכט, וואָס האָט אים סיי ווי גאָרנישט געהאָלפן. ער איז אַוועק פון דראַנסי אָן אַ שפור. מען האָט מיר איבערגעגעבן, אַז פאַרן אַוועקפירן אים קיין דראַנסי האָט ער געזאָגט צו עמעצן פון זיינע באַקאַנטע: „איך טייל דעם גורל פון יידישן פאָלק״.

מיט דעם שריפטשטעלער, עסייאיסט און ליטעראַטור־קריטיקער אהרן בעקערמאַן בין איך נאָך זיין איבערקלייבן זיך אין דער „פרייער זאָנע" אין יאָר 1942, געווען כסדר אין שריפטלעכן קאָנטאַקט אויף אַ מאַסקירטן אופן. אָט די קאָרעספּאָנדענץ צווישן אונדז האָט אָנגעהאַלטן ביז צו זיין דעפּאָרטירט ווערן פון דער געגנט ביי שאַטאָרו און אַפילו שוין פונעם דעפּאָרטאַציע־צוג האָט ער צו מיר נאָך געשריבן, עטלעכע ווערטער אויף אַ פּאָסט־קאָרטל, וואָס ער האָט אַרויסגעוואָרפן פון וואַגאָן ווען דער צוג איז נאָך געפאָרן אויף דער פראַנצויזישער ערד. אַ מענטשלעכע האַנט האָט דאָס קאָרטל אויפגעהויבן און געטאָן דערמיט זיין חסד פאַר מיר און פאַר בעקערמאַנען און עס מיר אָפּגעשיקט. מער האָב איך נישט געהאַט וווהין צו ענטפערן אים. בעקערמאַנס אַדרעס איז פון איצטער אָן געווען : אוישוויץ, גאַז־קאַמער, קרעמאַטאָריע.

אהרן בעקערמאַן גופא האָט זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון וווהין ער ווערט געפירט, ווייל ער ענדיקט זיינע עטלעכע שורות אין זיין קאָרטל צו מיר מיט די ווערטער : „ס'איז געענדיקט".

זינט דעם אָנהויב פון דער מלחמה האָט אהרן בעקערמאַן געשריבן טאָג און נאַכט זיינע טאָגביכער א. נ. „אין צייטן פון אומזין", אין וועלכע ער האָט פאַרצייכנט אַלע פאַרלאָפענע געשעענישן און פאַסירונגען פון דער אָקופּאַציע־צייט. דאָס איז אַ שלל פון ביז גאָר אינטערסאַנטן מאַטע־ריאַל צום פאָרשן די „צייטן פון אומזין".

די לעצטע דעפּאָרטאַציעס פון יידישע שרייבער פון פראַנקרייך זע־נען פאָרגעקומען אין דער דרום־זאָנע. יאַנקל שפּאַן איז געכאַפּט גע־וואָרן פאַרנדיק אין באַן פון שאַמבערי. מען האָט אים געזען פירן אַ צעשלאָגענעם. קענטיק אַז ער זאָל האָבן געמאַכט אַ פּרוּוו צו אַנטלויפן. אין זיין דערפאַרונג פון אַ רעוואָלוציאָנערן טוער אין וואַרשע האָט ער געהאַט אַזעלכע געלונגענע פּרוּוון פון מאַכן פליטה פון אונטער די הענט פון דער פּוילישער פּאָליציי. אָבער דאָ האָט דאָס מזל, ליידער, פון אים זיך אָפּגעקערט. מען האָט אים אָוועקגעפירט אַ פאַרבלוטיקטן, אַ צעביילטן פון די קלעפּ פון די רעוואָלווער־הענטלעך פון די כאַפּערס און יעדע בייל זיינע איז איצטער געווען די חתימה פון זיין גורל.

ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען ניס אין סעפּטעמבער 1943 האָבן דאָרט געלעבט די יידישע שרייבער וו. וועוויאָרקע, זיינוול דיאַמאַנט, דער קונסט־קריטיקער כיל אַראָן, די געזעלשאַפטלעכע טוער און זשורנאַ־ליסטן משה בלאַנק, יוסף פרידמאַן און דער טוער פון די לינקער פּועלי ציון וואָלף אַלטער. איך האָב זיך ביי מיין אָנקומען אין ניס כמעט

מיט אַלע פון זיי באַגעגנט ווי מיט אַלטע באַקאַנטע. עס האָט אויסגעזען ווי זיי וואָלטן ביז איצטער, ביי די איטאַליענער, געהאַט געלעבט אין אַ רע־לאַטיווער רו. אָבער מיטן אָקופּירן ניס דורך די דייטשן האָט זיך אַלץ איבערגעדרייט. מיין מצב פון אַ ניי־אָנגעקומענעם אין ניס און זייערע, פון שוין איינגעזעסענע זינט א געוויסער צייט, איז איצטער געווען דער זעלבער. דער שאָטן פון דער געשטאַפּאָ האָט געלויערט אויף אונדזער אַלעמענס לעבן. מען האָט זיך באַמיט וועגן אַרויסבאַקומען זיך פון ניס. אָבער ווי אַזוי און וווהין? ווו האָט איצטער געקענט זיין בעסער? אַלץ האָט זיך געוויגט אויף משקולת פון איינשטעל: דאָס בלייבן, דאָס אַרויס־פאָרן. וועוויאָרקע און זיין פרוי האָבן זיך געגרייט אַרויסצושמוגלען זיך קיין איטאַליע. מיט אַ פּאָר טעג פריער האָט מיר די פרוי פון וועוויאָר־קען געזאָגט: „זאָרגט אייך נישט, וווהין מיר וועלן גיין וועלן מיר אייך מיטנעמען". געוויס איז איר כוונה געווען אַ גוטע. האָב איך איר אָבער געדאַרפט זיין דאַנקבאַר פאַר איר גוטסקייט אָדער נישט? עפּעס איז מיר שווער געווען זיך צו אַנטשליסן. איך האָב זיי ביידע צומאָרגנס באַגלייט צום אָרט ווו זיי האָבן געדאַרפט נעמען אַ ספּעציעלן אויטאָקאָר, וואָס האָט זיי געזאָלט פירן צו דער איטאַליענישער גרענעץ. איך בין סוף כל סוף נישט געווען דעצידירט אויסצונוצן דער פרוי וועוויאָרקעס גוטסקייט און איך האָב זיך אָפּגעהאַלטן פון מיטפאָרן מיט זיי. זיי זענען אַריינ־געפאַלן און אַנשטאָט קיין איטאַליע זענען זיי פאַרפאָרן קיין אוישוויץ.

דערווייל איז די סכנה געוואָרן גרעסער און גרעסער. עס איז געווען אַ געפאַר אַרויסצוגיין אין שטאָט. „אין גאַס ברענט אַ פייער", פלעגן זיך יידן אויסדריקן מיט שרעק. אַ ייד האָט נישט געקענט דעמאָלט דער־פילן זיינע מענטשלעכע פליכטן נישט לגבי די לעבעדיקע און נישט לגבי די טויטע. טאָמער איז אַ ייד געשטאָרבן — און מען איז דאָך באַך דעמאָלט נאַרמאַלערהייט אויך געשטאָרבן — איז געווען אַ גרויסע געפאַר צו באַגלייטן אים צו זיין אייביקער רו, ווייל דער טויטער האָט געקענט אומדירעקט אַריינציען אויך אַנדערע אין טויט אַריין. דאָס האָט טאַקע געטראָפן מיטן געזעלשאַפטלעכן טוער וואָלף אַלטער. איך געדענק דעם שווערן איינדרוק וואָס דאָס האָט געמאַכט אין אַ יידישער שטוב, ווו איך בין געווען, ווען מען האָט איבערגעגעבן ווי אַלטער איז, נישט געקוקט אויף די וואָרענונגען פון זיינע חברים, דאָך געגאַנגען דערפילן די מצווה פון אָפּגעבן כבוד אַ מת און האָט באַגלייט זיינעם אַ פאַרשטאָרבענעם פריינט צו קבורה, און דאָרטן זענען זיי, סיי דער טויטער און סיי דער לעבע־דיקער, אַוועק אין דער אייביקייט, ווייל פון בית־עולם האָט מען אַלטערן אַוועקגעפירט צו שטאַרבן אין אוישוויץ.

דער לעצטער יידישער שרייבער, וואָס איז דעפּאָרטירט געוואָרן,

איז געווען עוזר וואַרשאַווסקי. אויך זיין דעפּאָרטאַציע האָט אַ שייכות מיט ניס, ווייל פון דאַנען האָט ער זיך אויך אַריבערגעשוואַרצט קיין איטאַ־ליע. אַהער האָט ער געצויגן פונעם באַרג־שטעטל סען־זשערווע, ווו ער האָט זיך אויפגעהאַלטן, ווייל די דייטשן האָבן דאָרט געדאַרפט פאַרנע־מען די געגנט. ווי אַ סך אַנדערע האָט אויך וואַרשאַווסקי געהאָפט צו געפינען אַ רעטונג אין ניס.

עוזר וואַרשאַווסקי האָט געהערט צו אַ פּלעיאַדע פון אַנגעזעענע יידישע שרייבער, וואָס זענען אויפגעקומען און זיך קונה שם געווען גלייך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אין פּוילן. זיין בוך „שמוגלאַרס״, וואָס איז דעשינען אין יאָר 1920, האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין איז געווען צו יענער צייט אַ „בעסט־סעלער״, רעדנדיק מיטן הייגטיקן לשון. אין די צוואַנציקער יאָרן איז עוזר וואַרשאַווסקי געקומען קיין פּאַריז. ער האָט מערסטנס פאַרקערט צווישן די קינסטלער־קרייזן אויפן מאָנפּאַרנאַס, כמעט נישט געקומען אין קאָנטאַקט מיט יידישע שרייבער, געלעבט איזאָלירט. פאַר דער מלחמה האָט מען אים זעלטן באַמערקט אין דער יידישער ליטעראַרישער קאַפע „טענען״, אויפן רעפּובליק־פּלאַץ. אָבער זעט אויס, אַז די מלחמה־צייט האָט אים מער דערנענטערט צו אונדז און פאַר זיין פאַרלאָזן פּאַריז האָב איך אים באַגעגנט און גראָד אין אונדזערע היימישע געסלעך אַרום רעפּובליק. אין אַ קאַפע, ביי אַן אָפּגעשונדענעם נאַקעטן „קאָנטואַר״, פון וועלכן די דייטשן האָבן געהאָט אַראָפּגענומען דעם צינק אָדער קופּער פאַר זייער קריגס־אינדוסטריע, האָבן מיר אויסגעטרונקען אַ טעפּעלע ערזאַץ־קאַפע מיט סאַכאַרין. עס איז מיר פאַרבליבן אין זכרון זיין ראָזלעך־איידל געזיכט און זיין ווייכע, צאַרטע, כמעט ווייבלעכע שטימע. נאָך אַ שמועס ביים קאָנטואַר שטייענ־דיק, האָבן מיר זיך געזעגנט, נישט באַנעמענדיק אפשר אַז אונדזער ווונטש „צום ווידערזען״ וועט מער קיינמאָל נישט מקוים ווערן.

עוזר וואַרשאַווסקין איז געלונגען אַריבער צו באַקומען זיך אין איטאַליע און זיך אויסבאַהאַלטן אַ געוויסע צייט אין רוים. איך ווייס נישט ביי וואָס פאַר אַ מעגלעכקייטן און באַדינגונגען. האָרט פאַרן אַריינקו־מען פון די אַליאירטע אין איטאַליע איז ער אַרעסטירט געוואָרן דורך דער געשטאַפּאָ און דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אוישוויץ.

שוין איבער צוויי צענדליק יאָר ווי יידישע שרייבער אין פראַנקרייך האָבן געוואָגלט דורך איראָפּע אויף די גורלדיקע וועגן פון זייער אומקום...

איך נעם צונויף מיינע שורות ווי אַ בינטל לאָרבער־ריטלעך צו וואַרפן זיי צו זייער אָנדענק. ווו? אין דער ליידיקייט, אין חלל, אין קאָסמאָס.

1963

יאָסל צוקער

פּאָר מיינע אויגן ליגט דאָס בוך „שריפטן", די ליטעראַרישע ירושה פון דעם שרייבער יאָסל צוקער, וואָס איז דערשינען און תּל־אָביב נאָך איבער 20 יאָר פון זיין אומקום אין אוישוויץ. איך מיש די בלע־טער פון זיין בוך מיט א באַזונדער געפיל, ווי איך וואָלט געמישט די בלעטער פון אונדזער פיינפולן עבר. דאָס איז נישט קיין געוויינלעך בוך. ס׳איז דער עזבון פון א יונגן פּאַריזער יידישן שרייבער, וועלכער איז פאַרפּייניקט געוואָרן אין סאַמע פאַנאַנדערבלי פון זיין טאַלאַנט; אַ שריי־בער א פיל־באַדייטנדיקער און פיל־צוזאָגנדיקער, פון וועלכן די יידי־שע ליטעראַטור האָט געהאַט אַ סך צו דערוואַרטן און האָט געקענט א סך דערוואַרטן. אָבער ליידער באַדייט דאָס דאָזיקע בוך אָפּשלוס און פאַר־סכהכלונג לעולם ועד.

נישט בלויז זעט מען אַרויס פון דעם בוך דעם ליכטיקן גע־בענטשטן אויפגאַנג פון דעם יונגן שרייבער, נאָר מען הערט אויך אַרויסוויינען דערפון דעם שטומען צער פון זיין דעשטיקטן וואָרט, פון זיין איבערגעהאַקטער שעפערישקייט, פון זיינע ווייטערדיקע ווערק אין פּאָטענץ, נאָך נישט אויסגעטראָגענע און נאָך נישט אַרויסגעבראַכטע אויף דער ליכטיקער שיין. איבער אָט דעם בוך בייגט זיך אין טרויער די כריזאַנטעמע און עס טריפט דאָס יזכור־ליכט מיט הייסע צעשמאָל־צענע טרערן.

יאָסל צוקער איז געווען אַ שרייבער פון מיין דור און אויך פון מיין סביבה, אין די לעצטע עטלעכע יאָרן פון זיין לעבן. פון די זעלבע אָרעמע קרומע יידישע געסלעך זענען מיר אויפגעגאַנגען און אונדזערע יונגע הערצער האָבן זיך געריסן צו שיינקייט און צו ליכט, ווי פאַר־שטעלטע פאַרשאָטנטע פלאַנצן צו זונשיין.

אין מיין זכרון איז ער פאַרבליבן אַזאַ יינגלש־דינער און יינגלש־צוריקגעהאַלטענער. ווען איך האָב אים באַקענט אין יאָר 1937, קומענ־

דיק קיין פּאַריז, איז ער נישט געווען פון די, וואָס האָבן ארויסגע־ווייזן צו מיר אַ צוגעלאָזנקייט און אָפנקייט. פאַרקערט, ער האָט זיך גיכער באַצויגן צו מיר מיט אַ געוויסער רעזערווירטקייט און פאַרשלאָסנ־קייט. איך האָב אים אָפּט געזען אַ שווייגנדיקן און מיט אַ פאַרטראַכטקייט אין זיך. איך האָב געזען אויף אים אַן עמפּינדלעכקייט און פאַרזיכטיקייט פון אַ יונג הירשל וואָס שטעלט זיינע טריט מיט געצוימטקייט און גע־מאָסטנקייט. ער האָט דעמאָלט געשפּאַנט מיט זיין אייגענעם גאַנג, זיין טראַכטן איז געווען אַ יחידישער און זעלבשטענדיקער, זיין וועג איז געווען א זייטיקער, נישט קיין אויסגעטראָטענער און נישט קיין באַטראָ־טענער פון אַ סך אַנדערע גייערס. נישט דער דרך המלך, נאָר אַ וואַלד־סטעזשקע. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק אַז אים איז נמאס געוואָרן דער גאַנג פון מחנות און דער גאַנג מיט מחנות. דאָך האָט ער זיך נישט געקענט אינגאַנצן אָפּרייסן פון דעם אָרגאַניזירטן יידישן שרייבער־קרייז אין פּאַריז, וואָס האָט געהאַט זיין באַשטימטע לינקע אָריענטאַציע. צו־קערן האָט פון דעסטוועגן, צוליב פאַרשידענע טעמים, געצויגן צו דער סביבה פון די קעמפערישע דיכטער און פּראָזע־שרייבער, הגם נישט אין אַלץ איז ער איינשטימיק געווען מיט זיי.

איך פלעג אים באַגעגענען פון צייט צו צייט ביי דעם דיכטער דוד פּליסקין אויף רי ראַמפּאָן, א קליין זייטיק געסל ביים פּלאַץ רעפּובליק, ווו עס איז געווען דער סאַלאָן, אַזוי צו זאָגן, פון דעם דערמאָנטן קרייז שרייבער, ס׳רוב עמיגראַנטן פון פּוילן, הגם דער „סאַלאָן" איז באַשטאַנען בלויז פון צוויי קליינע באַשיידענע צימערן. מען האָט זיך דאָרט גע־טיילט מיט א וואָרט, מיט אַ מיינונג און מיטן ביסן. צוקער פלעגט דאָרט אויסמיידן אַריינצולאָזן זיך אין וויכוחים און ווען ער האָט ארויסגעזאָגט א מיינונג איז זי שטענדיק געווען אַנדערשדיק, נישט אין איינקלאַנג מיט די מיינונגען פון זיינע מישטמועסער. ער איז זעלטן מיט זיי מסכים גע־ווען, אָבער צוליב טאַקט האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן פון פאַרטשעפּען עמעצן, אָדער אָנגרייפן.

אין 1939, אין דעם יאָר פונעם קריגס־אויסברוך, האָט נאָך באַוויזן צו דערשיינען אין וואַרשע זיין ערשטלינג־בוך דערציילונגען „אַ פרעמד לעבן", וואָס האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער יידישער קרי־טיק. די אָנערקענונג פאַרן יונגן מחבר איז געווען אַ פאַרדינטע. גרויס חשיבות האָט צוגעגעבן דער פאַקט וואָס זיין בוך איז געוואָרן ארויס־געגעבן מיט דער מיטהילף פון וואַרשעווער יידישן פּען־קלוב און אויך דאָס וואָס נח פּרילוצקי, וועלכער האָט געקענט צוקערן אַלס יינגל, האָט

געגעבן א הקדמה צום בוך. אין דער הקדמה זיינער ווענדעט זיך מאַקע פרילוצקי צום יונגן מחבר היימישלעך־פאָטערלעך:

„יאָסל,

איך קען דיך פון קינדוויז אָן און בין געווען אַן עדות פון דער האַרטער יוגנט, וואָס איז אויסגעפאַלן אויף דיין גורל. דו האָסט זיך אָן עצה געגעבן. אין פרעמדן פאַריז, אָנגעוויזן בלויז אויפן אייגענעם איך, האָסטו געלערנט א פאַך און געאַרבעט איבער זיך. איצט ביסטו אַן אַרבעטער און אַן אינטעליגענט אין בעסערן זין פון וואָרט. ס'איז געווען א ברכה פאַר דיר, וואָס פרי האָבן זיך אין דיר אָנגעצונדן גייסטיקע אינטערעסן — און זענען שוין נישט אויסגעלאָשן געוואָרן. איצט גייסטו ארויס אין לעבן אינעווייניק שטאַרק — אַ מיטבויער פון דער נייער יידי־שער קולטור. דיין ערשט ביכל דערציילונגען איז ערנסט און ערלעך ווי דו אַליין".

יאָסל צוקערס בוך, ווי דערמאָנט, האָט געהייסן „אַ פרעמד לעבן" און אין אונטערטיטל: „דערציילונגען פון פאַריזער יידישן לעבן". פרעמד לעבן און פאַריזער יידיש לעבן. ווי איינס וואָלט דאָ געדאַרפט דערגענצן דאָס אַנדערע. וויביידע וואָלטן געווען אידענטיש. און אפשר איז דאָס אויך געווען די כוונה פון מחבר צו זען אין די ביידע איינס און דאָס זעלבע?

געוויס איז דאָס לעבן פון די ניי־געקומענע עמיגראַנטן וואָס איז גע־ווען דער אומקרייז פון צוקערס אָבסערוואַציעס, געווען אַ פרעמד לעבן, א לעבן וואָס האָט ערשט געפאָקט און געמאָזלט אין געראַנגל פאַר אויפ־האַלטן זיך און אַריינפּאַסן זיך אין די נייע באַדינגונגען און לעבנסשטיי־גער. צוקער איז געווען איינער פון זיי און דאָך נישט אינגאַנצן ווי זיי. ער איז געקומען קיין פאַריז אַלס יינגל פון פערצן יאָר, אין אַן עלטער ווען מען קאָן לייכטער, אויב מען וויל, אַראָפּוואַרפן פון זיך דאָס עמי־גראַנטישע, דאָס פרעמדע, און זיך אינטעגרירן אין דער נייער סביבה. ער האָט אפשר געקאָנט ווערן אַ פראַנצויזישער שרייבער, אָדער אַ יידי־שער שרייבער וואָס שאַפט אין פראַנצויזיש. ער האָט אָבער פון קינד־וויז אויף צו טיף געוואָרצלט אין דער יידישער אַרעמקייט און אין יידישן פאָלקס־לעבן פון פוילן. און הגם יונגערהייט אַדאַפּטירט מען זיך לייכט און גיך אין דעם נייעם, איז אָבער צוקער שוין געווען, טראָץ זיין יונג־קייט, געצנוג רייף און גייסטיק פאָרמירט אז דאָס פריערדיקע, די ערשטע עמאָציעס פון „דאָרטן" זאָלן זיך אָפּטאָן און אויסוועפּן פון אים. און הגם ער איז געווען הי איז דער „דאָרטן", זעט אויס, געווען זיין ערש־

טער אימפּולס און זיין ערשטע אינספּיראַציע. די געשטאַלטן פון זיינע דערציילונגען זענען אין פּאַריז, אָבער זיי זענען דאָרטיקע לויט זייער מהות, טראַכטן און באַנעמען, מיט זייער רעדנסאַרט און לעבנס־פירונג. זיי זענען דאָרטיקע, נישט געקוקט וואָס זיי באַוועגן זיך און גייען אַרום אויפן בעלוויל, אין די געסלעך פון פּלעצל און פון מאָנמאַרט.

צוקער איז אפשר געווען דער איינציקער וואָס טראָץ אַלעם האָט מען אים געקענט, מער ווי אַנדערע, באַצייכענען "פּאַריזער יידישער שרייבער", ווייל כאָטש ער איז געקומען אַהער ווי אַן עמיגראַנט, איז אָבער זיין טאַלאַנט שוין נישט געווען קיין עמיגראַנט, נאָר א הי־געבוירענער. דאָ, אין פּאַריז, איז ער, זיין טאַלאַנט, אויפגעקומען און זיך אַנטוויקלט. דאָ, און נישט ערגעץ־אַנדערש, האָבן זיך אָנגעצייכנט די ערשטע שטריכן פון זיין שרייבערישער פיזיאָנאָמיע.

יאָסל צוקערס אויטאָביאָגראַפישע שטריכן דאַרף מען נישט זוכן אין קיין לעקסיקאָנען. מען געפינט זיי אין זיין לעצטער דערציילונג „דער בריוו פון קאָנצענטראַציע־לאַגער", ווי ער וואָלט זיך געוואָלט דאָ מתוודה זיין, ארויסברענגען עפּעס וועגן זיך, צוריקקומען צו זיין קינדהייט און פריע יוגנט, ווי ער וואָלט געפילט אַז „דער בריוו פון קאָנצענטראַציע־לאַגער" איז זיין לעצטער בריוו צו אונדז אַלעמען און אַז ער דאַרף אונדז עפּעס איבערגעבן וועגן זיך און וועגן זיין אָפּשטאַם:

„צו ניין יאָר, ווי א קיילעכדיקער יתום, האָב איך פאַרזוכט דאָס זויערע ברויט ביי פרעמדע טישן און די שטעכיקע וואַרעמקייט פון אויסגעבאָרגטע בעטן. אָבער צו שטאָלץ בין איך געווען אונטער יענעמס ווילן זיך צו בייגן, און דער אינסטינקט פּאַר זעלבשטענדיקייט — צו מעכטיק אין מיר — געוואָרן אַ געטאָ־קינד. וואָס האָב איך אַלץ נישט געטאָן? פאַרקויפט בייגל אין די וואַרשעווער גאַסן, א גלעזער געוואָרן, א האַליע־טרעגער, א רעדאַקציע־שיק־יינגל. כ'האָב אויך געקלעפּט פּלאַקאַטן אויף ביינאַכטיקע ווענט, שטודירט עספּעראַנטאָ און געטרוימט פון ווערן קונסט־מאָלער, אַ מין יידישער ברעגעל..."

אגב, איז אין צוקערס בוך פאַראַן עפּעס פון דעם לעצטן טרוים זיינעם. אָבער נישט קיין מאָלעריי אַ לאַ ברעגעל, נאָר אַ סקולפּטור, די פאָטאָגראַפיע פון א גיפּס־מאַסקע פונעם מחבר, אויסגעפירט פון אים אַליין.

דאָס בוך „שריפטן" שליסט איין די דערציילונגען פונעם בוך „אַ פרעמד לעבן" און די לעצטע שאַפונגען, וואָס צוקער האָט געשריבן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער פּיטיוויע. זיי באַשטייען פון דער דערמאָנטער דערציילונג „דער בריוו פון קאָנצענטראַציע־לאַגער" און א בינטל

לירישע לידער. די דערציילונג „דער בריוו פון קאָנצענטראַציע־לאַגער" קען אויך באַטראַכט ווערן ווי אַ פּאָעמע אין פּראָזע, געשריבן אין אַ די־נעם לירישן טאָן. דער בריוו איז אַדרעסירט צו אַן אומבאַקאַנטער וואָס באַווייזט זיך צום מחבר אין זיינע וויזיעס, אָדער אפשר גאָר אין דער רעאַליטעט. אָבער נישט וויכטיק איז דאָ דער אַדרעסאַט, צי דאָס איז אַ רעאַלע אָדער אימאַזשינירטע געשטאַלט, ווי דער בריוו גופא אין וועלכן עס קומט צום אויסדרוק דער לעצטער השתפכות־הנפש פונעם גע־פאַנגענעם שרייבער, וואָס ער שיקט אונדז איבער דורך דער לעצטער איידע־לער שאַפונג זיינער. אין דעם פאַל זענען מיר אַלע די דאָזיקע אימאַזשי־נירטע אָדער רעאַלע געשטאַלט צו וועמען צוקערס בריוו איז אַדרעסירט.

זיין דערציילונג „דער בריוו פון קאָנצענטראַציע־לאַגער" פירט מיך צוריק צו יענער צייט, בעת דער דייטשער אָקופּאַציע, ווען צוקער איז אויף אַזאַ טראַגישן און צופעליק־גורלדיקן אופן אַרעסטירט געוואָרן אין יאָר 1941 ביי זיינעם אַ פריינט אויף רי רישע אין פּאַריז. איך געדענק דעם רושם וואָס זיין אַרעסטירט ווערן האָט געמאַכט אויף זיינע באַקענטע, וואָס יעדן טאָג האָט אויך זיי געקאָנט דערוואַרטן דער זעלבער גורל. אָבער צי איז דען שוין דעמאָלט איינגאַנצן קלאָר געווען פאַר אונדז אַז די פּערספּעקטיוו פון יעדן אַרעסטירטן און אינטערנירטן אין פראַנק־רייך באַדייט סוף כל סוף אומקום?

איך צווייפל אין דעם. אַפילו די אינטערנירטע דאָ אין די לאַגערן האָבן זיך נאָך נישט אָפּגעגעבן דעמאָלט קיין קלאָרן דין־וחשבון וועגן דעם. איך האָב זיך באַמיט צו געפינען שפּורן פון אַ געוויסן באַשייד פאַר מיינע סברות אין יאָסל צוקערס לאַגער־דערציילונג, פון זיינע שטימונ־גען און רעאַגירונגען אין דער צייט פון זיין געפינען זיך און פּיטיוויע.

אין איינעם פון זיינע בריוו, וואָס ער האָט דעמאָלט אַרויסגעשיקט פון לאַגער צו זיין פרוי אסתר, געפינט מען זיין נעגאַטיוון ענטפער אויף אירס אַ פאָרשלאָג צו אים, אַז ער זאָל זיך באַמיען צו אַנטלויפן פון לאַגער. פון פּיטיוויע האָט מען געקענט אין די ערשטע צייטן, ווען דער לאַגער איז אויפגעשטעלט געוואָרן, מאַכן פּרווון צו אַנטלויפן פון דאָרטן. און זיי האָבן זיך איינגעגעבן. אין פּאַריז געפינען זיך יידן, יחידים, וואָס דורכן אַנטלויפן פון פּיטיוויע האָבן זיי אויסגעמיטן דעפּאָרטאַציע און אומקום. אָבער צוקער ענטפערט אין זיין בריוו: „איך וויל טיילן דעם גורל פון אַלע יידן און נישט זיין קיין אויסנאַם". פון וואַנען און צוליב וועלכע סיבות האָט זיך גענומען צו אים אַזאַ באַנעם און איינשטעל? צי איז דען געווען א חטא דאָס אינדיווידועלע ראַטעווען זיך דורך אַלע אופנים, ווי אַנטלויפן פון געפאַר, אויב ס'איז געווען מעגלעך? פון זיין

באהאַלטן? פון ליגן אין בונקערס? פון זיך אַרויסבאַקומען קיין אויס־לאַנד, אויב מען האָט געקענט? צי האָט מען מיט זיך אַליין געדאַרפט פאַרגרעסערן די צאָל פון די קדושים? איך שטעל זיך אָט די האַרבע און ביטערע פראַגן אין שייכות מיט יאַסל צוקערס אומקום און דער עיקר, מיט זיין אַנטשלאָסנקייט צו פאַרבלייבן אינטערנירט מיט אַלע יידן אין לאַגער פּיטיוויע. און אפשר האָט זיך געגומען צו אים אַזאַ איינשטעל ווייל די פּערספּעקטיוו פון דעפּאָרטאַציע, וועגן וועלכער עס זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, האָט ער נאָך נישט געקענט זען אין אַזאַ שרעקלעכן פאַרנעם און ער האָט זי געזען, ווי אַ סך אַנדערע, באַגרענעצט בלויז צו צוואַנגס־אַרבעט? די דייטשע פּערפידע טויט־פאַרנאַרער האָבן שוין גע־זאָרגט פאַר דעם, אַז זייערע פינצטערע כוונות אויף להבא זאָלן זיך ווי ווייט מעגלעך באַקומען מטושטש און אומקלאָר, מען זאָל בשום אופן נישט באַנעמען, אַז דאָס לייגן זייער שטעמפּל „ייד", אין אָנהייב פון זייער אָקופּירן פראַנקרייך, אויף די פּערזענלעכע דאָקומענטן פון די יידן, איז בלויז דער „אלף" און אַז דער גאַז־קאַמער וועט זיין דער „תיו".

מיינע השערות פּרוביר איך זיך מאַכן טאַקע פון יאַסלס צוקערס דערמאָנטער דערציילונג פון פּיטיוויע, איך האָב זיך באמת פון זיינע געפּרעסטע שורות אַרויסצובאַקומען אַ געוויסן באַגריף וועגן זיין פּסיכישן צושטאַנד אין יענע טעג פון זיין אינטערנירונג, ווען ער האָט געזען אין פּערספּעקטיוו דאָס ערגסטע אין אָט דער עווענטואַליטעט: „מאָרגן קען מען מיך שיקן אין אַ פּולווערייַ, וואָס איז דער ציל־פּונקט פון שונאס אַוויאַציע".

צוקער האָט דורכגעמאַכט די לאַגערן קאַמפּיען, לילאַ, פּיטיוויע, ביז ער איז אָנגעקומען אין לאַגער דראַנסי. דראַנסי איז געווען דער לעצ־טער עטאַפּ פאַר אוישוויץ. דאָ האָט די וועלט זיך אָפּגעטאָן פון אים און ער האָט זיך אָפּגעטאָן פון דער וועלט. אָבער אויך דאָרטן האָט ער נאָך, אין טאָג פון זיין דעפּאָרטאַציע געהאַט אמונה אין זיין צוקונפט, נישט באַנעמענדיק אפשר אַז ער גייט שוין דעם לעצטן וועג. דאָס איז געווען דעם 18־טן יולי 1942. ער שיקט נאָך אַרויס אַ בריוו אין אָט דעם טאָג, דעם לעצטן בריוו צו אסתרן, אין וועלכן ער גאָר געפינט ווערטער פון טרייסט צו איר, וועלכע האָט זיך געפונען אויף דער רעלאַטיווער פריי, זאָגנדיק איר: „מיר זענען יונג, דאָס לעבן איז נאָך פאַר אונדז".

ליידער, אָבער, איז שוין דעמאָלט נישט דאָס לעבן געווען פאַר אים, נאָר דער גאַז־קאַמער.

1964.

זכרונות פון אַ ליכטיקער שטאָט און אַ פינצטערער צייט

ס׳איז געווען אין יענעם סוף־זומער פון 1943 ווען, אַ געשלאָגענע אויף אַלע פראָנטן, אויף מזרח און מערב, איז דער צעטרייסלטער דייטשער קריגס־מעכאַניזם פון דער ווערמאַכט פון טאָג צו טאָג אַלץ מער קאַליע געוואָרן. אין יענע טעג האָט דער דייטשער אָקופּאַנט שוין פון לאַנג געהאַט אָפּגענומען ביי פראַנקרייך די אַזוי־גערופענע „פרייע זאָנע״, ווי דערוואַקסענע נעמען אָפּ ביי אַ קינד אַ ציגערל, וואָס זיי האָבן אים געגעבן צו האַלטן אויף דערווייל, כדי צו פאַרשפּילן אים און אים איינצונעמען. יעדעס שטיקל באָדן אונטער די פיס האָט אים, דעם אָקופּאַנט, שוין געברענט. אַפילו צו זיינע פאַרבינדעטע האָט ער זיך אָנגעהויבן באַציען מיט חשד און אומצוטרוי. אויף זיין געטרייען איטאַליענישן פּאַרטנער, מיט וועמען ער האָט אין אָנהייב זיך געהאַט געטיילט מיטן פראַנצויזישן זאַקרויב, האָט ער גענומען קוקן אויף די הענט...

ס׳קאָן זיין, אַז אין דער אומצופרידנקייט פון די דייטשן לגבי דעם איטאַליענישן שותף האָבן אויך מיר, יידן, געהאַט אומדירעקט אַ קליינעם חלק. געוויס האָט ער אויך, דער דייטשער אָקופּאַנט, געהערט פון דער נישט־שלעכטער באַציאונג, וואָס עס ווייזן אַרויס די איטאַליענער צו די אַנטרונענע יידן אין דער דרום־זאָנע, ווו זיי ווערן דורך זיי אָפּט באַשיצט קעגן די רדיפות פון דער ווישי־אַדמיניסטראַציע.

די דאָזיקע טאָלעראַנץ־זשעסטן מצד די איטאַליענער לגבי די יידן זענען אפשר אויך געווען די ערשטע סימנים פון זייער אומצופרידנקייט מיטן דייטשן שותף, די חרטה אויפן גאַנצן עסק און דאָס באַשיימפּערלעכע דערזען אין וואָס פאַר אַ בלאָטע דער „פירער״ האָט זיי אַריינגעפירט. קאָן זיין, אַז אין דער גוטער באַציאונג מצד די איטאַליענער לגבי די יידן האָט זיך געדאַרפט אויסדריקן די שלעכטע באַציאונג פון זיי צו די דייטשן. אַזאַ מין שטיל אָפּטאָן אויף צו להכעיס : ס׳הייסט, ווייל דו רודפסט יידן, וועל איך זיי דווקא נישט רודפן.

ווי עס זאָל נישט זיין, זענען די יידן אין דער דרום־זאָנע נישט גע־ וועז אומצופרידן דערפון. עס האָט זיי אין יענער געגנט לחלוטין נישט באַאומרואיקט דאָס געלאָסענע פאַרבייגיין פון די פלעגמאַטישע, ברונעטע יונגעלייט אין די גרינלעך־גראָע מונדירן, וואָס האָבן זיך גערן געלאָזט קריכן אויף די קעפּ מצד יידישע קינדער, וועלכע ס׳האָבן פאַרלאָקט די מאַדנע, זעלנערישע קאַפּעליושלעך מיט די פעדערן פאַרשטעקט פון הינטן, ווי עקן פון הענער.

דערפאַר האָבן זיך יידן אַנגעהויבן שטאַרק באַאומרואיקן ווען ס׳האָבן אָנגעהויבן אַרומגיין און זיך שטאַרק איבערחזרן די ידיעות, אַז די דייטשן גייען פאַרנעמען די איטאַליענישע זאָנע און די איטאַליענער וועלן, פאַר־ שטייט זיך, עוואַקוּאירן דעם דורך זיי באַזעצטן געביט. דער אומרו איז אַלץ מער געוואַקסן מיטן באַשטעטיקן זיך פון די דאָזיקע ידיעות.

שוין האַרט פאַר זייער עוואַקואַציע, שוין פאַקנדיק זיך אין וועג אַריין, האָבן נאָך די איטאַליענער צוגעהאָלפן די יידן אַרויסצופאָרן פון די באַדראָטע ערטער, ווו מאָרגן־איבערמאָרגן האָבן די דייטשן געדאַרפט אַריינקומען און צום ערשטן מאָל דאַרט אָנהייבן זייער ממשלה. זיי האָבן נאָך אפשר דאָ צום לעצטן מאָל, די איטאַליענער, געוואָלט זיך אַרויס־ ווייזן פאַר מושלים, וואָס דיספּאָנירן מיט פולמאַכטן און האָבן געגעבן יידן אויף רעכטס און אויף לינקס צעטלען־באַשטעטיקונגען, אַז זיי האָבן דאָס רעכט צו צירקולירן פריי אין זייער נאָך אָקופּירטער זאָנע, און גלייכ־ צייטיק זענען דאָס געווען אויפּפאָדערונגען צו אַלע איבעריקע מאַכט־ אינסטאַנצן, אַז מען זאָל זיי, די באַזיצער פון די דאָזיקע צעטלען, נישט אַרעסטירן. דאָס איז נאָך גילטיק געווען 24 שעה, דער לעצטער מעת־ לעת, ווען ס׳האָט געדאַרפט אויסגיין דער טערמין פון דער איטאַליעני־ שער אָקופּאַציע־הערשאַפט.

ניס האָט דעמאָלט פון דער גאַנצער איטאַליענישער זאָנע געדאַרפט זיי אַן אויסנאַם. די דאָזיקע שטאָט האָבן די דייטשן געזאָלט לאָזן פאַר די איטאַליענער און לויט אַן אָפּמאַך (דייטשע אָפּמאַכן!) האָט זי נישט גע־ דאַרפט אָקופּירט ווערן.

פאַר אַ סך יידן אין דער דרום־זאָנע ווערט דעמאָלט ניס דאָס לעצטע רעטונגס־ברעט. מען לאָזט זיך אַהין פון אַלע זייטן. פון גרענאָבל און פון שאַמבערי, פון עקס־לע־בען און פון די אַרומיקע דערפער האָבן זיי אין טויזנטער געצויגן ווי פון אַ מגפה, צום איינציקן ליכטיקן פונקט — צו דער ליכטיקער שטאָט ניס.

מיט דער באַן און מיט אויטאָקאַרן האָבן זיך געשלעפּט אונטער־

וועגנס גאַנצע משפחות, וואָס זענען שוין געווען ווי עס איז ערגעץ איינ־געזעסן.

אין לאַנגע קאַראַוואַנען פון שווערע לאַסט־אויטאָס האָבן זיך גע־שלעפּט איבער אַ מעת־לעת די יידן פון סען־זשערוועי און מעזשעוו (אין האָט־סאַוואַ), וואָס זענען דאָרט געווען איינקוואַרטירט און אויסגעהאַלטן פון יידישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס. פון דאָרט איז אויך אַוועק דער באַ־קאַנטער יידישער שרייבער עוזר וואַרשאַווסקי, ווו ער האָט זיך אַ לענ־גערע צייט אויפגעהאַלטן, געווען שפּעריש און געזעלשאַפטלעך טעטיק.

אַנטלויפנדיק אין אַנגעסט, האָבן נאָך יידן באַוויזן צו זען פון דער ווייטנס דאָס פייגלעכע בילד — דאָס אַריינמאַרשירן פון די ערשטע דייט־שע אָפּטיילונגען. די דייטשן האָבן זיך, זעט אויס, צוגעאײַלט צו זייער „זיג”, ציענדיק אויף די שטויביקע וועגן, זיך מאַכנדיק קוראַזש נאָך אַזוי־פיל לעצטנס אַריינגעכאַפּטע מפּלות, מיטן איבערחזרן אָן אויפהער מיט הייזעריקע גאָרגלען: „די היימאַט, די היימאַט, זי איזט דאָך וווּנדער־שיין”. די יידן האָבן געוואָלט שוין זיין וואָס ווייטער פון זיי און פון זייער געזאַנג. די דייטשע אַראָפּגערוקטע העלמען, וואָס האָבן פון דער ווייטנס געגליט אין דער זון, האָבן אויף די אַנטלויפנדיקע יידן אַנגעוואָרפן אַן אימה, עפּעס ווי געבלענדט מיט אַן אָפּשיין פון גיהנום. אַ קליינע טרייסט האָט בלויז אויפגעלויכטן אין יעדן ייד, וואָס האָט אַפילו געוואָגט אַ ביסל צו פאַרטונקלען דעם בלענד פון די העלמען: די 24 שעה זענען נאָך נישט געווען אויסגעגאַנגען און ביז עס קומט נישט אָן האַלבע נאַכט, האָבן נאָך די מלאכי חבלה נישט קיין שליטה.

פאַרויס יאָגן פאַרביי אויסקוקערס, מאָטאָציקליסטן, וואָס זאָגן אָן דעם אָנקום, דעם אַריינמאַרש פון די „זיגערס”.

אין יענע טעג האָט, נאָך אַזויפיל באַקומענע מפּלות, די צערודערטע ווערמאַכט טאַקע אויסגעקוקט אויף אַ שטיקל זיג, וואָס זאָל אויפמונ־טערן די געשלאָגענע און נידערגעשלאָגענע סאָלדאַטן. איז דאָס „איינ־נעמען” די איטאַליענישע זאָנע אונטערגעקומען ווי געוווּנטשן. פון אומע־טום, פון פּאַלערמאָ און מעסינאַ, פון וואַראַניעזש און בעלגאַראַד, פון אָריאָל און פון כאַרקאָוו האָבן זיי שוין געהאַט אַרויסמאַרשירט, ווען זיי מינדעסטנס איצט „אַריינמאַרשירן” אין שאַמבערי און גרענאָבל, אין עקס־לע־בען און מאַנטע־קאַרלאָ...

בערך צוואַנציק טויזנט יידן זענען דעמאָלט אין בהלה און אין גע־אייל אַריין אין ניס אין משך פון די 24 שעה. די אַרטיקע פּרעכטיקע האָטעלן זענען פאַר זיי רעזערווירט געוואָרן דורך די יידישע הילפס־אָר־

גאַניזאַציעס. פון תמיד אַן געווינט צו רייכע טוריסטן און מענטשן פון דער לעב־וועלט, האָבן איצט די דאָזיקע האָטעלן געדאַרפט אויפנעמען אַזעלכע מאָדנע געסט, וואָס זיי האָבן נאָך ביז איצט נישט געהאַט גע־קענט. אמת, אַז קיין לעבעדיקער פוס האָט שוין פון לאַנג נישט געהאַט אין זיי אַריינגעטרעטן, ווייל זינט דער מלחמה פלעגן מער נישט קומען קיין טוריסטן אין דער שיינער שטאָט ניס און זייערע פאַרמאַכטע צימערן האָבן געפּוסטעוועט מיט דיקע שיכטן שטויב אויף די פיינע מעבל־שטיק. זינט יאָרן האָט מען איצט צום ערשטן מאָל אויפגעפּראַלט די פאַרשידן־קאָלירקע לאָדנס און דורך די פענצטער האָט זיך אַריינגעריסן דאָס טאָג־ליכט, ווי אַן אַנטפּלעקונג און בלענדנדיקער נס. די שטילקייט און די פאַרגליווערטקייט פון די צימערן איז טאַקע איבערגעריסן געוואָרן. אָבער וואָס פאַר אַן עולם האָט זיך דאָס עפּעס אין זיי אַריינגעקליבן? ווען האָבן דאָס די צימערן געזען אַזעלכע פאַרזאָרגטע, מידע מענטשען מיט אַזעלכע אָרעמע פּעקלעך? עפּעס גייען זיי אַרום אַזוי שטיל און פאַרזיכטיק, ווי זיי וואָלטן זיך געחידושט, אָדער ווי זיי וואָלטן זיך געשראָקן דעם שיינעם אויסגעשפּרייטן פּליוש אויפן דיל צו באַרירן. עפּעס האָבן זיי מורא אַריינצוקוקן אין די שפּיגלען, גלייך ווי עמעצער וואָלט זיי דאָרט פאַר־פאַלגט. בייגאַכט הערט זיך דורך אַ שכנותדיקער וואַנט אַ טיפער זיפץ, דורך אַ צווייטער — דאָס שרייען פון אַ קינד אין שלאָף־קאָשמאַרן און באַלד דערנאָך — אַ באַרואיקנדיקע מאַמע־שטים: „נו, שאַ, שעפּסעלע, זעסט דאָך אַז קיין דייטשן זענען דאָ נישטאָ"...

די ערשטע נאַכט אַדורכגעשלאָפן ווי עס איז אין די זויבערע בעטן אין רו און באַרואיקונג. די ערשטע נאַכט — און די איינציקע.

צומאָרגנס, איידער יידן האָבן באַוויזן רעכט צו באַוואונדערן די שיינע, ליכטיקע שטאָט, זענען זיי געוויר געוואָרן אַ ידיעה, וואָס געוויינלעך וואָלט מען זי געדאַרפט אויפנעמען מיט פרייד, מיט בלויז פרייד, אָבער יידן האָבן זי אויפגענומען אי מיט פרייד און אי מיט אומזיכערקייט. ס'איז געווען די ידיעה, אַז איטאַליע האָט דורכן גענעראַל באַדאָליאָ פאַר־לאַנגט וואַפנשטילשטאַנד ביי די אַליאירטע. איז די פרייד טאַקע געווען אין־לשער, און ס'איז טאַקע געווען פאַר וואָס צו פרייען זיך: די גרויסע מפלה פון אונדזער שונא; איינער פון זיינע פאַרבינדעטע פאַלט אָפּ פון אים, די מלחמה דערנענטערט זיך צום סוף. מען זעט דאָס באַשיימפּערלעך. גלייכצייטיק ווערט די פרייד געשטערט דורך אַן אַנגסטיקן אומרו און פּיינ־פולע אַנונגען: וואָס וועט איצטער זיין? ווי אַזוי וועלן האַנדלען די דייטשן? זיי וועלן דאָך מסתמא דערקלערן זייערע נעכטיקע שותפים פאַר פאַר־

רעטער און וועלן זיכער רעאַגירן קעגן איטאַליע און במילא אויך קעגן ניס. אמת, זיי זענען שוין שטאַרק אָפּגעשוואַכט און יעדער גאַנג זייערער איז אַ גאַנג צום סוף, דאָס פילט אָן מיט גרויסער נקמה־פרייד, אָבער אין זייער גיין צום סוף זענען זיי נאָך, לײַדער, גענוג שטאַרק, אַז זיי זאָלן קאָנען מאַכן מיט אונדז אַ סוף.

גרויסע געדיכטע מענגעס מענטשן שטעלן זיך אָפּ אויף אַווענו דע לאַ וויקטואַר, די הויפּט־גאַס פון ניס, פאַר אַ רעדאַקציע, ווו אויף אַ טאָוול איז מיט קרייד אָנגעגעבן די לעצטע ידיעה : איטאַליעס ווענדונג וועגן וואָפנשטילשטאַנד.

דערווייל געפינט זיך די שטאָט אין אַ מאָדנעם צושטאַנד : די איטאַליענער גרייטן זיך וואָרשיינלעך זי צו פאַרלאָזן. זי מאַכט דעם איינדרוק צו זיין אָן אַ מאַכט. די ביז איצטיקע הערשער גייען אַוועק, קיין נייע זענען נאָך נישט אָנגעקומען. אָבער יעדער איינער וואָלט זיך זיכער געוווּנטשן דעם דאָזיקן צושטאַנד, איידער דאָס אָנקומען פון די דייטשן.

די נאַכט האָט נאָך יעדער ייד געקענט אָדורכשלאָפן אָן סכנה, ווייל ס'איז נאָך נישט געווען ווער ס'זאָל אים באַדראָען. אָבער זיין געלעגער האָט שוין געגליט פון אומרו, פון אומרו און נישט־קלאָרע אָנונגען בנוגע די קומענדיקע טעג און נעכט.

צומאָרגנס זענען די בלעטער אַרויס אין גרויסע אויפלאַגעס. זיי זענען צעכאַפּט געוואָרן פון אונטער די הענט. דעם ראַדיאָ איז מען באַפאַלן מיט אַ געוואַלדיקן נייגיר, כדי צו הערן „וואָס די וועלט זאָגט״, און מ'האָט זיך געבעטן ביי אים ווי מיט רחמים, אַז ער זאָל אַרויסגעבן פון זיך עפּעס אַ ישועה. אָבער לויטן אויסזען פון די גאַסן האָט מען געצווייפלט, אַז זי זאָל תיכף־ומיד קומען. דאָ און דאָרט האָבן שנעל־צונויפגעקלאַפּטע איטאַליענישע אָפּטיילונגען אָפּמאַרשירט אין דער ריכטונג פון איטאַליע, אַהיים. זיי האָבן זיך געאײַלט, זעט אויס, נישט אַריינצופאַלן ווי געפאַנגענע אין די „פריינטלעכע הענט״ פון זייערע נעכטיקע שותפים, וואָס זענען שוין געווען אויפן וועג קיין ניס.

שפּעטער האָב איך שוין געזען די ערשטע דייטשע אָפּטיילונגען מאַרשירן אין שטאָט. קען זיין, אַז גיין אין די גאַסן האָבן זיי דעמאָלט נישט געדאַרפט, נאָר ס'איז געווען סתם אַזוי אַ גיין צוליב ווייזן זיך פאַר דער באַפעלקערונג, כדי אָנצוואַרפן אַ שרעק מיט זייער אָנוועזנהייט. די קרעמהעלע און ווייסע מויערן, האָט זיך מיר געדאַכט, זענען נאָך ווייסער געוואָרן פאַר אימה, הערנדיק זייערע שיטנדיקע שטיוול־טריט אויפן ברוק

אין זייערע חוצפּהדיקע פּאַרריסענע געזאַנגען, אין וועלכע ס'איז שוין אָבער געווען נישט מער ווי אָנשטעל פון געמאַכטע „זיגער". אין אַלגעמיין, און קוקנדיק מיט אַ געוויסער פּערספּעקטיוו, איז דאָס שוין געווען דער אָנשטעל פון אַ אויסגעשטאָפּטן כלב, וואָס שטייט אין שוי־פּענצטער מיט אַ פּאַרריסענעם קאָפּ און אונטערגעהויבענעם עק.

זייערע געזאַנגען הערן נישט אויף צו רייצן זיך מיט מיין געהער. דאָ און דאָרט כאַפּ איך אויף אַ פראַזע, באַנעם איר זין, אָדער זינלאָזי־קייט. די גאַס ליידיקט זיך אָפּ. מענטשן שאַרן זיך ביי די ווענט. די פּאַרשידן־קאָליריקע שיינע לאָדנס פון די פענצטער מאַכן זיך צו גיך. דער מענטש וויל זיי נישט אָנקוקן און נישט הערן זייערע קולות. בלויז די זון גייט נישט אַראָפּ פון זייערע פּרצופים, דערפאַר אָבער ברענט זי און בראָט זיי מיט אַ ממש טראָפּיקאַלישער היץ.

זיי זענען אַלזאָ דאָ. פאַר מיר זענען זיי נישט קיין נייעס. איך האָב זיי שוין געזען אין פּאַריז. זיי זענען אָבער אַ נייעס פאַר ניס. און אַ שרעק־לעכע אַנטוישונג פאַר די טויזנטער יידן, וואָס ערשט נעכטן זענען זיי דאָ אָהער געקומען פון אַלע עקן, האָפנדיק דאָ צו געפינען אַ רואיקער ווינקל, און באַלד צומאָרגנס זענען אַריין נאָך זיי די דייטשן. און איצט ווייסט יעדער דאָס פיינלעכע, אַז מען וועט מוזן זיין מיט זיי צוזאַמען אונטערן זעלבן תכלתדיקן הימל, דעם אַזויפיל באַוווּנדערטן און געליבטן, מיט וועלכן ס'איז געבענטשט ניס. איינס ווייסט מען נאָר נישט: ווי אַזוי וועלן זיי זיך דאָ פאַרהאַלטן? וועלן זיי באַלד אין די נאָענטסטע טעג אָנשטעלן זייער טעראָר־אַפּאַראַט קעגן דער באַפעלקערונג, וועלן זיי אָנהייבן תיכף זייערע געיעגן אויף יידן, אָדער זיי וועלן צוואַרטן אַ ביסל, צוגרייטנדיק זיך פּלאַנמעסיק צו זייערע אַקציעס, ווי זיי האָבן דאָס געטאָן אין אַנדע־רע ערטער?

ניין, דאָס מאָל האָבן זיי נישט געוואַרט, ווי זיי וואָלטן געוווּסט געננוי, אַז זיי האָבן נישט מער קיין צייט, אַז זייער סוף דערנענטערט זיך און זיי מוזן דעריבער באַווייזן אָפּצוטאָן אַלע זייערע פאַרברעכנס וואָס שנעלער, ווייל אַנדערש קענען זיי נאָך פאַרשפּעטיקן. אַחוץ דעם האָבן זיי נישט געוואָלט געבן די אַנגעלאָפענע טויזנטער יידן קיין צייט אויף אָפּ־צואָטעמען, זיך איבערצואָרגאַניזירן, באַהאַלטן זיך, אָדער אַוועקצופאָרן.

און איינס פון די באַלדיקע דייטשע טעראָר־מיטלען איז טאַקע גע־ווען דאָס שטערן יידן אַרויסצופאָרן פון ניס. זיי האָבן שוין נישט געהאַט קיין צוטרוי צו קיין אַריש־קלינגענדיקע נעמען. ביי מענער האָבן זיי שוין נישט געאורטיילט ווער ס'איז אַ ייד לויטן פּנים, נאָר לויט אַן אַנדערן

טייל פון גוף. און אויף די באַנען האָבן זיי זיך גאָרנישט געשטערט אַראָפּ־צונעמען אַלע מענער־פּאַסאַזשירן און זיי אַריינצופירן אין די קלאָזעטן, זיי באַפעלן אַראָפּצולאָזן די הויזן, כדי איבערצוצייגן זיך ווער ס׳איז אַ ייד און ווער נישט. דאָס איז געווען אַ מיטל, וואָס איז נאָך ביז דעמאָלט נישט באַנוצט געוואָרן אין פראַנקרייך און קעגן וועלכן ס׳איז געווען זייער שווער צו ווערן זיך.

דאָס אַרויספאָרן פון ניס דראָט, אַלזאָ, יעדן ייד מיט גרויסע געפאַרן, הגם ס׳זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס שטעלן איין און פאָרן. די לאַגע איז נישט ווייניק פאַרצווייפלט. ניס איז געוואָרן איין גרויסע, שיינע ליכטיקע תפיסה — אַ תפיסה מיט פּרעכטיקע ווילעס, מיט לופטיקע אַלעען, מיט פּאַלמעס און מיט אַן אויסבליק צום ים...

איך האָב זיך פאַרבונדן מיט די יידישע ווידערשטאַנד־גרופּן און באַ־שלאָסן דאָ צו בלייבן.

אין ניס איז עס געווען אַנדערש ווי ערגעץ־אַנדערשוואו אין פראַנק־רייך. ווי נאָר די דייטשן האָבן דאָ געהאַט פאַרענדיקט זייער „טריומף־אַריינמאַרש" אין שטאָט האָבן זיי באַלד אויף צומאָרגנס אָנגעהויבן צו זוכן ווילד־פאַרעקשנט און פאַרביסן די פאַרצווייפלטע יידישע פּליטים.

דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן באַלד און אָן אַפּוואַרטעניש. פאַר די יידן איז די לאַגע געווען אַ שווערע, ווייל נאָר־וואָס זענען זיי אַריין אין אַזאַ גרויסער צאָל אין אַ פרעמדער שטאָט, וווּ קיינער פון זיי האָט נישט געהאַט קיין באַציאונגען מיט דער באַפעלקערונג; זיי זענען געווען צוגעגרייט צו לעבן אין לעגאַלע האָטעלן, און נישט אין אומלעגאַליטעט. און איצט איז די צייט אַזוי קורץ אויף צו פאַרשאַפן זיך באַהעלטענישן — באַהעלטענישן פאַר טויזנטער נפשות!

אויך פאַר די דייטשן איז נישט געווען אַזוי לייכט זיך אַן עצה צו געבן מיט די יידן. זיי האָבן די יידישע אַדרעסן נישט געהאַט אין זייערע הענט, אויסגעשטעלטע מיט אָרדענונג און פּינקטלעכקייט אין צוגעגרייטע רשימות, לויט וועלכע מען קען גיין פּלאַנמעסיק פון הויז צו הויז, פון טיר צו טיר. זיי האָבן טאַקע געוווּסט, אַז די יידן זענען איינקוואַרטירט אין די היגע האָטעלן, אָבער ווו ? אין וועלכע ? פאַרמאָגט דאָך ניס אַן אַ שיער האָטעלן. האָבן זיי גענומען נישטערן אָן אויפהער אומעטום און אויף אַלע אופנים, יעדע נאַכט באַפאַלן אַ געוויסע צאָל האָטעלן, וועלכע ס׳זאָל נישט זיין און בייטאָג סתם זוכן און נישטערן אויף בלינד אין פאַרשידענע טיילן פון שטאָט, לויט חשדים און אויסשפּירונגען.

אָט גיט מען זיך איבער, זענען די דייטשן באַפֿאַלן די סינאַגאָגע אויף בולוואַר דיבושאַזש אין מיטן דאַוונען און זיי האָבן זי פֿאַרוואַנדלט אין אַ תּפֿיסה פֿאַר יידן, די מתפּללים נישט אַרויסגעלאָזט. נאָך מער: די יידן האָבן געמוזט וואַרטן אויף נאָך אַנדערע, וואָס וועלן קומען דאַוונען און אַריינפֿאַלן אין די הענט פֿון די לויערנדיקע געשטאַפּאָ־לייט און אויך אויף אַזעלכע, וואָס מען וועט אויפֿכאַפּן אין די גאַסן און האָטעלן און זיי דאָ אַריינפֿירן אין שול, כּדי פֿון דאַנען זיי אָפּצופֿירן אויף דעפּאָרטאַציע. אַ מאָדנע אימה פֿלעגט נאָך לאַנג באַפֿאַלן יעדן ייד ביים אַדורכגיין דעם בול־וואַר דיבושאַזש און עפּעס אויסמיידן פֿלעגט מען צו קוקן אויף דער פֿאַר־לאָזטער סינאַגאָגע גלייך ווי מיטן בלויזן בליק וואָלט מען פֿון דאָרט גע־קענט אַרויסרופֿן די בייזע גייסטער פֿון די געשטאַפּאָ־לייט, וואָס האָבן זיך דאָרט געהאָט באַזעצט און פֿאַרפֿולט די שול מיט פּחד.

באַלד אויפֿן צווייטן טאָג פֿונעם אַריינקום פֿון די דייטשן האָבן זיך גענומען פֿאַרעקשנט איבערחזרן די קלאַנגען, אַז זיי וועלן קומען ביינאַכט באַזוכן אַלע ניסער האָטעלן. די נאַכט איז דערוואַרט געוואָרן מיט פּאַניק און שרעק. אָך, ווען מען וואָלט דעמאָלט געקענט אויפֿהאַלטן דעם טאָג! אָפּשטעלן דעם טויש פֿון מעת־לעת! אָבער קיינער האָט דאָס נישט גע־קענט און וואָס מער דער אָוונט האָט זיך דערנענטערט, אַלץ מער האָבן זיך די קלאַנגען פֿאַרשטאַרקט. מען האָט געפֿילט ווי צוזאַמען מיטן פֿאַרויס־גיין פֿון דער צייט גייט מען אומפֿאַרמיידלעך פֿאָרויס צו אַ גרויס אומגליק.

ווו האָב איך שוין היינט נישט געוואַנדן מיינע אויגן, זוכנדיק אַן דערפֿאָלג אַ מקום־מקלט? מיין בליק האָט זיך שוין געדרייט אַרום די נידעריקע קוסטעס אינעם סקווערל פֿון קלויסטער נאָטרע־דאַם דע לאַ וויק־טואַר אויף אַוועני דע לאַ וויקטואַר, זיך צוקוקנדיק גוט צו זייער געדיכטקייט, ווען איך וועל זיך מוזן, אויפֿן ערגסטן פֿאַל, דאָרט באַהאַלטן הינטערן אייזערנעם שטאַכעט. פֿאַר יעדן מאַגאַזין, גאַראַזש, פֿאַר יעדן קינאָ־זאַל, פֿאַר יעדער האַלע און געוועלב פֿלעג איך זיך אָפּשטעלן, אַריינקוקן און אין יעדן ווינקל זען פֿאַר מיר אַ גינסטיק באַהעלטעניש אויף דער דאָזיקער אימהדיקער נאַכט, וואָס דערנענטערט זיך אומברחמנותדיק.

אָט בין איך שוין פֿאַרביי עטלעכע מאָל דאָס עפּנטלעכע שטיבל פֿאַר מענטשלעכן געברויך. די פֿרוי, וואָס האַלט דאָרט אויפֿזיכט אַ גאַנצן טאָג איז נישט באַזונדער אויפֿמערקזאַם צו מיין אַריינקומען. איין מענטש קומט דען אַריין צו איר אין משך פֿון טאָג? ווייסט זי דען, אַז איך בין נישט אירס קיין געוויינלעכער באַזוכער? אַז איך טראַכט, צי מען וואָלט

נישט דאָ געקענט ביי איר איבערזיצן אַ נאַכט, ווען קיין אַנדערע ברירה איז נישטאָ? זי איז ווי שטענדיק פאַרטאָן אין איר ווייבערישער באַשעפטיקונג און צייט־פאַרטרייב — אין שטריקן און זעט גאַרנישט וואָס אַרום איר טוט זיך. בלויז ווען אַ מטבע קלינגט אָפּ אין איר טעלערל, וואָס עמעץ וואַרפט אַריין כאַפּט זי זיך אויף. איך וואַרט אָפּ אומגעדולדיק דאָס אַרויסגיין פון אַ מאַן, וואָס שטייט עפּעס דווקא צו־לאַנג דאָרט ביי דער וואַנט און איך גיב אַ שטאַרקן קלונג מיט עטלעכע מטבעות, כדי נאָך מער אַרויסצורופן דער פרויס אויפמערקזאַמקייט. איך קאָן אָבער נישט פּועלן ביי זיך צו רעדן מיט איר וועגן מיינע כוונות. איך פאַרשעם זיך פאַר מיין איינפאַל, אפילו ווען קיין בעסערס זאָל נישט זיין, און איך פאַרלאָז איר „פּאַלאַץ״ פון גלאַנציקן קאַכל, ווי איינער פון אירע געוויינלעכע טאָג־טעגלעכע באַזוכער.

אומפאַרמיידלעך איז דאָס אָנקומען פון דעם אָוונט, צי מיר ווילן יאָ, צי מיר ווילן נישט. היינט רופט ער נישט אַרויס בלויז די געוויינלעכע טונקעלע שאָטנס פון אַלע ווינקלען, נאָר אויך די שדים פון דער געשטאַפּאָ, וואָס וואַרטן נאָר עס זאָל אָנקומען האַלבע נאַכט, ווען זיי וועלן האָבן מער שליטה.

מיר האָט זיך נישט איינגעגעבן צו געפינען קיין שום באַהעלטעניש. פאַר עלף אַזייגער בין איך צוגעקומען צו מיין האָטעל. די באַלעבאַטים האָבן אויסגעשטעלט פאַרחידושטע אויגן צוליב מיין באַווייזן זיך איצט, אין דער צייט, ווען אַלע יידישע לאָקאַטאָרן זענען שוין אַוועק, מורא האָבנדיק דאָ צו בלייבן נעכטיקן, און ווען ס'איז נישטאָ מער ווי עטלעכע מינוט צו דער שעה ווען קיינער טאָר זיך מער נישט געפינען אין גאַס, אַחוץ די דייטשן. ווו וועל איך זיך איצט אַהינטאָן? בלייבן אין האָטעל באין־ברירה? און אפשר וועלן זיי דאָך די נאַכט נישט קומען. מיינע באַלעבאַטים באַנעמען דעם שווערן מצב, אין וועלכן איך געפין זיך, אַרויסווייזנדיק מיר שטאַרקן באַדויער. פּלוצלינג רופט זיך אָפּ די יונגע באַלעבאָסטע צו די אַרומיקע, רעדנדיק וועגן מיר:

— זאָרגט איך נישט, איך וועל אים שוין ערגעץ־ווו פאַרשטעקן...

— אָבער ווו? — ווער איך שטאַרק נייגעריק.

— אין האָטעל.

— אין האָטעל?

— יאָ, אין האָטעל, און אין אייער צימער — זאָגט זי דאָס אַרויס געוויינלעך־רואיק און איך ווייס נישט צי זי מיינט עס ערנסט, צי זי שפּאַסט. וואָס פאַר אַ באַהעלטעניש קאָן זיין פאַר דער געשטאַפּאָ אין

האָטעל אין דעם שיינעם צימער אָן שום פאַרבאָרגענישן ? זי פירט מיך אָבער, צו מיין שטויבונג, נישט ערגעץ־אַנדערש, ווי אין מיין צימער אַריין.

— נו, איז ווו וועט דאָ זיין מיין באַהעלטעניש ? — ווייס איך שוין באמת נישט, וואָס דאָ טוט זיך.

— אין אייער בעט — ענטפערט זי רואיק און ערשט דאָ נעמט זי מיר אויפקלערן:

—איר ליגט אין אייער בעט. אין פאַל, ווען „זיי״ קלאַפּן, איז דער אַלגעמיינער האָטעל־איינגאַנג פאַרמאַכט. עפענען גיי איך. מיין צימער, ווו איך שלאָף, איז נישט ווייט פון אייערן און איידער איך גיי אַראָפּ עפענען קלאַפּ איך אָן, פאַרבייגייענדיק, ביי אייך. אייער בעט איז פאַרבעט, גלייך ווי אין צימער וואָלט קיינער נישט געווען. אויף יענער זייט פענצטער, ווייזט זי מיר, איז פאַראַן אַ ברעט, אַזאַ מין שטיקל באַלקאָן, וואָס ציט זיך פאַרביי אַלע פענצטער. איר וועט זיך קענען אַראָפּלאָזן אויפן הויף, אָדער דורך אַ צווייט פענצטער, אַריינבאַקומען זיך אין דער קיך אָדער וועשערייַ, און דאָ וועט זיי געוויס נישט איינפאַלן צו זוכן עמעצן. נאָך אייער אַרויסגיין דורכן פענצטער פאַרמאַך איך די לאָדנס און פאַרריגל זיי פון אינעווייניק, אַזוי אַז מען קען דעם מינדעסטן חשד נישט האָבן, אַז עמעצער איז אַרויס דורכן פענצטער, ווייל ווי אַזוי האָט ער נאָך זיך פאַרמאַכט די לאָדנס פון אינעווייניק.

און זי ווייזט מיר אַלע סטראַטעגישע ערטער ביז מיר קומען אריין אין דער וועשערייַ און אין דער קיך. דאָ שטעלן מיר זיך אָפּ און פאַר־בלייבן. דאָ בין איך אויס לאָקאַטאָר און זי אויס האָטעל־אייגנטימערין. די היימישקייט פון דער קיך מאַכט אונדז היימישער. מיר פאַרברענגען געמיטלעך און איך קאָן נישט באַהאַלטן מיין גערירטקייט און דאַנקבאַר־קייט פאַר איר. איך זע ווי זי עפנט פאַר מיר זייער פריינטלעך אַ שאַכטל ציגאַרעטן און דעם קרעדענץ פון גוטע זאַכן. מיר נאַשן, מיר שמועסן און ס'ווילט זיך באמת פאַרגעסן, וואָס פאַר א נאַכט ס'איז היינט. צום סוף ווינטשט זי מיר אַ גוטע נאַכט און אַז איך זאָל גוט שלאָפן.

אָבער געשלאָפן גוט בין איך נישט. עפּעס האָט זיך יאָ געוואָלט שלאָפן און נישט געוואָלט, מיין געהער איז געווען אָנגעשטעלט צו דער טיר און מיין בליק צום פענצטער, וואָס דאַרף מיך ראַטעווען. און אַזוי בין איך איינגעשלאָפן.

אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען ליכטיקער פרימאָרגן אין מיין צימער און ער האָט מיך שטאַרק איבעראַשט. הייסט עס, אַז „זיי״

זענען ביינאַכט נישט געווען. דער דאָזיקער פּרימאָרגן איז עפּעס אין מיי־נע אויגן ליכטיקער געווען ווי אַלע פּרימאָרגנס אין מיין לעבן.

זענען דאָס טאַקע קיין אַבלאַוועס נישט פאַרגעקומען ביינאַכט? איז מען דאָס בלויז אָפּגעקומען מיט קלאַנגען? אָדער אפשר האָט מען בלויז צופעליק אויסגעמיטן מיין האָטעל? עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אַבלאַוועס זענען טאַקע יאָ פאַרגעקומען, נאָר אַז אין מיין האָטעל איז קיין וויזיט נישט אָפּגעשטאַט געוואָרן, ווייל די דייטשן קאָנען נישט באַווייזן אין איין נאַכט צו באַזוכן אַלע האָטעלן פון ניס. וועלן זיי געוויס מיין האָטעל „באַזוכן" די היינטיקע נאַכט אָדער מאָרגן. ווי עס זאָל נישט זיין, טאָר איך בשום־אופן אין האָטעל מער נישט בלייבן. וווהין גיין אָבער? דאָס בלויזע גיין אפילו אין גאַס דראָט מיט סכנה, ווייל אין די גאַסן, גיט מען זיך איבער, פאָרן אַרום אין אַ קליינעם פּריוואַטן אויטאָ עטלעכע גע שטאַפּאָ־לייט, פיזיאָנאָמיסטן, ספּעציאַליסטן אויף דערקענען יידן. דאָס שיינע אויטאָמאָבילעכל איז די גרעסטע שרעק פון די יידן, וואָס דאַרפן דורכגיין אַ גאַס. מען קען זיך דערפון נישט אַרויסדרייען. דאָס פאָרט זיך אַרום אין שטאָט רואיק און געלאַסן און האָט די אויגן אומעטום און ניש־טערט אין אַלע זייטן. דער פיזיאָנאָמיסט באַטראַכט יעדן דורכגייער און ווער עס זעט אים אויס צו זיין אַ ייד, דעם רופט ער צו און ער הייסט אים אַריינגיין אין אויטאָ. דער אויטאָ זעט יעדן איינעם און קען יעדן חושד זיין, אָבער דער דורכגייענדיקער ייד, וואָס זעט ער דען באַ־זונדערס אין דעם אויטאָ? וואָס דערקענט ער דען אין אים? אין פּרי־וואַטער, שיינער אויטאָ פאָרט דורך אין די גאַסן פון ניס? דער ערשטער אַרויספאָר, וואָס די געשטאַפּאָ האָט געמאַכט מיטן דאָזיקן אויטאָ צומאָר־גנס נאָך איר אַריינקומען אין שטאָט, האָט איר, ליידער, געגעבן אַ רעזול־טאַט. דער ערשטער פאַרבייגייער, פאַר וועלכן זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז געווען אַ ייד.

און איצט קומט מיר אויס צו גיין אין גאַס, ווו דער אויטאָ־פאַר־קער איז אַ געוויינלעכער גרויסער. פאַר וועלכן אויטאָ דאַרף איך זיך אָבער היטן? וועלכער קען דאָס זיין יענער אויטאָ? און ווען איך ווייס, ווי אַזוי קען איך זיך אויסהיטן פאַר אים? איך וואָלט אויסגעמיטן געוויסע גאַסן, אָבער ווער ווייסט דען, אויף וועלכער גאַס ער האָט בדעה נישט צו פאָרן? איך באַמי זיך צו טאָן אַלץ, אַז ער זאָל מיך נישט באַמערקן און נעם־אָן, אויף וויפל ס'איז מעגלעך, דעם אויסזען פון אַ היגן, געפין זיך שטענדיק הינטער אַנדערע גייער, וואָס נישט זיי זוכט מען, און אויפן טראָטואַר ביי דער וואַנט, ווייט (ווי ווייט ס'איז מעגלעך) פון דער ראָד־באַוועגונג.

איך בין אַדורך אַ גאַס בשלום. די היץ איז גרויס. ס'איז די צייט ווען מענער, אַפילו די עלעגאַנטסטע און געזעצטע, וואַרפן אַראָפּ פון זיך די רעקלעך און זשעניִרן זיך נישט צו גיין אין די בלויזע העמדער און פּרויען טראָגן לופטיקע, דורכזיכטיקע בלוזקעלעך, זעען אויס אַזעלכע לייכטע, גרינגע, וואָס אָט־אָט, דאַכט זיך, וועלן זיי זיך אויפהייבן און אַוועקפליִען. דעם מענטש ציט צום שאָטן, ווי צום איינציקן רעטער און באַשיצער. אויף די אַ ביסל קילערע קאַפע־טעראַסעס זוכט ער צו געפינען אַ דערלייכטערונג. מען זיצט ביי אַן אויסגעוועפּטן ביר און מען האָט כסדר דעם חשק נאָך עפּעס אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך, אַפילו דאָס איינציקע העמד. אָפּנהאַרציק־דעקאָלטירטע פרויען האַלטן זיך אין איין פאָכן די פאַרשוויצטע פּנימער, ווו פודער און שווייס האָבן זיך אויסגעמישט אין אַ מין פליסיקן טייגעכץ.

איך גיי ווייטער. מיר פאַלט איין אָנצוטאָן מיינע טונקעלע זון־ברילן, און דאָס מאָל נישט קעגן דער ליכטיקייט פון דער זון, נאָר קעגן דער פינצטערניש פון די דייטשע משחיתים. איך וועל זיי אפשר אַזוי אַרום אָפּנאַרן, פאַרפירן. זיי וועלן אַזוי אַרום נישט זען די זאָרג אין מיינע אויגן, די זאָרג פון אַ געזוכטן און געיאָגטן ייִד.

אָט פאָרט־אָן אַ פּריוואַטער, עלעגאַנטער אויטאָ. איז ער נישט „זייערער" ? פאַלט מיר איין. ער פאַרפּאַמעלעכט דעם גאַנג. ס'איז זיכער דער געשטאַפּאָ־אויטאָ, אָבער נישטאָ ווו צו אַנטרינען. צוריקציִען זיך קען נאָך מאַכן ערגער. נישטאָ קיין טיר דערלעבן. וואָלט זיך כאָטש אַ וואַנט געעפנט, וואָלט זיך דער ברוק אויפגעריסן כדי איך זאָל קענען אין זיין תהום פאַרשווינדן. אָט שטעלט דער אויטאָ זיך אָפּ לעבן מיר. אַ טירל מאַכט זיך אויף און אַ מענער־קאָפּ באַווייזט זיך און רופט מיך צו. איך בין פאַרפאַלן! איך ווייס דאָס, אָבער איך גיי צו. עס האָט נישט קיין שום זין נישט צוצוגיין. ערשט דער מענטש, וואָס רופט מיך צו, בעט מיך העפלעך, אַז איך זאָל אים אָנווייזן, ווי אַזוי מען פאָרט צום ים. ער איז נישט קיין היגער און קען נישט דעם וועג. איך ווייז אים אָן מער־וויִיניק די ריכטונג. ער דאַנקט מיר, אָבער נאָך מער בין איך אים דאַנקבאַר אין האַרצן, וואָס ער האָט געדאַרפט דעם ים און נישט מיך...

איך עטעם אָפּ מיט דערלייכטערונג און איך גיי אַריין אין דער ערשטער־בעסטער קאַפע, פאַררוק זיך ערגעץ אין אַ ווינקל און טרינק עפּעס בכדי צו שטילן מיין דורשט און מיינע עמאָציעס. פון דאַנען שיק איך אָפּ צו עמעצן קיין פּאַריז אַ קאָלירט פּאָסט־קאַרטל פון ניס מיט דער צושריפט : „צום אָנדענק פון אַ ליכטיקער שטאָט און אַ פינצטערער צייט".

אויף די חורבות פון אָראַדור

דער אויטאָקאַר וואָס פירט אונדז קיין אָראַדור־סיר־גלאַן שניידט אַדורך צענדליקער שטעטלעך און ישובים, דורך זייטיקע פאַרלוירענע וועגן מיט רייפע תבואה־פעלדער, גערטנער, קליינע פערמעס און ווירט־שאַפטן ביי די זייטן. די שטעטלעך זענען טיפּיש פראַנצויזיש, און אַלע אויף איין קאָפּיטע, ענלעך איינס צום צווייטן, מיטן זעלביקן פּיטאָרעסקן קלויסטערל מיטן שטאָלצן האָן אויפן שפּיץ צלם, מיט דער „גראַן־רי", ס'הייסט מיט דער הויפּט־גאַס, מיטן פּלאַץ פון דער מערי, מיטן מאָנו־מענט אויפן חשובסטן אָרט, אַרומגעצוימט מיט שטאַכעטן, „געהייליקט דעם אָנדענק פון אירע קינדער, געפאַלענע איןביידע וועלט־מלחמות".

בלויז איין שטעטעלע, וואָס איז אויך געווען אַמאָל ענלעך צו זיי אַלע, ווי קינדער פון די זעלבע טאַטע־מאַמע, איז מער נישט ענלעך צו זיי, ווייל אין יאָר 1944 איז איר אָנגעזיכט אַזוי טראַגיש פאַרענדערט געוואָרן.

אָראַדור־סיר־גלאַן איז געווען אַמאָל אַן אומבאַקאַנטער נאָמען פון אַ שטעטעלע אין פראַנקרייך, ווי הונדערטער אַנדערע אירס גלייכן, וואָס מען געפינט אפשר נישט אויף דער מאַפּע, סיידן אויף די גענויע דע־פּאַרטעמענטאַלע לאַנד־קאַרטעס פאַר אויטאָמאָביליסטן. דאָס שטעט־עלע האָט זיך נישט אַמאָל אויסגעצייכנט מיט קיין באַזונדערקייטן, מיט קיין זעענסווירדיקייטן און צוציאונגס־מעלות פאַר טוריסטן. בלויז איצ־טער האָט עס אַזעלכע מעלות, אַז אַך און וויי.

די באַפעלקערונג פון אָראַדור האָט נישט געציילט קיין טויזנט נפשות, זי איז געווען אַן אַרבעטנדיקע, באַשטאַנען פון דאָרפסלייט, פּויערים, פערמערס, אַרטיזאַנען (בעלי־מלאכות), קליינע קאָמערסאַנטן. מען האָט אַלץ געטאָן כדי צו קענען לעבן און אויסקומען צווישן זיך, זיך קעגנזייטיק מפרנס זיין: דער בעקער האָט געבאַקן ברויט און „בריאָשן" (זעמל), פאַרן שוסטער און דער שוסטער האָט פאַרריכט די

שיך און „סאַבאַ״ (הילצערנע שיך) פֿאַרן בעקער. אַזוי האָבן זיך אויך אויסגעטוישט מיט זייער פּראַצע צווישן זיך דער שמיד, דער מילנער, דער סטאָליער, דער בושער (קצב), דער קאַפּע־פּאַטראָן. איינער האָט געלעבט פֿון צווייטן, ס׳איז געווען אַ פֿרידלעכער אויסטויש פֿון מי און אַרבעט און דאָס געלט איז געווען צווישן זיי נישט מער ווי אַ פּאַרמיט־לונגס־מיטל. ביז... דעם 10־טן יוני 1944, אַרום 2 אַזייגער — ווי עס גיבן איבער די לאָקאַלע מקורות — די טעפּ אויף די קיכן זענען נאָך געווען וואַרעם, נאָך נישט אָפּגעקילט, הייסט עס, פֿונעם היימישן מאָל־צייט... דעמאָלט, דעמאָלט, ווען עס זענען אַריין אינעם שטעטעלע אָפּ־טיילונגען פֿון עס־עס פֿון דער דיוויזיע „דאָס רייך״ מיט די טויטן־קעפּ אויף זייערע קאַסקעס, ווי מיט זייערע וויזיט־קאַרטן אויף די שטערנס, ווי מיטן אָפּבילד פֿון זייער גאַנצן וועזן, ווי מיט די שילדן אויף זייערע טירן. קלאָר, אָפֿן, ווי איינער זאָגט: דאָס בין איך, דאָס האָב איך און דאָס גיב איך... און נאָך זייער „וויזיט״ איז אָראַדור געוואָרן אויס אָראַדור.

די וועגן־שילדן מיטן נאָמען אָראַדור־סיר־גלאַן לויפֿן אַנטקעגן אונדזער אויטאָקאַר. יעדע פֿאַר מינוט אַ נייע שילד, וואָס גיט אָן די צאָל קילאָמעטערס, וואָס מיר האָבן נאָך אַדורכצומאַכן בכדי אָנצוקומען צו אונדזער ציל. זיי ווערן וואָס אַמאָל ווינציקער, די קילאָמעטערס. נאָך 15, 10, 5. מיר דערנענטערן זיך.

פֿאַרוואָס לעב איך אַזוי איבער דאָס אָנקומען קיין אָראַדור, נאָך דעם ווי איך האָב שוין באַזוכט אין יאָר 1948 מאַידאַנעק, אַרומגעוואַנ־דערט אויף די חורבות פֿון וואַרשעווער געטאָ און אין קאַריוו, דעם פֿאַר־וויסטן שטעטל פֿון מיין קינדהייט אין פּוילן? וואָס קאָן מיך נאָך דאָ דער חורבן פֿון אָט דעם קליינעם פֿראַנצויזישן שטעטל איבערראַשן? מען האָט מיך אַפֿילו געפּרוווט פֿרעגן, און טאַקע אַחינו בני ישראל, וואָס איך האָב דאָרטן צו זען אין אָראַדור; צי דאַרף איך האָבן באַווייזן פֿאַר די פֿאַרברעכנס פֿון היטלעריזם און צי איז מיר אוישוויץ נישט גענוג? אייגנטלעך, דאַרף איך נישט, אַלס ייד, האָבן קיין שום באַווייזן און אַפֿילו אויך נישט אוישוויץ אַלס באַווייז. עס איז גענוג פֿאַר מיר דער ציפֿער 6, וואָס ציט נאָך זיך זעקס נולן — אונדזערע זעקס פּוסטקייטן און ליידיקייטן; די זעקס ריינגען, וואָס נעמען אַרום און שטיקן אונדזער האַלדז... און אפשר דאַרף איך דעם ציפֿער 6 אויך נישט זען, עס גע־נוגט בלויז דער באַוווסטזיין פֿון דעם פֿעלן פֿון זעקס מיליאָן. אונדזערע קעפּ שטעקן טיף אינעם אַש פֿון אונדזער בראָך און זיי וועלן שוין דאָרטן שטעקן אַזוי לאַנג ביז וואַנען מיר וועלן פֿילן, אַז מיר האָבן זיי נאָך

אויף זיך, אונדזערע קעפּ. מיר זענען אָבער שותפים פון גורל פון אָראַדור. איר גורל איז אַ טייל פון אונדזערן, פון אונדזער טראַגעדיע, אַ טייל פון אוישוויץ, אַ שטיקל טרעבלינקע.

אויף טריט און שריט שטייען אין אָראַדור טאָוולען, אויפגעשטעלט אויף סלופּעס, אַרומגעלייגט אונטן מיט די שטיינער פון אירע חורבות און ס'שטייט אויף זיי געשריבן: דאָ איז געווען אַן אָרט פון אומקום. דערמאָן זיך! „סוויען טוא" און אויף ענגליש: „רעמעמבער!" (אויסגערעכנט, זעט אויס, אויף אויסלענדישע באַזוכער). דערמאָן זיך! — רופט אָראַדור, און מיר, יידן, וועלן נישט זיין די לעצטע צו הערן איר רוף.

די פיר וויכטיקסטע פונקטן, וואָס באַווייזן אַזוי בלוטיק די מאַרטירערשאַפט פון אָראַדור זענען די חורבות פון דער הויפּט־גאַס, די ברידער־קברים אויפן שטעטלדיקן בית־עולם מיטן אַלגעמיינעם דענקמאָל פאַרן זכרון פון די קרבות, די פאַרברענטע קירכע און דאָס הויז פון די אָנדענק־חפצים, פאַרבליבן נאָך די אומגעקומענע.

דער ערשטער גאַנג פירט צו דער פאַרניכטעטער הויפּט־גאַס, די גראַן־רי, וואָס ביי איר אָנהייב און ביי איר סוף איז זי פאַרמאַכט מיט אַ צוים פון אייזערנע שטאַכעטן און זי בילדעט אַ מוזיי אונטערן פרייען הימל, אַזוי ווי פּאָמפּעי. דאָ דאַרף מען נישט קיין „גידן", קיין וועגווייזער, קיין אויפקלערונגען. ס'איז גענוג בלויז אַרומצושלייכן, קוקן און זען, נישט הערן קיינעם און אויך נישט זיך אַליין. די שטילקייט שרייט שוין פאַר זיך. אויף יעדע עטלעכע מעטער גאַנג — אַ שילד, אַן אויפגעשטעלטער טאָוול, וואָס איז מודיע און רעדט שוין פאַר אונדז אַלעמען: „דאָ איז אומגעברענגט געוואָרן אַ גרופּע מענער". פאַרוואָס אַ גרופּע און פאַרוואָס בלויז מענער? דאָס קלערט זיך אויף דורך דעם וואָס נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן דעם 10־טן יוני 1944 צונויפגעזאַמלט די גאַנצע באַפעלקערונג פון אָראַדור־סיר־גלאַן אויפן מאַרק־פּלאַץ האָבן זיי איינגעטיילט די מענטשן אויף אומצוברענגען אויף אַזאַ אופן: די פרויען און קינדער אין פאַרמאַכטן קלויסטער און די מענער באַזונדער, וואָס זיי האָבן צעטיילט אין גרופּעס. איין גרופּע צעשאָסן אין אַ שייער, אַ צווייטע אין אַ גאַראַזש, אַ דריטע אין אַ קאַפע און אין אַנדערע ערטער, וואָס די עס־עס־לייט האָבן שפּעטער אונטערגעצונדן צוזאַמען מיט די דערשאָסענע. די שייערן, דער גאַראַזש, די קאַפע, אַלץ איז טאַקע הויל, וויסט, אויסגערויכערט, אָבער די ערטער זענען געבליבן ערטער, און אָראַדור האָט געוואָלט, אַז מען זאָל זיי זען און וויסן ווו מען האָט אירע

איינוווינער פּאַרטיליקט, טראָץ דעם וואָס מען וויל אַזוי לעצטנס פאַר־מאַכן די אויגן אויף זיי און ענלעכע ערטער צו זיי.

אמת, אָראַדור האָט שוין צוריק אויפגעבויט אַן אַנדערע שטעטל־דיקע הויפּט־גאַס און אַן אַנדערע קירכע ווו קריסטלעכע מתפּללים קומען זונטיק הערן די מעסע, אָבער די רואינען פון דער פריערדיקער קירכע און פון דער אַמאָליקער הויפּט־גאַס האָט זי נישט גערירט און געלאָזן זי אַזוי פאַר די קומענדיקע דורות. זי לאָזט נישט אַריבערגיין איבער זיי קיין בולדאָזערס, בכדי, זיי זאָלן אַזוי בלייבן דערהויבן אין זייער דערנידעריקטקייט.

בלאָנקעט מען לענגאויס די איבערבלייבענישן פון די פאַרניכ־טעטע הייזער, מען גייט דעם טרויעריקן שפּאַצירגאַנג און מען קוקט אַריין אינעווייניק און מען באַטראַכט די קעגנשטאַנדן, וואָס דאָס פייער האָט נישט געקאָנט פאַרצערן: זאַכן פון דער טאָג־טעגלעכקייט, פון דער ווירטשאַפט, דער באַלעבאַטישקייט, פון אַרבעט און מסחר, וואָס באַווייזן אַז דאָ איז געווען אַמאָל אַ לעבן... מען קען זיך אַריענטירן אַזוי אַרום מיט וואָס מען האָט זיך אין דעם און דעם הויז אַמאָל באַשעפטיקט, מיט וואָס מען האָט געהאַנדלט, אָדער וואָס מען האָט געאַרבעט. אין אַ ווינקל וואַל־גערט זיך אַ פאַרזשאַווערט „קעפּל" פון אַ נײַי־מאַשין און דערנעבן גלייך דער געשטעל. אויף אַ צווייט אָרט דאַרף דויערן אַ ביסל ביז מען דער־קענט, אַז דאָ איז געווען אַ בושערי (פליישׂ־געוועלב), מען געפינט אויס ביי דער וואַנט אַ פליישׂ־מילעכל און האַקעס אויף שטיקלעך קאַכליע אויף דער וואַנט, אויף וועלכע ס׳זענען געהאַנגען שטיקער פליישׂ. די בעקעריי לאָזט זיך דערקענען לויטן איבערגעבליבענעם אויוון און פאַר־שידענע באַק־איינריכטונגען. ווייטער פאַלט דאָס אויג אויף אַ צעבויגע־נעם צעדרייטן ביציקלעט, אויף אַ פאַרזשאַווערט קינדער־וועגעלע. דער־נעבן זענען די רעשטן פון דער שטעטלדיקער קאַפע. דער פאַררויכער־טער קאַנטואַר ווו מען האָט זיך אַמאָל געצאַלט גלעזלעך מיט אַ ברייַ־טער האַנט, און די איבערגעקערטע מעטאַלענע טישלעך און שטולן, ביי וועלכע די דאָרפסלייט זענען געזעסן געמיטלעך נאָך אַ שווערן טאָג פון פראַצע. אַלץ זאַכן פון אייזן, שטאָל, בלעך און אַנדער מעטאַלוואַרג וואָס האָט געהאַט כוח נישט צו לאָזן זיך איינגאַנצן פאַרניכטן פונעם פלאַם און געהאַט דאָס מזל צו פאַרבלייבן אַ זכר נאָך אָראַדור. אַלץ וואָס האָט געקענט ברענען איז אַוועק נאָך די מענטשן און ווי די מענטשן אַליין: מעבל, בעטגעוואַנט, מלבושים, געשיר, משפּחה־בילדער. איז מען עולה־רגל אַהער צו אַ פאַרזשאַווערטן אייזערנעם קיך־טאָפּ, צו אַ רושטע פון אַן אויוון, אַ קאָך־קעסל אויף קייטן, איבער אַ דאָרפישער „שמינע",

אַ ראָד פֿון אַ וואָגן און אפילו אַן אויסגעברענטער סקעלעט פֿון אַן אויטאָ, וואָס מען באַטראַכט ווי רעליקוויעס. מען לעבט מיט מיט די חפצים, וואָס סימבאָליזירן אַ געוועזן איבערגעריסן לעבן, וואָס אין אַן אַנדער פֿאַל וואָלט מען זיך נישט אומגעקוקט אויף זיי. דאָ איז יעדעס שטיקל זשאַווער אָנגעלאָדן מיט פּאַרכטיקייט און וואָס ווייטער אַוועק וועט עס טראָגן אויף זיך דעם חותם פֿון געשיכטע, פֿון דעם מיט בלוט באַדעקטן עבר.

מיר גייען פֿאַרביי געלאַסן פֿאַר יעדער חורבה און קוקן אַריין אינעווייניק, נישטערן מיטן בליק, ווי מורא האָבנדיק, אַז מען זאָל נישט האָבן עפּעס פֿאַרזען, אַזוינס וואָס דאַרף געזען ווערן און וואָס איז באַשטימט געוואָרן פֿונעם גורל פֿאַר דעם. צווישן די שטיינער אין מיטן גאַס ליגן נאָך די רעלסן פֿונעם טראַמוויי, וואָס האָט געפֿירט קיין ליִמאַזש, דער גרעסטער צענטער פֿון דער געגנט. פֿון יענעם טאָג אָן איז דער גאַנג פֿונעם טראַמוויי איבערגעריסן געוואָרן, פּונקט ווי פֿון די איינוווינער. צווישן די שטיינער און אינעווייניק אין די ליידיקע חור-בות וואַקסן שוין אַרויס ווילדע גראָזן, וואָס קיינער וועט זיי נישט אויסיע-טען, צי באַגיסן מיט אַ ביסל וואַסער. און אַזוי וועט זייער ווילדקייט דער-ציילן וועגן דער ווילדקייט פֿון די מענטשן, וואָס זענען נישט ווערט גע-ווען צו טראָגן דעם דאָזיקן נאָמען.

וואָס האָבן געקענט זיין די סיבות פֿון דער פֿאַרניכטונג פֿון אָראַ-דור? געוויינלעך האָבן די דייטשן זיך געקאָנט באַגיין אָן סיבות פֿאַר זייערע רשעותן. אָבער דאָס האָט זיך קודם-כל באַצויגן צו יידן. און אין אַנדערע פֿאַלן האָבן זיי געדאַרפֿט עפּעס אַ סיבה, אָדער אַ כלומרש-טע סיבה, אַ פּרעטעקסט, אָדער אַן אינסצעניזירטע פּראָוואָקאַציע פֿאַר דער באַרעכטיקטער, לויט זיי, רעפּרעסיע און נקמה-אַקט. לידיצע צום ביישפּיל, ווי אַלע ווייסן, איז געוואָרן פֿאַרניכטעט ווי אַ ווילדער נקמה-אַקט פֿאַר אָפּרוימען היידריכן דורך די טשעכאָסלאָוואַקישע פּאַרטיזאַ-נער.

וועגן די סיבות פֿאַרן אומברענגען אָראַדור זאָגט מען דאָרטן אַרויס פֿאַרשידענע השערות, טייל מיינען, אַז עס זענען אינגאַנצן נישט גע-ווען קיין סיבות. אַנדערע מיינען, אַז דאָס איז געווען מצד די דייטשן אַ נקמה-אַקט פֿאַר דער לאַנדונג אין נאָרמאַנדיע, וואָס האָט זיך אָנגע-הויבן מיט פֿיר טעג פֿריער, און צופֿעליק האָבן זיי באַשטימט אָראַדור אַלס קרבן. נאָך אַנדערע האַלטן, אַז די דייטשן האָבן געמאַכט אַ טעות, זיי האָבן געהאַט באַשטימט רעפּרעסיעס קעגן אַן אַנדער שטעטל אין דער געגנט, וווּ עס איז געפֿונען געוואָרן געווער פֿון מאַקי. און צום סוף לאָזט מען

אויס: דאָס איז געווען דער גורל פון אָראַדור און אַז בלויז אָראַדור איז באַשטימט געוואָרן צו ווערן אויסגעריסן מיטן שורש. אַז די דייטשן האָבן באַגעגנט אויפן וועג נעבן אָראַדור מענטשן און נאָכן קאָנטראָלירן זייערע פּאַפּירן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי זענען נישט פון אָראַדור האָבן זיי די עס־עס־לייט געהייסן אַוועקגיין און ווען זיי האָבן אָנגעטראָפן אויף אַ גרופּע יוגנטלעכע אַדורכפאָרן אויף ביציקלעטן און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז זיי זענען פון אָראַדור, האָבן זיי די יונגעלייט אַריינגעטריבן אין שטעטל, בכדי זיי זאָלן טיילן דעם גורל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג.

די פרויען און קינדער פון אָראַדור, וואָס זענען דורך די עס־עס־מערדער געפירט געוואָרן אין קלויסטער אַריין, האָבן אפשר נישט געטראַכט, אַז דאָרטן, וווּ מען הערט יעדן זונטיק די מעסע און די שיינע אָרגל־מוזיק און וווּ מען זאָגט די תפילות צו גאָט, וועט זיי געשען עפּעס שלעכטס. ווי האָט זיי געקענט איינפאַלן אַז גראָד דאָרטן, וווּ אַלץ ווערט באַשיצט און באַשירעמט פון גאָטס זון און דעם הייליקן גייסט, וועלן די דייטשן אַדורכפירן אַ שחיטה איבער זיי.

צו דעם צוועק האָט מען די פרויען אָפּגעטיילט פון די מענער, און די קינדער, אין דער צאָל פון צוויי הונדערט זיבן און פערציק, האָט מען אָפּגעריסן פון זייערע לימודים און פון דער שול דירעקט געבראַכט זיי אין קלויסטער אַריין צו זייער מאַמע־קרעי, צו זייער בלוטיקער „קאָמוניאָן". בלויז איין ייִנגעלע פון אַלע קינדער אין אָראַדור איז ניצול געוואָרן, באַהאַלטנדיק זיך אין אַ גאָרטן.

מיר דרינגען אַריין אין קלויסטער. אָבער פריער באַטראַכטן מיר פון דרויסן אירע רואינען און דעם גרויסן קרוציפיקס פאַרן איינגאַנג, ווו ס'איז אויפגעהאָנגען אַ היפשער טאָוול מיט דער ווענדונג צו אַלעמען: „שווייגן". דער קרוציפיקס איז געבליבן גאַנץ אַזוי ווי ער איז געווען פריער. קיין נס און קיין מופת זענען דאָ נישט פאָרגעקומען מיט אים. גאַנץ פשוט, ער איז געווען פון אייזן און ער האָט אויסגעהאַלטן. אַחוץ דעם האָט דאָס פייער געבושעוועט בלויז אינעווייניק. דער געקרייציקטער, וואָס הענגט אויפן צלם אַן אומבאַהאָלפענער מיט אויסגעשפרייטע הענט האָט אין יענע אומגליקלעכע שעהען קיינעם נישט געקאָנט אָפּראַטעווען און נישט אָפּווענדן דאָס בייז און די דיאַבאָלישע מעשים פון די באַוואָפנטע לעסטערער פון גאָט און מענטש, וועלכע האָבן אים נאָך ציניש אָקעגנגעשפּיגן די אותיות פון זייערע רימען־שנאָלן: „גאָט מיט אונדז".

נישט גאָטס זון פון אויסנווייניק און נישט די נאָטרע־דאַם פון לורד

און פון סענט־בערנאַדעט פון אינעווייניק זענען נישט געווען ביכולת אָפּצוהאַלטן דעם רוצחישן אָרעם, דעם אויסגעשטרעקטן אויטאָמאַט, די כלים מיטן פליסיקן ברען־שטאָף, מיט וועלכן אַלץ איז באַגאָסן געוואָרן, ווי אַ שפּיי אין פּנים דער גאַנצער ציוויליזאַציע.

פאַרן אָנהייבן די שחיטה האָבן די תּליינים אַוועקגעשטעלט אויפן טיש, ווו מען פלעגט פראַווען די קאָמוניאָן, אַ קעסטל מיט צינדשנורן, ווי דעם גערמאַנישן טייוולס אַ קעסטל מיט שפּילצייג־מתּנות פאַר די קינדער צו זייער שוואַרצן יום־טובֿ...

די סאָלוועס קוילן האָבן זיי אַריינגעלאָזט אין דער פאַרהעמערטער קירכע דורך די פענצטער, ווי זיי וואָלטן נישט געוואָלט קוקן זייערע קרבנות אין די אויגן אַריין ביים אומברענגען זיי. די קוילן זענען אומעטום געפאַלן, אויף די הייליקע סטאַטועס, אויפן אַלטאַר, אויף די אויסגעקריצטע נעמען פון די איינוווינער פון אָראַדור, געפאַלענע בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואָס די דייטשע קוילן האָבן זיי איצטער נאָך אַמאָל געטראָפן און ס׳איבעריקע האָט שוין פאַרענדיקט דאָס פייער. און אויך דאָ, ווען דער גאַנצער חלל איז שוין געווען פול מיט פלאַם און רויך האָבן זיי געשאָסן, געשאָסן בלינד דורכן אויפגעפראַלטן טויער אין געדיכטן רויך אַריין וואָס האָט זיי געדינט פאַר אַ מאַסקע, מיט וועלכער זיי האָבן זיך פאַרשטעלט, בכדי אפשר ווידער, אויס פּחדנות, נישט צו וועלן קוקן זייערע קרבנות אין פּנים אַריין, אַז זיי זאָלן זיי נישט שטיין פאַר די אויגן בעת זייערע הוליאַנקעס און אָרגיעס נאָך דער שחיטה פון אָראַדור, וואָס זיי האָבן זיך געגרייט צו פראַווען.

אינעווייניק אין דער קירכע איז נישט געווען קיין אָרט ווו צו לויפן, ווו זיך צו שיצן אין דער טויט־פּאַניק, אין דעם שוידער. אַרום בלויז ווענט און ווענט, אמת, היימישע, אַלט־באַקאַנטע ווענט, אָבער זיי האָבן גאַרנישט געקענט העלפן. ווענט, און אַ פאַרהאַקטער טויער פון אויסנווייניק. דאָך איז איין יונגער פרוי געלונגען זיך אַרויסצוראַטעווען דורכן וויטראַזש־פענצטערל אויבן, צושטעלנדיק די לייטער, אויף וועלכער מען פלעגט אָנצינדן די קלויסטער־ליכט. אַ צווייטע יונגע פרוי מיט איר עופעלע האָט איר פּרובירט נאָכטאָן, אָבער זי איז שוין באַמערקט געוואָרן אין דרויסן דורכן אויג פונעם דייטשישן אויטאָמאַטישן געווער...

איצטער גייען מיר אַרום אינעם אויסגעברענטן קלויסטער, דורכפילנדיק און דורכשווידערנדיק דאָס געשעענע, דאָס פאַרגאַנגענע דאָ צווישן די רואינען־ווענט. דער בליק פאַלט אויפן צעשמאָלצענעם שטיק מעטאַל פונעם גלאָק, וואָס ליגט אין אַ ווינקל אָן איינגעקורטשעטער און

איינגעשרומפּענער אויף דר׳ערד און וועט שוין מען קיינמאָל נישט רופן די מתפּללים תפילה צו טאָן; אויף די הייליקע סטאַטועס פון דער באַטרע־דאַם פון לורד און פון סענט־בערנאַדעט, וועלכע זענען געווען שטומע עדות פונעם גרויל און זענען געבליבן גאַנץ על פּי נס. ס׳איז אויך גע־בליבן גאַנץ, על פּי נס, דאָס הילצערנע קאָנפעסיע־ביידל, ווו וועגן אַלע באַגאַנגענע זינד און עבירות פלעגט מען אין ערלעכער אויפריכטיקייט דערציילן דעם גלח בעתן מתוודה זיין זיך. אַ נס איז אויך דאָס, וואָס צוויי יינגעלעך, באַהאַלטנדיק זיך אין קלויסטער אין דעם קאָנפעסיע־ביידל האָבן זיי זיך געראַטעוועט — נישט פאַרקוילט צו ווערן, און זיי זענען אָפּגעקומען בלויז מיט קוילן און דערשטיקט צו ווערן פונעם רויך און ס׳איז מעגלעך געווען זיי שפּעטער, נאָכן טויט, צו דערקענען, וואָס דאָס איז שוין געווען פאַר זיי אַ זכיה.

אין דער קירכע גיט איצטער דערקלערונגען אַ מענטש אין עפּעס אַן אוניפאָרם, קענטיק אַן אָנגעשטעלטער פון דער מוניציפּאַליטעט. ער רעדט מיט ווייטיק און צאַרן, ער גיט מער זיינע אייגענע קאָמענטאַרן ווי ער דערציילט די געשיכטע פון חורבן אָראַדור און ער ענטפערט גערן אויף געשטעלטע פראַגן פון די באַזוכער. וועגן דער טראַגעדיע פונעם שטעטל פירט ער אויס מיט רעזיגנאַציע, אָבער אָן שום בייזער כוונה, בין איך זיכער, אַז דאָס איז געווען דער גורל פון אָראַדור, וואָס שאַפט דעם איינדרוק, אַז דאָ האָט זיך געהאַנדלט אין אַ פאַטאַליזם, אין עפּעס אַ באַשערטער זאַך און נישט אין פּלאַנירטע רציחה־אַקטן און מעשים־תעתועים פון דריטן רייך.

נישט ווייט פונעם קלויסטער געפינט זיך דאָס הויז פון די אָנדענק־חפצים (לאַ מעזאָן די סוווענירן), וואָס עס האָט איינגעאָרדנט די מוניצי־פּאַליטעט, צונויפזאַמלענדיק אַלע איבערבלייבענישן, ממשותדיקע קעגנ־שטאַנדן פון די קרבנות, זאַכן וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט זייער לעבן. דאָס איז אַ מין באַראַק וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הייליק אָרט. אַלץ איז געוויינלעך, פּשוט, ווי פּשוט עס איז געווען די טאָג־טעגלעכקייט פון די מענטשן. עס זענען דאָ קלאַסירט פערזענלעכע חפצים וואָס זיי האָבן געהאַט ביי זיך, געטראָגן אויף זיך בעת דער עקזעקוציע און זיי האָבן זיך אויפגעהאַלטן, און זאַכן וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו זייער באַשעפטיקונג. און עס איז דאָך פאַרשטענדלעך, אַז ווען מען ברענגט אום כמעט די גאַנצע באַפעלקערונג פון אַ ישוב זאָלן זיך האָבן געפונען מענטשן פון אַלע באַשעפטיקונגען און באַרופן. געפינט מען אונטערן גלאָז די מוזיק־אינסטרומענטן פון די אָנטיילנעמער פונעם מוניציפּאַלן אָרקעסטער: די טרומייטערס, גיטאַרעס, פּליטן; די פּינצעטן און איינשפּריצערס פון

די קראַנקן־שוועסטערס און סאַניטאַרן; די שערן, בריטוועס און גאָל־מאַשינקעס פונעם שערער; פאַרשידענע מכשירים פון באַלעבאָסטעס, שערן, שערלעך אין פאַרשידענע גרייסן און פרעסאייזנס פאַרן היימישן געברויך, געלט־בייטלען, טייסטערס, חתונה־רינגלעך, שפּילקעס, בראָש־קעס; איבערבלייבענישן נאָך די קינדער, די טינטערס, אַלע טינטערס זייערע פון דער שול, ווו זיי האָבן געלערנט, און די פעדער־האַלטערס; פּער־זענלעכע דאָקומענטן, קאַרט ד'אידאַנטיטעס פון די קרבנות, די וואָס האָבן על פּי נס באַוויזן זיך אויפצוהאַלטן. צווישן זיי זע איך אַ קאַרטע אויפן נאָמען פון זשאָזעף בערגסאָן, געבוירן אין וועסטפאַליע, וואָס איז מעגלעך אַ ייד.

אַז עס זענען געווען אויך יידישע קרבנות אין אָראַדור באַווייזט דער אָנדענק־טאָוול אויפן בית־עולם וואָס עס האָט געשטעלט די קהילה אין באַיאָן צום אָנדענק פון פיר יידן, וועמענס נעמען קלינגען ספרדיש.

מיר גייען ווייטער לענגאויס די פאַרגלאָזטע געשטעלן. דאָ זענען צונויפגעזאַמלט ס'רוב זאַכן וואָס די מענער האָבן געהאַט ביי זיך בעת די עקזעקוציעס און וואָס זענען אָפּט זאַכן וואָס עס איז אַ חידוש ווי אַזוי זיי זענען געבליבן גאַנץ נאָך דעם ווי די שייערן מיט די דערשאָסענע זע־נען געוואָרן אונטערגעצונדן. און עס איז אויך צו באַוואונדערן דאָס, וואָס מטפּל זייענדיק זיך צומאָרגנס נאָך דער שחיטה מיט די פאַרקוילטע רעשטן פון די קרבנות, האָבן מענטשן געהאַט דער חוש און פאַרשטענדעניש צו באַהאַלטן יעדן געפונענעם פערזענלעכן קעגנשטאַנד זייערן.

עס וואַרפט זיך אין די אויגן געלט, געלט־באַנקנאָטן, פראַנצויזיש געלט פון דער אָקופּאַציע־צייט, וואָס איך פּרוביר זיך דערמאָנען זייער אויסזען; געלט וואָס די איינוווינער פון אָראַדור האָבן געהאַט ביי זיך בעת מען האָט זיי צונויפגעטריבן אויפן מאַרקפּלאַץ, באַנקנאָטן מיט אָפּגעזענגקטע שפּיצן, אָבער ס'רוב גאַנצע, נישט גערירטע. דערביי ליגן ברילן און ברילן־שיידלעך. פון טייל זענען געבליבן בלויז די גע־שטעלן. עס פעלן די גלעזלעך. ביי אַנדערע זעט מען די לעכער פון די קוילן, וואָס קוקן אויף אונדז ווי אויסגערונענע שוואַרצאַפּלען. און דאָ קומען חפצים, וואָס ווערן באַגלייט מיט קאָמענטאַרן, וואָס ווען נישט זיי וואָלט מען אַ סך פאַרלוירן. עס האַנדלט זיך וועגן זייגערס און טאַשן־מעסערס. די זייגערס, כמעט אַלע פּראָסטע „ציבעלעס", קעשענע־זייגערס פון די דאָרפסלייט. זיי זענען געבליבן שטיין אויף 4 אַזייגער, אָפּגע־שטעלט זיך אין דער שעה פון דער עקזעקוציע, זאָגט דער קאָמענטאַר. די זייגערס וואָס זענען שטיין געבליבן, ווייזן אָן אויף אייביק די שעה פון

פאַרברעכן. די טאַשן־מעסערלעך זענען פויערישע „קניפּיקלעך" און גאַנץ היפּשע מעסערס. מען האָט זיי אַלע געפונען ביי די קרבנות אויפגע־מאַכטערהייט און אַזוי זענען זיי אויסגעשטעלט. לויט די אויפגעמאַכטע מעסערס, קלערט אויף דער קאָמענטאַר, איז זיך משער צו זיין, אַז די מענטשן האָבן פּרובירט, אָדער זיך געגרייט צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד.

ביים פאַרלאָזן אָראַדור באַקום איך אַ מין פּראָספּעקט, וואָס זעט אויס צו זיין פון אַ טוריזם־געזעלשאַפט, אַ פּאַפּירל מיט פאָטאָגראַפישע בילדער פון חורבן אָראַדור און אַן איינלאַדונג: „נאָכן באַזוכן דאָס מאַר־טירער־שטעטל וועט דאָס נייע אָראַדור זיין גליקלעך אייך אויפצונעמען". אויפן פאַדערבלעטל, ווו מען זעט באַנאַלע, שרייאיקע פאַרבן פון פלאַמען הינטערן ניי־אויפגעבויטן קלויסטער געפינט זיך אַזאַ צושריפט: „נישט האַסן און נישט פאַרגעסן". אַ מין קאָמבינאַציע פון צוויי סתירותדיקע ווענדונגען צו אונדז, וואָס איך ווייס נישט דורך וועמען זיי זענען געמאַכט געוואָרן. וועמען נישט האַסן? די פאַרטיליקער און מערדער פון אָראַדור? דאַרף דאָס זיין די קריסטלעכע מאָראַל וואָס זאָגט: אויב מען פאַרברענט דיר אַ קלויסטער, שטעל אונטער אַ צווייטן? לגבי וועמען דאָס פרעדיקן מחילה? לגבי די, וואָס האָבן אונטערגעצונדן אָראַדור?

דער גענעראַל לאַמערדינג, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער די־וויזיע „דאָס רייך", וועמענס אָפּטיילונגען האָבן געבושעוועט אין אָראַדור און ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער שחיטה, איז געווען פראַנק און פריי. נישט בלויז זיין קאָפּ, נאָר אַפילו קיין האָר פון זיין קאָפּ איז אים נישט גערירט געוואָרן. ווען ער וואָלט אַפילו געווען אָפּגעזעסן עטלעכע יאָר, וואָלט ער שפּעטער אַרויס מיט אַ כשרות־צייגעניש אין קעשענע, ער וואָלט געגעבן פּרעסע־קאָנפערענצן, מען וואָלט זיך געריסן איבער זיינע זכרונות, מען וואָלט פאַרלאַנגט פון אים אויטאָגראַפן, מען וואָלט אים ביים אַרויסגיין פון תפיסה דערלאַנגט בלומען און די טעלעוויזיע־פאָטאָ־גראַפן וואָלטן אויף אים געבליצט און געקנאַקט ווי אַמאָל, מיט יאָרן צוריק די אויטאָמאַטן אויף די קינדער און פרויען פון אָראַדור.

אין טונקעלן אָוונט פאָרט צוריק דער אויטאָקאַר מיט דער קליי־נער צאָל אָראַדור־באַזוכער. יעדער זיצט שווייגנדיק, ווי נאָך אַ לוויה, פאַר־זונקען אין מחשבות, דורכגענומען פון די עמאָציעס. אפשר זעט זיך איצט יעדער נישט אין באַקוועמען אויטאָקאַר, וואָס פירט אַוועק צום אייגענעם טיש, צום פאָטעל, צום בעט, נאָר אין דעם פאַרהעמערטן קלויסטער, אָן אָנגעפילטן מיט שטיקנדיקן רויך, פון וואַנען ס'איז נישטאָ קיין אַרויסגאַנג?

.1966

ווען ווירקלעכקייט שטייגט איבער פאַנטאַזיע

דער טיטל איבער אָט די שורות קאָן אפשר קלינגען פאַר עמעצן באַנאַל, אָבער קיין עצה האָב איך נישט געהאַט צו דעם, ווייל קיין פאַסיקערן, מער אָריגינעלן נאָמען האָב איך נישט געקאָנט געפינען.

עס האַנדלט זיך וועגן אַ דערציילונג פון שלום אַש, וואָס איך האָב איבערגעלייענט מיט יאָרן צוריק, נאָך דער מלחמה, מיטן גאַנץ סענטי־מענטאַלן נאָמען „יידישע אויגן", פאַרעפנטלעכט אין דעם באַנד „דער ברענענדיקער דאָרן". די דערציילונגען פון דאָזיקן בוך, וואָס איז דער־שינען אין יאָר 1946, זענען מערסטנס אינספּירירט פון עפּיזאָדן און גרויל־פּאַסירונגען פון יידישן אומקום בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. און וואָלט די דערציילונג מיטן אומשולדיקן טיטל „יידישע אויגן" זיך נישט געפונען אין אָט דעם באַנד, וואָלט מיר גאָרנישט איינגעפאַלן צו טראַכטן, אַז זי האָט בכלל א שייכות צו דער טעמאַטיק פון אונדזער חורבן. איך וואָלט גלייך געזען פאַר זיך אַ צניעותדיקע קליינשטעטל־דיקע יידישע טאָכטער פון קוטנע, צי פון גאָמבין, וועלכע חלומט און בענקט נאָך איר באַשערטן, וועלכער געפינט זיך ערגעץ מיילן־ווייט פון איר און זי קוקט זיך אויס נאָך אים אירע אויגן, אירע פרומע, כשרע יידישע אויגן...

דאָ אין דער דערציילונג פון „ברענענדיקן דאָרן" קומט פאָר גאָר עפּעס אנדערש מיט די יידישע אויגן...

איך געדענק נאָך איצטער דעם אומהיימלעכן איינדרוק, וואָס די דערציילונג האָט געהאַט אויף מיר געמאַכט צוליב דער אויסטער־לישקייט און אומגלויבלעכקייט פון דער עצם גרויל־פּאַסירונג, וואָס אַש ברענגט אין איר ארויס, א פּאַסירונג פון דער העכסטער מאָס פון נאַצישן סאַדיזם, וואָס איך בין געווען זיכער, אַז אַש האָט זי צוגעטראַכט פאַר זיין דערציילונג. און איך האָב זיך דעמאָלט געפרעגט: צי איז

דער גרויל, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט אין די היטלער־יאָרן נאָך נישט געַנוג, אַז מיר דאַרפֿן אים נאָך צוטראַכטן?

אַש דערציילט ווי אין אַ היטלעריסטישן לאַגער האָט אַ יידישע מאַמע מיט גרויס מסירת־נפש אויסבאַהאַלטן איר פֿינף־יאָריק מיידעלע מירעלע. דאָס קינד איז גלייכצייטיק געווען דאָס קינד פֿון אַלע מאַמעס אין לאַגער, זיי האָבן עס געקאָרמעט, אויף וויפֿל זיי האָבן געהאַט מיט וואָס און עס געצערטלט מיטן צער און ליבשאַפֿט וואָס זיי האָבן געפֿילט צו זייערע אייגענע קינדער. זיי האָבן דעם מיידעלע געמאַכט ליאַלקעס פֿון שמאַטעס און אָפּפֿאַל און געזען אין מירעלען זייערע אייגענע מיידעלעך, וועלכע האָבן שוין נישט געלעבט. אָבער די ליאַלקעס וואָס די פֿרויען האָבן געמאַכט און זיי זענען געווען דער אויסדרוק פֿון זייער בענקשאַפֿט צו די פֿאַרלוירענע קינדער זייערע, האָבן אויך געקאָנט ברענגען דאָס אומגליק פֿאַר מירעלען. ווייל אַ געפֿונענע ליאַלקע דורך דער נאַצישער לאַגער־אויפֿזעערין האָט געקענט זיין זייער אויפֿפּאַלנד און אַזאַ געפֿונענע ליאַלקע האָט טאַקע געפֿירט אויף מירעלעס שפּורן. די נאַצישע פֿרויליין באַפֿעלט צו זוכן און נישטערן אומעטום און איר הונט געפֿינט אויס מירעלען און שלעפּט זי אַפֿער פֿון אונטער אַ פּריטשע, ווו זי איז געווען באַהאַלטן.

די נאַצישע לאַגער־אויפֿזעערין איז איבעראַשט פֿון מירעלעס שיינקייט און דער עיקר, פֿון אירע גרויסע פּרעכטיקע אויגן און עס פֿאַלט איר איין אַ שגעונדיקער געדאַנק צו מאַכן פֿון זיי פֿאַר זיך אַ פּאָר אוירינגלעך. און אַזוי האָט זי טאַקע געטאָן. די אוירינגלעך טראָגט זי נאָר ביי ספּעציעלע פֿייערלעכע געלעגנהייטן, אין דער הויכער געזעלשאַפֿט. בלויז דאָרטן באַווייזט זי זיך מיט איר אָריגינעלער און פּרעכטיקער „צירונג”. אין דער איבעריקער צייט ליגן אירע אוירינגלעך און מירעלעס אויגן אין אַ ספּעציעל צירונג־שקעטעלע.

פֿאַרשטייט זיך, אַז אַש ווי אַ קינסטלער, וועלכער האָט געקענט דעם סוד פֿון אימאַזשינאַציע, האָט געוווסט ווי אַזוי די „יידישע אויגן” צו פֿאַרוואַנדלען אין אַ שיינער פֿרציאַנישער מעשה. נאָך דעם ווי די אַמעריקאַנער אַרמיי קומט אַריין אין דייטשלאַנד ווערט די „פֿרויליין געטרודאַ” געכאַפּט און עס ווערן אַנטדעקט ביי איר די אוירינגלעך פֿון מענטשלעכע אויגן. דער יידישער „טשאַפּלעין” (מיליטערישער ראַבינער) ברענגט זיי צו קבר ישראל אין א קבר פֿון אַ יידישן סאָלדאַט פֿון די בראָנקס, וועלכער ברענגט זיי שפּעטער אין הימל אריין. ווען מען וויל דערנאָך די אויגן צוריק איינפּאסן אין די אויגן־לעכער פֿון מירעלען,

וויל זי דאָס נישט, ווייל צופיל שלעכטס האָט זי געזען מיט אירע אויגן, זאָגט זי.

די מוטער רחל פירט אַוועק מירעלען צום כסא הכבוד, אָנגענומען ביי א האַנט, און אין דער צווייטער האַנט האַלט זי מירעלעס אויגן אין אַ תפילין־זעקעלע, וואָס אַ מוטער האָט אויפגענייט פאַר איר ייִנגעלע ווען ער האָט שוין נישט געלעבט.

און גאָט האָט באַפוילן — ענדיקט זיך דאָס טראַגיש־פאַנטאַסטישע מעשהלע — און מען האָט מירעלעס אויגן איינגעפאַסט אין כסא הכבוד און דאָרטן פינקלען זיי פאַר אַלע יידישע קינדערס אויגן, וואָס זענען אויסגעלאָשן.

סיי די פאַרוואַנדלונג פון די „יידישע אויגן" אין הימל און סיי זייער מאָראַל זענען זייער שיין און דערהויבן, אָבער מיר גייט דאָ בלויז אין דעם אויסטערלישן דייטשן גרויל־עפּיזאָד, וואָס האָט מיר פון דעסטוועגן אויסגעזען נישט וואַרשיינלעך און אויסגעטראַכט. איך האָב געספּקט צי אַש האָט פון דעם עפּיזאָד ערגעץ־ווו געהערט און אויב יאָ — צי ער איז נישט אַמאָל פאַרפירט געוואָרן און צו איז נישט אַמאָל די גאַנצע מעשה מיט די אויסגעשניטענע יידישע אויגן, פאַרוואַנדלט אין אוירינג־לעך, געבוירן געוואָרן אין זיין כוח־הדמיון.

איך האָב זיך נאָכגעפרעגט ביי פאַרשידענע קאָמפּעטענטע מענטשן אויפן פאַרש־געביט פון יידישן חורבן און פון די נאַצישע גרויל־מעשים, אָבער וועגן אַזאַ פאַל (ווי מיט די „יידישע אויגן") האָט קיינער נישט געהאַט געהערט.

ערשט, אַז איך האָב מיט יאָרן שפּעטער איבערגעלייענט דאָס אויפ־טרייסלענדיקע בוך „קאַפּוט" פונעם איטאַליעניש שרייבער קורזיאָ מאַ־לאַפּאַרטע האָב איך ערשט באַנומען ווי שלום אַש איז געווען באַרעכ־טיקט און וואָרהאַפטיק מיט זיין ארויסברענגען פאַר אונדז דעם אויס־טערלישן פאַל מיט די יידישע אויגן און ווי ווייט זיין שרייבערישע אינ־טואיציע האָט געקענט גרייכן.

מאַלאַפּאַרטע איז אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען קריגס־קאָרעספּאָנדענט. אָנגעטאָן אין אַן אוניפאָרם פון אַן אָפּי־ציר פון דער איטאַליענישער אַרמיי האָט ער אָנגעשפּאַרט אומעטום. ער האָט געהאַט אַ געלעגנהייט מיטצומאַכן אַלע אָנגריפן פון דער וערמאַכט, אירע בליצזיגן, און דערנאָך אויך אירע בליץ־מפּלות און ריקצוגן. ער טראָגט זיך איבער אָן דער מינדעסטער שוועריקייט פון איין אָקופּירטן געביט צום אנדערן. אָט איז ער אין פינלאַנד, רוסלאַנד, אוקראַינע, און אָט אין רומעניע, בעסאַראַביע, מאָלדאַוויע, קראָאַטיע, פוילן. ער קוקט זיך

צו פון דער נאָענט צו די גרויזאַמע אכזריותן און רציחות פון די היטלע־ריסטן. ער האָט די טרויעריקע געלעגנהייט צוצוקוקן זיך און צו אָבסער־ווירן פאַרברענטע שטעט און פאַרניכטעטע דערפער און ישובים. ער קומט אין וואַרשעווער געטאָ און אין אַנדערע געטאָס און לאַגערן. ער האַלט אָפּ געשפּרעכן מיט אַלע וויכטיקסטע נאַצישע גדולים, גובערנאַ־טאָרן און גאַולייטערס און אנדערע נאַצישע פירער. פון די אַלע באַגע־געענישן, געשפּרעכן, פון אַלע זיינע אָבסערוואַציעס און איינדרוקן אַנט־שטייט זיין מערקווירדיק בוך „קאַפּוט", א זעלטענער קינסטלערישער דאָ־קומענט און גבית־עדות פון דער לעצטער וועלט־מלחמה און באַזונדערס פון די נאַצישע גרויל־מעשים. דאָס דייטשע וואָרט „קאַפּוט", וואָס מאַ־לאַפּאַרטע האָט אויסגעקליבן פאַרן טיטל פון זיין בוך, וויל אויסדריקן צעשטערונג, מפּלה, פאַרצווייפלונג, כאַאָס און אונטערגאַנג; דער מענטש־לעכער אונטערגאַנג, וואָס אנטשטייט אין רעזולטאַט פון דער נאַצישער הערשאַפט, ווו אַלץ גייט אונטער און אויך ער, דער באַשאַפער פון אונ־טערגאַנג, דער נאַציזם אליין, מוז סוף כל סוף דעגענערירן און אונטער־גייען.

„קאַפּוט" איז געשריבן מיט א רייכער און קערנדיקער שפּראַך, מיט טאַלאַנט און אָבסערוואַציע־פעאיקייט, מיט אַנאַליטישקייט און אַריינ־דרינג אין מענטשלעכע גורלות. עס שאַקירט נאָר אָפּט מאַלאַפּאַרטעס האַלטן זיך אין א זייט פון דעם באַשרייבענעם און געשילדערטן, זיין קאַלטקייט און „אָביעקטיוויטעט" ביים מאָלן און אַרויסברענגען די פּאַר־טרעטן פון די נאַצישע הערשער און די סצענעס פון רציחה און גרויל. דאָס נעמט אָבער גאָרנישט צו פון דער אויטענטישקייט און וואָרהאַפּ־טיקייט פון זיינע שילדערונגען, וואָס פאַסצינירן און דערשיטערן ביים לייענען זיי, טראָץ דעם וואָס דאָס איז אפשר נישט געווען זיין ציל און כוונה.

אין איינעם פון די קאַפּיטלען פון זיין בוך מיטן נאָמען „אַ קויש מיט אויסטערס" באַשרייבט מאַלאַפּאַרטע זיינעם א באזוך ביים קראָאַ־טישן פאַשיסטן־פירער אַנטע פּאַוועליטש. זיצנדיק אינעם קאַבינעט פון דעם טרויעריק־באַקאַנטן קריגס־פאַרברעכער, האָט מאַלאַפּאַרטע באַ־מערקט אויף זיין ביוראָ־טיש א קויש מיט אויסטערס. אלנפאַלס, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דאָס זענען אויסטערס, אָדער אַנדערע צי־טערנדיקע ים־באַשעפענישן, אַרויסגענומענע פון זייערע שאָלן. אַרויס־געוויזן האָט זיך אָבער, אַז דאָס זענען נישט עפּעס אנדערש ווי מענטשלע־כע אויגן!

אַנטע פּאַוועליטש האָט זיך גאָרנישט זשענירט צו האַלטן אָט די

אויסגעשניטענע מענטשלעכע אויגן אויף זיין טיש און נישט געפילט פאַר נויטיק זיי צו פאַרדעקן, זיי אויסצובאַהאַלטן, אַט די אויגן, פאַר א זייטיק אויג.

אויב האָט מאַלאַפּאַרטע געקענט אפשר בלייבן ביים איינדרוק, אַז דאָס זענען טאַקע אויסטערס, האָט אַנטע פּאַוועליטש נישט געוואָלט, אַז ער, מאַלאַפּאַרטע, זאָל פאַרפירט ווערן און בלייבן ביי אַט דעם פאַלשן איינדרוק, און אויפהויבנדיק נאָך מער דאָס דעקל פונעם קויש האָט ער אים געזאָגט מיט א שמייכל:

— דאָס איז א מתנה פון מיינע געטרייע אוסטאַשיס; דאָס זענען צוואַנציק קילאָ מענטשלעכע אויגן.

צוואַנציק קילאָ מענטשלעכע אויגן און מסתמא אויך יידישע אויגן, וואָס די פאַשיסטישע רוצחים האָבן ארויסגעשניטן פון זייערע אומגליקלעכע קרבנות און זיי געשענקט זייער פירער, דעם פאַגלאַווניק, אַז זיי זאָלן באַצירן זיין ביוראָ־טיש און אים פאַרשאַפן נחת־רוח.

ביים לייענען דאָס דאָזיקע קאַפּיטל פון מאַלאַפּאַרטעס בוך „קאַפּוט", האָבן אויפגעטויכט אין מיין זכרון די „יידישע אויגן" פון שלום אַשס דערציילונג. זיי האָבן זיך באַגעגנט מיט די אויגן פונעם קויש פון אַנטע פּאַוועליטשס יידישע אויגן, מענטשלעכע אויגן־אוירינגלעך. יידישע אויגן, מענטשלעכע אויגן — מתנות. און מיט אַ געפיל פון פיין און שוידער איז מיין קאָפּ איצטער געזונקען טיף טיף אין קויש אַריין פון אַנטע פּאַוועליטש און מיין בליק האָט געזוכט דאָרטן מירעלעס יידישע אויגן פון שלום אשס דערציילונג אין זיין בוך „דער ברענענדיקער דאָרן".

מחילה פאַר עס-עס — אַן ענין פון דיסקוסיע?

זינט יאָרן רופט שמעון וויזענטאַל אַרויס ביי אונדז געפילן פון אַנער־קענונג און דאַנקבאַרקייט פאַר ווידמענען זיין על פי נס אָפּגעראַטעוועט לעבן דאָס זוכן מיט אייפער און עקשנות די אַנטרונענע און פאַרשטעקטע נאַצי־פאַרברעכער. מיט אַ ברכה האָבן מיר באַגלייט זיין יעדן גיין און דערגיין אויף די שפורן פון די אויסבאַהאַלטענע יידן־רוצחים. אים האָט אין זיין הייליקער שליחות אויך באַגלייט דער לעצטער אויסגייענדיקער בליק פון די פאַרפייניקטע יידן, וואָס ער האָט זיי געזען אומקומען, און וואָס מיט זייער בליק קוקט ער איצטער אויף דער וועלט.

ווי באַקאַנט, פירט אָן שמעון וויזענטאַל מיט אַ דאָקומענטאַציע־צענטער אין ווין, וועלכער פאָרשט די אומקום-תקופה און זאַמלט די באַווייזן פון די היטלערישע פאַרברעכנס, ווייל די וועלט, זעט אויס, דאַרף דאָך דאָס אַלץ נאָך האָבן „שוואַרץ אויף ווייס", בכדי מיר זאָלן זיין ביי איר „באַגלייבט." די דאָזיקע פאַרשערישע טעטיקייט גייט אַריין אין דער ראָם פון וויזענטאַלס אייפערדיקן פאַרפאָלגן און זוכן די נאַצי-פאַרברע־כער ווו זיי זאָלן זיך נאָר נישט געפינען ערגעץ אין דער וועלט, סיי פאַרמאַסקירטע מיט געענדערטע נעמען און סיי מיט געענדערטע פרצו־פים, מיט דער הילף פון פערפעקציאָנירטער פלאַסטישער כירורגיע, מיט א שטיק „ליקווידירטער" נאָז און מיט אַ שטיק צוגעגעבענער באָרד. ביי יעדן איינעם אויסבאַהאַלטענעם, סיי אין בוענאָס־איירעס, סיי אין סאַן־פּאַולאָ און סיי אין קאַירא האָט דער נאָמען שמעון וויזענטאַל אַרויס־גערופן אַ שרעק און עס האָט אויף אים געציטערט די פעל, אַז צוליב אים, וויזענטאַלן, וועט ער זי אַמאָל דאַרפן אָפּגעבן, די פעל.

דער גרעסטער אויפטו שמעון וויזענטאַלס איז געווען דאָס כאַפּן אייכ־מאַנען, אָבער אויף זיין רעגיסטער געפינט זיך אויך דאָס אויסזוכן דעם געוועזענעם קאָמענדאַנט פון טרעבלינקע, לעאָפּאָלד שטאַנגל, דאָס אַנטדעקן דעם שולדיקן אינעם אַרעסט און דעפּאָרטאַציע פון אַננאַ פראַנק און אַנדע־

רע מיט קלענערן „סטאַזש״, וואָס האָבן געשטעלט זייער לעבן אין דינסט פון טויט. פאַר אָט די אַלע לעגענדאַרע און געבענטשטע אַקציעס איז וויזענטאַל געקרוינט געוואָרן מיטן נאָמען „דער נאַצי־יעגער״. אויפן סמך פון זיינע היסטאָריש־פאַרשערישע דערפאַרונגען, פון זוכן און פאַנגען די נאַצי־רוצחים, האָט שמעון וויזענטאַל מיט עטלעכע יאָר צוריק אַרויסגעגעבן אַ בוך מיטן באַרעכטיקטן טיטל „די מערדער געפינען זיך צווישן אונדז״. און איך האָב שוין אַפילו געזען אין אַ פראַנצויזישער צייטונג באַצייכענען דאָס דאָזיקע בוך מיט דער היינט־צייטיקער קאָמערציעלער ביכער־רעקלאַמע: „בעסט־סעלער״, וואָס האָט געמאַכט אויף מיר אַ פריקרען איינדרוק, ווייל איך האָב געזען אין דעם דאָס ווערן, מצד דער צייטונג, מאַכן סענסאַציע פון אונדזער בראָך און פאַרמסחרן אונדזער טראַגעדיע.

אָבער מיטן בוך „די מערדער געפינען זיך צווישן אונדז״ האָט, זעט אויס, שמעון וויזענטאַל אַלץ נאָך נישט געהאַט געזאָגט און אַלץ נאָך נישט געהאַט דערזאָגט. ווייל אָט האָב איך זיך דערוווסט, אַז אַ ניי בוך זיינס דערשיינט און אַז דאָס דאָזיקע בוך האָט טאַקע אַ שייכות צו דער צייט ווען ער איז געווען אַ נאַצי־קרבן, אָבער ער האָט נישט בדעה צו דערציילן וועגן די איבערלעבענישן זיינע בעת זיין געפינען זיך אינעם קאָנצענטראַציע־לאַגער לעמבערג, נאָר בלויז וועגן אַ געוויסן אויסטערלישן עפּיזאָד, וואָס האָט מיט אים פּערזענלעך פּאַסירט אין יענער תקופה, בעת וועלכן ער איז געשטעלט געוואָרן פאַרן נסיון צו דאַרפן מוחל זיין אַ שטאַרבנדיקן עס־עס־מאַן זיינע פאַרברעכנס קעגן יידן. דער דאָזיקער פאַל, זעט אויס, האָט וויזענטאַלן געמאַטערט די גאַנצע צייט, ווי דאָס וואָלט געווען זיינער אַ מין נישט־פאַרענדיקטער חשבון־הנפש, וואָס דאַטירט פון יאָר 1942, און איצטער, נאָך זיבן און צוואַנציק יאָר, לאָזט ער נאָך אַלץ נישט צורו דעם געוויזנענעם קאַצעטלער און ער איז גאָר ביי אים קאַפּויער געקומען און זיך פאַרשטאַרקט, אַרויסרופנדיק ביי אים ספקות און אומזיכערקייט בנוגע זיין האַנדלונג. און היינט, אַנשטאָט צו גריבלען זיך אין זיינע פאַרש־מאַטעריאַלן און דאָקומענטן זעט מען שמעון וויזענטאַלן זיך גריבלען אין זיין אייגענער נשמה, ווי ער וואָלט עפּעס געהאַט אויפן געוויסן וואָס באַהערשט אים דאָס גאַנצע לעבן.

איך האָב זיך דאָס דערוווסט פון איינעם פון די לעצטע נומערן פון „פיגאַראָ ליטערער״, ווו אויף דער גאַנצער גרייס פון דער הילע פונעם פאַריזער ליטעראַרישן וואָכן־זשורנאַל האָט מען געקענט זען אַ פּאָרטרעט פון אַן עס־עס־מאַן מיט זיין העלם און מונדיר, וועלכער דאַרף פאַרשטעלן מיט זיך דעם עכטן נאָרדישן טיפּ און פאָרשטייער פון דער ריינער אַרישער ראַסע. ביי דער זייט האָט מען געקענט לייענען אַ צושריפט מיט גרויסע

אותיות: „שמעון וויזענטאַל שטעלט די פראַגע": „צי קען מען זיי מוחל זיין?" ס'איז שווער צו וויסן, צי די דאָזיקע אויסטערלישע פראַגע שטעלט שמעון וויזענטאַל אַליין, צי דער זשורנאַל שטעלט זי אָן זיין וויסן. ווי עס זאָל נישט זיין, ענדערט דאָס מיט גאָרנישט דעם פּיינלעכן איינדרוק וואָס דער עצם שטעלן די דאָזיקע פראַגע קען ביי אונדז אַרויסרופן.

ווען מען עפנט דעם זשורנאַל ווערט קלאָר אַז די צוציענדיקע הילע מיט דער געשטעלטער דראַסטישער פראַגע האָט אַ שייכות צו שמעון וויזענטאַלס נייעם בוך מיטן פּאַטעטישן נאָמען „זון־בלומען" (אַ נאָמען וואָס איך פאַרשטיי נישט, אגב, די סמיכות־הפּרשה) און דער ציל פונעם זשורנאַל איז אונדז אַלע אַריינצוציען אין דער אַנטשיידונג אויף דער „געוויסן־פראַגע", אויף דעם „פּראָבלעם".

דער זשורנאַל פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערן אָפּשניט פון וויזענטאַלס בוך ווו עס ווערט אַרויסגעבראַכט אַט דער עפּיזאָד, ווו דער מחבר ווערט געשטעלט פאַרן נסיון צו דאַרפן מוחל זיין דעם עס־עס־מאַן. איין מאָל, אין יאָר 1942, ווען מען האָט וויזענטאַלן אַרויסגעפירט פון לאַגער מיט אַ קאָמאַנדאָ אויף אַרבעט אין שטאָט אַריין אין אַ טעכנישער שול, ווו עס איז איצטער געווען איַנסטאַלירט אַ דייטשער מיליטערישער שפּיטאָל, האָט זיך צו אים דערנענטערט אַ קראַנקן־שוועסטער און אים געפרעגט צי ער איז אַ ייד. ווען ער האָט נאָך אַ געוויסער וואַקלעניש געענטפערט אַז יאָ, האָט זי אים געהייסן מיטגיין מיט איר און אים אַריינגעפירט אין אַ צימער פון שפּיטאָל, ווו אויף אַ בעטל איז געלעגן אַ יונגער שטערבלעך-פאַרוווּנדעטער עס־עס־מאַן. ער האָט פאַרלאַנגט פון דעם יידישן קרבן און קאַצעטלער נישט מער און נישט ווייניקער, נאָר אַז ער זאָל אים מוחל זיין פאַר זיינע באַגאַנגענע פאַרברעכנס קעגן יידן (וואָס ער וואָלט זיי, אגב, ממשיך געווען, ווען ער וואָלט נאָך ווייטער געלעבט). דאָס הייסט, ערשט איצטער, ווען דער עס־עס־מערדער, וועלכער האָט געברענגט טויט צו אַזויפיל אומשולדיקע מענטשן, און ער דערפילט שוין דאָס דערנענטערן זיך פון זיין אייגענעם טויט און ער ווייסט, אַז ער וועט שוין מער נישט קענען מאָרדן, קריגט ער חרטה אויף זיינע מעשים און גראָד נישט קיין אַנדערער ווי דער ייד, וועלכער האָט גריילעך אַליין געקענט זיין זיין קרבן, דאַרף דאָס אים פאַרגעבן זיינע רציחות איבער יידן, ווייל אַנדערש, זאָגט דער שווער-פאַרוווּנדעטער עס־עס־מאַן, וועט ער נישט קענען שטאַרבן רואיק...

און דאָ איז דער שטאַרבנדיקער עס־עס־מאַן זיך מתוודה פאַר וויזענטאַלן, דערציילנדיק אים וועגן אַלע הריגות אויף יידן, וואָס ער האָט צוגעזען און איז דערביי, פאַרשטייט זיך, נישט געווען בלויז קיין פּאַסיווער

צושויער. די אַלע גרויל־סצענעס פון אונטערצינדן אין דניעפּראָפּעטראָווסק מיט בענזין אַן אַנגעפּראָפּט הויז מיט יידן, דאָס וואַרפן זיך פון די פענצ־טער פון יידישע מאַמעס מיט קינדער, בעת זיי ווערן אונטערגעשאָסן, אַראָפּפאַלנדיק, זעט ער איצטער נאָך אַ מאָל פאַר זיינע אויגן. אָבער זיי גופא, די אויגן זיינע, זעט נישט וויזענטאַל, ווייל זיי זענען אַרומגעבונדן מיט ווייסע באַנדאַזשן, ווי דאָס גאַנצע פּנים בכלל, פון וועלכן מען זעט בלויז אַרויס די נאָז און דאָס מויל, דער עיקר דאָס מויל, ווייל אַנדערש וואָלט דאָך די ווידוי פונעם עס־עס־מאַן נישט געקאָנט דערגיין צו אונדז...

שמעון וויזענטאַל הערט אויס דעם שטאַרבנדיקן, ער פאַרלאָזט דאָס צימער, נישט זאָגנדיק אים קיין וואָרט, וואָס דאָס מיינט אַז ער האָט אים נישט מוחל געווען, ער האָט זיין „דעציזיע אָנגענומען", גיט צו וויזענטאַל צום סוף. און צומאָרגנס, ווען ער קערט זיך אום אין שפּיטאָל, דערוויסט ער זיך אַז דער עס־עס־מאַן איז געשטאָרבן.

איך וויל זיך דאָ נישט אַריינלאָזן אין דעם צי מען האָט דאָ צו טאָן מיט פיקציע אָדער רעאַליטעט. איך וויל אָנגעמען, אַז דער מחבר האָט געוואָלט בעמען דעם פאַל, אַפילו ווען ער זאָל נישט האָבן געווען אויטענ־טיש, פאַר אַ פּרעטעקסט צו קענען אָוועקשטעלן די פראַגע פון יאָ אָדער נישט מוחל זיין די עס־עס־לייט. וואָלט זיך געקענט באַשטעטיקן אַז דער עפּיזאָד איז אַ צוגעטראַכטער, וואָלט עס אויסגעפאַלן ערגער אין אַ גע־ויסן זין, ווייל עס וואָלט געהייסן אַז אַפילו אַזאַ פאַל ווו אַן איזאָלירטער איינציקער עס־עס־מאַן זאָל פאַרן טויט האָבן חרטה אויף זיינע באַגאַנגע־נע פאַרברעכנס און בעטן מחילה פאַר זיי, איז אויך נישט געווען בנמצא אין דער רעאַליטעט, און עס וואָלט זיך דאַן געקענט שטעלן די פראַגע: צוליב וועלכן צוועק האָט מען אים געדאַרפט באַשאַפן מיט די מיטלען פון אימאַגינאַציע? דער איינציקער ענטפער וואָלט געקענט זיין: פאַרן פּרעטעקסט צו שטעלן די פראַגע פון מחילה. וואָלט דאָס כדאַי געווען? איז דאָס אַזוי נייטיק געווען? בפרט אַז די פראַגע ווערט דאָ גענעראַלי־זירט, ס'הייסט, זי גייט איבער פון אַ פראַגע וועגן מוחל זיין אַן איינציקן איזאָלירטן שטערבלעך־פאַרוואונדעטן עס־עס־מאַן, וואָס האָט, לאָמיר זאָגן, יאָ חרטה געהאַט אויף זיינע מעשים, צו אַ פראַגע פון מוחל זיין אַלע עס־עס־לייט און במילא דעם גאַנצן נאַציזם, ווייל אַזוי ווערט בפירוש די פראַ־גע געשטעלט: „צי קען מען ז י י מוחל זיין?"

וויזענטאַלס שילדערונג, און גאָר באַזונדערס אין דער ראַם פון „פּי־גאַראָ ליטעראַר", קען נאָך גאָר ביי אַ געוויסן מין לייענער אַרויסרופן רחמנות־געפילן צום שטאַרבנדיקן עס־עס־מאַן און האָבן פאַר זיך די וויזיע

און די מסקנה, אַז נישט דער ייד איז דער קרבן, נאָר ער, דער יונגער עס־עס־מאַן קאַרל, וועלכער לײַדט איצטער סיי פיזיש און סיי מאָראַליש, וועלכער וויל קומען אויף יענער וועלט אַ געלייטערטער מיט אַ ריין גע־וויסן, נאָר ער, דער ייד דער אכזר, לאָזט אים נישט שטאַרבן אין פרידן...

ס'איז שווער צוריקצוהאַלטן אַ שמייכל, דערוויסנדיק זיך אַז קאַרל וויל דווקא נאָר שטאַרבן אין פרידן. אַנדערש נישט... אין יענער צייט, אין יאָר 1942, אין יאָר פון מיליאָניקן טויט, ווער האָט דען געטראַכט וועגן שטאַרבן רואיק? זעט אויס, אַז בלויז אַן עס־עס־מאַן האָט דעמאָלט געקענט האָבן אַזעלכע השגות און זיך וועלן פאַרגינען אַזאַ „לוקסוס"...

אין שייכות מיט דעם וואָס שמעון וויזענטאַל האָט מיט זיבן און צוואַנציק יאָר צוריק נישט געגעבן קיין ענטפער דעם עס־עס־מאַן, האָט ער איצטער, נאָכן אָנשרייבן זיין דעריבערונג, זיך געוואָנדן צו דריי און דרייסיק פערזענלעכקייטן אין דער וועלט, אַז זיי זאָלן אים פסקענען די שאלה און אים געבן אַ תשובה, צי ער האָט ריכטיק געהאַנדלט, צי נישט. צווישן זיי געפינען זיך יידן און נישט־יידן פון פאַרשידענע האָריזאָנטן, סיי געאָגראַפיש און סיי גייסטיק, פאָרשטייער פון רעליגיעס, פון דער פּאָלי־טיק, וויסנשאַפט און ליטעראַטור. אַלע דריי און דרייסיק ענטפערס קומען אַריין אין וויזענטאַלס בוך. די גרעסטע טייל פון זיי זענען מטושטש און נישט פריי פון סאָפיזם און חקירה. אין דעם ענטפער פון סאַלוואַדאָר דע מאַדאַריאַגאַ, דרום־אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַט און שרייבער, איז אפילו פאַראַן אַ קוים־פאַרשטעלטער פאָרוואורף קעגן וויזענטאַלן פאַרן נישט האָבן מוחל געווען דעם עס־עס־מאַן פאַר זיינע רציחות. דאָס איז אין זיין זען אַ סתירה צווישן מענטש און ייד, ס'הייסט אַז דער מענטש אין וויזענטאַלן וואָלט יאָ מוחל געווען, נאָר דער ייד אין אים האָט עס נישט דערלאָזט, גלייך ווי דער אויפברויז און דאָס פאַראורטיילן די פאַרברעכנס פון היטלע־ריזם קעגן יידן און דאָס נישט פאַרגעבן זיי וואָלט געדאַרפט זיין אַן ענין בלויז פאַר יידן און נישט פאַר יעדן איינעם עכטן מענטש. דער ייד, אַלזאָ, וואָס האָט נישט מוחל געווען דעם פאַרברעכער, ער ווערט שוין דאָ באַלד דער פאַרברעכער.

בכלל וואונדערט זיך, פון דעסטוועגן, אויף דעם מחבר, אַז ער, וואָס האָט געוווסט פאַרוואָס ער זוכט אַרום איכמאַנען און די אַנדערע נאַציס און ער האָט קיינעם נישט געפרעגט צי ער טוט גוט מיט דעם, צי נישט, האָט געדאַרפט מטריח זיין אַ וועלט מיט מענטשן, אַז זיי זאָלן אים ענט־פערן צי ער איז געווען גערעכט מיט זיין נישט מוחל זיין דעם עס־עס־מאַן פאַר זיינע פאַרברעכנס, ווי ער אַליין וואָלט דאָ עפּעס געווען אומבאַהאָלפן און נישט גענוג קאָמפּעטענט דאָס צו וויסן.

און נאָך איז אַ חידוש אויף וויזענטאַלן: צוליב וועלכן צוועק איז אים דאָס, אייגנטלעך, נייטיק געווען אויפצורודערן דעם גאַנצן עסק? און צי האָט ער נישט געקענט פילן, אַז שוין דער עצם־ענין אַליין פון אַוועק־שטעלן זיין „פראַגע״, קען טרעפן אין דער נשמה־פילבאַרקייט פון יעדן ייד, וואָס האָט איבערגעלעבט די יאָרן פון אומקום און טראָגט אין זיין האַרצן דעם נישט־געשטילטן ווייטיק און דעם נישט פאַרגאַנגענעם טרויער?

.1969

מעמאָריאַל — היינטצייטיקער יידישער מקום-קדוש אין פּאַריז

פון צווישן די אַלטע אָפּגעשיילטע הייזער אין דער געגנט סען־פּאָל, אַ טריט פון דעם „פּלעצל", דעם עלטסטן יידישן קוואַרטאַל אין פּאַריז, הייבט זיך ארויס אַ שפּאָגל־נייער בנין מיט אַן אייגנאַרטיקן אויסזען. שוין מיט זיין נייקייט אַליין איז ער דאָ אַ פּנים חדשות. ווען מען האָט אים געהאַט פֿאַרענדיקט בויען האָט זיין פייערלעכער חנוכת־הבית, אין דרייסיקסטן אָקטאָבער 1956, געטראָגן ממש אַ מלוכהשן כאַראַקטער. צו זיין אינאָגוראַציע זענען געקומען מיניסטאָרן, גענעראַלן, דעפּוטאַטן, מוניציפּאַליטעט־ראַטמענער און אַנדערע חשובע פּערזענלעכקייטן, שוין נישט רעדנדיק פון פאַרשטייער פון דער אויסלענדישער און אינלענדישער פּרעסע, נייעס־אַגענטורן, ראַדיאָ־קאָרעספּאָנדענטן און טעלעוויזיע־אָפּעראַטאָרן. די אַלע אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן און הויך־געשטעלטע לייט וואָס זענען זיך דעמאָלט צונויפגעקומען צו דער פייערלעכער אינאָגוראַציע־צערעמאָניע, האָט די אָרעמע געגנט נישט די זכיה צו זען דאָ יעדן טאָג און דאָנערשטיק און זי האָט זיך געקענט גרויסן וואָס צוליב דעם נייעם שכנותדיקן בנין גיט מען איר שוין, אין איינוועגס, אויך אָפּ כבוד, צי מען וויל צי מען וויל נישט.

דער געדאַנק און איניציאַטיוו אויפצושטעלן אַזאַ בנין לזכר דעם יידישן חורבן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה געהערן צו דעם פאַרשטאָרבענעם גוט־באַקאַנטן פּאַריזער יידישן עסקן יצחק שניאורסאָן וועלכער האָט געשאַפן צו דעם צוועק אַ געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט, וואָס זאָל האָבן די אַפּוטרופּסות איבער דעם דאָזיקן בית־הזכרון. ער האָט אָפּיציעל באַקומען דעם נאָמען: „מעמאָריאַל פון אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער", וואָס דערמאָנט, אגב, אַ ביסל אין דעם נאָמען פון „קבר פון אומבאַקאַנטן זעלנער". מיט דער צייט האָט מען דעם נאָמען מקצר געווען און אים אָנגעהויבן צו רופן בלויז מיטן ערשטן וואָרט: „מעמאָריאַל".

**
*

ווי ווייט עס גרייכט די חשיבות פונעם מעמאָריאַל קען דינען אויך דער פֿאַקט וואָס די פּאַריזער מוניציפּאַליטעט האָט געשענקט דעם באָדן פאַר אים און אַז זיין דערעפענונג איז פאָרגעקומען אונטער דעם ערן־פּאַטראָנאַזש פון פראַנצויזישן מלוכה־פּרעזידענט און פון ישראלדיקן מלוכה־פּרעזידענט און אַז דער געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט איז געווען אונטערן פאָרזיץ פון דעמאָלטיקן פראַנצויזישן יוסטיץ־מיניסטער זשיסטען גאָדאַר.

**
*

פון וואַנען מען זאָל נישט אָנקומען, באַמערקט מען אים, דעם אייגנאַרטיקן בנין. ער טיילט זיך אויס מיט זיין סימעטרישקייט און איין־פאַרמיקייט — דעם חותם פון דער מאָדערנער אַרכיטעקטור — און גאָר באַזונדערס, מיט זיין אָן־פענצטערדיקער פאַסאַדע וואָס איז בלויז באַצירט מיט אַ גרויסן בראָנדזענעם מגן־דוד, וואָס פון זיין רעכטער זייט איז אויסגעקריצט דאָס איינציקע וואָרט „געדענק” און פון זיין לינקער זייט: „זכור”. אָבער די באַצייכענונג „באַצירט” פּאַסט זיך עפּעס נישט דאָ אַהער, ווייל דער גאַנצער מעמאָריאַל־בנין איז דער היפוך פון באַצירונג. ער מאַכט גיכער דעם איינדרוק, ביים ערשטן מאָל דערזען אים, פון אַן איין־פאַרמיקן בלאָק, פון אַ שטיק נישט־געצאַצקעטן מצבה־שטיין, אַזאַ וואָס מען שטעלט אין געאייל נאָך אַ געפאַלענעם קעמפער ערגעץ־ווו אויף אַ שלאַכטפעלד. איך ווייס נישט צי דאָס איז געווען די אינטענץ פון די שעפער פונעם מעמאָריאַל אַז אויסערלעך זאָל ער אויסזען ווי אַ מצבה, ווי אַ דענקמאָל, צי ער איז טאַקע אַזוי לכתחילה פאַרטראַכט געוואָרן. פאַר מיר, אַלנפאַלס, האָט ער זיך אַזוי אַנטפּלעקט ביים ערשטן אויגנבליק מיט זיין זין און אידעע, וואָס איך האָב געזען אין אים.

איך ווייס אויך נישט צי דאָס אָרט ווו דער בנין איז געשטעלט געוואָרן איז בכיוון צוגעקליבן געוואָרן פאַר אים. ווי עס זאָל נישט זיין, האָט ער קיין פאַסיקער און בכבודיקער אָרט נישט געקאָנט האָבן ווי דאָ, צווישן דעם „פּלעצל”, דעם עלטסטן יידישן ווינקל פון פּאַריז, און די ברעגן פון דער סען — דעם עלטסטן ווינקל פון פּאַריז בכלל, אַרומגערינגלט פון אַלטע הייזער, טייל שוין אונטערגעשפּאַרטע מיט סלופּעס, אַז זיי זאָלן נישט אומפאַלן. הייזער, וואָס האָבן שוין אָפּגעדינט דאָס זייעריקע און זענען שוין ראוי צו פאַרשווינדן.

פון איין זייט פונעם מעמאָריאַל ראַנגלט זיך אין עטלעכע צונויפ־

געקוועטשטע געסלעך אָן אַלטע טראַדיציאָנעלע יידישקייט וואָס שטעלט זיך פֿאַר מיט סידורים און מחזורים, מיט שמאַלע זיידענע טליתימלעך און קאַפּע־לעך, מיט פּליטעס פֿון חזנישע ניגונים, מיט היימישע מאכלים און מיט ראַזשינקעס און מאַנדלען און אַפילו, פֿאַר אַ נאַווינע, מיט אַ באַנד לידער פֿון אַ הייגטצייטיקן יידישן פּאָעט, וואָס שטייט אַזוי לאַנג אין דער וויטרינע ביז דער פּאָעט גיט אַרויס אַ נייעם באַנד לידער.

פֿון דער צווייטער זייט פֿונעם מעמאָריאַל ליגן די שוועלן פֿון דער סען — די וויג פֿון פּאַריז. ראָמאַנטיק פֿון פּאַריז. געשיכטע פֿון פּאַריז. ביי אירע ברעגן, ביי די שטעלן פֿון די באַרימטע בוקיניסטן, קען מען זען אַ מענטש זיך פֿאַרטיפֿן אין די אוצרות פֿון דער פֿראַנצויזישער קלאַסישער ליטעראַטור און אונטן קען מען זען אַ מענטש זיך פֿאַרטיפֿן אין אירע וואַסערן — מיט אַ װענטקע. אַלטע טורעמס און טויבן. באַוואַקסענע קלאָשאַרן און היפּיס. עס באַהעפֿט זיך דער עבר מיט דער איצטיקייט.

יאָ, אויסערלעך קען אויסזען דער מעמאָריאַל ווי אַ מצבה, אָבער אינעווייניק, אין דער מצבה, פּולסירט דאָרט מיט לעבן, מיט לעבן וואָס גיט זיך אָפּ מיט טויט, מיטן זעקס־מיליאָניקן טויט פֿון די יידן אין אייראָ־פּע בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. עס איז דאָ אָנגעזאַמלט אַ ריזיקער דאָקומענטאַציע־מאַטעריאַל אין שריפֿט און אין בילד, געווידמעט זייער אומקום און גבורה. עס איז דאָ פֿאַראַן אַ פּערמאַנענטע אויסשטעלונג וואָס אילוסטרירט דעם דאָזיקן ציל מיט דיאַגראַמעס, מאַקעטן און בילדער פֿון די טויטן־לאַגערן אין פּוילן און אין דייטשלאַנד און אויך מיטן געגויען פּלאַן פֿונעם לאַגער דראַנסי, נישט ווייט פֿון פּאַריז. מען זעט די פֿאָטאָ־גראַפֿיעס פֿון די קרבנות און פֿון די ווידערשטאַנד־קעמפֿער, ווי אויך די פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון די פֿראַנצויזישע חסידי אומות העולם, רעטער פֿון פּאַריזער יידן, צווישן וועלכע איך דערקען מיינע אייגענע רעטער.

שטענדיק ווערט דאָ עפּעס געטאָן, געאַרבעט. עס ווערט צוגעלייגט מיט פּיעטעט אַ האַנט צו דער עבֿודת הקודש. עס קלאַפּן שרייב־מאַשינ־קעס און עס קלינגט דער טעלעפֿאָן, עס ווערן קלאַסירט פּאַפּיר־בויגנס, דאָקומענטן, פֿאָטאָקאָפּיעס, וועלכע עטעמען מיטן אָפּגעהאַקטן אָטעם פֿון יידישע דורות.

מיט דער צייט איז דער מעמאָריאַל געוואָרן אַ שם־דבר, אַן אַדרעס פֿאַר פּאַריזער יידן און אַ וועלט־אַדרעס פֿאַר אויסלענדישע יידן. מען געפֿינט זיין נאָמען אין די פּראָספּעקטן פֿון די טוריסטישע געזעלשאַפֿטן, ווי איינעם פֿון די אינטערעסאַנטסטע ערטער אין פּאַריז צו באַזוכן. אַן אויסלענ־דישער ייד וואָס קומט קיין פֿראַנקרייך וועט נישט פֿאַרלאָזן פֿריער פּאַריז

ביז ער וועט נישט האָבן באַזוכט דעם מעמאָריאַל. אָבער ער קומט נישט דאָ אַהער בלויז ווי אַ טוריסט, צו אַן אָרט פון אַן אַלגעמיינעם אינטערעס, נאָר ווי צו אַן אָרט וווּהין מען איז עולה רגל מיט געפילן פון יראת הכבוד. זעט מען אָפט יחידים און גרופּעס, מיטן פּאַריזער שטאָט־פּלאַן אין האַנט און מיטן פֿאָטאָגראַפֿישן אַפּאַראַט אָנגעהאָנגען אויפן אַקסל. און דאָ, וווּ עס ווערט פֿאַראייביקט דער אָנדענק פון קדושים, פֿאַראייביקט מען זיך אויך אין דרויסן, אויפן הויף, אויפן פאָן פון דער מצבה־פּאַסאַדע פונעם מעמאָריאַל, ווו מען איז זיך מתיחד מיט איר און צום אַהיימפאָרן וועט מען מיטנעמען מיט זיך אַ טרויעריקן סוווועניר פון דעם פריידיקן פּאַריז.

די לעבן־געבליבענע פּאַריזער יידן פון די פֿאַרניכטעטע און אויסגע־קוילעטע יידישע שטעטלעך אין פּוילן, די לאַנדסמאַנשאַפטן און געזעל־שאַפטן, האָבן געמאַכט פונעם מעמאָריאַל זייער צענטראַלן טרויער־אָרט, זייער אַלגעמיינעם מקום־קדוש, ווו זיי אָרדענען איין יעדעס יאָר די אזכרות נאָך זייערע אומגעקומענע קרובים און לאַנדסלייט און קיין פּאַסיקער און בכבודיקער אָרט ווי אינעווייניק אין דער מצבה, ווו זיי צו דערמאָנען, האָט גאָרנישט געקענט זיין.

יעדעס יאָר, אָנהייב האַרבסט, ווען עס נעמען פֿאַלן די ערשטע בלעט־טער פון די ביימער ביי די ברעגן פון דער סען, פֿאַלט די טרער פון די ערשטע יזכור־אָוונטן, געהייליקט די פֿאַרשניטענע יידישע קהילות, שטעט־לעך און ישובים. די דאָזיקע יזכור־אָוונטן זענען שוין זינט דעם סוף פון דער מלחמה געוואָרן אַ טראַדיציע און זיי האָבן שוין זייער שטענדיקן נוסח, סדר און צערעמאָניאַל: דאָס אָנצינדן די זעקס ליכט, דער סימבאָל פון די זעקס מיליאָן אומגעקומענע יידן, וואָס דער כבוד ווערט שטענדיק צוגעטיילט אַ געוועזענעם דעפּאָרטירטן, אָדער אַ פרוי פון אַן אומגעקומענעם אויף דעפּאָרטאַציע, צי אַ יתום נאָך אומגעבראַכטע טאַטע־מאַמע. דערנאָך קומען די תפילות פונעם חזן, וועלכער ברענגט־מיט מיט זיך אין אַ טעקע זיין שוואַרצע הלבשה. דערנאָך גייען די יזכור־רעדעס, דערמאָנונגען, זכרו־נות פון שטעטל, גבית עדות פון די על פי נס לעבן־געבליבענע פון די געטאָס און לאַגערן. אַמאָל אויך אַ רעפעראַט פון אַ געזעלשאַפטלעכן עסקן צי פון אַ שרייבער, רעציטאַציעס פון אַ שוישפּילער אָדער היימישן אַמאַטאָר פון דער לאַנדסמאַנשאַפט. דערנאָך קומט פאַר דאָס אַראָפּנידערן אין דער קריפּטע (אונטערערדישער טייל פון מעמאָריאַל) ווו עס רוט דאָס אַש פון די קדושים, אַהערגעבראַכטע פון פֿאַרשידענע לאַגערן און פון וואַרשעווער געטאָ, צו באַקומען דאָ אַ תיקון אונטערן גרויסן שוואַרצן שטיינערנעם מגן־דוד. אין דער שוואַכער שיין פון דעם נר־תמיד־פלעמל באַוועגן זיך אין

טונקעלן חלל די שאָטנס פון די טויטע און פון די לעבעדיקע. אַרום הערשט אַ געפּרעסטע שטילקייט און פאַרכטיקייט. עס לויערט פון די ווינקלען אַ דורותדיקע אימה, וואָס האָט געגעסטעט אַמאָל אין די אַלטע שילן אין די יידישע שטעטלעך פון פּוילן, דאָרטן ווו עס האָט זיך געפונען די מיטה און ס'האָבן זיך געוואַלגערט אַלטע פאַרגעלטע שמות.

די לאַנדסלייט טוליען זיך ענגער צונויף ביים קאָלעקטיוון קדיש און ביים הערן דעם טראַדיציאָנעלן „אל מלא רחמים", וואָס צעברעכט די געמיטער מער נאָך ווי שטענדיק, ווייל זינגט נאָך דער מלחמה יאָמערט ער און קלאָגט מיט אַ נייעם נוסח, מיט נייע ווערטער און נעמען וואָס יעדער רייסט אויס אַ שטיק האַרץ, שלוכצן און ספּאַזמען: „קדושים וטהורים... מאָוישוויץ, ומאַידאַנעק, מבערגען־בעלזען וטרעבלינקע, מסאָביבאָר ובאַבי־יאַר..."

*****

מען עטעמט אָפּ לייכטער ווען מען קומט צוריק אַרויף אין ליכטיקן פאַרזאַמלונג־זאַל ווו דער יזכור־אָוונט ווערט פאָרגעזעצט, אַמאָל שוין ביי אַ מער אָנטשפּאַנטער שטימונג, בעת וועלכער עס ווערן דערליידיקט די מאַ־טעריעלע ענינים פון דער לאַנדסמאַנשאַפט, ווי מיטגלידס־אָפּצאָל, באַשטיי־רונגען און דאָס גלייכן. אַ לאַנדסמאַן האָט דעמאָלט די געלעגנהייט אויסצו־פרעגן ביי אַ לאַנדסמאַן ווי עס גייט מיט געזונט און פּרנסה, וואָס עס מאַכן קינדער און אייניקלעך, ווי עס האַלט ביי זיי מיטן לערנען און שטודיום און ווי מען האָט פאַרברענגט דעם לעצטן וואַקאַנס.

אַרויפקומענדיק צוריק פון דער פינצטערער אימהדיקער קריפּטע אין דעם ליכטיקן זאַל דערפילט מען ערשט דעם זין און דעם ווערט פונעם ביטער־אויסגעקעמפטן און ניצול־געוואָרענעם לעבן און ווי שטאַרק מען דאַרף עס אָפּהיטן און שעצן.

אָבער נישט בלויז פאַרן צענטראַלן אָרט פון צער און טרויער דינט דער מעמאָריאַל, נאָר אויך פאַרן צענטראַלן אָרט פון ווייַ און ווייגעשריי. נישט בלויז פאַרן אָרט פון יזכור־אָוונטן פון עטלעכע צענדליק מענטשן האָבן פאַריזער יידן געמאַכט פונעם מעמאָריאַל, נאָר אויך פאַרן אָרט פון אַלגע־מיינע אָנדענק־פייערונגען און גרויסע פאָלקס־צונויפזאַמלונגען, פון מאַני־פעסטאַציעס פון סאָלידאַריטעט און פּראָטעסט, פּראָטעסט קעגן אַנטי־סעמיטיזם, קעגן אַנטי־יידישע רדיפות און גזירות אין דער וועלט. דעמאָלט איז נישטאָ קיין אָרט פאַר די הונדערטער יידן אין אַ קליינעם זאַל און דער גרויסער הויף גייט איבער פון מענטשן וואָס זאַמלען זיך אויך אויף דער גאַס אַרום דעם מעמאָריאַל.

דער מעמאָריאַל איז געוואָרן דאָס איינציקע פאַרהייליקטע אָרט פון געוויסן פאַר פאַריזער יידן וווּ מען קען זיך קומען פאַרקלאָגן און אויסשרייען אָדער אויסשווייגן בלוטיקע טענות און פאָדערונגען. יאָ, בפירוש אויסשווייגן, ווייל אָפיציעל ווערן יידן גערופן אין דעם און דעם טאָג און שעה צו אַ „שטילער מאַניפעסטאַציע" ביים מעמאָריאַל. מער איז נישט דערלויבט ווי צו שווייגן. אָבער אָפט שרייט דאָס שווייגן מער ווי דאָס העכסטע געשריי און דאָס שווייגן אַליין קען אויך אַמאָל זיין אַ פּראָטעסט קעגן דעם אויפגעצוונגענעם שווייגן.

איינער נאָכן אַנדערן דעפילירן פאַרביי די מאַניפעסטאַנטן, קרייזן אַרום דעם רונדן גרויסן בראָנדזענעם בעקן אויפן הויף, אויף וועלכן עס זענען אַרום און אַרום אויסגעהאַמערט די אותיות פון די נעמען פון אַלע פאַרניכטונגס־לאַגערן און פון וואַרשעווער געטאָ. אים צופוסנס ליגן איצטער בלומען־קרענץ מיט בענדער פון פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס. עס האַלטן די ערן־וואַך ניצול־געוואָרענע דעפּאָרטירטע אין זייערע אומהיימלעכע געשטרייפטע לאַגער־בגדים און מיט די פענער פון זייערע אָרגאַניזאַציעס. יעדער איינער פון די מאַניפעסטאַנטן גייט אַרום מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם דעם רונדן בעקן מיט די נעמען פון די טויטן־לאַגערן, ווי ער וואָלט אַרומגעקרייזט אַן אַפּאָקאַליפּטישע וועלט. אין די הונדערטער גייט מען אַזוי אַרום און אַרום, פאַרזונקען אין שטילשווייגן. און פון אויבן, פון דער פאַסאַדע פונעם מעמאָריאַל, קוקט אַראָפּ דער גרויסער בראָנדזענער מגן־דוד ווי אַ ריזיקער אָדלער, אונטערגעהאַלטן פון ביידע זייטן מיט די צוויי מעכטיקע פליגל: „געדענק", „זכור".

דער שפּיגל פון אונדזער צייט

דער שפיגל פון אונדזער צייט

די טעלעוויזיע האָט אָן שום ספק אַריינגעבראַכט אַ סך נחת און פרייד אין מיליאָנען היימען. אַ קליינינקייט: טעאַטער און פילם, קאָנצערטן און ספּעקטאַקלען קען מען בייוווינען ביי זיך, אין דער פּיזשאַמע און שטעקשיך, געמיטלעך ביי אַ גלעזל טיי און קיכעלעך. בעת אַ מיאוס וועטער אין דרויסן. ווען ס'איז אָן עברה אַ הונט אַרויסצוטרייבן, מוז מען נישט דווקא, ווען מען וויל זיך פאַרווײַלן, אַרויסגיין אין גאַס. מען קען בלייבן אין ווייכן פאָטעל, נישט דאַרפנדיק זיך אָנגורטן מיט אַ שירעם, מיט אַ שאַליק, צי גאָר קאַלאָשן.

ס'איז געוואָרן אַ לייכטן ריר צו געבן ביי אַ קנעפּל און אַלע וועלט־געשעענישן (נאָר־וואָס פאַרגעקומענע) אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון דער וועלט, ווערן דיר געליפערט אין שטוב אַריין. סאַמע פּערפעקציע און באַקוועמלעכקייט. דאָס לעבן פון דער קומענדיקער געזעלשאַפט וועט אפשר זיין אָפּהענגיק פון אַ דריק אויפן קנעפּל. מען זאָגט אונדז פאָרויס שוואַרצע נביאות, אַז אויך די קומענדיקע מלחמה וועט זיין אַ קנעפּל־מלחמה. ראַציאָנעלקייט און העכסטע דערגרייכונג פון דער טעכניק. מען האָט אָבער נאָך נישט געהערט, אַז אויך דעם שלום זאָל מען קענען דערגרייכן דורך אַ דריק אויף אַ קנעפּל. דאָ הערשט נאָך אַלץ אָפּגעשטאַנענקייט, דעפעקטיווקייט און רעגרעס. נודנע קאָנפערענצן, לאַנגע אונטערהאַנדלונגען, און אַמאָל דאָס אויך נישט. דאָ, ווו עס איז מלחמה קומט נישט קיין שלום און דאָ, ווו עס איז שלום, קומט מלחמה. ווי למשל, די ספּאָראַדישע מלחמה־אַקטן, גרענעץ־פּראָוואָקאַציעס און צוזאַמענשטויסן צווישן פעלקער־כינע און ראַטנפאַרבאַנד, וואָס מען האָט זיי טאַקע אויך געקענט זען אויף דער טעלעוויזיע.

מיט צוואַנציק יאָר צוריק איז פאַרגעקומען אין זאַל „פּלעיעל” אין פּאַריז אַן אינטערנאַציאָנאַלער שלום־קאָנגרעס. איז איין מאָל, בעת די דעבאַטן, אָנגעקומען די ידיעה וועגן זיג פון מאַאָ טסע־טונגס אַרמייען אין

כינע. האָט מען עס באַגריסט און מען האָט דעם זיג פון יענער מלחמה אויפגענומען ווי אַ זיג פון שלום. דער גאַנצער זאַל האָט אַפּלאָדירט און געיובלט. בלויז איין דעלעגאַט, פון ענגלאַנד, דאַכט זיך, האָט גענומען דאָס וואָרט און אַרויסגעברענגט זיינע ספקות צי מען קען באַטראַכטן דעם זיג אין כינע פאַר אַ זיג פון שלום. אָבער פונעם פּרעזידיום האָט מען באַטראַכט זיין אַרויסטריט פאַר אַ פּראָוואָקאַציע. און אָט, נאָך צוואַנציק יאָר זינט יענעם שלום־קאָנגרעס און יענעם שלום־זיג, ווייזט אונדז דער קליינער עקראַן ווי אויפן ווייטן מזרח טרעטן אַרויס איינע קעגן די אַנדע־רע, מיליטער־אָפּטיילונגען פון די ברידערלעכע פעלקער. מען פאַלט זיך נישט אין די אָרעמס, נאָר מען פאַלט אויף זיך אָן, און ביידע, זעט מען, טראָגן די זעלבע פּאַפּאַכעס מיט די זעלבע רויטע שטערנס, און ביידע לאָזן זיך אַרויס אין קאַמף מיט די זעלבע רויטע פענער און מיטן זעלבן געזאַנג פון „אינטערנאַציאָנאַל". מען וואָלט זיי זיכער נישט געקענט אונ־טערשיידן איינעם פון אַנדערן, ווען גאָט וואָלט נישט געווען באַשאַנקען איין צד מיט ספּעציפישע סימנים אויף די פּנימער, בכדי, זעט אויס, מיר זאָלן זיך קענען דאָ פאַרנאַנדערקלייבן אין דעם קאַשמאַר־געפלאָנטער און מישמאַש, ווער ס'איז ווער.

נאָך דעם האָט מען געקענט זען, אַלץ אַדאַנק דער טעלעוויזיע, אויף די פלעצער פון פּעקין, ריזיקע צערנדיקע מאַסן־דעמאָנסטראַציעס (אָן רי־זיקע מאַסן גייט עס נישט דאָרטן. אין כינע שפּילן דען עפּעס אַ ראָלע מאַסן?) ריזיקע מאַסן מיט קליינטשיקע ביכעלעך, וואָס אַנטהאַלטן אָבער די גרויסע מחשבות פונעם גרויסן פירער. יעדער איינער ווי מיט זיין שם־המפורשל. אַ פרידלעכע דעמאָנסטראַציע, דאַכט זיך, מיט קולטור אין די הענט. באַלד דערוויסט מען זיך אָבער, אַז אין דער חשובער קולטור־געזעל־שאַפט וויל מען אויך אַריינעמען טאַדזשיקיסטאַן, סיביר, כאַבאַראָווסק. איך האָב געציטערט, אַז אָט־אָט וועל איך אויך דערהערן אַ היימישן נאָמען: ביראָבידזשאַן.

***

זינט די אוראַלטע צייטן איז דער פּראָגרעס געווען אַ ברכה מיט אַ קללה צוזאַמען. ווען דער מענטש האָט אַנטדעקט פייער, האָט עס אים געברענגט אַ געוואַלדיקן נוצן. ער האָט זיך געקענט ביי אים אָפּוואַרעמען די ביינער בעת אַ קעלט. ער האָט אָבער אויך געקענט פאַרטיליקט ווערן פון שרפות, פאַרברענט ווערן אויף שייטערהויפנס. מיט יעדן נייעם פאָרשריט איז דאָס אַזוי געווען, ביז צו דער

אַטאָמישער ענערגיע. וואָס שייך דער טעלעוויזיע, איז דער קאָנטראַסט פונעם גוטן און שלעכטן נישט אַזוי שאַרף, אָבער ער איז דאָך פאַראַן.

קלינג איך אַנומלט אָן אין אַן אָוונט צו אַ גוטן פריינט אין דער היים. נעמט אָפּ דעם טעלעפאָן די באַלעבאָסטע. עפּעס איז זי נישט אַזוי העפלעך ווי אַלע מאָל. דאָ דערהער איך, אַז אין שטוב דאָרטן איז עפּעס אַ געטומל, הויכע קולות. מיין איך, ס׳איז אפשר אַ פאַמיליען־קריגעריי און איך האָב שוין חרטה וואָס איך האָב אָנגעקלונגען. בעט מיך איבער אויף אַ ווײַלע די באַלעבאָסטע. מיין איך, אַז זי דאַרף לויפן אין קיך אַריין ווייל אַ טעפּל האָט זיך איר דאָרטן צוגעברענט. ניין, נישט דאָס. זי איז אַוועק שטילער מאַכן די טעלעוויזיע. ס׳איז פּונקט געגאַנגען אַ שפּאַנענ־דיקע פּיעסע מיט אַ שטאַרקן קאָנפליקט און די אַקטיאָרן האָבן הויך געשריגן, געמאַכט געוואַלדן. זאָגט אַרויס צו מיר די באַלעבאָסטע אין טע־לעפאָן אָפּגעהאַקטע ווערטער: יאָ — ניין, בע־מע. איך פיל, זי וויל פון מיר פּטור ווערן. איך כאַפּ זיך, אַז כ׳האָב איר געשטערט עפּעס צו זען אויף דער טעלעוויזיע. נאָך אַ מאָל, אַז איך וועל דאַרפן קלינגען צו עמעצן אין אָוונט, וועל איך זיך פריער גוט מישב זיין, איך וועל אפשר דאַרפן פאַר דעם אַריינקוקן אינעם טעלעוויזיע־פּראָגראַם, צי עס גייט נישט עפּעס אַן אינטערעסאַנטע זאַך.

איז, בכן, די טעלעוויזיע אַריין אינעם שלום־בית פון פריינט ווי דער שטן און איז אים מקטרג. די טעלעוויזיע האָט אויך געברענגט שאָדן דער יידישער ליטעראַטור, דעם יידישן ביכער־מאַרק, וואָס איז שוין אַזוי אויך געווען נישט גאָר שטאַרק רענטאַבל. יידן, למשל, האָבן מיר געזאָגט, אַז זיי האָבן נישט קיין צייט ווען אַריינצוקוקן אין אַ יידיש בוך. די סיבה איז: די טעלעוויזיע. הייסט עס, אַז אַ פרישע פּלאָג איז צוגעקומען צו דער אַסימילאַציע, צו דער אָפּגעפרעמדקייט פון יונגן דור. און לאָמיך גלייך זאָגן, אַז מיט דער טעלעוויזיע איז מיין בידנע פען נישט בכוח זיך צו פאַרמעסטן.

קום איך אַמאָל צוגאַסט צו אַ קאָלעגע אין אָוונט, רעדט נישט אַרויס צו מיר דער גאַסטגעבער קיין וואָרט, ווי ער וואָלט געווען ברוגז מיט מיר. ער קוקט מיך נישט אָן, ווי ער וואָלט נישט געלייגט קיין אַכט אויף מיר, וואָס דאָס פאַרדריסט מיך שטאַרק. אויפן קליינעם עקראַן טרעט אַרויס אַ שיינע אַקטריסע, נישט צופיל אָנגעטאָן, און איך פאַרשטיי, אַז דעם גאַסטגעבער מיינעם איז מער ניחא צו קוקן אויף איר, ווי אויף מיר. אַנשטאָט צו פאַרטיפן זיך אין אַן ערנסטן שמועס, איז אים ליבער זיך צו פאַרטיפן אין איר ספּעקטאַקל, וואָס ער זעט פאַר זיך. הייב איך שוין אָן

צו באַדויערן מיין פּען־קאָלעגע, וואָס זיין גייסטיקער האָריזאָנט האָט זיך אַזוי באַגרענעצט און איך קום צום אויספיר, אַז אַמאָל האָט אַ שרייבער געהאַט אַ וויזיע און היינט האָט ער — אַ טעלעוויזיע...

פון דעסטוועגן זענען דאָ מאָמענטן, ווען די טעלעוויזיע רעגט אויך אָן צו ערנסטע שמועסן. אָט זעען מיר בילדער פון דער איסלאַמישער שפּיצן־קאָנפערענץ, ווו די פאָרשטייער פון הונדערטער מיליאָנען מוסול־מענער האָבן זיך מאָביליזירט קעגן דעם צוויי און אַ האַלבן מיליאָניקן ישראל. און צוליב וואָס? צוליבן באַשולדיקן און פאַראורטיילן די יידישע מדינה אַלס אַזעלכע, ווייל זייער מעטשעט אַל־אַקסאַ איז אונטערגעצונדן געוואָרן דורך אַ מאַניאַק פון אויסטראַליע מיטן נאָמען מייקל ראָהען (און צו זייער גרויסן אומגליק נישט קאָהען). דערמאָנט זיך דערביי ווי אַזוי אָט דאָס הייליקטום איז ביי די אַראַבער אַזוי הייליק און זיי האָבן געצאָרנט אין עקסטאַז און היסטעריע הלמאי מען האָט עס געוואָלט פאַרברענען, אַז זיי אַליין האָבן געשטערט דאָס לעשן די שרפה, צו מאַניפולירן די פייער־לעשער מיט זייערע שיקאַוועס. זיי האָבן פשוט געדאַרפט נייטיק מיטן לעבן דאָס פייער בכדי צו קענען דערמיט נאָך מער פאַנאַנדערבלאָזן דאָס פייער פון שנאה. בעת זיי האָבן באַשולדיקט ישראל ווי דעם פאַראַנט־וואָרטלעכן פאַר דער שרפה האָבן זיי זיך געמאַכט נישט וויסן, אַז זייערע אייגענע אינעווייניקסטע גבאים און שמשים פון מעטשעט האָבן אַזוי וואַזש־נע געהיטן זייער אייגן הייליקטום, אַז זיי האָבן זיך געלאָזט אונטערקויפן מיט גרויסע טרינקגעלטער, וואָס מייקל האָט זיי געטיילט מיט אַ ברייטער האַנט, דערלויבנדיק אים צו קומען אין מעטשעט ווען מען טאָר נישט, נישט מורא האָבנדיק אַז פאַרן עובר זיין אויפן רעגולאַמין וועט זיי אַללאַ באַשטראָפן פאַר זייערע זינד, און האָבן צוגעלייגט אַזוי אַרום זייערע פּרו־מע הענט צו דער שרפה.

אין מאָסקווע האָט מען אויך אונטערגעהאַלטן די אַראַבישע ווערסיע, אַז ישראל איז שולדיק (אין ליבע האַלט מען זיך אונטער אין אַלע פאַלן). דערביי האָבן מיר זיך אויך דערמאָנט אין אַ שרפה פון אַ יידישן מקום־קדוש, און טאַקע דאָרטן. דאָס איז די שרפה פון דער שול פון מאַלאַכאָווו־קע, הינטער מאָסקווע, מיט אַ צייט צוריק. אָבער דאָס יידישע פאָלק האָט דעמאָלט נישט גערופן קיין שפּיצן־קאָנפערענצן, נישט אַוועקגעשטעלט דעם ענין פאַר דער אָנו, נישט גערופן צו אַ הייליקער מלחמה מיטן קרעמל און עפּעס האָט מען אויך נישט געהערט, אַז מען זאָל האָבן באַשולדיקט דעם ראַטנפאַרבאַנד, ווי אַ לאַנד און מלוכה, אין האָבן אונטערגעצונדן די שול פון מאַלאַכאָווקע.

**
*

אין דער טעלעוויזיע ווערן מיר, יידן, גאַנץ אָפּט גאָר ברייט סער־ווירט. פון צייט צו צייט — גאַנצע עמיסיעס צו אונדזער כבוד וועגן. ס'האַלט אין איין זשומען מיטן וואָרט „זשוויף". ווי מען זאָל נישט ווען, הערן נישט פרעמדע אויערן דאָס וואָרט „ייד" מיט דער זעלבער גלייכ־גילטיקייט ווי, לאָמיר זאָגן, „שווייצער", „איטאַליענער", „בעלגיער", „האָ־לענדער". נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען מיר, יידן, געבליבן אַ סך, אַ סך ווינציקער אין צאָל ווי פריער, אָבער רעדן רעדט מען וועגן אונדז אַ סך, אַ סך מער. עפּעס ווי מען וואָלט זיך ערגעץ געגעבן די מי אַז מיר, יידן, זאָלן זיין פאַר נישט־יידן אַן אינטערעסאַנטע טעמע, אַ פּראָ־בלעם. אַ פּראָבלעם צום לייזן. איך שרעק זיך פאַר דעם „לייזן" און דער עיקר פאַר דעם לייזן וואָס אַנדערע האָבן זיך אונטערגענומען דורכצופירן פאַר אונדז און וואָס אָפּט האָט ביי זיי געהייסן לייזן — אויפלייזן. אַמאָל האָט מען יידן באַטראַכט פאַר אַ וועלט־מאַכט און היינט בלויז פאַר אַ וועלט־פּראָבלעם. ס'איז ווינציקער רכילותדיק און ווולגאַר און מער וויסנשאַפט־לעך, געזעלשאַפטלעך, באַלערנדיק. האָבן מיר זיך אין אַ קליינעם קרייז מיט עטלעכע חדשים צוריק צוגעקוקט צו אַן אַמעריקאַנער פילם קעגן (אָדער וועגן) אַנטיסעמיטיזם. דער פילם איז געווען פון אַ גאַנץ קנאַפּן ווערט, אָבער ער האָט געדאַרפט, זעט אויס, דינען בלויז פאַר אַ פּרעטעקסט צו אַ דעבאַטע וועגן יידן צום סוף פון פילם. זענען מיר געזעסן און נאָך דעם געפירט אַ דעבאַטע וועגן דער דעבאַטע. די הויפּט־טענה איז געווען: צו וואָס דאַרף מען אַזוי פיל דעבאַטירן וועגן אונדז? וואָס, אייגנטלעך, איז דער אינטערעס צו וועקן אַזוי פיל אינטערעס צו אונדז? וואָס איז אַ ייד און ווער איז אַ ייד? ווי דער ייד וואָלט געווען עפּעס אַן אויסטער־ליש, מיסטעריעז באַשעפעניש צום פאָרשן.

צוויי אָוונטן, מיט אַ דיסטאַנץ פון אַ צוויי וואָכן, זענען געווען גע־ווידמעט יידן. דער עיקר ווערט אַרויסגערוקט און אונטערגעשטראָכן די עקזאָטיק. שטריימלעך, באָרד און פיאות, קאַפּעלעך, ברייטע קאַפּעליושן, לאַנגע קאַפּאָטעס. אָפּגעשטאַנענקייט, מיטלאַלטער. מען דאַרף באַווייזן די אויסטערלישקייט און משונהדיקייט. דער איינדרוק זאָל זיין אַז „זיי" זע־נען אַנדערש... „זיי זענען נישט ווי מיר"... מען דאַרף „זיי" אויך זען אין זייער וועלט־פאַרשפּרייטקייט, אויב נישט וועלט־הערשאַפט (דיאַספּאָראַ איז אַ דיסקרעטער און לייטישער וואָרט). און אומעטום האָט מען „זיי" נישט איבעריק ליב און ס'איז אויך דאָ פאַר וואָס: אין האַרלעם, אין ניו־יאָרק, פאַרקויפן זיי דעם נעגער פאַרשטונקען פלייש. די צייטן האָבן עוואָ־

לואירט. אַמאָל האָבן „זיי״ פאַרסמט ברונעמער און היינט ווילן זיי בלויז פאַרסמען דעם פילבאַרן מאָגן פון אַ נעגער מיט אַ שטיקל פאַרשטונקען פלייש.

די טעלעוויזיע איז דאָ טיילמאָל בלויז אַ נייטראַלע אַרענע פאַר אַ געפעכט, פאַר אַ מיינונגס־אויסטויש. שטעלט מען אַרויס אַ ייד מיט אַ ווירדיקער האַלטונג, דאַרף מען אַקעגנשטעלן אַ ייד וואָס פאַרלייקנט זיין יידישקייט, רעדט וועגן יידן און וועגן ישראל מיט ביטול און שנאה. דעם אַנטי־ישראלדיקן און פּראָ־אַראַבישן פּראָפעסאָר מאַקסים ראָדינסאָן, אים האָט גראָד די טעלעוויזיע געטאָן אַ „טובה״ דערמיט וואָס מען האָט אים געקענט זען אין זיין אמתדיק ליכט, אַ ליכט וואָס פאַרטונקלט אים אינגאַנצן.

דער פּראָפעסאָר געהערט צום קליינעם קרייז „יידן״, אָדער אָפּשטאָ־מיקע פון יידן, וואָס דיסקרעטע שונאי ציון האָבן ליב צו באַנוצן זיך מיט זיי. אַז מען וויל זיך שטיצן אויף אַ „גוטער קוועלע״ אין קאַמף קעגן ישראל, פאַררופט מען זיך אויף זיי. אַזוי אַרום, מיינען זיי, וועט מען זיין מער באַגלייבט. אַז אַ ייד אַליין זאָגט דאָס, קען מען דאָך האָבן צוטרוי... הערט מען ווי דער חשובער פּראָפעסאָר שאָקלט זיך אָפּ פון זיין יידיש־קייט, וואָס באַשטייט, לויט אים, בלויז אין אַ „געוויסן פיזיאָלאָגישן פּרט״... הערט מען זיך צו צו דער דאָזיקער „פּרטימדיקער״ חכמה וועגן זיין יידישקייט און מען ווערט ממש פון איר גייסטיק דערהויבן...

די טעלעוויזיע, הייסט עס, איז דאָ אָביעקטיוו. זי איז ווי דער אַר־ביטער צווישן די צוויי באָקסערס אויפן רינג. זי איז בלויז דער נייט־ראַלער באָדן פאַרן מיינונגס־אויסטויש, פאַרן ווערטער־געפעכט. איז עס טאָקע אַזוי?

די טעלעוויזיע איז דער שפּיגל פון אונדזער צייט. אָבער נישט, פון דעסטוועגן, ווי דער געוויינלעכער שפּיגל, וואָס ווייזט מענטשן און זאַכן אַזוי ווי זיי זענען, באַר דער שפּיגל, וועלכן מען ווייזט אָן וואָס און ווי אַזוי צו ווייזן.

1969

ווען די צייט באנייט זיך...

וואָס הייסט דען אַזוינס: „די צייט באַנייט זיך"? גייט דען טאַקע אײן צייט אַוועק און אַ צווייטע קומט אויף איר אָרט זי צו פאַרטרעטן, ווייל יענע, די פריערדיקע, דאַרף שוין גיין אויף עמעריטור, אויף פענ־סיע? און צי נויטיקט זיך דען צייט אין באַנייאונג, בכדי זיך אויפצוהאַלטן און קאָנסערווירן? ווערט דען צייט פאַרמאַטערט און פאַרעלטערט, ווי מיר בשר־ודמס, און נויטיקט זיך אין פרישע כוחות בכדי ווייטער אָנצוהאַלטן איר בידנע עקזיסטענץ?

די צייט, גלויב איך, דאַרף נישט האָבן קיין פאַרייִנגערונגס־מיטל, קיין באַגאַמאָלעץ־איינשפּריצונג, און נישט קיין עסטעטישע, צי פּלאַסטי־שע אָפּעראַציע, בכדי זי זאָל אויסזען שענער, ייִנגער אין די אויגן פון לייטן.

ניין, די צייט נויטיקט זיך נישט אין קיין באַנייאונג. בלויז מיר, די בני־אדם, וועלכע גייען דורך איר אַדורך אויף אַזאַ קורצן מרחק, אין פאַרגלייך מיט איר אומנדלעכקייט, מיר דאַרפן ממש געניטיק מיטן לעבן אַ באַ־נייאונג יעדעס יאָר, ווען איין יאָר מיטן אַנדערן טוישט זיך כלומרשט, ווי צוויי שמירה־לייט פאַר אַ וואַך־ביידל.

אָבער וואָס הייסט — יאָר? וואָס הייסט — יאָרן? ס'איז דאָך נישט מער ווי ציפערן וואָס מענטשן האָבן צוגעטראַכט און אויפגעשריבן בכדי אין דער צייט זאָל זיין אַ געוויסער סדר, און נישט קיין הפקרות, קיין כאַאָס, קיין שיף אָן אַ רודער; מיר האָבן די ציפערן אָנגעהאָנגען אויף איר ווי פּרייז־צעטלען אויף אַ סחורה, בכדי מיר זאָלן נישט טאַפּן אין דער פינצ־טער, נישט דאַרפן באַמיען דעם פאַרקויפער מיט פרעגענישן, מיר זאָלן זיך קאָנען אָפּגעבן אַ קלאָרן דין־וחשבון ווו מיר האַלטן אין דער וועלט מיט אָט דעם צייטעלע אונדזערן. מיר זעען ווי גאַנץ אָפּט טוישט זיך דער צי־פער, רוקט זיך איבער, פון 64 אויף 65, פון 65 אויף 66 אָדער פון תשכ"ו צו תשכ"ז, און מיר באַגערן אַזוי זוכה צו זיין בייצוווינען אַ ווייטערדיקן

רוק און דערביי נישט צעברעכן רוק און לענד. מיר זענען זייער צופרידן וואָס אָט די ציפערן וואַקסן אָן אויף אונדזער קאָנטע און אַז דאָס דאָזיקע ווערטפּולסטע באַנקביכעלע אונדזערס פּראָספּערירט, איז געזיכערט מיט דעקונג, און מיר ווערן, ווי די באָבע פלעגט זאָגן, „באַניִיט מיט יאָרן".

איך האָב אָנגעהויבן אָפּצופילן לעצטנס, אַז גלייך נאָכן וואַקאַנס־פּע־ראַד קומט פאַר אין אונדז און מיט אונדז אָט די גליקלעכע באַנייאונג דע־מאָלט ווען מיר קערן זיך אום פון ווייטע מקומות פון לאַנד און אויסלאַנד, מיט אַ פולן קאָפּ דערינערונגען (און מיט אַ ביסל ליידיקלעכן פּאָרטפעל) און מיר דערפילן אין זיך נייע, באַנייטע כוחות, ענערגיע, סטימול און ווילן צו נייע טואונגען, מעשים און אַ חשק צו פּאַרקאָטשען די אַרבל און פאַ־נאַנדערנעמען די הענט צו גרויסע וויכטיקע זאַכן, שעפערישקייטן און פאַרמעסטן און צו ווערן נאָך גרעסערע טוערס און אויפטוערס ווי מיט אַ יאָר צוריק. און טשיקאַווע, אַז דאָס קומט פאָר נישט אין פרילינג, ווען די נאַטור, אַזוי צו זאָגן, באַנייט זיך, און יעדן בוים דאַרף מען זאָגן: „תתחדש" צוליב זיין נייער גרינער שובע, נאָר גראָד ערב האַרבסט, ווען אין דער נאַטור קומט פאָר אַ מין רעגרעסיע, אַ צוריקגאַנג, אַ השיבינו נאַזאַד און יעדער בוים בלייבט שטיין אָדם־נאַקעט.

דער וואַקאַנס־פּעראַד איז זיכער אַ מין צייט־מחיצה (אויב אַזאַ קען מען אָנבנעמען), א שפּאַלט, אַ צווישנשייד, אַזאַ ווי משה האָט געמאַכט אויפן ים־סוף מיט זיין וווּנדערלעך שטעקעלע. ווער עס געפינט זיך אין פּאַריז אין די חדשים יולי־אויגוסט (צופעליק) קען זיך איבערצייגן אין דעם. אַ פוסטקייט און שטילקייט הערשן דעמאָלט אין דער שטענדיק פּולסירנ־דיקער און דינאַמישער הויפּט־שטאָט פון פראַנקרייך, גלייך ווי מען וואָלט אויפגעהאַקט ביי איר די אָדערן און פון אַלע אירע אַרטעריעס וואָלט איר ענערגיע אַרויסגעפלאָסן, אַוועק ערגעץ־ווו. מען האָט דעם איינדרוק ווי מען וואָלט נאָך געלעבט אין דער צייט פון דיליזשאַנסן און קאָטשן מיט גומענע רעדער, טראַמווייען מיט פערד און אפילו בלויז פערד אָן טראַמ־ווייען, און אפשר נאָך פריער, אַ סך פריער. עס קומט אויפן זינען דאָס רעוואָלוציאָנערע ליד וואָס מ'האָט געהערט זינגען מיט יאָרן צוריק, עקזאַל־טירנדיק דעם באַדייט פון אַרבעט און דעם כוח פון אַרבעטער:

ווען דיין שטאַרקער אָרעם וויל,
בלייבן אַלע רעדער שטיל.

אמת, דעמאָלט האָט עס זיך געהאַנדלט בלויז אינעם אַרבעטער, ס'הייסט, אויב ער, דער אַרבעטער, האָט נאָר געוואָלט, איז אַלץ געבליבן שאַ־שטיל און ער אַליין האָט געקענט בלייבן זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. אין אונ־

דזער פאַל (וואַקאַנס) איז דער ענין אויסגעברייטערט, עס באַציט זיך נישט בלויז צום אַרבעטער נאָר אויך צו אַלע שיכטן, אָנהייבנדיק פונעם אַר־בעטער, אָנגעשטעלטן, באַאַמטן, בעל־מלאכה, סוחר, ביז צום גרויס־אינ־דוסטריעלער און באַנקיר.

אין די חדשים יולי־אויגוסט איז פאַריז אויסגעליידיקט פון הונדער־טער טויזנטער איינוווינער אירע און מען קען שוין אפשר באַלד רעדן וועגן מיליאָנען. אמת, ווי אַ פאַרגיטיקונג, בכדי די שטאָט זאָל נישט בלייבן אינגאַנצן פוסט, קומען אַריין אויסלענדישע טוריסטן. פאַריז איז דעמאָלט ווי אַ מין געזעלשאַפט פון אַ לעבעדיקן עקספּאָרט־אימפּאָרט. אָבער דעם אימפּאָרט קאָן מען נישט פאַרגלייכן מיטן עקספּאָרט. ס'זענען גאָרנישט די זעלבע פּראָפּאָרציעס, דער אימפּאָרט איז ווי אַ טראָפּן אין וואַסער. גאַס־איין, גאַס־אויס זעט מען אַלע געשעפטן פאַרמאַכט און אויף זייערע טירן קלעפּן צעטלען ווי „שיר־המעלותן" ווו ס'איז אָנגעשריבן, אַז דער מאַגאַזין וועט זיין געשלאָסן פון דער ביז דער דאַטע. אַנדערע פאַרופן זיך אויף געזעצן, ווי צום פאַרענטפערן זיך: לויט דעם און דעם געזעץ און לויט דעם און דעם פאַראַגראַף פון דעם און דעם טאָג און יאָר וועט זיין דאָס געשעפט פאַרמאַכט ביז... ווייל אַנדערש וואָלט מען נאָך דעם אייגנ־טימער, הייסט עס, געלאָדן צום „ונתנה תוקף".

ביים שוסטער איז פאַרמאַכט, כאָטש גיי אַרום באָרוועס, די וועשעריי איז געשלאָסן כאָטש גיי אַרום אָן אַ העמד. ביים שערער איז די טיר פאַר־קלאַפּט, כאָטש גיי אַרום באַוואַקסן ווי אַ ביטניק און מיט אַ לאַנגע פּאָלקע (אויב מען האָט זי). ערשט אַ ביסל עסן קריגן קומט אָן מיט קריעת ים־סוף, כאָטש לייג די ציין אויף דער פּאָליצע. אַ שטיקל לחם דאַרף מען זוכן אין די אַרומיקע גאַסן און אַז מען געפינט שוין אַן אָפענע בעקעריי דאַרף מען מאַכן אַ רייע ווי אין מלחמה־צייט. נאָך אַ ביסל מילך דאַרף מען זיך לאָזן צו טוביהן קיין בויבעריק, און נאָך אַ רפואה קאָן מען אויסגיין, ווייל ביי איין אַפּטייקער איז אָנגעשריבן, אַז מען זאָל זיך ווענדן צו אַ צווייטן אויף אַן אַנדערער גאַס און ביים צווייטן איז אָנגעשריבן, אַז מען זאָל זיך ווענדן צום דריטן.

ערשט אַז מען קערט זיך אום פון וואַקאַנס און אַלע טירן פון די גע־שעפטן הייבן זיך אָן צו עפענען זעט מען ערשט ווי גוט עס איז. עס קומט אונדז גלייך אויפן זינען די ציג פון שלום־עליכמס פאַרכישופטן שניידער, וואָס ווען מען האָט זי אַריינגענומען אין ענגן שטיבל האָט מען געזען, אַז עס איז ענגער געוואָרן, אָבער אַז מען האָט זי אַרויסגענומען פון דאָרטן

האָט מען דערזען אַז עס איז גרוים, ממש אַ מחיה. ס'איז דעמאָלט אין גאַנץ פראַנקרייך די צייט פון פאַרשטאָפּטע וועגן און איבערגעפּולטע צוגן פון פּאַסאַזשירן וואָס קערן זיך אום מיט שווערע וואַליזעס, וואָס די טרעגער מאַטערן זיך און שוויצן ביים שלעפּן זיי (די אייגענע פּאַראיבעריקטע פּאַר קילאָ אויף דער וואָג מוזן מיר שוין אַליין שלעפּן)...

אַז די ערשטע כוואַליעס וואַקאַנסניקעס הייבן אָן צוזושפּאַרן צו פּאַריז און די באַנען, שיפּן און אַוויאָנען גיבן זיי אַ שיט אויס און אַ וואָרף אונטער אויף די וואָקזאַלן, עראָדראָמען און פּאָרטן און זיי נעמען זיך באַוויזן אין פּאַריז, ווערט צווישן אייגענע, וואָס קומען פון פאַרשידענע זייטן און ריכטונגען אַ גרויסע גדולה. מען איז גליקלעך צו דערזען זיך און מען פרייט זיך, גלייך ווי דער וואַקאַנס וואָלט געהאַט געווען אַן אָפּקומעניש, גלייך ווי מען וואָלט צוריקגעקומען פון עפּעס אַ פאַרשיקונגסאָרט, אַ קאַטאָרגע, פון וואַנען מען איז קוים ניצול געוואָרן און אַרויס מיט גאַנצע ביינער. מען דערקענט אָבער אין די באַקן ווי די צײַנער קנאַקן, ס'הייסט אַז מען קומט נישט פון קאַטאָרגע, דאָך קען מען הערן אַזאַ יאָוש־דיקן דיאַלאָג צווישן פריינט ביים באַגעגענען זיך:

— ביסט שוין צוריקגעקומען ?

— און דו ?

— דו זעסט דאָך...

— אַבי מ'איז שוין צוריקגעקומען...

אין אָט דעם „אַבי מ'איז שוין צוריקגעקומען” איז פון דעסטוועגן נישט פאַראַן קיין יאוש, מיין איך, נאָר גיכער די צופרידנקייט פון אָנהייבן אַ ניי קאַפּיטל, וואָס מען עפנט עס, יעדעס יאָר נאָכן וואַקאַנס־פּעריאָד מיטן עפענען אויפסניי די טירן פון די געשעפטן, אַטעליעס, ביוראָען, שולן און שילן, אינסטיטוציעס, קולטור־אַנשטאַלטן, אָרגאַניזאַציעס, קלובן און ביבליאָטעקן.

גראָד קומט פאַר די דאָזיקע באַנייאונג ביי אונדז ווען עס דערנענטערט זיך דאָס יידישע ניי־יאָר, ראש־השנה, אין די ימים־נוראים, ווען ס'איז דער הויך־סעזאָן פון ווינטשעוואַניעס, פון וועלכע די פּאָסט־קעסטלעך ווערן פאַרשטאָפּט און די קאַסעס פון די פּאָסט־אַמטן — אָנגעשטאָפּט. דעמאָלט זענען ביי אונדז די טעג פון חשבון־הנפש, און אויך פון אונדזער גייסטיקן בילאַנס, דעם איבערבליק און דורכקוק פון אונדזער בידנע פאַרמעגן און זען מיט וואָס מען גייט צום טיש אויפן נייעם יאָר, אָדער סעזאָן. אין דער זעלבער צייט באַמיען זיך אַנדערע איבערצוקליגלען דעם רבונו

של עולם דורכן אַרויסבאַקומען און אַרויסכּישופן ביי אים דאָס גוטע, מזל־דיקע קוויטל אויפן קאַדענץ פון אַ יאָר צייט, נישט מער ווי אויף איין יאָר. מיר זענען באַשיידן און נישט קיין איינרייסער, מיר באַגנוגענען זיך מיט אַ קלייניקייט, מיר ווילן בלויז איין יאָר, נישט מער ווי אַ פּראָלאָנגאַציע, אַ פאַרלענגערונג פון אונדזער פּאַס אויף נישט מער ווי אויף עפּעס איין שטיקל יאָר, וואָס זעט זיך דאָרט אויבן אָן נאָך ווינציקער ווי אַ סאַנטים ביי ראָטשילדן, און אויף ווייטער, אויף איבעראַיאָר זאָל זיך גאָט זאָרגן.

מיין רייזע אַרום דער לבנה

אין יאָר 1968 האָבן די רוסן אַרויפגעשטעלט אַ פוס אויפן באָדן פון טשעכאָסלאָוואַקיע און מיט אַ יאָר שפּעטער האָבן די אַמעריקאַנער אַרויפגעשטעלט אַ פוס אויפן באָדן פון דער לבנה. וועמען איז דאָ געווען מער מקנא צו זיין? די סאָוויעטישע פירער האָבן געטענהט, אַז טשעכאָסלאָוואַקיע האָט זיי איינגעלאַדן צו קומען אַהין. איך ווייס נישט ווער עס האָט געזען די איינלאַדונג. איינס, ווייס איך, איז זיכער, אַז וואָס שייך די אַמעריקאַנער, האָט זיי די לבנה נישט איינגעלאַדן צו קומען אַהין.

אין חודש יולי 1969 האָבן מיר אַלע זוכה געווען איבערצולעבן דאָס היסטאָרישע געשעעניש פון יאָר, וואָס זאָג איך יאָר, פונעם יאָרהונדערט און פאַרוואָס נישט יאָרטויזנט? און פאַרוואָס נישט פון אַלע יאָרטויזנטער זינט דער מענטש גייט מיט אַן אויסגעגלייכטן רוקן אויף צוויי פיס אויף דער ערד און וואָס זיין זשעני האָט איצטער דערגרייכט די העכסטע הייכן וואָס קיין העכערע קענען שוין, דאַכט זיך, באמת נישט זיין?

אין דער צייט פון די זומער־וואַקאַנסן, קורץ נאָך דעם ווונדערלעכן געשיכטלעכן געשעעניש, האָב איך זיך געפונען איין מאָל אין אַ פאַר־נאַכט ערגעץ־ווו אין אַן אָרט פון פראַנקרייך, ווו אַרום איז געווען דאָס וואָס מען רופט אָן ווילדע נאַטור. ווו דאָס אויג האָט דערגרייכט איז נישט געווען קיין ישוב, קיין מענטש, קיין פי, קיין סימן פון לעבן. בלויז שווייגנדיקע אומהיימלעכע בערג, באַוואַקסענע מיט אורוועלדער, נישט אָפּגעהיטענע פון קיינעם און נישט נויטיקע פאַר קיינעם. אויפן ערשטן פּלאַן האָבן זיי נאָך אויסגעזען ווי בערג, אָבער וואָס ווייטער האָבן זיי געהאַט דעם אויסזען פון בלוילעכע מיסטעריעזע כמאַרעס, אָפּגעזעצטע געדיכטע נעפּלען. איך געפין זיך דאָ אַליין און פאַרלוירן פאַר אַ פּרעהיסטאָרישער לאַנדשאַפט, פאַרן ווערק פון אורבאַשאַף פון

ששת ימי בראשית, וואָס איז ערשט נאָר־וואָס פאַרענדיקט געוואָרן און טראָגט נאָך אויף זיך דעם וואַרעמען אָטעם און דעם פרישן חותם פונעם באַשעפער.

און דאָ האָט זיך פון הינטער די בערג אַפּער באַוויזן אַ פולע קיילעכדיקע רויטלעך־געלבלעכע לבנה, אַ גרויסע ווי אַ גרויסער טעלער פאַר אַ גרויסן עסער אַ זולל־וסובא, און נישט דאָרטן דאָס טעלערל פון הימל, וואָס מען האָט געחלומט צו דערגרייכן. זי האָט דאָ פאַר מיר צוגעשפּילט צום רומל פון אומהיימלעכקייט און פאַרלוירנקייט. נאָך זי האָט מיר דאָ צוגעפּעלט אין דעם פאַרנאַכט, האָב איך זיך געטראַכט, אַז דער אָרום זאָל מיך אָנפילן מיט נאָך מער פחד. אָבער דאָ האָב איך זיך מיטאַמאָל דערמאָנט, אַז מענטשן גייען דאָרטן אויף איר, אויף דער לבנה, און זי איז מיר נאָענט און היימיש געוואָרן. פאַרשווונדן זענען ביי מיר די געפילן פון איינזאַמקייט און פאַרלוירנקייט. איך בין מער נישט געווען אַליין. אַ מענטש איז דאָ פאַראַן מיט מיר. אַוועק איז יעדע מיסטעריע און סודותפולקייט פון דער לבנה. זי איז פאַרמענטשלעכט געוואָרן דורך דעם וואָס מיינער אַ מיטמענטש איז געגאַנגען אויף איר, איר אָפּגעשטאַט אַ וויזיט און פאַרן פאַרלאָזן זי, איר איבערגעלאָזט אַ דיזענע, אַן ערדישן סימן פון די מענטשן — די פאָן פונעם לאַנד, וועמענס שליח ער איז געווען.

זינט די לבנה קוקט אויף אונדז מיט מענטשלעכע אויגן, זעען מיר זי אויך אַנדערש. זי האָט פאַרלוירן ביי אונדז איר מיסטעריע און איר ראָמאַנטיק. אַרמסטראָנג, דער ערשטער גאַסט אירער, האָט זי פאַר אונדז אַנטראָמאַנטיזירט, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל אַרויפגעשטעלט אַ פוס אויף איר און דערביי זיך אַזוי וווּנדערלעך אויסגעדריקט: „איך מאַך אַ קליינעם טראָט פאַרן מענטש און אַ ריזיקן שפּרונג פאַר דער גאַנצער מענטשהייט". און דאָס מיינט דאָך, אויך פאַר מיר. און איך פיל זיך דעריבער מער נישט פאַרלאָזן אין אָנבליק פון דער ווילדער לאַנדשאַפט, נאָר פאַרקערט, פאַרזיכערט, באַוואָרנט און שטאָלץ און איך דריק אים אויס, אין מיין אַליינקייט, מיין דאַנקבאַרקייט און מיין לויב. איך זע ווי ער שטעלט די ערשטע טריט ווי אַ קינד ביים אָנהייבן גיין און די גאַנצע מענטשהייט, ווי טאַטע־מאַמע, האַלט אים ביים הענטל און ציטערט און וואַכט איבער אים, עס זאָל אים נישט געשען קיין שום בייז אויג און זי פרייט זיך און שעפּט נחת פון זיין פאַרזיכטיקן, אָבער זיכערן פאַרויסגאַנג. איך זע אים, דעם אדם הראשון פון דער לבנה, זיך קאַטשען אויף איר ווי אַ ווייסער בער, עפּעס אַן אורבאַשעפעניש, אַ פאַרבאַבלטן ווייסן

געשפּענסט, וואָס שאַרט מיט זיין שטעקעלע ווי אַ בלינדער, אָבער וואָס זעט, וואָס זעט פּאַר אונדז אַלע אויף טויזנטער מיילן פּאַרויס.

ער האָט מיך אויך צוריקגעפירט צו מיין קינדהייט אין מיין שטעטל קאַריוו. ער איז דער שניי־מענטש, וואָס איך האָב זיך אַזוי געמיט אויפצו־שטעלן צו מיין גדולה און התפעלות. אָבער יענער איז בלויז געשטאַנען אויף אָן אָרט, נישט גערירט זיך, און דער גייט! מיין ווייסער לבנה־מענטש, מיין ווונדערלעכער שניי־מענטש.

און אַז איך דערמאָן שוין מיין קינדהייט אין שייכות מיט דער לבנה, וויל איך נאָך עפּעס מוסיף זיין:

אין מיינע יינגל־יאָרן אין וואַרשע האָבן מיינע עלטערן געוווינט אין אַ קליינעם ענגן צימער, חצי פּאַרטער, חצי קעלער. איך האָב זיך נישט געהאָט וואוהין צו טאָן מיט מיינע באַליבטע ביכער, נישט געהאָט ווו צו לייענען. אַחוץ דעם איז אויך די שיין פונעם פּאַרקאָפּטשעטן נאַפט־לאָמפּ געווען טונקל און אומהיימלעך. דערצו האָט דער טאַטע געמיינט אַז איך, מיט מיין לייענען, צי איך אַרויס דעם גאַנצן נאַפט פונעם לאָמפּ...

איז מיר איינגעפאַלן אויסצוניצן דאָס לבנה־ליכט אויף דער גאַס, אַוועקזעצנדיק זיך לייענען ביי איר שיין, אויף די טרעפּ און אויף די שוועלן פון די געוועלבער. די לבנה איז געווען העל, מילכיק, ריין און נישט פּאַרקאָפּטשעט, ווי דאָס גלעזל פונעם נאַפּטלאָמפּ, סיידן אַז אַ קויטיק וואָלקנדל האָט איר אַמאָל אויף אַ ווײַלע צוגעדעקט. דעמאָלט האָב איך בלויז בעל־כרחו געמאַכט אַ קליינע הפסקה אין לייענען.

דער לבנה איז גאָרנישט אָפּגעקומען פון דעם וואָס אַדאַנק איר ליכט זיצט אַ יינגל אויף די טרעפּ און לייענט מיט התמדה און טיילמאָל שרייבט ער אויך עפּעס אַריין אין אַ קליין העפטל — זיינע ערשטע פערזן. אָפּט־מאָל האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די לבנה גיט זיך די מי און בייגט זיך נאָך צו נענטער צו מיר, אַז עס זאָל מיר זיין ליכטיקער.

מילא, וועגן דעם וואָס איך האָב אַזוינס געשריבן וועגן איר, איז די לבנה נישט געווען אַזוי נתפּעל. צו לויב־לידער איז זי שוין פון לאַנג געוווינט, ווי אַ שיינע פרוי צו קאָמפּלימענטן. אָבער וואָס שייך צולייכטן מיר צום לייענען, דאָ האָט זי אויסגעגאָסן אויף מיר איר גאַנץ רחמנות און איר גאַנץ ליכט, וואָס מיין ראיה האָט געשעפּט פון איר נאַכט ביי נאַכט און איך האָב געפילט צו איר אומענדלעכע דאַנקשאַפט און ליבשאַפט.

אין אונדזער מענטשלעכער פאָרשטעלונג און באַנעמונג וועגן דער

לבנה וועט מען איצטער אפשר דאַרפן אַריינפירן שינויים. קודם־כל אין אונדזער לויב־געזאַנג צו איר. עס וועט אונדז נישט אַזוי כּישופן איר איידעלע זילבערנע שיין, וואָס האָט אויף אונדז משפּיע געווען און אונדז באַגייסטערט. אַז בסך־הכּל באַשטייט זי נישט מער ווי פון אַ מאַסע פעלדזן, שטויב און פאַרלאָשענע קראַטערס. יונגע פּאָרלעך, וואָס האָבן ביי איר געשווירן אייביקע ליבע און זי גענומען פאַר אַן עדות (זי איז דאָ געווען אַ יאָר־עדות) וועלן זיך אפשר איצטער מישב זיין און אָנהייבן צווייפלען אין איר עדותשאַפט. און די פרומע יידן, וואָס פלעגן אין אַ קרייז אַרום איר אויף דער ערד זי מחדש זיין יעדן חודש און זאָגן צו איר תּפילות? וועט זיי גאָרנישט איינפאַלן דאָ אַריינצופירן עפּעס אַ שינוי? איך געדענק זיי ווי אין די אָונטן אויפן שטעטלדיקן מאַרק אויפן פּאָן פון די נידעריקע באַזילבערטע קרומע דעכער האָבן זיי זיך געהוידעט ווי אַ בינטל שאָטנס, באַגאָסן מיט לבנה־ליכט און פאַרדבקהטע זיך געצויגן און געשפּרונגען צו איר אַרויף, אַרויף, גלייך איר אין פּנים אַריין, אָבער זיי זענען נישט ווייט אַוועק און נישט אַרויף צו איר, פאַרשטייט זיך. זיי זענען נישט געווען קיין קאָסמאָנאַוטן... און זיי האָבן זיך באַגנוגנט בלויז מיט דעם וואָס זייער תּפילה איז אַרויף צו איר און זיי האָבן געשיקט צו איר זייער שלום־מעסאַזש (נאָך פאַר ניקסאָנען): „שלום־עליכם, עליכם שלום!" זיי פלעגן אַלע יאָרן זאָגן זייערע תּפילות צו דער לבנה און פון איצטער אָן, ווען זיי וועלן זיך אָוועקשטעלן זי מחדש זיין, צי וועט עס נישט הייסן אַז זיי זענען גאָר מתפּלל צו די „שטערן" — צו די שטערן פון דער אַמעריקאַנער פאָן, וועלכע געפינט זיך דאָרטן?

***

די לבנה האָט געהאַט אַ געוואַלדיקע השפּעה אויף פּאָעטן פון אַלע צייטן, אויף זייער שטימונג און אַספּיראַציע. מען האָט געזען די לבנה אין פאַרשידענע אימאַזשן, פאָרמען און געשטאַלטיקונגען. אויסרעכענען צו וואָס מען האָט זי אַלץ פאַרגליכן איז נישט מעגלעך. יעדער איינער האָט געזען אין איר דאָס וואָס עס האָט צו אים גערעדט, אָדער בעסער געזאָגט, געשוויגן. אין משך פון יאָרהונדערטער האָט מען זי שוין אינגאַנצן טעמאַטיש אויסגעשעפּט און פּרובירן זיין ביי איר אָריגינעל איז שוין גאַנץ שווער און וועלכער פּאָעט עס האָט זיך צו איר צוגערירט, האָט געדאַרפט פאַרשטיין אַז ער איז נישט ביי איר דער ערשטער און אַז נאָך זייער לאַנג פאַר אים האָט זי שוין געהאַט אַנדערע פאַרערער. פּרץ גיט איר אָפּ כּבוד און מאַכט זי פאַרן מחבר, פאַר דער דערציילערין פון

זײַנער אַ קלײנער סאָציאַלער פּראָזע־שאַפונג װעגן צװײ אָרעמע ייִנגלעך, װאָס שטעלן זיך אַרױס מיט נישט־געשטױגענע נישט־געפלױגענע רײכע פּעטערס („די לבנה דערציילט”). לײב נײַדוס, אײנער פון אונדזערע שענסטע ליריקער, ראָמאַנטיקער־דיכטער, און װירטואָז פון ייִדישן פּערז (געשטאָרבן יונגערהײט אין יאָר 1918) זעט אײן מאָל אין דער לבנה װי זי

...הענגט אַריבער דער אַלײע,
װי אַ זילבערנע קמיע,
די לבנה־שטראַלן טײלט...

און אַ צװײט מאָל :

ס'איז בלוי דער הימל. די לבנה
איז װי אַ בלאַסער ריזיקער אַפּאַל.

אין זײַן ליד „אין זילבערנעם לאַנד” פֿרעגט זיך משה־לײב האַל־פּערן אין אַ שטיפעריש־איראָנישן טאָן שוין מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק :

איז דאָס װאָר, אַז די לבנה
איז אַ לאַנד אױך ? זאָל מען גלױבן ?
װאָר, ס'איז װאָר; אַ לאַנד פון זילבער —
זילבער אַלץ, װאָס װאַקסט דאָרט אױבן.

זילבער־ברױט און זילבער־עפּל
זענען זײ דאָך האַרט װי שטײנער,
פעלן טאַקע שױן דעם קעניג
אַלע זײַנע בעסטע צײנער.

אין שאַרפע סאָציאַלע מאָטיװן האָט מען אױך אַרײַנגענומען די לבנה און אפילו אין לידער פון פּראָטעסט און בונט. אין טיפסטער מענטשלעכער אַנגסט און פאַרצװײפלונג האָט מען אומזיסט אַפּעלירט צו איר נאָך אַ טראָפּן יושר און רחמים. איך האָב דאָ אין זינען דאָס ליד פון ה. לײװיק װעגן די צװײ אַרבעטער־מאַרטירער סאַקאָ און װאַנזעטי :

לבנה, לבנה,
ניטאָ צו וועמען זיך צו ווענדן —
ווענד איך זיך צו דיר, לבנה —
לאָז זיך אין פערטל צעשניידן,
אפשר דורך דעם
וועסטו דעם גזר פאַרמיידן;
לבנה, לבנה,
צעשיט זיך ווי אַ רעגן
איבער באָסטאָן, מעס.
אפשר וועסטו דאָס האַרץ באַוועגן
צו רחמים, צו נס.

אין אַ צווייטן סאָציאַלן מאָטיוו ביי איציק מאַנגער, אין „די באַלאַדע פון ווייסן ברויט", טרעפט מען די לבנה, ווען אין פיבער־האַלוצינאַציעס פון הונגער זעען אין איר די אָרעמע מאַמעס אַ ברויט:

צינדט דער אָוונט איבער זייערע קעפּ
די לבנה אָן, ווי אַ ברויט אַ ווייס.

שטרעקן די מאַמעס פאַרלאָטעטע הענט.
טרויעריק צום ווייסן ברויט געווענדט.

„הייליק ברויט פאַל אין אונדזער שויס!
הייליק וווייצן־ברויט, לייז אונדז אויס!"

דער פוילישער דיכטער וולאַדיסלאַוו בראָניעווסקי האָט אין זיין ליד פון די דרייסיקער יאָרן „די לבנה פון דער פּאַווע־גאַס", וועגן אַ וואַרשעווער יידישן שניידער־ייִנגל, אַ רעוואָלוציאָנער, גענומען די לבנה פאַר דער גאַנצער ראַם פון זיין שאַפונג:

די לבנה פון דער פּאַווע־גאַס, די שיינע,
ווי אַן אייער־חלה געלבלעך און העל,
ווי קען זי ווייסן, ס'איז דאָ אין וואַרשע איינער
איזאַק גוטקינד, אַ שניידער־געזעל?

ער גייט און טראַכט: ווי אַזוי באַווייזן
צונייען די לבנה, דעם גאָלדענעם קנאָפּ?

דערווייל ווערט אָפּגעקילט דאָס אייזן,
דער טאַטע שרייט: — די אַרבעט היט אָפּ.

דער כינעזישער דיכטער לי־טאַי־פּע (געלעבט אין זיבעטן און אַכטן יאָרהונדערט) איז געווען שטערבלעך פאַרליבט אין דער לבנה. שטערבלעך, ווייל ער איז געשטאָרבן פאַר איר, אומגעקומען מיט אַ לבנה־טויט, לאָזנדיק זיך איין מאָל צו איר. אָבער לאָמיר זיך דאָ נישט טועה זיין, ער איז נישט געווען קיין קאָסמאָנאַוט... אַ לעגענדע דער־ציילט, אַז לי־טאַי־פּע האָט זיך איינמאָל געשיפט אויפן ים און געזען ווי די לבנה שפּיגלט זיך אָפּ אין וואַסער. ער איז געווען באַגייסטערט און ער האָט זי געוואָלט כאַפּן און ער האָט זיך געלאָזט נאָך איר אין די כוואַליעס פון ים... וואָס קען איך פון אים ציטירן? זיין טויט אַליין איז דאָך דאָס שענסטע לבנה־ליד.

עס איז נישט מעגלעך אַרומצונעמען אַלע שאַפונגען וואָס מען האָט אַלץ געווידמעט דער לבנה, ווייל דאַן וואָלט מען געדאַרפט אַרויסגעבן אַ לבנה־אַנטאָלאָגיע.

איך קען זיך אָבער נישט אָפּהאַלטן פון ברענגען אויך צום סוף אַ ציטאַטע פון מיינס אַ ליד פון יאָר 1942 און טאַקע אונטערן נאָמען „לבנה־ליד אין 1942", געשריבן נאָכן איבערלייענען אַ דייטשן קריגס־קאָמוניקאַט, ווי עס ווערט געזאָגט, אַז אַדאַנק דער שיינער נאַכט און דעם לבנה־ליכט האָט מען געקענט ווירקזאַם באָמבאַרדירן די אָנגעצייכנטע אָביעקטיוון, ס'הייסט, ס'איז זיי געווען זייער באַקוועם צו הרגענען ביים שיין פון לבנה־ליכט:

פאַרגיב מיר היינט, מיין הויכע, טייערע לבנה,
זיי מוחל מיר, מיין ליכטיקע, מיין שיינע,
וואָס איך וועל ברוגז אָפּקערן פון דיר מיין פּנים,
כאָטש ס'איז די שולד דערפאַר געוויס נישט מיינע.
מיר האָבן דיך געהילט אין לידער און אין גלאָריע
און גליקלעך אין דיין צויבער־ליכט געטרעטן,
איצט ביסטו פון דער הייך דער ווייזער צו אכזריות —
וואָס קענסטו היינט שוין זיין פאַר אונדז, פּאָעטן?

.1969

דער געפּאַנצערטער גולם אויף די גאַסן פון פּראַג

די לעצטע יאָרן האָט דער מענטש נישט קיין רו אין זיין אָפּרו. אויף זיין זומער־וואַקאַנס איז ער דורכגענומען מיט געפילן פון אַנגסט און זאָרג פאַרן גורל פון דער וועלט און פון זיין אייגענעם יחידישן גורל. די פּרעסע, דער ראַדיאָ און די טעלעוויזיע דערטראָגן צו אים דעם אומרו ווו נאָר ער זאָל זיך נישט געפינען. ער וועט נישט פון אים אַנטלויפן. ער וועט זיך נישט פאַרשטעלן פאַר אים מיט די ביימער פון וואַלד, ער וועט זיך נישט פאַרדעקן פאַר אים מיט די כוואַליעס פון ים, צי פון טייך, און ער וועט אויך נישט פאַרשטעקן זיין אומרו אינעם זאַמד פון דער פּלאַזשע. אין דער צייט פון זיין דערוואָרטער זאָרגלאָזיקייט קען דער מענטש נישט אויסטאָן זיך פון אַלע זיינע זאָרגן, ווי אַלע זיינע קליידער צום אַריינוואַרפן זיך אין אָפּפרישנדיקן מחיהדיקן וואַסער. אומעטום דערגייען צו אים די צעטרייסלענדיקע קלאַנגען וועגן דער נייגונג און טענדענצן צו ברוטאַלי־טעט, רציחה, שאַנטאַזש, פאַלשקייט, צביעות.

מיט אַ יאָר צוריק (אין 1967) אין דער זעלבער צייט, איז דערגאַנ־גען צו אונדז אין די וואַקאַנס־ערטער די ידיעה וועגן דער אַגרעסיע אין פּראַג קעגן אַ מענטש, וואָס איז דאָרטן געקומען אין אַ שליחות צו העלפן אַנדערע מענטשן. דאָס איז געווען דער דירעקטאָר פון „דזשאָינט" טשאַרלס דזשאָרדאַן. ס'איז געווען אַ שטילע דיסקרעטע אַגרעסיע קעגן איין מענטש. טשאַרלס דזשאָרדאַן איז אַרויסגעגאַנגען אין אַ פאַרנאַכט אויף אַ ווײַלע פון זיין האָטעל קויפן אַ צייטונג און האָט זיך שוין מער נישט אומגעקערט. פאַרפאַלן געוואָרן ווי אין וואַסער אַריין. נייך, נישט ווי אין וואַסער אַריין, נאָר טאַקע אין וואַסער אַריין. אָבער דער אמת וועגן זיין מיס־טעריעזן פאַרשווינדן איז שפּעטער, פּונקט ווי זיין קערפּער, אַרויפגעשווומען אויפן וואַסער. אַלנפאַלס, האָט מען זיך געקענט גוט משער זיין וועגן אים, דעם אמת.

מיט אַ יאָר שפּעטער, אין דער זעלבער צייט, ווען אַ סך פון אונדז

האָבן זיך געפונען ביים ברעג פון ים, אין די בערג, אין די וועלדער, איז צו אונדז דערגאַנגען די ידיעה וועגן אַ צווייטער אַגרעסיע אין פראַג. דאָס מאָל אָבער שוין נישט קעגן איין מענטש און שוין גאָרנישט אַזוי דיסקרעט. די אופנים זענען געווען אַנדערע, אָבער די אויספירער זיכער די זעלבע. די אַגרעסיע קעגן שטאַרלס דזשאָרדאַן איז געווען קעגן אַ מענטש, וואָס איז געקומען העלפן אַנדערע מענטשן, און דאָ זענען גאָר די אַגרעסאָרן אַליין געקומען ווי „העלפערס", העלפן אויף אַ ברידערלעכן און פריינטלעכן אופן מיט טאַנקן און פאַנצער־וואָגנס צעקוועטשן די פרייהייטס־אַספּיראַציעס פון אַ גאַנץ פאָלק.

איבער נאַכט איז דאָס אָפּגעטאָן געוואָרן. אַלע פאַרברעכנס זענען שווה־בשווה מיט דער נאַכט... אַז מען האָט זיך אויפגעכאַפט אינדערפרי איז שוין געווען נאָך אַלעמען. די וועלט איז געשטאַנען פאַר אַ געשעענעם פאַקט. די „קעפ" אין די פרימאָרגן־צייטונגען האָבן אַראָפּגענומען דעם קאָפּ. ער, דער קאָפּ, האָט עפּעס גאָרנישט געקענט באַנעמען אין דעם פרימאָרגן. אַלץ האָט אויסגעקוקט חידושדיק, נישט צום פאַרשטיין. ס'איז דאָך שוין געווען נאָכן פאַרענדיקטן מאַנעווער מיט די „מאַנעוורעס", נאָך די ברידערלעכע צונויפקומען אין טשערנאַ און בראַטיסלאַוואַ, ווו מען איז געקומען צו אַ הסכם. מ'איז דורכגעקומען אין אַלץ און מ'האָט זיך אויסגעגלייכט, איז מען געווען זיכער. און גראָד אין דעם מאָמענט איז געקומען דאָס וואָס איז געקומען. דער געפּאַנצערטער גולם איז אַרויס פון זיין חשכות און גענומען אַרומשלייכן אין די גאַסן פון פראַג. און אפשר איז דאָס אויסגלייכעניש דעמאָלט אויך נישט געווען מער ווי אַ מאַנעווער, אַ שפּיל אַזאַ אָדער פאַרשפּילעניש, מען זאָל זיך נישט ריכטן און נישט חושד זיין אין קיין שום בייז. און נאָך דעם ווי עס וועט שוין זיין אָפּגעטאָן וועט מען מיט קורטואַזיע און מיט אַ סך טאַקט קומען אָפּשטאַטן וויזיטן אין די קאַנצעלאַריעס פון די אויסערן־מיניסטעריומס ביי די גרויסמאַכטן, בכדי מיט אַ סך העפלעכקייט און ווילדערצויגנקייט מודיע זיין וועגן דעם. ס'איז פּונקט ווי אַ גנב וואָלט נאָכן אַרויסענדיקן מיט אַ סך פּערפעקטקייט זיינס אַ שטיקל אַרבעט אין מיטן דער נאַכט, זייער העפלעך אָנגעקלאַפּט ביי די שכנים און מיט פיינע מאַניערן און האַלטונג וואָלט ער געזאָגט: מיט רעספּעקט קום איך אייך צו מעלדן, אַז די גנבה איז אויסגעפירט געוואָרן אָרנטלעך און פראַווילנע...

איך האָב זיך צוגעקוקט אין יענעם פרימאָרגן צו די ערשטע פאָטאָגראַפישע בילדער פון פראַג אין די צייטונגען: קאָלאָנעס טאַנקן רוקן זיך פאָרויס אין די גאַסן און פלעצער פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער הויפּטשטאָט. ביי די טראָטואַרן, ווו זיי ראָלן פאַרביי, זעט מען שטיין אַ סך מענטשן.

אַז מען קוקט זיך צו צו די פּאַראומערטע פּנימער זעט מען, אַז זיי זענען דאָ נישט אַרויס אין גאַס מקבל־פּנים זיין די „געסט". געוויסע פון די „געהאָלפענע" באַמערקט מען וויינען. עס האָט מיר גלייך דערמאָנט אין אַן אַנדערן אַריינמאַרש פון אויסלענדישע טאַנקען אין פּראַג מיט איבער אַכט און צוואַנציק יאָר צוריק. אויך דעמאָלט האָב איך געזען, אין די קינאָ־אַקטואַליטעטן, שטיין פרויען ביי די טראָטואַרן און זיך ווישן די אויגן מיט טיכעלעך. דעמאָלט, פּונקט ווי היינט, האָט מען זיך מיט קיין טרערן נישט גערעכנט. פון דעסטוועגן איז פאַראַן אַ געוויסער אונטער־שיד צווישן דעמאָלט און היינט. נאָכן אַריינמאַרשירן פון זיינע פּאַנצערס אין פּראַג מיט איבער אַכט און צוואַנציק יאָר צוריק, האָט היטלער נישט גערופן בענעשן קיין בערלין בכדי אים אַרומצוכאַפּן קושן... וואָס־וואָס, נאָר דאָס — נישט... אַזאַ אויסברוך פון סענטימענטאַלקייט און השתפכות הלב, אַזאַ פילבאַרקייט און ליבשאַפט איז דעם איצטיקן ערשטן טאַנקען־אַנטרייבער אין פּראַג באַפאַלן צו זיין קרבן. מיליאָנען מענטשן האָבן גע־קענט זען אויף דער טעלעוויזיע דאָס דאָזיקע בילד, אויפגעכאַפּט אויפן מאַסקווער פלי־פּלאַץ, ווי יענער קאַצאַפּישער אַלמעכטיקער תקיף און כוח־גייער וואַרפט זיך אַרויף אויף דעם פּרעזידענט פון טשעכאָסלאָוואַ־קיע און דריקט זיך צו אים צו מיט זיין וואָגיקן גוף אַזוי ברידערלעך־האַרציק, ווען אין דער זעלבער צייט דריקן צו זיינע שווערע טאַנקען דעם ברוק פון די גאַסן אין פּראַג און צעדריקן דעם ווילן צו פרייהייט און סוווערעניטעט פון טשעכאָסלאָוואַקישן פאָלק; אין דער זעלבער צייט ווען ער וואַרפט זיך אויפן האַלדז פונעם אַלטן טשעכישן פּאַטריאָט און גענע־ראַל מיט די ווייסע האָר, האַלט ער ביים האַלדז אַלע זיינע קאָמפּאַטריאָטן פון פּראַג, בראַטיסלאַוואַ, ברין און פּילזן.

אין מיינע קינדער־יאָרן פלעג איך אָפט הערן דערציילן אין חדר, אַז משה איז געשטאָרבן פון דעם, וואָס גאָט האָט אים געגעבן אַ קוש. נישט דעם געקושטן האָב איך דאָ בדעה צו פאַרגלייכן צו משהן און אַוודאי נישט דעם קושער צום רבונו של עולם, פאַרשטייט זיך. איין זאַך אָבער געדענק איך, אַז ווען איך פלעג הערן דערציילן די מעשה פון וואָס משה איז געשטאָרבן, איז מיך אַ שרעק באַפאַלן, נישט אַזוי צוליב משהס טויט ווי צוליבן אופן פון זיין שטאַרבן און איך האָב געציטערט ממש, אַז איך זאָל נישט אַמאָל קריגן אַזאַ געטלעכן קוש...

וואָס קען מען דען פאַרדעקן מיטן קושן זיך אין די פּיסקלעך מיטן קרבן, אַז מען ווייסט סיי ווי, אַז פון זעלבן מויל גייט אַרויס פאַלשקייט און שקר, גיפט און גאַוועך און אַ באַשפּייען און באַכראַקען די אייגענע איינגעשטעלטע פּרינציפּן און הייליקע צוזאָגן; אַז ברענגען אַ פּאַרטנער

פון דער זעלבער אידעאָלאָגיע און דאָקטרין צום פאַרהאַנדלונגס־טיש אַ צעשלאָגענעם און געשמידטן אין קייטן אין אַ העליקאָפּטער — אַ פליענדיק תּפיסהלע — דאָס הייסט חברישער מיינונגס־אויסטויש און געמיינזאַם באַהאַנדלען פּראָבלעמען צווישן צוויי צדדים.

***

אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן מיט נישט־פאַרטראָגן די אינטעלעקטועלע, די שרייבער, די זשורנאַליסטן, די וואָרט־זאָגער, וואָס מיר זענען שטאָלץ מיט זייער ווירדיקער האַלטונג. די דיקטאַטורן זענען נישט שווה בשווה מיטן אמת און מיטן וואָרט, וואָס דריקט אויס דעם אמת. וויפל שרייבער האָבן באַצאָלט מיטן לעבן בלויז דערפאַר ווייל זיי זענען געווען שרייבער. לאָמיר דערמאָנען עריך מיזאַם, מאַקס זשאַקאָב, גאַרסיאַ לאָרקאַ און פאַר־וואָס נישט אויך דערמאָנען באַריס פּילניאַק, איזאַק באַבעל, מיכאיל קאָל־צאָוו און פאַרוואָס נישט אויך דעמאָנען דוד בערגעלסאָנען, דעם נסתּר, מאַרקישן, האָפשטיינען, פעפערן און זייערע חברים. און דאַניעל און סיניאַווסקי, געפינענדיק זיך אויף קאַטאָרגע, צי קומען זיי נישט אָפּ פאַרן וואָרט, פאַרן שרייבערישן באַרוף? די דיקטאַטורן, איין־פּערזאָ־ניקע, צי קאָלעקטיווע, צי אַפילו קאָלעגיאַל - אָנפירנדיקע, פאַרטראָגן נישט דאָס וואָרט (אַחוץ זייער ליגנעריי). זייער דעוויז איז: צום ערשט איז געווען די פויסט, דער קולאַק, מען מיינט אַז מיט אים (אַחוץ מיטן שקר) וועט מען אַלץ דערגרייכן. מען שטעלט אויס בלויז אויפן כוח און מען גלויבט צו קענען פאַרדעקן מיט אים יעדן אמת, יעדע מאָראַל. מען מיינט אַז ער וועט זיין דער פּוסק אַחרון ביי חילוקי־דעות און ער וועט דאָס „נאָרמאַליזירן” סיטואַציעס. בעת די אַרעסטן מיינע אין די אָקופּאַ־ציע־יאָרן האָב איך זיך שטענדיק אויסגעהיטן מיט דעם, אַז איך האָב עפּעס אַ שייכות צו שרייבעריי. וואָס פאַר אַ נאַר נישט אָנגעגעבענע מלאכה וועט זיין בעסער אָנגעלייגט ווי מען זאָל וויסן אַז איך האָב צו טאָן מיט דער פען. אָט דאָס, האָב איך באַמערקט, איז אויך איצטער גילטיק גע־ווען בעת די געשעענישן אין טשעכאָסלאָוואַקיע. אַ פּראָווינציזישן זשור־נאַליסט, וועלכער האָט אין די „הייסע” טעג געוואָלט פון ווין אַריינפאָרן קיין פּראַג, האָבן די טשעכישע גרענעץ־באַאַמטע געמאַכט אַ ספּעציעל פּאַפּירל אויף וועלכן זיי האָבן דאָס וואָרט „זשורנאַליסט” פאַרביטן אויף אָנגעשטעלטער...

איז דען אַ וווּנדער וואָס ביי אַזעלכע באַדינגונגען עצהט דער טשע־כאָסלאָוואַקישער פּרעמיער־מיניסטער, אַז די בעסטע מוחות זאָלן פאַר־לאָזן דאָס לאַנד באַצייטנס און כל־זמן ס׳איז נאָך דאָ אַ מעגלעכקייט, און

גיט צו, אַז ער אַליין, דער עצה־געבער, וועט זיך אויך מוזן צוהערן צו זיין אייגענער עצה. לויפט מען. חזרט זיך ווידער איבער דער זעלבער מצב וואָס פון סוף דרייסיקער יאָרן. בהלה. פּאַניק. פּליטים אויף די וועגן און ביי די גרענעצן. מען וויל נישט שאַפן אונטערן שטיוול און אין שאָטן פונעם טאַנק און אונטערן דיקטאַט פון זיין אַנגעשטעלטער לופּע. לויפן שרייבער, קינסטלער, זשורנאַליסטן און זייער איינציקע וויזיע איז אַ וויזע.

ווי אַזוי זאָלן זייערע הערצער נישט זיין אָנגעפּילט מיט פאַרבי־טערונג און אַנטוישונג, זעענדיק ווי די יאָרן־לאַנגע פּרעדיקער פון פעלקער־פאַראייניקונג און פעלקער־פאַרברידערונג הייבן אָן צערייסן און צעשטערן די איינהייט צווישן סלאָוואַקיע און טשעכיע, גלייך ווי אַלע קלאַסישע הערשער און באַהערשער, און אַפילו אַרויסרופן אַנטאַגאַניזמען צווישן פעל־קער דורך אָנרייצן בולגאַריע קעגן יוגאָסלאַוויע, זי זאָל אַרויסקומען מיט טעריטאָריאַלע פּרעטענזיעס. אַלץ געגוי לויטן גוט־באַקאַנטן, טראַדיציאָנעלן און קלאַסישן מוסטער. און צו דעם האָט מען נאָך גע־דאַרפט האָבן געהילפן, טיילן אויף אַ ברידערלעכן אופן דעם זאַקרויב צווישן פינף סאָציאַליסטישע מלוכות און דערביי איז געגעבן געוואָרן די געלעגנהייט דייטשן, צום ערשטן מאָל נאָך דער מפלה פונעם רייך, אַז זיי זאָלן ווידער קענען הייבן די פיס צום געגנזן־שריט אויף אַ פרעמדער טעריטאָריע אין אייראָפּע און נאָך דעם ווי זיי זענען ערשט געווען גע־צוווּנגען צו הייבן די פיס צום מאַכן פליטה פון די אָקופּירטע פאַריאָכטע לענדער.

**
*

אַ כאַראַקטעריסטיש בילד פון די געשעענישן אין פּראַג האָט מען געקענט זען אויף דער טעלעוויזיע. אַ בילד אַ סימבאָל. אַ סאָוויעטישער סאָלדאַט שטעקט אַרויס דעם קאָפּ פון זיין טאַנק. די מענטשן אַרום טענהן איין מיט אים. ער באַנעמט, אַז ער איז דאָ נישט געוווּנטשן און אַז מען האָט אים נישט אַזוי שטאַרק אויסגעקוקט. און פילנדיק זיך נישט באַק־וועם, באַהאַלט ער צוריק דעם קאָפּ, אַראָפּלאָזנדיק די אייזערנע דעק אי־בער זיך. זעט אויס, אַז ער האָט זיך זשעניִרט און געשעמט. און ער האָט געהאַט פאַר וואָס זיך צו שעמען, דער סאָוויעטישער סאָלדאַט. נישט בלויז מיט דער אייזערנער דעק, נאָך אויך מיט חרפּה האָט ער זיך באַדעקט. און וואָס איז אונדז נאָך געבליבן, נאָך אַלע שיינע אידעאַלן און חלומות, אַחוץ דער אייזערנער דעק?

1968

צווישן יידן אין בראַטיסלאַוואַ

אין שייכות מיט די געשעענישן פון חודש אויגוסט 1968 אין טשע־כאָסלאָוואַקיע איז אָפט דערמאָנט געוואָרן די שטאָט בראַטיסלאַוואַ. דאָס האָט אַרויסגערופן אין מיר אַ שלל פון דערמאָנונגען און רעמיניסצענצן, וואָס האָבן זיך אָפּגעזעצט אויפן דנאָ פון מיין זכרון, רעמיניסצענצן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער שטאָט.

מיר איז אויסגעקומען אין יאָר 1937 צו פאַרברענגען דאָרטן עטלעכע וואָכן. אָבער דאָס וואָרט „פאַרברענגען" האָט דאָ אַ פאַלשן קלאַנג, ווייל איך בין דאָרטן געווען אַ נישט־געבעטענער גאַסט, אַ דורכפאָרנדיקער אומלעגאַלער נע־ונדניק.

אין משך פון יאָרן, ווען איך פלעג באַגעגענען דעם נאָמען בראַטיס־לאַוואַ האָט ער מיך נישט געלאָזט גלייכגילטיק, בפרט לעצטנס, ווען ער איז אַזויפיל מאָל דערמאָנט געוואָרן אין ידיעות, אַרטיקלען און רעפּאָר־טאַזשן. דעם פיר און צוואַנציקסטן אויגוסט 1968, איינשטייגנדיק אין באַזעל אין צוג קיין פּאַריז, האָב איך צופעליק זיך אָנגעטראָפן אין קופּע, וווּ איך האָב זיך אינסטאַלירט, אויף אַ מיטליאָריקער פרוי מיט אירס אַ טאָכטער, וועלכע האָבן זיך נאָר־וואָס מיט דעם צוג אומגעקערט פון טשע־כאָסלאָוואַקיע, פון וואַנען זי שטאַמט. זי לעבט שוין לאַנגע יאָרן אין פראַנק־רייך און איז געפאָרן היי־יאָר אויף וואַקאַנס צו אַ שוועסטער וואָס וווינט לעבן בראַטיסלאַוואַ. פון די פיר וואָכן וואַקאַנס איז זי געבליבן דאָרטן בלויז צוויי, ווייל צוליב די געשעענישן, וואָס האָבן זיי דאָרטן פאַרכאַפּט, האָבן זיי הענדום־פּענדום פאַרלאָזט דאָס לאַנד און איצטער זיצן זיי דאָ מיט אויגן פול מיט אויסדרוק פון בהלה און פולע טאַשן מיט קראָנעס, וואָס זייער איינציקע זאָרג איז איצטער ווען זיי צי מען וועט זיי נאָך קענען אויסגעבן.

איך האָב געהאַט אַ טאָפּלטן אינטערעס אויסצוהערן די צוויי פרויען, וואָס זענען איצטער געפאָרן פון טשעכאָסלאָוואַקיע, צוליב אַלגעמיינע סי־

בות און אויך סענטימענטאַלע — ס ע נ ט י מ ע נ ט אַ ל ע, ווייל זיי קו־מען דאָך פון בראַטיסלאַוואַ. זייערע גרוסן זענען געווען דירעקטע, פריי־שע, לעבעדיקע, הגם דערציילט האָבן זיי וועגן טויטע, וואָס זיי האָבן גע־זען אָפּגעבן כבוד עפנטלעך אין גאַס.

אונטערן איינדרוק פון זייער דערציילן האָב איך זיך אויפסניי אומ־געקערט אין מיינע מחשבות קיין בראַטיסלאַוואַ און צו דער צייט ווען מיר איז דאָרטן אויסגעקומען צו זיין מיט איבער איין און דרייסיק יאָר צוריק. קיין פולער איינדרוק איז מיר נישט געבליבן פון דער שטאָט ווייל זייענ־דיק אַ פוילישער בירגער וואָס געפינט זיך דאָ אומלעגאַל, האָב איך אויס־געמיטן אָפּט צו זיין אין גאַס און במילא האָב איך די שטאָט נישט געקענט באַזוכן ווי אַ טוריסט און זי זען מיט די אויגן און פילן מיטן געמיט פון אַ טוריסט. אָבער דאָס קאַרגע וואָס איך האָב דעמאָלט געקענט זען און אָבסערווירן, און דער עיקר, דער איינדרוק פון מיינע באַגעגענישן צו יענער צייט מיט יידן פון בראַטיסלאַוואַ, מיט וועלכע איך בין געקומען אין באַרירונג, איז ביי מיר פאַרבליבן געשעצט און זייער אָנגעלייגט ביז צום היינטיקן טאָג.

מיר זענען געווען אַ גרופּע יידישע יונגעלייט, וואָס האָבן זיך צו־נויפגעטראָפן אונטערוועגס אויף זייערע וואַנדערונגען אין דער גרויסער וועלט אַריין. אַלע זענען געווען אַנטלאָפענע פון פוילן צוליב פאַרשידענע סיבות: פּאָליטישע רדיפות, נויט, אַרבעטסלאָזיקייט. איינער האָט געוואַנ־דערט מיטן ציל צו פאָרן קעמפן אין שפּאַניע און איינער אַפילו צוליב דעם וואָס ער האָט אין פוילן געמאַכט באַנקראָט, אַנגעזעצט. הגם דער ציל זייערער איז ביי אַלע געווען דער זעלבער: זיך אַריינבאַקומען דורך עסטרייך און דער שווייץ קיין פראַנקרייך, איז קיין סך געמיינזאַמס נישט געווען צווישן זיי. בלויז די תפיסה אין בראַטיסלאַוואַ, וווּ אַלע זענען אַריינגעפאַלן, האָט זיי פאַראייניקט און געבונדן צווישן זיך. און נישט בלויז צווישן זיך. די גרויסע קאַמער האָט זיי צונויפגעבונדן און געהאַלטן צוזאַמען מיט די אַנדערע תפיסהניקעס, פרעמדע שכנים, וואַגאַבונדן, קרי־מינעלע, ווייל קיין אַנדערע ברירה איז נישט געווען, מען האָט געמוזט ליגן מיט זיי אויף דער זעלבער נאַרע, מען האָט געדאַרפט טיילן מיט זיי דאָס זעלבע ברעט און ברויט און במילא אויך דעם זעלבן צייטווייליקן גורל.

נישט געקוקט וואָס אין לאַנד האָט געהערשט דעמאָקראַטיע, איז דאָ דער רעזשים געווען זייער אַ שטרענגער, די באַציאונג פון די וועכטער פול מיט ביטול און שנאה. אין קיין שום תפיסה ווו עס זאָל נאָר נישט זיין, איז, נאַטירלעך, נישט צו דערוואַרטן קיין העפלעכקייט און קיין באַן

טאָן, אָבער דאָ האָט מען דאָס נאָך ווינציקער אַנגעזען, ווינציקער נאָך אַפילו ווי אין די סאַנאַציע־תּפֿיסות אין פּוילן. די פֿיינטלעכקייט קעגן אונדז איז נישט געווען צו באַנעמען, ווייל מיר האָבן געוווּסט אַז קיינער פֿון אונדז האָט נישט בדעה אומצווואַרפֿן דעם טשעכאָסלאָוואַקישן דע־מאָקראַטישן רעזשים. האָט מען איבערגעלעבט אַנטוישונג. און גאַנץ גלייך אויף אונדז — מען האָט נישט געדאַרפֿט גלויבן מיט נאַאיווקייט, אַז יעדער טשעכישער באַקנעפּלטער זשאַנדאַרם האָט שוין נישט וואָס אין זי־נען צו האָבן, ווי נאָר פֿיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת מקיים צו זיין די דעמאָקראַטישע פּרינציפּן. איינער פֿון זיי, אַן עלטסטער, האָט איינמאָל, הערנדיק אונדז רעדן יידיש, געהאַט תּרעומות אויף אונדז, זאָגנדיק, אַז אַלע יידן רעדן „פּאָ נעמעצקו”. גראָד דאָס איז מיר יאָ געפֿעלן געוואָרן ביי אים. איך האָב געזען אין דעם אַן אויסדרוק פֿון זיין פּאַטריאָטיזם און אַ קעג־נערשאַפֿט צו דייטשלאַנד. איך בין אים אַפילו מוחל געווען זיין טעות אין אָננעמען אונדז פֿאַר גערמאַנאָפֿילן און זיין נישט קענען אונטערשיידן דייטש פֿון אונדזער לשון, ס'הייסט זיין קנאַפּע קענטעניש אין לינגוויסטיק.

איינמאָל האָט זיך געעפֿנט די טיר פֿון דער גרויסער קאַמער און מען האָט אויסגערופֿן, אַז ווער עס איז אַ ייד זאָל אַראָפּגיין אין דער אַד־מיניסטראַציע. קיינעם איז גאָרנישט איינגעפֿאַלן דעמאָלט צו טראַכטן, ווי מען וואָלט עס געטאָן היינט, אַז דאָס איז דיסקרימינאַציע און ראַסיזם. סוף כּל סוף זענען מיר דאָך דאָ געווען ווי פּוילישע בירגער און נישט ווי יידן. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז די קהילה פֿון בראַטיסלאַוואַ האָט זיך דערוווּסט, אַז צען יידן פֿון פּוילן זיצן דאָ אין דער תּפֿיסה און זי האָט אַריינגעשיקט פֿאַר זיי ברויט מיט פּוטער און הייסע קאַווע מיט מילך. דאָס איז געווען מיין ערשטער אומדירעקטער און טאַקע אויך דירעקטער קאָנטאַקט מיט די יידן פֿון בראַטיסלאַוואַ.

ווען מען האָט אויסגערופֿן, אַז ווער עס איז אַ ייד זאָל אַראָפּגיין, האָט זיך געיאָוועט איינער אַן אַרעסטאַנט פֿון דער קאַמער, נישט קיין ייד, און איז אויך מיט אונדז אַראָפּגעגאַנגען. צוליב וואָס? זעט אויס, אַז ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אויב מען רופֿט יידן, איז עס צוליב אַ גוטער זאַך און ער האָט געוואָלט אָנגיין פֿאַר אַ ייד. זיין אָריענטאַציע און אויסרע־כענונג זענען צופֿעליק דעמאָלט גראָד געווען ריכטיקע. האָט ער אויך גענאָסן פֿון יידישער סאָלידאַריטעט און יידישער גורל־שותּפֿות. דאָס מאָל גראָד איז דער גורל געווען אַ געשמאַקער און באַטעמטער. אַלנפֿאַלס, איז קיינעם פֿון אונדז נישט איינגעפֿאַלן אָנצוווייזן די תּפֿיסה־באַאַמטע אויף אים, אַז ער איז נישט קיין ייד.

נאָכן אָפּזיצן די שטראָף פֿאַר זיין אומלעגאַל אין לאַנד, האָט זיך די

טשעכן נישט איינגעגעבן אַלעמען אַריבערצוואַרפֿן איבער דער גרענעץ, אויף דער עסטרייכישער זייט. דעם זעלבן אָוונט האָב איך זיך געפֿונען אין אַ יידישן רעסטאָראַן אין בראַטיסלאַוואַ, וווּ מען האָט מיר געשאַפֿן אַן אָרט וווּ צו זיין עטלעכע וואָכן ביז איך האָב געקענט אָפּפֿאָרן ביי גוטע באַדינגונגען. איך האָב געוווינט ביי אַ שוסטער אויף דער יידן־גאַס, וווּ איין גרויס צימער איז באַשטאַנען פֿון אַלץ: אַ שלאָפֿצימער, אַן עסצימער, אַ קיך און אויך אַ וואַרשטאַט. צום פֿאַרפּאַלק מיט קינדער, איינס קלע־נער פֿון אַנדערן, איז איצטער צוגעקומען נאָך אַ לאָקאַטאָר, וואָס מען האָט אים געדאַרפֿט אָפּגעבן אַ ווינקל. איך בין געווען זיכער, אַז אַריינ־געגומען האָט מען מיך מער אויס יידישער סאָלידאַרטעט און מענטשלעכ־קייט ווי צוליב די פֿאַר קראָנען פֿאַר מיין וווינען. ס׳איז אחוץ אַלעמען אויך געווען אַ ריזיקע פֿאַר די באַלעבאַטים, ווייל זיי וואָלטן געקענט באַ־שטראָפֿט ווערן אין פֿאַל פֿון אַ מסירה, כאָטש מצד אַ ייד האָט דאָס נישט געקענט געשען. צום שוסטער זענען אַריינגעקומען יידן, איך האָב זיך באַקענט מיט זיי, געשמועסט. זיי האָבן געוווּסט ווער איך בין, ס׳איז מיר אָבער נישט געקומען אויפֿן געדאַנק אַז איך דאַרף פֿאַר עמעצן פֿון זיי מורא האָבן.

בראַטיסלאַוואַ איז אַ גרענעץ־שטאָט און די מאַכט איז דעמאָלט גע־ווען זייער שטרענג און וואַכזאַם, מען האָט שטענדיק געהיטן און געזוכט פֿאַרדעכטיקטע. אַמגעפּערלעכסטן איז געווען אַריבערצוגיין די בריק אי־בערן דונאַי, וואָס האָט אָפּגעטיילט בראַטיסלאַוואַ פֿון פּעטערזשאַלקאַ, אַ פֿאָרשטאָט פֿון בראַטיסלאַוואַ. דאָרטן איז שוין געווען די גרענעץ. פֿאַר דער בריק איז שטענדיק געשטאַנען אַ פּאָליציאַנט, נישט אַזוי צוליבן רע־גולירן די צירקולאַציע ווי צוליבן האַלטן אַן אויג אויף די וואָס גייען אַריבער די בריק.

דורכפֿאָרנדיק אין טראַמוויי האָב איך געקאָנט באַמערקן דעם קאָנ־טראַסט פֿון דער שטאָט, צווישן אַלטן און נייעם. איך האָב געזען מאָדערנע הייזער מיט סימעטרישע גרויסע פֿאַסאַדעס און אַלטע אָפּגעכוימלטע גאַסן און הייזער. צו די האָט געהערט די יידן־גאַס, וווּ איך האָב געוווינט. אַ יידן־גאַס איז אין ערגעץ נישט קיין נייע. דאָס איז שוין אַזוי צום רומל. פֿון וואַנען האָט זיך גענומען דער נאָמען פֿון דער גאַס? צי איז נישט דאָ אַמאָל געווען אַ געטאָ נאָך אין מיטלאַלטער? איך האָב זיך דעמאָלט נישט פֿאַרנומען מיט פֿאָרשן דעם ענין. איך בין געווען צופֿרידן, אַז מען לאָזט מיך צורו און מען נעמט מ י ך נישט פֿאָרשן... פֿון די אַלטע היי־זער און הייפֿלעך האָט אַרויסגעקוקט אַ פֿינצטערניש און אַ פּחד. איך

האָב אַ באַזונדערן סענטימענט פאַר אַלטע הייזער. עס טראָגט זיך פון זיי דער ריח פון געשיכטע. די צרה איז אָבער וואָס עס טראָגן זיך פון זיי אַנ־דערע ריחות אויך. זיי זענען אינטערעסאַנט פון טוריסטישן שטאַנדפּונקט. זיי ציִען צו דאָס אויג פונעם טוריסט און דאָס אויג פון זיין „לעיקאַ”, צי „זאָרקאַ”. זיי זענען טיילן פון אַ מוזיי. זיי זענען שיין און פּיטאָרעסק, די אַלטע הייזער, נאָר ווינען זאָל מען אין נייע. אַזאַ מסקנה האָב איך נאָך אַרויס־געצויגן פון די אַלטע הייזער אויף דער יידן־גאַס אין בראַטיסלאַוואַ מיט אַ־יבער איין און דרייסיק יאָר צוריק. דעם נאָמען, אַלנפאַלס, האָט זי זיך כשר פאַרדינט. די יידן, וואָס האָבן דאָרטן געוווינט זענען געווען זייער פרומע, הגם אויסערלעך האָט זיך דאָס אויף זיי נישט אָנגעזען ווי אויף די פרומע יידן פון וואַרשע. זיי זענען געווען אייראָפּעאיש געקליידט און גערעדט אַ מזרח־גאַליציאַנער יידיש, פאַרבראַקט דאָ און דאָרטן מיט אַ דייטשמעריזם. שבת אינדערפרי האָט מען געקענט זען אַדורכגיין די גאַס פראַנק און פריי יונגע יידן מיט שמאָלע טליתימלעך אויף די אַקסלען. איך האָב באַמערקט אויף די טויערן פון די הייזער צו דער גאַס אַרויס מזוזות, דאָס וואָס איך האָב אפילו אין יידישע גאַסן פון וואַרשע, צי אין אַנדערע שטעט אין פּוילן, נישט געהאַט געזען. איך האָב זיך געחידושט און געפרעגט די יידן: היתכן? אין דעם הויז קענען דאָך אפשר אויך ווינען נישט־פרומע יידן און אפשר אויך קריסטן? — עס ווינען טאַ־קע קריסטן אויך, האָבן זיי מיר געענטפערט, נו, איז וואָס? וואָס קען זיי שאַטן די מזוזה? נישט געפערלעך, ס'וועט זיי גאָרנישט געשען. זאָלן זיי אויך פילן דעם טעם וואָס עס פילט אַ ייד...

ס'איז גראָד אויסגעפאַלן פסח צו יענער צייט און מען האָט מיך פאַרבעטן צום סדר אַקעגנאיבער, צום קעלנער פון יידישן רעסטאָראַן, וועלכער האָט אַלע ענינים פאַר מיר דערליידיקט. הגם אין שטוב האָט זיך נישט אָנגעזען קיין רייכקייט, איז דער סדר געווען אַ מלכותדיקער, מיט גלאַנץ און פייערלעכקייט. דאָס וואָס מיר האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן איז געווען דאָס וואָס די פרויען האָבן אָפּגעריכט דעם סדר צו־גלייך מיט די מענער, זיי האָבן געזאָגט די הגדה כמעט פון אויסנווייניק און אַ מיידל האָט געפרעגט די קשיות. הגם איך האָב געוווּסט אַז רעלי־גיע איז אָפּיום פאַר די מאַסן, האָב איך געזען אין דעם אַ געווּיסן פּראָ־גרעס, אַ גלייכבאַרעכטיקונג פאַר דער פרוי, אַ מין פּראָגרעסיוון אָפּיום. דער נוסח ריטואַל פון אָפּריכטן דעם סדר זענען געווען ווי ביי אונדז אין פּוילן, אָבער דאָס פרעגן די קשיות פונעם מיידל, וואָס האָט מיך, אַ בחור, אויפגעשטעלט, אָדער אויפגעזעצט, אין אַן אומבאַקוועמער לאַ־גע, איז געווען פאַר מיר אינגאַנצן אַ נייעס. איר זיס געזאַנג פון „מה

נשתנה", צוזאַמען מיטן זיסן ווײַן פון די ארבע כוסות, האָט זיך צעגאָסן אין מײַנע אברים און געפינט נאָך אַן אָפּקלאַנג אין מײַנע איצטיקע טעג.

***

ווו זענען איצטער יענע יידן? וויפל פון זיי זענען אַרויס בשלום פונעם היטלער־קאַטאַקליזם אויף דער אַלטער יידן־גאַס? איך שטעל זיך פאָר, אַז ווען די סאָוויעטישע טאַנקן זענען אַריין אין בראַטיסלאַוואַ, האָבן זיי אויסגעמיטן די יידן־גאַס, נישט צוליב דרך־ארץ און אָפּשיי פאַר געשיכטע, נאָר פשוט, ווייל עס האָט זיך נישט געלוינט. די יידן מעגן טאַקע זיין אַ וועלט־מאַכט, אָבער די אַלטע יידן־גאַס פון בראַטיסלאַוואַ שטעלט נישט מיט זיך פאָר קיין שום וויכטיקן סטראַטעגישן פונקט פון דער שטאָט און ווען דאָרטן זאָל זיך אַ ריר געבן אַ שווערער טאַנק, וואָלטן אַלע הייזער געקענט איינפאַלן ווי אַ דעקאָראַציע פון אַ יידישן אַמאַטאָרן־טעאַטער, ווען דער סטראַזשניק פון שטעטל גיט אַ טופּע מיט די פיס.

.1968

צווישן אַלטן און נייעם יאָר

דאָס יאָר 1968 רוקט זיך אָפּ פון אונדז און וועט באַלד ליגן אין שטויב אין אַרכיוו פון עבר.

ס׳איז צווישן ניטל און ניי־יאָר. אַ מין „נאָמאַנסלאַנד״ פון צייט, הייסט עס. דאָס אַלטע יאָר טרעט אָפּ און דאָס נייע מאַכט רעפּעטיציעס און גרייט זיך אויפצוטרעטן. ס׳איז ווי צוויי פּרעזידענטן, וואָס איינער האָט שוין אָפּ־געדינט און גרייט זיך צו פאַרלאָזן זיין אַמט, און איינער, גרייט זיך אײ־בערצונעמען זיינע פונקציעס, גרייט שוין צו זיין פּנים צו אָפיציעלע פּאָ־זעס פאַר דער טעלעוויזיע־קאַמעראַ און זיין פאַנטן־פּען צום אונטערשרייבן וויכטיקע דעקרעטן. דער נייער פּרעזידענט נעמט איבער פונעם פריערדיקן אַלץ, אַחוץ דאָס ווייב: זיין הויז, זיין דירה, זיין שטעמפּל, זיין שרייבטיש, זיין שאָפער. אחוץ דעם נעמט ער אויך איבער פון אים די זעלבע פּאָליציי, אַרמיי, בענק, באַוואָפענונגס־בודזשעט, מלוכה־צרות, שלום־דאגות און אַנ־דערע קאָפּדרייעניש.

דאָס אַלטע יאָר איז געווען אָרעם, ממש אַ קבצן, אין רעאַליזירונ־גען פון אונדזער שטרעבן און האָפן, אָבער אין זין פון מענטשלעכע אַנ־טוישונגען, דראַמאַטישע געשעענישן, קאָנטראַדיקציעס און טראַגישע פּאַ־ראַדאָקסן איז דאָס יאָר געווען רייך, ממש אַ מיליאָנער.

ביים אויפקום פונעם יאָר האָט נאָך דאָמינירט דער טאָן, אַז מיר זענען אַ פאָלק פון דאָמינאַטאָרן, אַ כאַראַקטער־שטריך וואָס איז אויסגע־פונען געוואָרן אין אונדז, פאַר אַ נאָווינע, אין לעצטן פּעריאָד פונעם יאָר 1967, כאָטש אָנגעצייכנט האָט ער זיך נאָך אין אַ סך, אַ סך פריערדיקע צייטן, אָבער מיר זענען מיט אים געשטעמפּלט די גאַנצע צייט פונעם אַוועקגייענדיקן יאָר און די לאָגישע קאָנסעקווענץ איז געווען דערפון, אַז

מען דאַרף צוימען אונדזער דאַמינאַציע, אונדזער גלוסטעניש צו וועלט־באַהערשונג און דורך פאַרשידענע פּרעטעקסטן זיך צו וועלן פאַרגרעסערן טעריטאָריאַל ביי יעדער געלעגנהייט. שפּעטער איז געקומען אַ פּירוש פון דער זעלבער האַנט און פון זעלבן מויל, אַז די אַלע זאַגענישן זענען גאָר געווען צו אונדזער לויב. דאָס הייסט, דו ביסט אַ זשוליק, אַ כיטראַק, אַ שווינדלער, אַ גנב, אָבער איך זאָג דיר דאָס אַלץ לשבח... דאָס איז געווען אַ גלעט פון אַ פּריצישער בייטש מיט שיינע טראַלדעלעך און צאַצקעלעך, און ס'זענען אַפילו געווען געוויסע יידן, וואָס האָבן זיך טאַקע מיט אָט דעם גלעט געיחוסט. אַי, ס'איז געווען אַ גלעט פון אַ בייטש, צי ראַפּניק, פון דעם האָבן זיי נישט געוואָלט וויסן...

נאָך דעם ווי מען האָט אויסגעפונען אַזויפיל מעלות אין אונדז און מען האָט אונדז אַזוי עפּנטלעך געלויבט, איז אפשר ווייסט ווער מי יודע מיט וואָס פאַר אַ טובות און פּריווילעגיעס מען האָט אונדז באַשאָנקען אין משך פונעם לעצטן יאָר? נישט אַנדערש, נאָר מען האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן אין איין אַפּעלירן צום אַראַבישן צד, וואָס איז צעקריגט מיט אונדז, אַז ער זאָל באַוויליקן צו גיין מיט אונדז צום טיש, מען האָט זיך באַ־מיט אַרויסצוברענגען פאַר אים אונדזערע מעלות, אַז דער ענין זאָל אים אָנשטיין. די אַרגומענטן זענען געווען: אויב וויל מען אויפריכטיק מיט עמעצן לעבן מאָרגן בשלום, ווי קען מען שוין היינט נישט וועלן אַרויס־זאָגן צו יענעם אַ וואָרט דירעקט, פּנים אל פּנים? יענער צד אָבער האַלט נישט פון רעדן וועגן שלום פּנים אל פּנים, נאָר פון באַלאַקען וועגן שלום לפּנים.

גאָרנישט קאָן זיין פאַר זיי אַ ביישפּיל דאָס לעצטע יאָר, ווי פריער, איבעריקנס: נישט אינדיע־פּאַקיסטאַן און נישט, אַמעריקע־וויעטנאַם. אַמע־ריקע די ערשטע וועלטמאַכט, וואָס עס שטייט איר יאָ אָן אַוועקצוזעצן זיך ביי איין טיש מיטן אַנדערן צד, דערביי זאָל איר גאָרנישט אָפּקומען פון איר כבוד, פּרעסטיזש, יחוס און שטאָלץ. און זי דאַרף נישט אַז אַ וועלט־שליח זאָל פאַר איר אַרומהאַווען ווי אַ מעקלער אָדער שדכן, דאָ עפּעס איינרוימען דזשאָנסאָנען און עס אָפּטראָגן צו האָ־שי־מינען און דאָ עפּעס אויפכאַפּן ביי האָ־שי־מינען און עס איבערגעבן דזשאָנסאָנען און אַזוי אָן אַ סוף און אָן אַן עק.

אַזאַ פאַרשטעלט און פאַרליגנערט פּנים, ווי אין דעם לעצטן יאָר, האָט נאָך די וועלט נישט געהאַט. די צביעות, די קאָנטראַדיקציעס און טראַגישע פּאַראַדאָקסן שטעכן ממש אויס די אויגן. אינוואַזיע און אָקופּאַ־ציע הייסן ברידערלעכע הילף. אָן אומנאָרמאַל־געשאַפענע לאַגע הייסט

נאָרמאַליזאַציע, אונטערוואַרפן דעם ווילן פון אַ פֿאָלק צו לעבן אין אומאָפּ־הענגיקייט אונטער פרעמדן אַריינגעפירטן כוח, הייסט באַציאונגען פון חברישקייט.

נאָך קלינגען אָפּ פון חודש אויגוסט אין אונדזער געהער דער געקלאַפּ פון אַריינמאַרשירנדיקע שטיוול אויף די גאַסן פון פּראָג, דער געקלימפּער פון כלי־זין, געפּאַנצערטע אויטאָס און אַ געריודער פון אַבאַזן, וועגענער, פעלדקיכן און אַ נאַכשלעפּעניש פון אייזנוואַרג. און פון יעדן טאַנק אַרויס קוקן אויף אונדז אַ פּאָר צעטומלטע און שטוינענ־דיקע אויגן פון אַ יונגן רוסישן סאָלדאַט. דאָס חידושט ער זיך אַזוי צוליבן „ברוך־הבא״, וואָס עס מאַכט אים די באַפעלקערונג, די מענטשן אויף די טראָטואַרן, די פּרויען, די יוגנט. ער איז דאָך געקומען דאָ אַהער ווי אַ רעטער און מען נעמט אים גאָר אויף ווי אַ פּאַרעטער. ער זעט גוט, אַז ער איז נישט גוט געזען. שטיינער אַנשטאָט בלומען. דראָענ־דיקע פויסטן אַנשטאָט פּאַכענדיקע הענט. רעטער? וועמען איז ער גע־קומען ראַטעווען? האָט דען ווער געבעטן אים צו קומען מיט רעטונג? האָט מען אים אפשר געזאָגט, אַז מען שיקט אים אין ברידערלעכן לאַנד אויף מאַנעוורעס און איצטער זעט ער, אַז דאָס אַליין איז געווען אַ מאַ־נעווער. אָדער אפשר האָט מען אים גאָרנישט געזאָגט. וועמען דאַרף מען דען עפּעס זאָגן? זיין טאַנק, וואָס דריקט איצטער דעם ברוק איז דער פּיעטשאַט פון דער צענזור, פון די נייע אוקאַזן. ער גייט דיקטירן די פּילאָזאָפן ווי אַזוי צו דענקען, די וואָרט־זאָגער ווי אַזוי זיך אויסצו־דריקן און די שרייבער און זשורנאַליסטן ווי אַזוי צו שרייבן. מאָסקווער לעבנסשטייגער און מעטאָדן אויף עקספּאָרט. זאָלן אַנדערע אויך פילן דעם טעם. די רעוואָלוציע ברענגט מען נישט אויף באַגנעטן אין אַנדע־רע לענדער, והראיה... יעדעס פֿאָלק דאַרף באַשטימען אַליין וועגן זיין אייגענעם גורל... דאָס יאָר 1968 האָט דאָך דאָס בולט באַוויזן...

אין שייכות מיט פּראָג האָבן היי־יאָר צום ערשטן מאָל סאָוויעטי־שע בירגער עפנטלעך אויסגעדריקט זייער קעגנערשאַפט צו די מעשים פון זייער רעגירונג. זיי זענען נישט געווען קיין סך, בלויז עטלעכע. פונדעסטוועגן האָט דאָס צעטומלט די אָפּיציעלע מאַכט, זי אַריינגעפירט אין אַ געפלעפּטקייט און שטוינונג, אחוץ גרימצאָרן, וואָס דאָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, ווייל אפילו איינער דאַרף אויך נישט האָבן קיין אַנדערע מיינונג און זי ברענגען צום אויסדרוק אין דער עפנטלעכקייט. האָט מען איינגעאָרדנט אַ משפט קעגן לאַריסאַ דאַניעל און פּאַוועל ליט־ווינאָוו, אָבער נישט באַשולדיקנדיק זיי אָפּיציעל אין דעמאָנסטרירן אויפן רויטן פּלאַץ קעגן אָקופּירן טשעכאָסלאָוואַקיע, נאָר קעגן שטערן

אַדורכפאָרן אַן אויטאָ. ס׳הייסט נישט פּאָר זשענירן ברעזשניעוון, נאָר פּאָר זשענירן אַ שאָפער. פאַרוואָס האָבן די ריכטער געדאַרפט אָנטאָן, אַחוץ דער טאָגע, אַ מאַסקע פון צביעות? דאָס אינטערפּרעטירן אַזוי די באַשולדיקונג איז געווען דיקטירט פון דעם געפיל פון גרויסער מורא טאָמער וועט זיך די וועלט דערוויסן, אַז אין דעם גרויסן לאַנד פון סאָ־ציאַליזם קען גאָר מעגלעך זיין און געמאָלט זיין, אַז עס זאָל זיך גע־פינען איין בירגער, אָדער צוויי, וואָס זאָלן זיין נישט צופרידן.

קיילעכדיקע דאַטעס, אָבער שאַרף־שפּיציקע ווייל זיי פאַרשטעכן זיך אין לייב ווי מיטן שפּיץ פון אַ מעסער — זענען דערמאָנט געוואָרן אין דעם פאַרבייגייענדיקן יאָר: זבאָנשין, קריסטאַל־נאַכט... זבאָנשין אַסאָציאירט זיך איצטער מיט אַ ניים מקום פון יידישער נע־ונדקייט און „לך־לך”: ווין, יידן, וואָס האָבן פאַרלאָזט פּוילן און זיצן דאָרטן אויף זייער אָרעמען באַגאַזש, וואָס די פּאָליאַקן האָבן קוים באַוויליקט צו לאָזן מיטנעמען — ביז וואַנען זיי וועלן אויף אים, ווי אויף אַ צעק־קלאַפּטער אייז־קריע, צושווימען ערגעץ־ווו צו אַ ברעג.

ביים פאַרלאָזן דאָס לאַנד ווערן זיי נאָך אויף דער גרענעץ באַליי־דיקט און דערנידעריקט פון די נייע האַרן פון פּוילן, וואָס דער אויבער־האַר איבער זיי זיצט אין מאָסקווע און וואָס איבער וויכטיקע פּראָבלע־מען האָבן זיי גאָרנישט וואָס צו זאָגן און זיי קאָנען גאָרנישט טאָן אָן יענעמס דעה, נאָר וואָס שייך יידן, דאָ קענען זיי טאָן וואָס זיי ווילן: פאַזשאַלוסטאָ. וואָס־וואָס, נאָר ביי יידן האָט מען זיי געגעבן פרייע הענט. זיי זענען זיכער, אַז מען וועט זיך דאָ נישט אַריינמישן אין זייערע אי־נערלעכע אָנגעלעגנהייטן, ווי אין טשעכאָסלאָוואַקיע. פירן זיי זיך אויף ריטערלעך. עס פעלט זיי בלויז צו די שאַבלע ביי דער זייט און די שלאַכצעקע וואָנסעס.

אויף דער גרענעץ באַרויבט מען דעם ייד פון זיין דיפּלאָם, פון זיינע שטודיום־צייגעגישן, מען וויל אים צונעמען זיין ווירדע, זיין גייס־טיק פאַרמעגן. דעם, וועמען מען האָט ערשט נעכטן געצוווּנגען אונ־טערצושרייבן קעגן דער ציוניסטישער אַגרעסיע, צווינגט מען איצטער, ביים פאַרלאָזן פּוילן, אונטערצושרייבן, אַז ער איז אַ ציוניסט. נייע לע־גאַלע שמאַלצאָווניקעס נישטערן אין זיינע וואַליזעס, אין זיינע כתב־ידן, בריוו, פּערזענלעכע חפצים. מען איזדיעקעוועט זיך איבער אים פּונקט ווי איבער די באַאַמטע פון דער ישראל־אַמבאַסאַדע נאָכן איבערייסן די דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען ביים פאַרלאָזן וואַרשע ווען אָרגאַניזיר־טע כוליגאַנעס מיט פּאַרטיי־לעגיטימאַציעס אין קעשענע, האָבן נישט

דערלאָזט אַז די טרעגער זאָלן צוטראָגן זייערע וואַליזעס צום עראָפּלאַן און ווען דער האָלענדישער אַמבאַסאַדאָר האָט זיך מטריח געווען און אָנגעבאָטן צו זיין דער טרעגער און צוגעטראָגן אַזוי אַרום זיינע סימ־פּאַטיע־געפילן פאַר ישראל.

דערפאַר וויל פּוילן איז מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק געווען דער קבר פון די פּוילישע יידן, און אויך דער קבר פון יידן פון אַנדערע לענדער פון אייראָפּע, באַגלייט מען אַזוי אַרויס פון דאָרטן די לעצטע יידן. און אָט דער גורל איז חל אויך פאַר די, וואָס טיילן די זעלבע אידעאָלאָגיע וואָס פון די באַגלייטער און טרייבער. און ווי זאָל עס נישט אויסזען גראָטעסק, אַז מענטשן ביי אונדז, וואָס נעמען זיך איבער מיט די רדיפות אויף יידן אין פּוילן, שאַפן אַפילו קאָמי־טעטן פאַר העלפן זיי, זענען גלייכצייטיק די אידעען־שותפים פון די אַנטיסעמיטישע פאַרפאָלגער. האָט מען דאָ פאַר זיך אפשר דעם טראַ־גישסטן פּאַראַדאָקס פון אונדזער לעבן אין פאַרגייענדיקן יאָר, אַז קאָ־מוניסטן זאָלן זיך געבן די מי אַרויסצוראַטעווען קאָמוניסטן פון די הענט פון קאָמוניסטן, בכדי זיי זאָלן קענען לעבן בשלום אין לענדער פון קאַפּיטאַליזם און אימפּעריאַליזם.

**
*

אַזעלכע מחשבות טויכן אויף אין מיר ביי מיין שרייבטיש אין די טעג צווישן ניטל און ניי־יאָר, וואָס זיי באַגלייטן דאָס אַלטע יאָר. אַחוץ דעם טויכן אויף אויסטערלישע ידיעות פון פאַרגייענדיקן יאָר 1968 און בעטן זיך אויך דערמאָנט צו ווערן:

נאָסער שפּילט אין פוטבאָל מיט די בלויע קאַסקעס. ער פאַרלאַנגט, אַז די אָנ״ו זאָל זיי ווידער אַריינפירן אין מיטעלן מזרח. אין מאַי 1967 האָט ער די פּילקע אַוועקגעשטויסן און איצטער וויל ער דאָס באַלעמל ווידער כאַפּן.

אין די ימען שווימען אַרום קריגס־שיפן, גאַנצע פלאָטיליעס, זיי שטויסן זיך אָן איינע אין דער אַנדערער און בוצקען זיך צונויף מיט די קאַנאָנען ווי בוהייען מיט די הערנער. עס הייסט, אַז זיי שטאַטן אָפּ קור־טואַזיע־וויזיטן, זיי קומען צוגאַסט, מסתמא נישט מיט קיין שבת־אויבסט.

אינעם קליינעם אַלבאַניע טויכט אויף דער געשפּענסט פונעם כי־נעזישן קאָלאָס. ער שטעלט אַריין אין אייראָפּע אַ פיסעלע.

די איינציקע ידיעה, וואָס קען דערפרייען דאָס האַרץ איז טאַקע

וועגן האַרץ גופא. און די ידיעה קומט נישט פון פּאַרלאַמענט־קוליסן, נישט פון אַ גענעראַל־שטאַב און נישט פון דער אָנ"ו־טריבונע, נאָר פון אַ שפּיטאָל. דאָס האַרץ פון אַ מענטש, וואָס האָט אים שוין נישט גענוצט, הייבט אָן צו קלאַפּן ביי אַ צווייטן מענטש. אַ מענטש וועט לעבן אין זכות פון אַ מענטש.

.1968

דער פאַל סאָלזשעניצין

איבער דער וועלט האָט אָפּגעקלונגען די שטים פונעם רוסישן שרייבער אַלעקסאַנדער סאָלזשעניצין, דעם קרבן פון די סטאַלינישע לאַגערן, איינעם פון די מיליאָנען זע־קאַ. (פאַרקירצונג פונעם רוסישן וואָרט זאַקלוטשאָני — פאַרשלאָסענער, אסיר). זיין וואָרט פון אמת און ווירדיקייט איז געווען אויך דאָס וואָרט פון טרייסט און דערמוטיקונג פאַר אַנדערע שרייבער, קרבנות פון סטאַלינען, אויסער זייך, סאָלזשעניצינס, לאַנד, אויב נישט פיזישע קרבנות, איז מאָראַלישע, געפאַנגענע אַן לאַגערן, אַן דראָטפאַרצוימונגען און וואַך־פּאָסטנס.

סאָלזשעניצינס שטים האָט אָפּגעקלונגען אין אַ בריוו צום סאָוויעטישן שרייבער־פאַרבאַנד נאָכן אויסשליסן אים פון זיינע רייען. די שטים פון סאָלזשעניצין שטילט זיך נישט איין און זי באַשטעטיקט גאָרקיס דעוויז: „מענטש, דאָס קלינגט שטאָלץ".

בכדי אָפּצוגעבן זיך אַ חשבון פון סאָלזשעניצינס פּאָזיציע אַלס שרייבער דאַרף מען דערמאָנען, אַז אַראַגאָן האָט געזאָגט וועגן אים אַז ער איז דער גרעסטער רוסישער היינטצייטיקער פּראָזאַיקער. סאָלזשעניצין — און נישט דער סאָוויעטישער נאָבעל־פּרייז־טרעגער מיכאַיל שאָלאָכאָוו, וואָס די סאָוויעטישע רעגירונג האָט דעם דאָזיקן נאָבעל־פּרייז יאָ באַוויליקט אָנצונעמען און דערלויבט דעם לאַורעאַט צו פאָרן קיין שטאָקהאָלם אים אָפּנעמען. אים — און נישט פּאַסטערנאַקן, ווייל וועלכער סאָוויעטישער שרייבער ס'איז ראוי צו באַקומען דעם נאָבעל־פּרייז קען באַשטימען דער קרעמל און נישט די שוועדישע אַקאַדעמיע.

אויב דער קרעמל קען באַשטימען ווער ס'איז ראוי צו באַקומען דעם נאָבעל־פּרייז און ווער נישט, קען ער אוודאי און באַשטימען וועמען אויסצושליסן פון שרייבער־פאַרבאַנד. ער — און נישט די פאַר פּראָווינצער ליטעראַטן פון דער סעקציע פון ריאַזאַן. ס'איז גענוג, אַז זיי זאָלן באַקומען אַן אינסטרוקציע פון מאָסקווע וועגן דעם, אָדער בלויז

דער פּאַרטיי־פאַרשטייער אין דער סעקציע זאָל זי באַקומען. דערנאָך וועט עס שוין הייסן, אַז די פאָדערונג אויסצושליסן סאָלזשעניצינען איז געקומען פון די טיפּענישן פון פאָלק, אָדער מינדעסטנס, פון דער באַזע. דערנאָך וועט זיך שוין צוהערן מיט אַ סך פאַרשטענדעניש צו אַט דער פאָדערונג דער שרייבער־פאַרבאַנד אין מאָסקווע.

סאָלזשעניצינען קען מען נישט מוחל זיין וואָס זיינע ביכער „דער ערשטער קרייז" און „דער פּאַוויליאָן פון די קאַנסער־קראַנקע" זענען דערשינען אין אויסלאַנד. דער עיקר קען מען אים נישט מוחל זיין וואָס ער האָט זיך דאָרטן קונה שם געווען. אויך קען מען אים נישט מוחל זיין זיין טעמאַטיק. סאָלזשעניצין ווי אַ געוועזענער זע־קאַ, אַ לאַגערניק, שיל־דערט, נאַטירלעך, די לאַגערן אין זיינע ווערק. צום ערשט אין זיין דער־ציילונג „אַ טאָג פון איוואַן דעניסאָוויטש" און שפּעטער אין זיין גרויסן ראָמאַן „דער ערשטער קרייז". פון שטענדיק אָן איז די אָפיציעלע פאָ־דערונג צום סאָוויעטישן שרייבער, אַז ער זאָל אָפּשפּיגלען די ווירקלעכ־קייט. איז געקומען סאָלזשעניצין און האָט זיך צוגעהערט צו דער פאָ־דערונג און ער האָט „געשפּיגלט". איז מען ערשט נישט צופרידן פון דעם „שפּיגל". קיינער וועט דאָך נישט זאָגן אַז די לאַגערן, אין וועלכע מיליאָ־נען סאָוויעטישע בירגער זענען געווען פאַרשפּאַרט, איז נישט קיין טייל פון דער סאָוויעטישער ווירקלעכקייט. בלויז די דערציילונג „איין טאָג פון איוואַן דעניסאָוויטש" האָט אַלעקסאַנדער טוואַרדאָווסקי פאַרעפנטלעכט בשעתו אין זיין זשורנאַל „נאָווי מיר" און מען האָט נישט אַנגענומען קעגן אים קיין סאַנקציעס, זיין פּאָזיציע איז אַ צו שטאַרקע, נישט בלויז איז ער אַ פּאַרטיי־מיטגליד, נאָר אויך אַ געוועזענער מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט. אַחוץ דעם האָט ער סאָלזשעניצינס דערציילונג פאַרעפנטלעכט אין דעם פּעריאָד, ווען אַ שטראָל פון דער ליבעראַליזאַציע האָט אויף אַ גאַנץ לעבעלעכן אופן אויפגעטייעט אַ ביסל דאָס אייז, אָבער נאָך דער אויפטייאונג איז געבליבן שטיין די בלאָטע, וואָס עס האָט נישט לאַנג געדויערט אַז זי זאָל צוריק פאַרהאַרטעוועט ווערן, און סאָלזשעניצינס ראָ־מאַנען האָבן שוין געמוזט דערשיינען אין פאַרלאַגן פון מערב־אייראָפּע.

און ס'איז געקומען דער חרם, די מאָראַלישע סאַנקציע. „דער גרעסטער רוסישער הייננטצייטיקער פּראָזאַיקער" איז נישט ראוי צו געפי־נען זיך אין די ד' אמות פון די סאָוויעטישע שרייבער. ס'איז די צוויי־טע שטראָף זיינע, נאָכן לאַגער. דער אונטערשיד פונעם פאַרשליסן אים אין לאַגער און פונעם אויסשליסן אים פון שרייבער־פאַרבאַנד איז דער, וואָס די ערשטע שטראָף איז געווען אַ פיזישע פּיין און די צווייטע האָט געדאַרפט זיין אַ מאָראַלישע. איזאָלירן נאָך מער דעם שוין אַזוי אויך

איזאָלירטן אַלעקסאַנדער סאָלזשעניצין. און אויב איז נאָך די איזאָלאַציע ווינציק, גיט מען אים אָנצוהערן אַפּענערהייט אַז ער איז בכלל אַ „פּער־סאָנאַ נאָן גראַטאַ״ ביי זיך אין לאַנד, אַז ער איז אַ פרעמדער עלעמענט און פיינטלעך צום סאָציאַליזם, און אַז ער קען אַוועק אין דער מערב־וועלט, ווו מען שעצט זיין נאָמען און מען באַוווּנדערט זיינע ווערק. ס׳הייסט, מען לייגט אים פאָר אויף אַ דעמאָקראַטישן אופן דעם גלות, צו נעמען דעם וואַנדערשטעקן און זיך אָפּטראָגן. און דאָס וואָלט שוין גענוג גע־ווען? מען האָט שוין איינמאָל איינעם געהייסן גיין, און מען איז אים נאָכ־געגאַנגען מיט אַ האַק, ביז מעקסיקע...

סאָלזשעניצין, ווען מען האָט פאַרמשפּט הינטער די אויגן, נישט אויסהערנדיק אים, האָט נאָך דעם, ווי פריער דערמאָנט, צוגעשיקט צום שרייבער־פאַרבאַנד אַ בריוו, וועלכער איז באַהויכט מיט אַ מענטשלעכער שיינקייט און גרויסקייט, וועלכער איז אין גייסט, און אין די טראַדיציעס פון הומאַניזם פון די גרויסע רוסישע שרייבער, און וואָלט נאָך היינט גאָרקי געלעבט און ער וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן צי דאָס וואָרט מענטש קלינגט טאָקע שטאָלץ ערגעץ־ווו אין זיין גרויס רוסלאַנד, וואָלט ער דאָס געקענט אַרויסהערן פון סאָלזשעניצינס בריוו און ער וואָלט באמת געקאָנט זיין שטאָלץ. אין אָט דעם בריוו רופט סאָלזשעניצין אויס צו זיינע קאָלעגן, די חרם־לייגער, אַז ער איז גרייט צו שטאַרבן פאַרן אמת, און דאָס איז נישט קיין מליצה אָדער אָנשטעל פונעם מחבר פון „אַ טאָג פון איוואַן דעניסאָוויטש״. אין ראַטנפאַרבאַנד האָבן אַ סך שריי־בער געמיינט, אַז זיי לעבן פאַרן אמת און זיי זענען געשטאָרבן פאַרן אמת, נישט בלויז האָט מען זיי צוגענומען דאָס לעבן, נאָר זיי האָבן זיך אָפּט אַליין אויך דאָס לעבן גענומען, ווי אַ שטייגער פאַדייעוו, וועלכער האָט פאַרמאַכט די אויגן, נישט קענענדיק אַריינקוקן אין די אויגן פונעם פאַרשעמטן און געלעסטערטן אמת, וואָס האָט אים זיכער פאַרפאָלגט, און דער שקר — די ווערסיע, אַז ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד צוליב שיכרות — האָט אים אַפילו באַגלייט ביז צום קבר.

בכדי צו דערפילן די מענטשלעכע שטאָלצקייט, מיט וועלכער גאָר־קי וואָלט געקענט זיין שטאָלץ, לאָמיר איבערלייענען עטלעכע זאַצן פון סאָלזשעניצינס בריוו צום שרייבער־פאַרבאַנד:

„אייערע זייגערס זענען פאַרשפּעטיקט לויט דער צייט. רוקט אַוועק די שווערע פאָרהאַנגען, וועלכע איר האָט אַזוי ליב. עס פאַלט אייך גאָר־נישט איין, אַז אין דרויסן איז טאָג. ס׳איז נישט מער די צייט פון דער טויבער, דער פינצטערער תקופה, פון וועלכער ס׳איז נישט געווען קיין אויסגאַנג״.

„די שונאים וועלן דערהערן", אַט דאָס איז אייער תּירוץ. די איי־ביקע און פּערמאַנענטע „שונאים" גיבן אַ לייכטע באַרעכטיקונג פאַר דער עקזיסטענץ פון אייערע פונקציעס און צום פאַקט וואָס איר עקזיסטירט. גלייך ווי ס'וואָלטן נישט געווען קיין שונאים ווען מען האָט אונדז צוגע־זאָגט, אַז דער אמת וועט שטענדיק געזאָגט ווערן. אָבער וואָס וואָלט איר געטאָן אָן שונאים? איר וואָלט אַפילו נישט געקענט לעבן אָן שונאים. די שנאה, די שנאה איז געוואָרן אייער סטערילע אַטמאָספערע".

„עס איז צייט צו דערמאָנען זיך אַז מיר געהערן קודם צו דער מענטשהייט. אַז דער מענטש האָט זיך אויסגעטיילט פון דער חיה מיטן געדאַנק און מיטן לשון. און אַז די מענטשן, נאַטירלעך, דאַרפן זיין פריי. און אויב בינדט מען זיי מיט קייטן, וועלן מיר זיך אומקערן צו דער סטאַ־דיע פונעם בעל־חי".

***

דער פאַל סאָלזשעניצין איז געוואָרן אַ וועלט־ענין. ס'איז נישט מער די צייט ווען מען האָט אויף אַ געניאַלן אופן געקענט אויסבאַהאַלטן אַרעסטן, ווילקיר, פאַרברעכנס, מאָרדן. דאָס אויסשליסן סאָלזשעניצינען פונעם שרייבער־פאַרבאַנד איז פאַראורטיילט געוואָרן אַפילו פון לינקע און ראַדיקאַלע שרייבער, געשווירענע פריינט פון ראַטנפאַרבאַנד, ווי אַראַ־גאָן און סאַרטר. דער לאָנדאָנער „טיימס" האָט פאַרעפנטלעכט אַ בריוו פון איין און דרייסיק שרייבער פון פאַרשידענע לענדער, אין וועלכן זיי זאָגן אָן, אַז זיי וועלן באָיקאָטירן דעם ראַטנפאַרבאַנד קולטורעל, אויב מען וועט ווייטער פאַרפאָלגן סאָלזשעניצינען. איך ווייס נישט אין וואָס עס קען זיך אויסדריקן אָט דער באָיקאָט, מיט וואָס ער קען זיין ממשות־דיק, אַז די פאַרפאָלגער פון סאָלזשעניצינען זאָלן זיך דערשרעקן און זיך פילן געטראָפן. איך ווייס נאָר אַז אַנדערע אין אויסלאַנד, נישט די איין און דרייסיק שרייבער, האָבן יאָ באַוויזן אַנצורירן דעם ראַטנפאַרבאַנד און טאַקע אויפן קולטור־געביט, הגם נישט אין שייכות מיט סאָלזשעני־צינען. דער פערסאָנאַל פון דער פאַריזער אָפּערע האָט דורכגעפירט אַ שטרייק און גראַד דעמאָלט, ווען דער מאָסקווער „באַלשאָי" האָט גע־דאַרפט געבן זיינע פאָרשטעלונגען. און ער האָט זיי נישט געגעבן. דאַ־קעגן האָט דאָס געגעבן צום ערשטן מאָל צו פילן דער פּראָלעטאַרישער מלוכה וואָס דאָס איז אַזוינס אַ שטרייק. איר פּרעסטיזש האָט געליטן צוליבן אָרגאַניזירטן כּוח פון אַרבעטער־קלאַס אין קאַפּיטאַליסטישן פראַנק־רייך. און פּורצעוואַ, ממונה איבער סאָוויעטישע קולטור־ענינים, האָט דאָ

גאַרנישט געקענט אויפטאָן. זי איז דאָך געקומען קיין פּאַריז בלויז אין באַגלייטונג פון דעקאָראַציעס, קאָסטיומען און מוזיק־אינסטרומענטן און נישט אין באַגלייטונג פון טאַנקן, פּאַנצער־אויטאָס און ראַקעטן־טרעגער. אָבער אויך דער שאָטן פון סאָלזשעניצינען האָט איר אין פּאַריז באַגלייט. אויף די געשטעלטע פראַגן פון זשורנאַליסטן צו איר וועגן דעם סאָוויעטישן סאַנקציאָנירטן שרייבער, האָט זי געענטפערט אַז דאָס איז אַן אינערלעכער סאָוויעטישער ענין און פונקט ווי זיי מישן זיך נישט אין אונדזערע ענינים, אַזוי זאָלן מיר זיך נישט מישן אין זייערע. „מיר וועלן נישט טאָלערירן — האָט זי געזאָגט מיט גרויס תקיפות אין פּאַריז — אַז וועלכער ס'איז שרייבער זאָל זיך אַריינמישן אין אונדזערע ענינים". דאָס האָט אפשר געדאַרפט זיין אַן אַנצוהערעניש און אַ פאַרשטעלטע וואָרענונג צו אַראַגאָנען פאַר זיין אָננעמען זיך די קריוודע פון סאָלזשעניצינען.

ווען איך האָב געלייענט סאָלזשעניצינס „דער ערשטער קרייז" איז גראָד אויסגעפאַלן סטאַלינס נייַנציקסטער געבוירן־טאָג, וועגן וועלכן מ'האָט זיך דאָ און דאָרטן געמאַכט פאַרגעסן. בלויז אַן אַרטיקל אין דער „פּראַוודאַ" איז געווען פאַרעפנטלעכט, וווּ מען האָט זיך געגעבן די מי צו וועגן און מעסטן זיינע „פאַרדינסטן" און „פעלערן". נאָך יעדן „פאַרדינסט" אַ „פעלער", נאָך יעדן פעלער, אַ „פאַרדינסט". האָב איך דערפאַר מיט מער אויפמערקזאַמקייט געלייענט וועגן דער סילועט פון סטאַלינען, וואָס סאָלזשעניצין צייכנט אָן אין זיין בוך, שילדערנדיק די אָטמאָספער און זיין טאָג־טעגלעכע אַרבעט אין קרעמל, זיין כאַראַקטער, שטייגער־לעבן און געוויינלעכע פירערכצער פון אַ גרעניאַלן פירער, זיין באַציאונג צו אַ פריינט, וואָס זעענדיק אים אין אָוונט ביים געזעגענען זיך, ווייסט ער אַז פון מאָרגן אָן וועט ער אים שוין מער נישט זען.

איך האָב זיך באַזונדערס אָפּגעשטעלט אויפן קאַפּיטל „דער יובילייר", וואָס האָט אַ שייכות צו סטאַלינס זיבעציקסטן געבוירן־טאָג. סאָלזשעניצין דערציילט וועגן די מתנות, וואָס זענען געשיקט געוואָרן צו סטאַלינען פון דער גאַנצער וועלט. זיי זענען געווען אין אַזאַ צאָל אַז זיי האָבן נישט געקענט אַריין אין די צען זאַלן פונעם מוזיי פון דער רעוואָלוציע. ער אַליין, דער וועלט־בעל־יובל, איז געווען גלייכגילטיק צו זיי, זיי האָבן אים אָנגעהויבן צו לאַנגווייליקן. צוליב פּאַטערלעכער זאָרג פאַרן פאָלק האָט סטאַלין נישט געוואָלט שטערן די מאָסקווער איינוווינער צו קומען בייטאָג זיי באַוווּנדערן און ער פלעגט זיך דעריבער אַריינכאַפּן אַהין ביינאַכט אַ קוק צו טאָן אויף די מתנות.

דערמאָנט זיך מיר דערביי אַ יידישע פאַרזאַמלונג אין פּאַריז, מיט

צוואַנציק יאָר צוריק, צו דער פייערלעכער געלעגנהייט פון צונויפברענגען מתּנות, פאַרן אָפּשיקן זיי צו סטאַלינען. מען האָט אַוועקגעגעבן דאָס טייערסטע וואָס מען האָט פאַרמאָגט אין לעבן. אַ מענטש, וואָס האָט זיך אָפּגעראַטעוועט פון אוישוויץ און אָפּגעראַטעוועט פון דאָרט אַ זעלטענעם און פאַרהייליקטן אָנדענק־חפץ, האָט דאָס געברענגט פאַר סטאַלינען. אַ פרוי, וואָס האָט אויפגעהיטן ביי זיך מיט פּיעטעט אַ בינטל האָר פון איר דערשאָסענעם זון בעת דער דייטשער אָקופּאַציע, האָט עס אַוועקגעשענקט סטאַלינען. אַ יזכּור־בוך געווידמעט אומגעקומענע יידישע שרייבער אין פראַנקרייך מיט די אונטערשריפטן פון די צונויפשטעלער און רעדאַקטאָרן.

מיר האָבן נאָך נישט געהאַט קיין שום אָנונג וועגן גורל, וואָס דערוואַרט די יידישע שרייבער אין ראַטנפאַרבאַנד, אָבער ער האָט שוין געוווּסט. די יידישע קולטור איז שוין געווען ליקווידירט, די יידישע אותיות זענען שוין געווען פאַרניכטעט און דאָ האָט זיך אין די זאַלן פונעם מוזיי פון דער רעוואָלוציע אַרומגעשלייכט בייַנאַכט דער סטאַלין־געשפּענסט; און פּלוצלינג האָט ער דערזען נאָך „יעווריעיסקיע בוקווי״, וואָס מען האָט אים גאָר צוגעשיקט פון פּאַריז אַלס מתּנה און ער האָט, מסתּמא דערביי מעפיסטאָפעליש אַריינגעשמייכלט אין די וואָנסעס, אין די סטאַלינישע וואָנסעס.

אַלעקסאַנדער סאָלזשעניצין איז געווען פאַרשלאָסן אין זיין לאַגער דעמאָלט ווען ס׳איז פאָרגעקומען אין פּאַריז יענע פאַרזאַמלונג, בעת וועלכער מ׳האָט זיך געגרייט אָפּצושיקן די יובֿליי־מתּנות פאַר זיין הויפּט־נאַטשאַלניק, וועכטער און שליסער.

וואָס פאַר אַ ביטער געפיל, וואָס פאַר אַן אומהיימלעכע דערמאָנונג!

.1968

עס וויינען די מנורות פון וואַרשעווער געטאָ־דענקמאָל

עס וויינען די מנורות פון וואַרשעווער געטאָ־דענקמאָל... הײַ־יאָר, אין פינף־צוואַנציקסטן יאָרטאָג פונעם געטאָ־אויפשטאַנד, האָבן זיי נאָך מער אויף וואָס צו וויינען. דער דענקמאָל דערצייילט נישט, דאָס מאָל, בלויז פון אונדזער חורבן און גבורה, נאָר איז אויך אַן עדות פון אַ נייעם צוגאָב־חורבן צום חורבן פון מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק; פון אַ מאָראַלישן און אויך פיזישן חורבן פון דער קליינער צאָל איבערגעבליבענע יידן, וואָס האָבן זיך נאָך דער באַפרייאונג פאַרעקשנט צו לעבן אויף דער פוילישער ערד — דעם חורבן און אונטערגאַנג פונעם שארית הפליטה. ווייל דאָרטן, ביי דער שיין פון די וויינענדיקע מנורות, ווערט איצטער אָפּגעשלאָסן דאָס לעצטע קאַפּיטל פון דער טויזנט־יאָריקער געשיכטע פון פוילישן יידנטום.

**

מיט צוואַנציק יאָר צוריק זענען מיר זיך צונויפגעקומען אין וואַרשע פון דער גאַנצער וועלט צו דער אַנטהילונג פונעם דענקמאָל לכבוד דעם געטאָ־אויפשטאַנד, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורכן סקולפּטאָר נתן ראַפּאָפּאָרט. ס'איז געווען פינף יאָר נאָכן היסטאָרישן נס און גבורה פונעם אויפשטאַנד. עס זענען נאָך נישט געווען אָפּגעקילט פון די שרפות די ריזיקע קופּעס ציגל, שטיינער און בראָכוואַרג פונעם צעשטערטן געטאָ, וואָס אין מיטן פון זיין פאַרוויסטקייט איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער דענקמאָל. דאָ איז ער געשטאַנען אין זיין פּאַרטיקער שיינקייט און שיינער פּאַרכטיקייט ווי אַ דיסאָנאַנס צו דער אַרומיקער פּוסטער, אויסגעשטאָרבענער און אויסגעחורבנטער יידישער וועלט, אַ וועלט פון אַנגעהויפטן כאַאָס און פּאַרעמלאָזיקייט. פונעם דענקמאָל האָבן זיך פאַרהויבן די סימבאָלן־געשטאַלטן, וועלכע האָבן געקוקט מיט פאַרהויבענע קעפּ אין

דער צוקונפט אַריין, געשטאַנען שטאָלצע מיט זייער אויסגעשטרעקטן גע־ווער אין די הענט, מיט מוסקלען פון אויסדערוויילטע גבורים און מיט פּאָלעס פאַרוואָרפן איבער די אַקסלען מיט העלדן־פּאָזעס, וואָס האָבן אין מיינע אויגן אויסגעזען עפּעס אַ ביסל פרעמדלעך צום געמיט, מהות און פּשטות פון די ייִנגלעך פון דער דזשיקע, סמאַטשע און פּאַווע.

די מגורות זענען צום ערשטן מאָל אַנגעצונדן געוואָרן און די זעל־נער פון פּוילישן מיליטער האָבן אין שוויַיגנדיקער שטרענגקייט פּרעזענ־טירט דאָס געווער, וואָס האָט געגלאַנצט און געשימערט אין דער ליכטי־קער פרילינגס־זון. דער באַערונגס־אַקט איז געווען אַ מלוכהשער און אין אַלע הערצער איז אויפגעגאַנגען אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט צו דער פּוילישער מלוכה פאַר איר אָפיציעלן אָפּגעבן כבוד די ייִדישע מאַרטירער.

אין טויטן געטאָ האָט דער ריזיקער המון אַרומגערינגלט דעם דענק־מאָל מיט לעבן. אַרום און אַרום איז געווען, ווי מען זאָגט, שוואַרץ פון מענטשן, ווי אַלע וואָלטן געוואָלט, כאָטש עטלעכע שעה בלויז, פאַרדעקן מיט זייערע גופים דעם וויסטן שטח פונעם געטאָ. די זון האָט ליכטיק געשיינט און דער הימל איז געווען לויטער און בלוי, פּונקט ווי דעמאָלט, ווען די לעצטע אויפשטענדלער האָבן זיך דאָ געראַנגלט צווישן די פּאָלנ־דיקע ווענט. דער מיקראָ האָט פאַנאַנדערגעטראָגן די יאָמערלעכע טענער פון אָן „אל מלא רחמים" פאַר אַ גאַנץ פאָלק; זיי האָבן געקענט ריִרן נישט בלויז אַ שטיין, ווי מען זאָגט, נאָר אַלע צעשאָטענע און צעשליידערטע שטיינער און ציגל פון געטאָ. אַרום און אַרום, ווו דער בליק האָט נאָר דערגרייכט, איז געווען אַ רחבות, אַזאַ וויסטע, אַזאַ טראַגישע רחבות. האָסט געקענט מיט פולע לונגען אָטעמען, אָבער נאָר אַריינאָטעמען אין זיך דעם געטאָ־שטויב.

איך בין געשטאַנען אויסגעמישט מיטן ריזיקן פאַרזאַמלטן המון אַרום דעם דענקמאָל. איך האָב געהערט די רעדעס פון די אָפיציעלע פּער־זענלעכקייטן, דעם כסדר־יאָמערנדיקן „אל מלא רחמים" און דעם אָפּ־קלאַנג פון די מיליטערישע פאַנפאַרן און דעם אַפּעל פון דער פּוילישער פאָלקס־אַרמיי. מיר זענען דעמאָלט זיכער געווען אַז די וועלט איז דורכ־געדרונגען מיט אונדזער טראַגעדיע און מיט געפילן פון באַדויער און פון סאָלידאַריטעט מיט אונדז.

איז עס געווען דעמאָלט בלויז צייטווייליק און פאַרבייגייענדיק? אָדער אפשר דאָס אויך נישט? איז עס שוין דעמאָלט געווען בלויז נישט־אויפריכטיקייט און פאַלשקייט?

**
*

נאָך דער טרויער־פייערלעכקייט צום אַנטהילן דעם געטאָ־דענקמאָל איז אין אָוונט אין די ניי־אויסגעבויטע זאַלן פון קולטור־געזעלשאַפט־לעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פוילן אויף שעננע 60 פאַרגעקומען אַ שמחה פאַר אַלע געסט. עס האָט זיך געגאָסן וואָדקאַ און שאַמפּאַניער. מען האָט זיך דערקוויקט מיט ליאָדעס (אייז־קרעם) און קאַלטע געטראַנקען, וואָס זענען געווען בשפע. מען האָט זיך געדאַרפט שטאַרקן און זיך מאַכן אַ לב, זיך פרייען נאָכן גרויסן פאָלקס־טרויער, שפּילן אַ פריילעכס נאָך אונדזער פאַרשפּילטן לעבן.

איך האָב דאָ נאָך אַלץ געזען פאַר זיך דעם שפּאָגל־נייעם דענקמאָל אויפן פּאָן פון ליידיקן געטאָ, וואָס מיר האָבן אים איבערגעלאָזט אײנעם אַליין אין דער שטיינערנער וויסטקייט. עפּעס געפילן פון רחמנות האָבן מיך אַרומגענומען צו אים אין זיין איינזאַמקייט און אַליינקייט דאָרטן, אין דעם פּוסטן אַרום. און איך האָב זיך עפּעס ווי געפילט שולדיק לגבי אים פאַרן האָבן אים פאַרלאָזט.

דעם זעלבן אָוונט האָבן זיך אַרומגעטראָגן פאַרטרוילעכע קלאַנגען, אַז געהיימע עלעמענטן גרייטן זיך ביינאַכט צו באַשעדיקן אָדער גאָר צו צעשטערן דעם אויפגעשטעלטן געטאָ־דענקמאָל, אויסצושטעלן אויף חורבן דעם דענקמאָל פון חורבן. איך האָב געפילט די טראַגעדיע, וואָס הייבט זיך ערשט אָן נאָך אונדזער אומקום־טראַגעדיע, אַז די פוילישע ערד, וואָס האָט נישט פאַרטראָגן, און נישט געוואָלט טראָגן אויף זיך, אונדזער לעבן, וויל אויך נישט פאַרטראָגן, און נישט טראָגן אויף זיך, אַפילו אַן אויפגעשטעלטן סימבאָל, דעם אָנדענק פון אונדזער פאַרשניטן לעבן.

יענע געפילן און ספקות האָבן מיך דעמאָלט נישט גענאַרט און שטעלן זיך פאַר מיר איצטער, פינף און צוואָנציק יאָר נאָכן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און צוואַנציק יאָר נאָכן אַנטהילן דעם געטאָ־דענקמאָל, מיט דער פולער קלאָרקייט און בולטקייט. דאָס, וואָס דער קליינער יידישער ישוב אין פוילן לעבט איצטער איבער איז אַ טראַגישע באַשטעטיקונג פון דעם, ווי עס זענען געווען באַרעכטיקט דעמאָלט יענע געפילן און ספקות, כאָטש צו יענער צייט מטושטשע און פאַרנעפּלטע. זיי דערשיינען איצטער פאַר מיר אויסגעקלאָרטע צוזאַמען מיט אַ טראַגישער פאַרוואַנדלונג: די פוילישע פאָלקס־מאכט, וועלכע האָט מיט צוואָנציק יאָר צוריק אָפּגעגעבן כבוד דעם יידישן לעבן, דעם פאַרשניטענעם אויף דער פוילישער ערד, פאַרשעמט איצטער און דערנידעריקט דעם קליינעם רעשט פון די ניצול־געוואָרענע פוילישע יידן, וואָס האָבן נאָך דער באַ־

פרייאונג געהאַט דעם ווילן צו באַנייען דאָרטן און צו בויען זייער לעבן אין לאָיאַליטעט און צוגעבונדנקייט צו דער נאָר־וואָס איינגעשטעלטער פּוילישער פאָלקס־מאַכט. אָבער זי, די דאָזיקע פּוילישע פאָלקס־מאַכט, דאַרף זיי נישט צו האָבן, אַפילו ווען זיי, די יידן, האָבן פאַרגאָסן זייער בלוט פאַר איר אַנטשטייאונג. זי דאַרף זיי נישט צו האָבן מיט זייער אַפּי־שירטן פּאַטריאָטיזם, מיט זייער דעקלאַרירטער טריישאַפט און ליבע צום סאָציאַליסטישן פאָטערלאַנד. די עצם־עקזיסטענץ פון יידישן לעבן אין פּוילן בכלל ווערט איצטער אָפּגעפרעגט, ווייל די פּוילישע פאָלקס־מאַכט אַנערקענט נישט די טאָפּלטע בוכהאַלטעריע פון זיין אַ ייד און אַ פּאָליאַק. אַהין אָדער אַהער. אַזוי שטייט דער אויסוואַל און די דילעמע, אַ דילעמע, פאַר וועלכע די יידן זענען נישט געשטעלט געוואָרן אַפילו דורכן רעאַקציאָנערן רעזשים פון פאַרמלחמהדיקן פּוילן.

אין אָט דער אַטמאָספער איז צו פאַרשטיין פאַרוואָס דער ערשטער סעקרעטאַר פון דער לאָדזשער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, יוזעף ספּיכאַלסקי, וווּנדערט זיך וואָס „אין געוויסע געביטן פון אונדזער לעבן, וואָס פאָדערט אַ באַזונדערס נאַציאָנאַלע מסירת־נפש, האָבן זיך געפונען אַזעלכע מענטשן ווי בערמאַן, מינץ און זאַמבראָווסקי". דאָס הייסט, אַז נישט בלויז דער ייד און „ציוניסט", נאָר אַפילו אַ פולשטענדיק־אַסימילירטער ייד, וועל־כער האַלט זיך פאַר אַ פּאָליאַק בלויז פון יידישער אָפּשטאַמונג, ווערט אויך באַטראַכט פאַר אַ פרעמד געוויקס אויפן פּוילישן קערפּער און מען קען נישט האָבן קיין צוטרוי צו זיין פּאַטריאָטיזם און עס ווערט אָפּגע־פרעגט דער ווערט און די גילטיקייט פון זיין אָפּציע פאַר דער פּוילישער נאַציע און זיין נאַציאָנאַלע ממשותדיקייט און וועזנטלעכקייט בכלל. שוין אָפּגערעדט פון יידיש־געזעלשאַפטלעכע און יידישע קולטור־טוער, וואָס האַלטן זיך אין איין שווערן אין זיין „געטריי דער פּאַרטיי מיט וואָרט און טאַט".

איך שטעל זיך פאָר ווי עס דאַרף זיך איצטער פילן דער פּוילישער וויצע־פּרעמיער עאוגעניוש שיר, אונדזער אַמאָליקער היימישער פּאַריזער מישאַ רעגער, דער יידישער יונגערמאַן, וואָס האָט געוואָלט אָנגיין פאַר פּאָליאַקן ווי אַ פירער פון פּוילישן פאָלק און וואָס איך גלייב נישט, אַז ער זאָל יאָ זיין באַשאָנקען מיט נאַציאָנאַלער כשרות, אויב אַנדערע, זיינס גלייכן, האָבן זי נישט און נאָר דערפאַר ווייל זיי שטאַמען אָפּ פון יידן. אַלנפאַלס, איז אים געווען מער מקנא צו זיין מיט דרייסיק יאָר צוריק, ווען אין דעם רעסטאָראַן פון דער קולטור־ליגע אויף בולוואַר זשיל פערי אין פּאַריז האָט ער געשיילט קאַרטאָפל און דערלאַנגט יידישע אַרבעטער־עמיגראַנטן אַ טעלער בויאַן לאָקשן מיט באָנען.

**
*

נאָך דעם קאָלעקטיוון צער און טרויער, ווען ביים אָפּדעקן דעם געטאָ־דענקמאָל האָבן זיך אויפסניי אָפּגעדעקט אונדזערע ווונדן, בין איך אָפּט עולה־רגל געווען צו אים איינער אַליין, אין התבודדות און קאָנטעמפּלאַציע, בכדי אים גענויער צו באַטראַכטן פון דער נאָענט און אים טיפער צו דערפילן. ביחידות איז אפשר בעסער אויסצוּווײנען זיך. מיין בליק האָט אוועקגעוואָנדערט ווייט איבער די חורבות. איך בין אינגאַנצן אַבסאָרבירט געוואָרן פון זיי. איך האָב דעמאָלט געטראַכט וועגן דעם וואָס עס וועט פון זיי ווערן אין דער נאָענטסטער צוקונפט. פאַרשידענע קלאַנגען זענען אַרומגעגאַנגען וועגן די פּלענער בנוגע דעם וויסטן געטאָ־שטח און צווישן זיי אַ פּלאַן, אַז מען וועט אים אינגיכן פאַרבויען.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט זענען די בולדאָזערס און די פּרעס־מאַשינען אַריבער איבערן געביין פון טויזנטער און טויזנטער אומגעקומענע וואַרשעווער יידן, וועלכע זענען געבליבן אונטער די חורבות, און וואָס זיי האָבן איצטער געדאַרפט דינען פאַרן יסוד פון אַ נייעם וווינקוואַרטאַל אין וואַרשע. קיין שום אויטענטישן זכר פון וואַרשעווער געטאָ האָט מען נישט איבערגעלאָזט פאַר די קומענדיקע דורות.

קיין שום דענקמעלער, ווי פּערפעקט זיי זאָלן נישט זיין, וועלן קיינמאָל נישט קענען איבערגעבן פאַר די צוקונפטיקע דורות דעם זכר פון חורבן, ווי לכל הפּחות אַ קליינער איבערבלייב פונעם חורבן גופא. אָבער דאָ האָט דער צוגעגרייטער בוי־פּלאַן נישט גערעכנט זיך מיט אונדזערע געפילן און אינגיכן האָט די נעץ פון רושטאָוואַניעס אַרומגערינגלט דעם דענקמאָל און אים גענומען אין געפאַנגענשאַפט.

איצטער שטייט דאָרטן, אויפן אָרט פון געוועזענעם געטאָ, אַ שפּאָגלנייער שטאָט־קוואַרטאַל. ער שטייט אויף די איינגעפּרעסטע חורבות פון געטאָ, אויף די ביינער פון די איינגעזונקענע טויזנטער קרבנות, אויף אַ גאַנצן מאַרטירער־בית־עולם, וואָס דער אויסגעבויטער שטאָט־טייל האָט אים גענומען פאַר זיין פונדאַמענט. און ער, דער דענקמאָל, גיט צו חשיבות און שיינקייט אָט די ניי־אויפגעבויטע בנינים און עס גרויסן זיך מיט אים און גיבן אים אָפּ כבוד די אַלע, וואָס עס קימערט זיי נישט צו שלאָפן אין זיי רואיק און אויף די געביינען און אויפן זכר פון אַ גאַנץ פאָלק און וואָס דאָ, ווו זיי גייען זיך געלאַסן און געמיטלעך שפּאַצירן, האָט זיך אָפּגעשפּילט די גרעסטע טראַגעדיע פון אונדזער יאָרהונדערט.

היינט קען מען טראַכטן, אַז דאָס איז געווען לכתחילה אַ טייל פון אַ גאַנצן פּלאַן פון פאַרווישן דעם זכר פון דער יידישער טראַגעדיע. צו־

פיל באַוויזן האָבן זיך אָנגעקליבן דערפאַר אין משך פון די לעצטע צוואַנציק יאָר אויף אויסצורעכענען אַלע. ס'איז פון דעסטוועגן כדאַי בלויז צו דערמאָנען די מאָמענטן פון דיסקרימינאַציע בעת דער אַנטהילונג־פּייערונג פונעם מאָנומענט אין אוישוויץ מיט אַ יאָר צוריק, ווען דער פּוילישער פּרעמיער־מיניסטער, וואָס יידישע דעפּאָרטירטע האָבן מיטגעאַרבעט מיט אים אין דער אונטערערדישער אוישוויץ־אָרגאַניזאַציע, האָט אין זיין דערעפענונגס־רעדע באַגריסט זיינע געוועזענע לאַגער־חברים פּאָליאַקן, רוסן, יוגאָסלאַוון, טשעכאָסלאָוואַקן און אַפילו דייטשן, נאָר נישט קיין יידן, הגם זיי האָבן, דאַכט זיך, עפּעס פאַרגעשטעלט מיט זיך אין אוישוויץ. און אויב האָט מען יידן דעמאָלט אין אוישוויץ „פאַרגעסן", געדענקט מען זיי דערפאַר שוין איצטער אין וואַרשע גראָד יאָ. ווען מען דערמאָנט אַ צונויפקום פון פּוילישע אָפּאָזיציאָנעלע אינטעלעקטואַלן, קעגן וועלכע מען דאַרף אַרויסרופן דעם צאָרן פון פאָלק — דאָ לוינט שוין יאָ מצד די זעלבע סאָציאַליסטישע מלוכה־פירער אונטערצושטרייכן, אַז די גרעסטע טייל פון די פאַרזאַמלטע זענען געווען פון יידישער אָפּשטאַמונג...

איז דאָס געווען — סיי דאָרטן און סיי דאָ — אַ צופאַל? שווער צו גלייבן אין דעם. עס איז פאַראַן, זעט אויס, אַ צוזאַמענהאַנג צווישן יענעם „פאַרגעסן" און דעם איצטיקן געדענקען.

דאָס זענען טענדענצן און כוונות, וואָס זענען אונדז נאָך גוט באַקאַנט פון די יאָרן פונעם סאַנאַציע־פּוילן, ווען די דעמאָלטיקע אַנטיסעמיטישע העצע האָט געפירט צום עקאָנאָמישן באָיקאָט, צום לאָזונג: „ביע קופּוי או זשידאַ!" (קויף נישט ביי קיין ייד), צו צעשליידערטע סטראַגאַנעס און אָפּגעשניטענע בערד. וואָס־וואָס, נאָר פאַר דעם איז מסתמא נישטאָ קיין געפאַר אין היינטיקן פאָלקס־פּוילן און גאַנץ פשוט דערפאַר, ווייל עס זענען מער נישטאָ דאָרטן קיין יידישע בערד און קיין יידישע סטראַגאַנעס.

ווען דאָס פאַרמלחמהדיקע פּוילן האָט געפירט איר אַנטי־יידישע העצע איז דאָס לכל הפחות געווען אויף אַ רעאַלן באַדן, ס'איז געווען קעגן וועמען, אָבער דאָס היינטיקע סאָציאַליסטישע פאָלקס־פּוילן שלאָגט זיך מיט פאַנטאָמען, מיט דאָן־קיכאָטישע ציוניסטישע ווינטמילן, וואָס „באַדראָען" די עקזיסטענץ פון דער פּוילישער מלוכה און דאָס פּוילישע פאָלק.

פון אַלע עקן פּוילן ווערן געשיקט דעפּעשן און רעזאָלוציעס, אין וועלכע עס ווערט אויסגעדריקט דער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי הייסע אונטערשטיצונג פאַר איר פּאָליטיק און גרייטקייט אומשעדלעך צו מאַכן די פיינטלעכע עלעמענטן צום פאָלקס־היימלאַנד — די ציוניסטן

און רעאַקציאָנערן. דער פּאַרטיי־אַקטיוו פון שטעטל קראָסנע, ווו היטלער האָט שוין זיכער מיט איבער אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק עוקר מן השורש געווען יעדע יידישע שפור, איז גרייט צו קעמפן מיטן דאָרטיקן ציוניזם. ער מעלדעט: „דער שונא פון פאָלקס־פּוילן — דער אינטערנאַציאָנאַלער ציוניזם און זיין לאַנד־עקספּאָזיטור קאָן אויף דער קראָסנער ערד, פונקט ווי אין גאַנצן לאַנד, נישט רעכענען אויף קיין שום טאָלעראַנץ און חסד״.

אין דער רעזאָלוציע פונעם אַרבעטער־קאָלעקטיוו פון די שטאָטישע בוי־אונטערנעמונגען אין גלאָגוועק, וואָס נישט אַנדערש נאָר אַז מען זעט היינט דאָרטן מאַסן יידן, איז מען אויך זייער באַאומרואיקט פון דער דאָרטיקער ציוניסטישער געפאַר און מען איז אַנטשלאָסן און קאַטעגאָריש: „מיר פאָדערן אָפּצורייניקן די רייען פון אונדזער פּאַרטיי, אָפּצורייניקן די מלוכה־אַדמיניסטראַציע פון די עלעמענטן, וואָס שטיצן אונטער די פּאָליטיק פון דיינען און זיינע מיטהעלפער, וואָס ווילן האַמעווען די אַנטוויקלונג פון אונדזער פאָלקס־מלוכה״.

אַזוי אויך אין רעזאָלוציעס פון לאָבעז, פון גלובטשיץ, פון דער גראָמאַדע אין סוויעזשנאָ, פון לובלין. נישט אַנדערש, נאָר אַז פון מאַיִדאַנעק, פון בערגען־בעלזען און טרעבלינקע זענען אויפגעשטאַנען תחית־המתים אַלע ציוניסטן און גייען מיט אַ „הוראַ!״ אויף פּוילן, קעגן וועלכע עס דאַרפן זיך דרינגענדיק מאָביליזירן קראָסנע, גלאָגוועק, גלובטשיץ, לאָבעז, סוויעזשנאָ און ריבנאָ, וואָס זענען באַדראָט פון דער באַלדיקער געפאַר.

און די טראַגעדיע פון דעם אומזין און אַבסורד איז נאָך גרעסער דערמיט, וואָס דאָס ווערט אויך איבערגעגעבן מיט יידישע אותיות, בשעת די, וואָס גיבן דאָס איבער, ווייסן, אַז דאָס איז אומזין, לעכערלעכקייט און אויפגעצוווּנגענער ביטערער חוזק קעגן זייער אייגענעם גורל, וואָס גייט אונדז שטאַרק אָן און איבער וועלכן מיר ציטערן. סוף־כל־סוף זענען זיי שוין פון לאַנג, טראָץ דעם אָנשטעל פון זיין מיטבויער פונעם סאָציאַליסטישן פאָטערלאַנד, אויפן מאַרגינעז פון געזעלשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד. צו ביסלעך זענען זיי געוואָרן עלימינירט פון זייערע אַקטיוויטעטן. אַ סך פון זיי האָט מען געמאַכט באַצייטנס און פריצייטיק פאַר זקנים, שיקנדיק זיי אויף פּענסיע. און איצטער, ווען זייערע זין ווערן געוואָרפן אין די תפיסות, ווענדעט מען אָן קעגן זיי, די טאַטעס, רעפּרעסיעס, מען זעצט זיי אַראָפּ פון זייערע אַרבעטס־פּלעצער. זיי ווערן באַשטראָפט פאַר די „זינד״ פון זייערע קינדער. אַ מעטאָד, וואָס איז אַפילו נישט אָנגעוואָנדן גע־

וואָרן אין פאַר־מלחמהדיקן פוילן. מען האָט אונדז אין די דרייסיקער יאָרן געקאָטעוועט אויפֿן טעאַטער־פּלאַץ אין וואַרשע פֿאַרן דעמאָנסטרירן פֿאַר אַ סאָציאַליסטיש פוילן, מען האָט אונדז איינגעזעצט אין די תּפֿיסות, אָבער אונדזערע טאַטעס האָט מען דערפֿאַר נישט צוגענומען די פּרנסה, נישט אַרויסגעריסן ביי זיי דעם ביסן ברויט פֿון מויל. פון וועמען־זשע האָט דעם דאָזיקן מעטאָד געלערנט דאָס היינטיקע פֿאָלקס־פּוילן? פֿון וועמען האָט זי דאָס גענומען פֿאַר אַ מוסטער?

אין דעם היינטיקן יאָרטאָג פֿונעם געטאָ־אויפֿשטאַנד האָבן די מנורות אַרום דעם דענקמאָל מער אויף וואָס צו וויינען, ווי אַלע מאָל. ווי מיט צוואָנציק יאָר צוריק, בעת זיין אַנטהילונג, שטיי איך איצטער ווידער פֿאַר אים, אין מיינע מחשבות. און טראָץ דעם, וואָס עס זענען מער נישטאָ אַרום מיר קיין חורבות, קיין וויסטע קופּעס ציגל און שטיינער, שטיי איך דאָרטן אַ פֿאַרלוירענער צווישן די נייע מויערן און הייזער־בלאָקן. איך זע, ווי אויף אַ זונטיק־שפּאַציר גייט אַרויס דאָרטן אין אַ פֿרימאָרגן אַ פֿאָטער מיט אַ קינד, וואָס אויף זיינע פֿראַגן וועגן דעם געטאָ־דענקמאָל, ווער עס זענען אָט די, וואָס שטייען דאָרטן אויבן אויפֿן שטיין, מיט געווער אין די הענט, ענטפֿערט אים דער טאַטע, ווייזנדיק מיט אַ דראָענדיקער האַנט:

— דאָס זענען ציוניסטן, סינקו מאָי!

— דאָס איז אַ ציוניסטישע באַיוווקע!

— דאָס איז אַ פֿינפֿטע קאָלאָנע!

און איך זע ווי די בראַנדזענע אויפֿשטענדלער־געשטאַלטן פֿון וואַרשעווער געטאָ וואַרפֿן אָפּ פֿון זיך אונטן צופֿוסנס דעם מאָנומענט, די פֿאַלשע צביעותדיקע טרערן און די צביעותדיקע בלומען־קרענץ און אין דער סביבה פֿון פּרעמדקייט און שנאה האַלטן זיי אויסגעשטרעקט זייערע אויטאָמאַטישע געווערן, ווי צום באַשיצן זייער כּבֿוד און ווערדע, ווי זיי האָבן אַמאָל באַשיצט מיט זיי זייער לעבן.

און אַרום זיי וויינען די אָנגעצונדענע מנורות, וויינען היינט נאָך מער ווי אַלע מאָל...

1968

דער זומער גייט אַוועק...

דער זומער גייט אַוועק,
אַ, זומער, נעם מיך מיט.
עס שרעקן מיך די טעג פֿון לעצטן שניט,
אַ, זומער, נעם מיך מיט.

מיט אַזעלכע אומעטיקע שורות באַגלייט י. פּאַפּיערניקאָוו דעם אַוועק־גייענדיקן זומער, ווען די לעצטע שיינע טעג זענען שוין געשענקטע און ווען טוביה דער מילכיקער זעט איין אַז „די זון באַקט שוין נישט, זי גלעט". אוודאי לעבט איבער דער מענטש אַן אומעט, זעענדיק אַוועקגיין דעם זומער; ער לעבט אָבער אויך איבער אַ פֿרייד, זעענדיק איינזאַמלען אין שייער דעם גערײַטעגעם שניט, די גאָלדענע און זאַפֿטיקע שפֿע, מיט וועלכער דער זומער האָט אונדז באַשאָנקען.

אין סוף אויגוסט, אָנהויב סעפּטעמבער קערן זיך אום מאַסן פּאַריזער איינוווינער פֿון די וואַקאַנס־ערטער, זיי שלאָגן צו צו די פּאָרטן פֿון פּאַריז, ווי כוואַליעס צום ים־ברעג. אויף די גאַסן און פּלעצער טראָגן זיך אויטאָס, אָנגעלאָדענע מיט פּעק און וואַליזעס, וואָס ציען פֿון די וואַקזאַלן און היגטערשטאַטישע וועגן צו די אייגענע היימען, וואָס מען האָט פֿאַרלאָזט מיט אַ חודש צוריק. אין שטאָט באַמערקט מען גליקלעכע אויסגעזונטע מענטשן. פּרויען ווייזן שטיקער, פֿון דער זון פֿאַרברוינט, לייב, ווי אַ קבלה פֿאַר זייערע אָנגענעמע פֿאַרברענגטע שעהען אויף די פּלאַזשעס, אין די הייסע זאַמדן, אין די שומיקע כוואַליעס.

אין די אַמאָליקע יידישע שטעטלעך זענען דאָס געווען די אלול־טעג, טעג פֿון פֿאַרטיקייט און חשבון־הנפֿש. די טאַטעס שטייען אויף באַגינען צו סליחות. מען גרייט זיך צום גרויסן יום־הדין, ווען אַ פֿיש אין וואַסער ציטערט. אין מאַרק אַרײַן פֿאַרפֿאָרן פּויערישע אָנגעלאָדענע פֿורן מיט אויבסט. עס שמעקט מיט רײַפֿקייט און אויסגעשטאַנענקייט. די עפּל

רייטלען זיך ווי די בעקעלעך פון שעמעוודיקע מיידלעך, דער פליוש פון די פלוימען איז פאַרצויגן מיט אַ לויטערן טוי. דער בעל־תקיעה פּרוווט אויס דעם שופר, מאַכט רעפּעטיציעס, ווי להבדיל, אַן אַקטיאָר פאַרן גרייטן זיך אויפצוטרעטן אויף דער בינע. און אויבן, אויבן גרייט מען די ריזי־קע שטויסן „דאַסיעס" (קאַרטאָטעקעס), ווו עס ווערן קלאַסירט מיט בוכ־האַלטאַרישער פּינקטלעכקייט און גענויקייט די מעשים־טובים און די זינד פון אַלע מענטשן. די עבירות און די מצוות ווערן געוויגן אויף די וואָגשאָלן פון העכסטן דין־צדק. פון די הייפלעך אַרויס הערט זיך דאָס קרייען פון הענער און דאָס קוואַטשקען פון הינער — קאַנדידאַטן אויף כפּרות. אין אַ וואַך־צווײ אַרום וועלן זייערע באַלעבאַטים זיי פאַרהייבן גאָטפאַרכטיק אין דער הייך און זיי וועלן צווישן די פאַרהויבענע עופות מיט די צעפּאַכעטע פליגל אַליין זיך פילן ממש באַפליגלט.

די וואַקאַנס־וואָכן אין חודש יולי, צי אויגוסט זענען ווי אַ הפסקה צווישן איין יאָר און אַנדערן, פּונקט ווי זיי זענען אַ הפסקה אין דער אַר־בעט, אין דער מי און אָנשטרענג. די צייט ווען מיליאָנען מענטשן וואַרפן אַראָפּ פון זיך די שווערע זאָרגן און די שווערע מלבושים. מען שפּאַנט אַרום פראַנק און פריי, מיט אַ לייכט העמדל און מיט אַ לייכט געמיט. מען קערט זיך דעריבער אום פון פּאַנסיאָן, פונעם קוראָרט, פון וואַלד, פון דער פּלאַזשע מיט נאָסטאַלגיע און סענטימענטאַלקייט, מיט באַדויער פאַרן שיינעם און ליבן, וואָס האָט זיך סוף כל סוף געמוזט ענדיקן. מען קערט זיך אָבער אויך אום געשטאַרקט און דערמוטיקט פאַרן ווייטערדיקן, שפּעטערדיקן, וואָס מען דערוואַרט אין טאָג־טעגלעכן לעבן; דער עיקר, מען קערט זיך אום מיט באַנייטער ענערגיע, מיט חשק און ווילן צו נייע אויפטוען.

ביי יידן פאַלט זיך צונויף די דאָזיקע באַנייאונג מיט דער באַניי־אונג פון אַ יאָר. עס דערנענטערט זיך ראש־השנה. די פאַרכטיקייט איז אפשר נישט די זעלבע ווי אין די אַמאָליקע יידישע שטעטלעך. יעדעס שטעטל אין געווען אַ סוווערענע יידישע מדינה, נישט קיין געטאָ, ווי מען האָט אָפט אַ טבע פיין־שמעקעריש און פון אויבן אַראָפּ צו באַצייכענען די אַמאָליקע יידישע היים. אין פאַריז ווערט די דאָזיקע פאַרכטיקייט פון די אלול־טעג דערטרונקען אינעם אַלגעמיינעם לעבן. אָבער צווישן יידן פילט מען זי. באַלד ווערן די גוישע פּאָסט־קעסטלעך איבערגעפולט מיט יידישע ברכות, זיי ווערן ממש פאַרשטאָפּט פון יידישקייט.

די ראש־השנה־ווינטש־קאַרטלעך ווערן געסדרט אין די טויזנטער אין די יידישע קרעמלעך און וואַרטן אויף די קונים, וואָס וועלן פאַנאַנ־דערשיקן זייערע אָפּגעדרוקטע ברכות איבער אַלע ארבע פּינות העולם.

דאָס טראַדיציאָנעלע צאַרטע טייבעלע פּליט אַרום איבער לענדער און קאָנטינענטן מיטן איילבירט־צווייגל פון שלום; עס טראָגט עס שוין אַזוי אַרום יאָרן־לאַנג און קען עס נאָך אַלץ נישט דערטראָגן. צוויי הענט גיבן זיך שלום־עליכם. וואָס קאָן נאָך זיין בעסער און שענער? אַ הדרת־פּנים־דיקער ייד אין טלית און קיטל בלאָזט שופר ביים כותל־מערבי. ער בלאָזט שוין אַזוי מכּמה יאָרן. אפילו ווען דער כותל־מערבי איז געווען אונטער דער הערשאַפט פונעם מלך כוסיין האָט ער דאָרט נישט אויפגעהערט צו בלאָזן שופר.

איך באַקום אין די טעג צוגעשיקט דעם יידישן לוח אין פאָרמאַט פון אַ קליין ביכעלע. ער ווערט געדרוקט אין פּאַריז אין צענדליקער טויזנטער עקזעמפּלאַרן (הלוואי אויף יידישע שרייבער געזאָגט). איין לוח׳ל איז פון אַ לוויה־אונטערנעמונג. מען ווינטשט אַ „שנת בריאות" און דער־נעבן — אַנאָנסן וועגן דורכפירן לוויות, וועגן קרקעס און מצבות. דאָס צווייטע לוח׳ל איז פון ראַזינסקיס באַרימטער מצות־אונטערנעמונג. די מצות ווערן דאָ אַנאָנסירט בלויז אין פראַנצויזיש: „לע פּען אַזים". אָבער איך וויל זיך שוין בעסער האַלטן ביי ראַזינסקיס לוח׳ל.

***

אין די פּאַרכטיקע טעג לעבן נאָך יידן מיט די פרישע איינדרוקן פון וואַקאַנס, וואָס מען האָט מיטגעברענגט צוזאַמען מיט אַ פּאָר קילאָ אויף דער וואָג. דאָרט האָט מען טאַקע אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אַלע זאָרגן, אָבער נישט שטענדיק די זאָרגן פאַר דער וועלט און דער עיקר, פאַרן אייגע־נעם יידישן וועלטל. נאָך דעם ווי פאַרן פאַרלאָזן פּאַריז האָט מען שוין געהאַט פאַרפּאַקט די זומערדיקע גאַרדעראָבע, דערלאַנגט אין די שאַפעס די מאָלן זייער אויסקומעניש אויף אַ חודש צייט — די געהעריקע פאַר־ציע נאַפטאַלין, האָט מען נישט פאַרגעסן אַריינצולייגן אין דער וואַליזע דעם טראַנזיסטאָר, ווי אַ פרומער ייד, להבדיל, דאָס תפילין־זעקל, ווען ער לאָזט זיך אַרויס אויף אַ נסיעה. האַלטנדיק דעם פינגער אויפן קנעפּל פונעם קליינעם אַפּאַראַט, איז ווי מען וואָלט אים געהאַלטן אויפן דופק פון דער וועלט. דעם טראַנזיסטאָר קען מען נאָך אַריינפּאַקן אין באַגאַזש, אָבער נישט די טעלעוויזיע. אָבער גראָד איז אין וואַקאַנס־פּעריאָד הייַ־יאָר נישט בלויז געווען וואָס צו הערן, נאָך אויך וואָס צו זען און קודם־כּל די רייזע אויף דער לבנה פון „אַפּאָלאָ 15". האָט מען זיך געאיילט אין סאַ־לאָן, אין קאַפע, נישט צו פאַרזען ווי סקאָט און אירווין פאָרן אַרום מיט זייער דזשיפּ אויף דער לבנה, ווי קינדער אויף אַ קאַרוזעליע־וועגעלע,

מיטן ערשטן חידוש און התפעלות. די לבנה־רייזע גופא איז שוין נישט געווען אַזאַ סיורפּריז נאָך דעם ווי אַרמסטראָנג האָט דאָרט געמאַכט מיט צוויי יאָר צוריק „אַ קליינעם שריט פאַר זיך און אַ גרויסן שפּרונג פאַר דער מענטשהייט״. אָבער דאָ האָט זיך נישט געהאַנדלט אין גיין און אין שפּרינגען, נאָר אין פאָרן. האָט מען געזען אונטן, אויף דער זינדיקער ערד, ווי זיי פאָרן זיך דאָרט אַרום אָן שטערונגען, אָן גרינע און רויטע ליכט־סיגנאַלן און אָן דער זאָרג אַז דער וועג וועט זיין פאַרשטאָפּט און ס׳וועט נישט זיין ווו אָפּצושטעלן דעם אויטאָ, אָדער אַז אַ צווייטער אויטאָ וועט אין אים אַריינפאָרן. דאָ איז אַרומגעפאָרן דאָס ווונדערלעכע קינדער־וועגעלע פון אַ נייער ערע און פון דער מענטשהייט פון צוואַנ־ציקסטן יאָרהונדערט, און טאַקע די גאַנצע מענטשהייט האָט עס נאָכגע־קוקט מיט אַ ברכה, שעפּנדיק נחת און זייענדיק שטאָלץ פאַר האָבן עס דערלעבט.

**
*

פאַרלאָזנדיק פאַריז, האָט מען טאַקע אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אַלע יחידישע זאָרגן, אָבער, ווי שוין דערמאָנט, נישט די זאָרגן פאַר דער וועלט און דער עיקר, פאַרן אייגענעם יידישן וועלטל. און קוקנדיק אויף דער לבנה האָט מען פון דעסטוועגן נישט פאַרגעסן אין די פּלאָגענישן און צרות פון דער ערד און דער עיקר, פון דעם קליינעם חלק ערד וווּ ס׳איז אונדז באַשערט צו מאַטערן זיך, צו ראַנגלען זיך און האָפן און דערהאַלטן זיך מיט אַלע כוחות וואָס זענען אונדז איבערגעבליבן נאָך אַזוי פיל בלוט־טיקע נסיונות.

געזען האָט מען פאַר זיך די אויפגעהויבענע דראָענדיקע פויסט פון־נעם עגיפּטישן פּרעזידענט מיט דער הבטחה, אַז ער איז גרייט מקריב צו זיין אַ מיליאָן עגיפּטער אין אַ באַנייטער מלחמה קעגן ישראל. מען האָט דאָ בפירוש געזען אַז ער אונטערשיידט זיך בולט פון זיין פאָרגייער, דעם פריערדיקן פּרעזידענט. יענער האָט געזען פאַר זיך „ימען פון בלוט און האָריזאָנטן פון פלאַמען״. נאַסער איז געווען אַ ראָמאַנטיקער, אַ טרוי־מער, אַ „וויזיאָנער״, על סאַדאַט איז אַ רעאַליסט, אַ מענטש פון קאָנ־קרעטע מעשים און פון ציפערן. ער גיט כך וכך לעבנס. זיי שפּילן דען אַ ראָלע ביי אים?

אין די זומער־וואָכן איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין ערטער, ווו עס זענען אָפּט געווען שטורעמס און שלאַקסרעגנס. דעכער פון הייזער

זענען אַראָפּגעשליידערט געוואָרן, ביימער זענען אויסגעריסן געוואָרן מיט די וואָרצלען. דער הימל איז געווען אָנגעלאָדן מיט שווערע וואָלקנס און אונדזערע היימישע מענטשן זענען געווען אָנגעלאָדן מיט שווערע עמאָציעס. די בלוטיקע שמחה אין מאַראָקאָ, די איבערקערעניש און צוריק־איבער־געקערטע איבערקערעניש אין סודאַן. אַ פּרעזידענט איילט זיך אין אַן עראָפּלאַן צו פליען צו זיין הערשאַפט־שטול און ער ווערט גאָר געפירט צו דער תליה. אייגענע אַראַבישע ברידער האָבן אים אין דער לופט אונ־טערגעכאַפּט. צו דעם סאָרט כאַפּענישן זענען די אַראַבער געוואָרן מומחים. מיטן אויסלענדישן ברידערלעכן געווער האָט מען דערשאָסן אייגענע ברי־דער פון זעלבן אידעאַל. בלויז די תליות זענען געווען פון אייגענער פּראָ־דוקציע און דערגרייכונג און פון אייגענעם פּראָגרעס. הגם סיי די קוילערס און סיי די געקוילעטע זענען געווען שונאים פון ישראל און פון אונדזער לעבן, האָט מען פון דעסטוועגן נישט געפילט קיין שאָדן־פרייד, נאָר גיכער אַ ווידערווילן און עקל. עס האָט געמיגלט און געקערט צו דער גאַל פון דער בלוטבאָד און פון דער ברידערלעכער שחיטה.

אַן אַנדערע עמאָציע האָט אין דער זעלבער צייט אַרויסגערופן דאָס ראַטעווען זיך קיין ישראל פון די טויט־שונאים פון ישראל — די פּע־דאַינער. אומגעשטערט זענען זיי אַריבער דעם ירדן צו די „ציוניסטן", סיידן זיי זענען געשטערט געוואָרן פון כוסיינס לעגיאָנערן, וואָס האָבן זיי נאָכגעשאָסן און זיי פאַרענדיקט אין וואַסער. פון אַלע אַראַבישע לענ־דער זענען זיי פאַרלאָזט געוואָרן, אַחוץ פון ישראל. וואָס פאַר אַן אויס־טערלישער פּאַראַדאָקס. האָט מען זיי טאַקע געזען, די „רעוואָלוציאָנערן", די „פּאַלעסטינער רעזיסטאַנטלער" מיט פאַרשטעלטע פּנימער, ווי זיי ווערן אויפגענומען פון די צה"ל־זעלנער וואָס ציען זיי אַרויס פון וואַסער. און מערקווירדיק: ערב דער זעקס־טאָגיקער מלחמה האָבן די אַראַבער געליאַר־מעט מיט שוימיקער היסטעריע אַז זיי וועלן אַריינשטופּן די יידן אין וואַ־סער אַריין (און גראַד דעם צוזאָג וואָלטן זיי זיכער געווען געהאַלטן ווען זיי וואָלטן געקענט) און אָט ציען גאָר יידן זיי אַרויס פון וואַסער און נישט גלאַט אַראַבער, נאָר אַראַבער וואָס האָבן פאַרלייגט די נעצן פון טויט אויף יידישע קינדער אויפן וועג, אין אַן אויטאָקאַר, צו זייער שול; אויף באַלעבאָסטעס אין מאַרק און אויף טוריסטן אין האָטעלן. פון דעסטוועגן ראַטעוועט מען זיי אָפּ פון כוסיינס קוילן, מען שטופּט זיי נישט אַריין אין וואַסער, מען גיט זיי נאָך גאָר צו טרינקען וואַסער. די יידישע מאָראַל פאַרגעסט, אַז זיי זענען געווען צו אונדז בלוט־דורשטיק און מען ווייסט דאָ איצטער בלויז אַז זיי זענען דורשטיק, גאַנץ פּשוט דורשטיק. און אויך

אַראַבער, זעט אויס, גלויבן אין דער יידישער מאָראַל, ווייל אַנדערש וואָלטן זיי נישט אויסגעקליבן פון אַלע אַראַבישע לענדער ישראל פאַר זייער מקום־מקלט.

דער איינדרוק פון דער דאָזיקער געשעעניש האָט גראָד נישט אַזוי שטאַרק געשווערט אויפן געמיט פון יידן. פאַרקערט, זיי האָבן זיך געקענט פילן פון איר דערהויבן און שטאָלץ, ווען זיי האָבן געלייענט וועגן דעם אין די צייטונגען, אָדער געהערט אין ראַדיאָ, צי געזען אויף דער טעלע־וויזיע. מיטן דאָזיקן שטאָלץ האָט מען זיך אומגעקערט קיין פּאַריז פון פלאַזשעס און קורערטער, ווו מ׳איז געקומען היילן שוואַכע נערוון, בעת דער אומרו פון דער וועלט האָט זיי נאָך מער צערודערט און צעטרייסלט. און זיי האָבן נישט געלאָזט רואיקערהייט מאַכן דעם סך־הכל פון פאַרגייענדיקן זומער און באַטראַכטן און איבערמישן געמיטלעך און מיט נאָסטאַלגיע די אָנדענק־פאָטאָגראַפיעס און די אָנגענעמע דערינערונגען.

.1971

דאָס אַמאָליקע יידישע וואַרשע

עס האָלט איין איין אָנוואַקסן ביי אונדז, יידן, די ליטעראַטור פונעם גרויסן געדענק. זי רופט זיך אָן חורבן־ליטעראַטור, יזכור־ליטעראַטור. פּאַראַלעל מיטן אָנגעהורבעטן באַרג חורבות וואַקסט אויס דער באַרג מיט אותיות, וואָס וויל דעם חורבן־באַרג כולל זיין אין זיך, אים געבן אַ תיקון. די דאָזיקע ליטעראַטור באַשטייט פון ווערק הן פון מחברים יחידים און הן פון גאַנצע קאָלעקטיוון. אָפט איז מען נישט אויסן דער־ביי קיין קינסטלערישע געשטאַלטיקונג, נאָר דאָס לעבעדיקע געשטאַלט פון פאָלק, וואָס מען וויל דורך זכרונות, דערמאָנונגען, באַשרייבונגען, כראָניקעס פאַרפיקסירן און אויפהאַלטן אין וואָרט, אין שריפט. עס שטייען אויף תחית־המתים גאַנצע שטעט און שטעטלעך בכדי אין די טאָוולען פון אַ ספר זאָל איינגעפּאַסט ווערן, רעקאָנסטרואירט און פאַראייביקט ווערן די היים, דאָס אָרט פון געבוירן, מיט אַלע דורות, וואָס האָבן זיך אין דער היימשטאָט געקייטלט, מיט אַלע אירע מנהגים, שטייגער, געס־לעך מאַרק־פּלעצער, יום־טובים, איינדערוואַכנס, פאַרשידענע חברות, פאַר־טייען פּאַסירונגען, דערשיינונגען, פאַרלויפענישן — מיט איין וואָרט, אַלץ, פון וואָס עס שטעלן זיך צונויף די פיר אותיות: לעבן.

דאָס זענען ביכער מצבות, מצבות אָבער וואָס שטייען נישט אויף קיין בית־עולמס, נאָר אין שטובן, אין שאַפעס, אויף פּאָליצעס, אָדער ליגן אויף טישן און אפילו אין בעטן ביים לייענען זיי, זיי זענען אויס־געמישט מיט אונדזער ברויט און וויין, מיט אונדזער שלאָף און אונד־זערע חלומות.

הונדערטער יזכור־ביכער זענען שוין דערשינען פון לאַנדסמאַנ־שאַפטן. די ווייסע ציכטיקע בלעטער זייערע זענען די תכריכים פון שטעט־לעך־בר־מינגס, פאַרקוילטע, דערשטיקטע, פאַרפייניקטע, וואָס די ביכער טוען זיי זייער רעכט. איך פיל זיך קרוביש צו זיי אַלע. ביי מיר זענען

פאַראַן יזכור־ביכער פון פאַרשידענע שטעטלעך, ווו איך בין קיינמאָל דאָרט נישט געווען און האָב נישט געהאַט מיט זיי קיין שום שייכות. איצטער האָב איך אַ שייכות מיט זיי, זיי זענען מיר אַלע גלייך נאָענט סיי מיט זייער אַמאָליקן לעבן און סיי דורך זייער אומקום.

די ביכער זענען דאָס אָפּבילד פון שטעטל, פון דער היים, הן פון דער צייט ווען זי האָט געלעבט, הן פון דער צייט ווען זי האָט זיך שווער געראַנגלט פאַרן לעבן און הן ווען מען האָט דאָס לעבן ביי איר, ביי דער היים, אָפּגענומען. דאָס געדענק־בוך, וואָס איז די ביטערע פרוכט פון אַרבעט און מי פון אַ גאַנצן קאָלעקטיוו, יורשים פון דער אָפּגעמעקטער היימשטאָט, האָט גענומען אויף זיך די הייליקע שליחות אַריינצופירן אין וואָרט אונדזער היים לעולם־ועד, אויפהיטן אין שריפט איר פנים מיט אַלע זיינע שטריכן און ניואַנסן.

דאָס דאָזיקע בוך דאַרף זיין און איז אָפּטמאָל גאַנצקייט, פאַר־סכהכלונג.

צי קאָן מען אויך שאַפן אַ יזכור־בוך וועגן אַזאַ גרויסן אַלט־איינ־געזעסענעם יידישן ישוב, ווי עס איז געווען דער וואַרשעווער, וועלכער האָט געציילט אין יאָר 1940 אַ האַלבן מיליאָן נפשות? איז אַזאַ זאַך מעג־לעך צו רעאַליזירן? דער פאַראיין פון די וואַרשעווער לאַנדסלייט אין בוענאָס־איירעס האָט זיך שוין געהאַט פאַרמאָסטן צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל און אין יאָר 1955 האָט ער אַרויסגעגעבן דעם שווערוואָגיקן און ריזיקן „פנקס וואַרשע״, אַ ספר פון זייער גרויסן פאָרמאַט, וואָס אַנטהאַלט איבער 1300 שפּאַלטן אויף גרויסע זייטן און פאַרמאָגט פאַר־שידענע אָפּטיילונגען, געשיכטלעכע עטיודן, פאָטאָגראַפישע בילדער. אָבער די טעמע וואַרשע, יידיש וואַרשע פּאַסט זיך נישט אַזוי לייכט אַריין אין די טאָוולען פון אַ בוך, מיט די צייטן פון פאַרן חורבן, בעתן חורבן און נאָכן חורבן. פּונקט ווי עס איז נישט מעגלעך איינצוצוימען דעם ים און אַריינעמען אים אין געוויסע ראַמען, אָפּשליסן אים אין שיינע געטאָקטע שטיינערנע באַריערן.

צי לאָזט זיך דאָס אויך זאָגן וועגן דעם מאָנומענטאַלן בוך „דאָס אַמאָליקע יידישע וואַרשע״? די אַנטאָלאָגיע, דאָס איבער 850 זייטיקע ספר, וואָס איז דערשינען און מאָנטרעאַל אונטער דער רעדאַקציע פון מלך ראַוויטש, פּרעטענדירט נישט קודם־כל צו זיין אַזוי אַלזייטיק און ברייט אַרומנעמענדיק — אין זין פון צייטן און תקופות. דאָס בוך אונטערשיידט זיך פון אַלע יזכור־ביכער און מצבה־ביכער. עס האָט זיינע באַשטימטע לימיטאַציעס: אַמאָליק יידיש וואַרשע אין יידישן וואָרט, און דאָס וואָרט גופא איז דאָ אויך ס׳רוב אַן אַמאָליקס, געשריבן אַמאָל, און איז אַ טייל

פונעם אַמאָל. ס'איז אַ כינוס, אַן אײנזאַמלונג פון ייִדישע שאַפונגען, אָדער פראַגמענטן פון שאַפונגען, פון אַלע זשאַנערן און פאָרמען, אין װעלכע עס שפיגלט זיך אָפּ דאָס אַמאָליקע ייִדישע לעבן אין װאַרשע. כמעט אַלע שאַ־פונגען פון די 139 מחברים, װאָס קומען אַרײַן אין בוך, זענען אָנגעשריבן געװאָרן אַמאָל און נישט איצטער — מיט דער כוונה און צװעק פון יזכור, װי בײַ אַנדערע יזכור־ביכער, זײ זענען אָבער אפשר אויך פון זיך זעלבסט, נישט װילנדיק געװאָרן איצטער — יזכור...

דער פאַרבאַנד פון די װאַרשעװער ייִדן אין מאָנטרעאַל (קאַנאַדע) האָט גענומען אויף זיך דעם דאָזיקן הײליקן חוב אַרויסצוגעבן אָט דאָס בוך. דעם צונויפזאַמל פון „ליד, באַלאַדע, פּאָעמע, דראַמע, דערציילונג, ראָמאַן, הומאָרעסקע, גלײכװאָרט, פאָלקסליד, געשיכטע, זכרונות, עסיי, פּוב־ליציסטיק, זשורנאַליסטיק, רעדע, רעפּאָרטאַזש, כראָניק פון 139 מחברים" און אַלץ װאָס איז נוגע דעם ייִדישן לעבן אין װאַרשע פון 1914 ביז 1939, ביז דעם ראַנד פון שװאַרצן היטלער־תהום, ביז דעמאָלט װען דאָס אַמאָ־ליקע ייִדישע װאַרשע האָט געלעבט מער־װײניק אַ נאָרמאַל ייִדיש לעבן, אײדער עס האָט אָנגענומען דאָס אויסגעדײװערטע, פאַרחושכטע, פון הונגער און יסורים־פאַרקרימטע געטאָ־פּנים.

אַזאַ אַנטאָלאָגיע װי „דאָס אַמאָליקע ייִדישע װאַרשע" האָט געקאָנט דערשײַנען אויך בײַ נאָרמאַלע באַדינגונגען, װען דער היטלער־חלף װאָלט זיך נישט געװען אַראָפּגעלאָזט אויפן ייִדישן לעבן און עס װאָלט געהאַט זײַן געװײנלעכן דורותדיקן המשך. מיר װאָלטן אָבער אין אַזאַ פאַל דאָס דאָזיקע בוך אויפגענומען בלויז װי אַ װיכטיקע דערשײַנונג פון קולטור־היסטאָרישן באַדײַט. איצטער אָבער, נאָכן חורבן ייִדיש װאַר־שע, װירקט די אַנטאָלאָגיע אויף אונדז אַנדערש, און נישט בלויז װײַל אין אָנהײב פונעם בוך זעט מען די חורבות פון דער טלאָמאַצקער סינאַ־גאָגע און צום סוף קומען יזכור־בלעטער, איבער פופציק זײַטן מיט נעמען פון אומגעקומענע װאַרשעװער ייִדן, נאָר װײַל דער אַמאָל, װאָס דאָס בוך נעמט אַרײַן אין זיך, איז אָפּגעהאַקט געװאָרן, געבליבן פאַראײנזאַמט, געבליבן בלויז אַ מ אָ ל, אָן אַ יורש און אָן אַ נאָכקום. און אויך דאָס װאָרט, אין װעלכן דאָס אַמאָליקע ייִדישע װאַרשע איז אָפּגעשפּיגלט גע־װאָרן, איז אַ טײל פון דער פאַראײנזאַמטער אַמאָליקײט, עס ליגט דערויף אויך דער צער פון אַן אָבל.

די שײנע אידעע אַרויסצוגעבן אַזאַ אַנטאָלאָגיע געהערט געװיס צו מלך ראַװיטש, איר צונויפזאַמלער, צונויפשטעלער און רעדאַקטאָר. זײַן חותם פילט מען אַרויס פון די בלעטער פונעם בוך, פון זײַן צוזאַמענ־שטעל, קאָמפּאָזיציע, אָפּקלײַב. זײַן האַנט האָט ער געהאַט אומעטום און

אויף אַלץ. איך דערקען אפילו זיינע אייגנהענטיק־געצייכנטע אותיות אין דער אויפשריפט אויף דער זייט וואָס עפנט דעם יזכור פאַר וואַרשע־ווער יידן. זיכער האָט ער געהאַט צוהעלפער און מיטאַרבעטער אין זיין נישט לייכטער שליחות, ווי רחל אייזנבערג, סעקרעטאַרין פון רעדאַק־ציע, און די מיטגלידער פון בוך־קאָמיטעט מיט אבע איגעלפעלד (פאַר־זיצער פון פאַרבאַנד) און דוד זיסמאַן (סעקרעטאַר) און אַנדערע, וועלכע עפענען דאָס בוך מיט „אַ וואָרט פון מאָנטרעאַלער פאַרבאַנד פון וואַר־שעווער יידן". אָבער דעם גרעסטן עול פון אַחריות פאַרן שאַפן די אַנ־טאָלאָגיע, פאַר געבן איר דעם כאַראַקטער, טאָן און אידעע האָט מסתמא געדאַרפט אויסטראָגן מלך ראַוויטש און ער האָט אים געטראָגן, ווי שווער ער זאָל נישט האָבן געווען, מיט אַ סך איבערגעגעבנקייט, באַצי־אונג און ליבשאַפט.

מלך ראַוויטש, וועלכער איז איינער פון די גרעסטע פרץ־פאַרע־רער און פרץ־פאַרהערלעכער (און ער איז נישט, נאַטירלעך, פון די געצײַלטע), וועלכער זעט אין פרצן די אידענטיפיקאַציע פון דער פּויליש־יידישער גייסטיקייט און אפשר די גרעסטע פערזענלעכקייט פון אַמאָ־ליקן יידישן וואַרשע, האָט פאַרשטאַנען אַז אַן אַנטאָלאָגיע ווי „דאָס אַמאָ־ליקע יידישע וואַרשע" דאַרף טראָגן אויף זיך דעם חותם פון זיין, פרצעס, גייסט. עפנט זיך טאַקע דאָס בוך, צוזאַמען מיטן טיטל, מיט פרצעס אַ קליין בילדל, אַ שיינע גראַוויור אונטן, און אויבן אַ בילד אין דער זעל־בער גרייס פון אַ וואַרשעווער פאָלקס־ייד. אין דעם בוך ווערט נישט געזאָגט ווער דאָס איז, אָבער מען דאַרף זיך משער זיין, אַ בילד אַ סימבאָל פון וואַרשעווער פאָלקס־יידנטום, ווי דער אומבאַקאַנטער סאָל־דאַט קען זיין דער סימבאָל פון אַלע אומבאַקאַנטע און באַקאַנטע געפאַ־לענע סאָלדאַטן. עס קען אויך הייסן: אָט דאָס איז פרץ און דער ייד אויבן — פון אים איז דאָס אַרויסגעקומען פרץ, ער האָט דאָס באַשאַפן פרצן און אפשר האָט פרץ אים באַשאַפן? אפשר איז ער געווען איינער פון פרצעס העלדן, דער פּראָטאָטיפּ פון אַ באָנטשע שוויג, אַ מענדל ברײַ־נעס, אַ חיים טרעגער.

פונקט ווי מ. ראַוויטש גיט אין אויבנאָן אין דער אַנטאָלאָגיע דאָס פּנים פון אַ וואַרשעווער פאָלקס־ייד, גיט ער אויך אָפּ דעם אויבנאָן פאַר אַ שאַפונג פון אַ פאָלקס־מחבר: די רעפּראָדוקציע פון „דאָס ליד פון ראַבאַניק", דעם שער־בלאַט און די הקדמה פון דעם דאָזיקן ליד, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן פון אַ פאָלקס־דיכטער נאָכן ערשטן פּאָגראָם אין וואַרשע אין יאָר 1881. אינעם אַרײַנפיר צום ליד ווערט געזאָגט, אַז אָט די פאָלקס־קינה „דאָס ליד פון ראַבאַניק" רופט זיך איבער מיט יצחק קאַצענעלסאָנס „דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק"... אָבער אין

דער אַנטאָלאָגיע רופט עס זיך נישט איבער, אין דער אַנטאָלאָגיע ווערט עס נישט געגעבן, ווייל די אַרויסגעבער האָבן זיך געהאַלטן ביים פּרינציפּ פון געבן בלויז אַמאָליק יידיש לעבן אין וואַרשע ביז צו דער שוועל פון 1939 און ווייטער נישט. זייער איינשטעלונג איז געווען צו געבן בלויז דאָס אַמאָליקע יידישע וואַרשע אין וואָרט און טאַקע ו אָ ר ט אין ברייטסטן זין פון וואָרט.

צוליב דעם האָבן זיכער אויך די אַרויסגעבער געהאַט שוועריקייטן גובר צו זיין. ווייל אַמאָליק יידיש וואַרשע אין יידישן וואָרט איז דאָ צו שעפּן מיט פולע הויפנס. צו שעפּן און נישט אויסצושעפּן. אַפילו ווען מען זאָל שעפּן מיט עוג מלך הבשנס שעפּ־כלים וועט מען דען באַווייזן אַלץ אויסצושעפּן? האָט מען געדאַרפט באַשטימען און באַשליסן וואָס אַרויסצונעמען פון דעם שלל וואַרשעווערישקייט. מיט פּאָעטישע שאַפונגען קאָן מען זיך לייכטער אַן עצה געבן. אַ קורץ ליד אַפילו קאָן זיין גאַנצקייט און רעפּרעזענטירן דעם פּאָעט. אַנדערש איז עס מיט ראָמאַנען, גרויסע דערציילונגען, דראַמען, ווו מען דאַרף אַרויסשניידן שטיקער, אַמפּוטירן אברים. אָבער דאָ איז דאָך מסתמא נישט געגאַנגען אין רעפּרעזענטירן מחברים און זייערע ווערק, נאָר רעפּרעזענטירן און דערלאַנגען אַמאָליק יידיש וואַרשע אין זייערע ווערק. וועגן דעם מין שוועריקייטן ביים אויסקלייב זאָגט טאַקע מלך ראַוויטש אין זיין הקדמה:

„אויך האָבן מיר געהאַט אַ שווער פּראָבלעם מיט מחברים, וואָס זענען כולו וואַרשע; הונדערטער, טויזנטער זייטן. גיי און קלויב די שענסטע כוואַליע ביים ברעג פון ים... אַנדערע מחברים — אַ לעבן לאַנג דאָרט געלעבט און קוים אַ בלעטל דאָ און דאָרט וועגן וואַרשע געשריבן. גיי געפין אַ פּערל אין די טיפעניש פּאַרזונקען".

עס איז נישט שייך דאָ אויסצורעכענען אַלע שאַפונגען פון די 139 מחברים, וואָס קומען אַריין אין דער אַנטאָלאָגיע און אויסרעכענען בלויז אַ טייל וואָלט עס אויך נישט געווען יושרדיק. אָבער די 138 מחברים וועלן מסתמא נישט האָבן פאַריבל אויף מיר ווען איך וועל דערמאָנען בלויז די באַטייליקונג פון איינעם — פונעם צוזאַמענשטעלער. איך מיין, אַז על פּי יושר קומט דאָס אים, לכל הפּחות אַלס אַ שכר־טירחה, פאַר זיין מי, וואָס ער האָט אריינגעלייגט אינעם אויסקלייב פון זיין באַטייליקונג. ראַוויטש האָט געהאַלטן פאַר נויטיק צו געבן דריי קליינע פּאָרטרעטן פון „די דריי אָרעמסטע וואַרשעווער יידישע שרייבער" (היישעריק, הערשעלע און שטשעבוצקי), אַנצונעמען זיך פאַר די הענט מיט די סאַמע דערנידעריקסטע און אָרעמסטע און באַווייזן זיך דווקא מיט זיי און זיך יחוסן ביים גרויסן דערמאָנען דאָס אַמאָליקע יידישע וואַרשע

וואָס אַלע דריי, אַגב, זענען אומגעקומען אין געטאָ אין יאָר 1941). דער ערשטער אין ווילנער געטאָ און די אַנדערע צוויי אין וואַרשעווער געטאָ). און ווער נאָך אַזוי ווי ראַוויטש, זייענדיק 10 יאָר סעקרעטאַר פון ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13, האָט געוווּסט ווער עס זענען די סאַמע אָרעמסטע יידישע שרייבער. ער האָט דאָך געהאַט זייערע קאַרטאָטעקעס אויף זיינע פּאָליצעס און זייערע דערשלאָגן־פאַרדאגהטע געזיכטער און גראָטעסק־טראַגישע געשטאַלטן פאַר זיינע אויגן...

„דאָס אַמאָליקע יידישע וואַרשע" איז אַ שטיק יידיש וואַרשע אין אַ קאַליידאַסקאָפּ און געווימל פון אַלערלייאיקן יידישן וואָרט, אַ כמאַליע וואַרשעווערישקייט, וואָלטן אפשר געזאָגט וואַרשעווער יידן. ס'איז אַ נישט־פאַרגאַנצט און אָפּגעריסן שטיק, אָבער אין די טאָוולען פון דער אַנטאָלאָגיע איז עס אַ גאַנצקייט און אַ טייל, און זייער אַן אָנגעזעענער טייל, פון אונדזער גאַנצער געדענקשאַפט.

1966

„אַ שפּיגל אויף אַ שטיין״ — אַ שטיין פאַר אַ דענקמאָל

(וועגן דער אַנטאָלאָגיע געווידמעט צוועלף
אומגעבראַכטע יידיש־סאָוויעטישע שרייבער)

אָפּט נעם איך אין האַנט דאָס וואָגיקע און אימפּאָזאַנטע ספר „אַ שפּיגל אויף אַ שטיין״ און רואיק און געלאַסן מיש איך זיינע בלעטער. ווי די יאָרן פון מיין אייגן לעבן. איך הער זיך איין צום ריטעם פון זיינע איינגעזאַמלטע שאַפונגען, ווי איך וואָלט זיך איינגעהערט צום גאַנג פון מיין פאַרגאַנגענער יוגנט. כאָטש די סאַמע גרעסטע טייל פון די שאַפונגען, וואָס קומען אַריין אין דער אַנטאָלאָגיע קען איך פון פריער, וועט מיר קיינמאָל נישט נמאס צו בלעטערן דעם ספר און אַרויס־צוהערן פון אים זיין עכאָ, ווי דעם עכאָ פון מיין אייגענעם עבר.

מען האָט נאָך נישט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט די וויכטיקייט און באַדייט פון דער דאָזיקער „אַנטאָלאָגיע פון פּאָעזיע און פּראָזע פון צוועלף פאַרשניטענע יידישע שרייבערס אין ראַטן־פאַרבאַנד״, וואָס איז ארויס אין ישראל אין יאָר 1964.

עס גייט מיר דאָ נישט אין אָפּשאַצן די שאַפונגען, וואָס קומען אַריין אין דער אַנטאָלאָגיע. און אפשר איז דאָס אויך נישט נויטיק, ווייל די שאַפונגען, וואָס קומען אַריין אין דאָזיקן בוך זענען דערציילונגען און לידער, אַרויסגענומען פון פאַרשידענע ביכער און זשורנאַלן, וואָס זענען שוין פריער אָפּגעשאַצט געוואָרן און זענען באַקאַנט, מער־ווייניק, דעם לייענער פון דער יידיש־סאָוויעטישער ליטעראַטור.

אין וואָס מיר גייט איז נישט אין זען די איינגעזאַמלטע שאַפונגען פון די פאַרשניטענע פּראָזע־שרייבער און דיכטער פונעם אַספּעקט פון אַנאַליז און אָפּשאַץ, נאָר פון אַנדערע אַספּעקטן אַרום דעם ספר; אינעם אַרויסהייבן אים ווי אַ דענקמאָל, ווייל די אַנטאָלאָגיע איז נישט בלויז אַ מאָנומענטאַל ווערק, נאָר טאַקע אויך אַ מאָנומענט גופא, אַ קאָלעקטיווע

מצבה פאַרן קאָלעקטיוון אומבאַקאַנטן ברידער־קבר פון די יידיש־סאָ־וויעטישע שרייבער, נישט געקוקט אויף דעם וואָס איינער פון די צונויפ־שטעלער פון דער אַנטאָלאָגיע, חנא שמערוק, מיינט, אַז „דאָס בוך דאַרף באַטראַכט ווערן נישט ווי אַ דענקמאָל, נאָר ווי אַ לעבעדיקער אבר פון דער יידישער ליטעראַטור". איינס שליסט אָבער נישט אויס דאָס צווייטע. ווי אַ לעבעדיקער אבר פון דער יידישער ליטעראַטור זענען די דאָזיקע שאַפונגען שוין פון לאַנג געווען, אין די ביכער פון די מחברים, אָבער אַלס אַנטאָלאָגיע קענען זיי זיין ביידע צוזאַמען.

דאָס בוך פון איבער אַכט הונדערט זייטן, גרויסער פאָרמאַט, גיט אָפּ אַ סך אָרט יעדן פון די צוועלף פאַרשניטענע מחברים, מיט אַ פּאָר־טרעט פון יעדן שרייבער, מיט ביאָגראַפיעס, ביבליאָגראַפישע מאַטעריאַלן און הערות, מיט אַ בריטן פאַרטיפטן אַריינפיר צו דער אַנטאָלאָגיע. דאָס בוך איז צונויפגעשטעלט פון בנימין הרושאָווסקי, אברהם סוצקעווער און חנא שמערוק. די ביאָגראַפיעס און די ביבליאָגראַפישע מיטאַרבעט זענען פון מענדל פּיעקאַזש.

אַזאַ בוך האָט געדאַרפט דערשיינען, און עס איז געווען פון דער ערשטער נויטווענדיקייט און די צונויפשטעלער און אַרויסגעבער פון דער אַנטאָלאָגיע זענען ווערט דעם גרעסטן שבח פאַר זייער מי. עס איז זייער סימפּטאָמאַטיש וואָס די אַנטאָלאָגיע האָט געקענט דערשיינען נאָר אין ישראל און נישט ערגעץ־אַנדערש — נישט אין די אַמעריקעס, נישט אין איראָפּע, נישט אין פּוילן, שוין אָפּגערעדט פון ראַטנפאַרבאַנד, ווו גראָד דאָרטן וואָלט אַזאַ בוך געדאַרפט דערשיינען בכדי אָפּצוגעבן דעם גע־העריקן כבוד די שרייבער, קרבנות פון „פּערזאָנען־קולט", וועלכן מען האָט פאַראורטיילט ווי דעם שולדיקן אין אַלדאָס בייז און ס'וואָלט געווען מער ווי רעכט אַרויסצוגעבן דאָרטן אַזאַ אַנטאָלאָגיע געווידמעט זיינע קרבנות.

וואָס איז מכוח דעם טיטל „אַ שפּיגל אויף אַ שטיין"? יעדער טיטל, ווי שיין ער זאָל נישט קלינגען, דאַרף ער רעדן פאַר זיך מיט קלאָרקייט און פשטות. צו אַ טיטל דאַרף מען נישט האָבן קיין פירוש און קיין אויפ־קלערונג. אין דעם פאַל דאַרף מען יאָ. „אַ שפּיגל אויף אַ שטיין" איז אַ זאַץ, אַרויסגענומען פון מאַרקישעס אַ ליד, „בראָכשטיקער", וואָס אין קאָנטעקסט פון ליד קען מען פאַרשטיין דעם צוזאַמענהאַנג. „אַ שפּיגל אויף אַ שטיין" קלינגט נישט אָפּ פאַרן לייענער מיט דער פולער קלאָר־קייט. די רעדאַקציע, זעט אויס, האָט עס געוווסט און צוליב דעם געגעבן אין אָנהייב פון דער אַנטאָלאָגיע די ערשטע פיר שורות פון מאַרקישעס

ליד (דאָס גאַנצע ליד קומט אַריין צווישן זיינע שאַפונגען אין דער אַנ־טאָלאָגיע), וואָס דינט סיי פאַר אַ מאָטאָ און סיי פאַר אַן אויפקלערונג:

אַצינד, ווען ס'קערט די ראיה מיר זיך אום צוריק אַליין,
איז מיר אַ ריס די אויגן עפענען און זען מיט יעדן גליד דאָ,
אַז ס'איז מיין האַרץ אַראָפּגעפאַלן ווי אַ שפּיגל אויף אַ שטיין,
און מיט אַ קלונג פון בראַך אויף שטיקער זיך צעשפּליטערט.

פון די צוועלף שרייבער, וואָס קומען אַריין אין דער אַנטאָלאָגיע, זענען צוויי בלויז געשטאָרבן אויף זייער בעט. דאָס זענען אהרן קושני־ראָוו און שמואל האַלקין. פון דעסטוועגן האָט די רעדאַקציע זיי אַריינגע־נומען אין דער אַנטאָלאָגיע צווישן די פאַרשניטענע צוועלף. דער טויט פונעם ערשטן איז געווען דער טרויעריקער פּראָלאָג פ אַ ר די אַרעסטן; דער טויט פונעם צווייטן איז געווען דער טרויעריקער עפּילאָג נאָך די אַרעסטן, פאַרשיקונגען, עקזעקוציעס. חנא שמערוק, איינער פון די בעס־טע קענער פון דער יידיש־סאָוויעטישער ליטעראַטור, גיט־אָן אין זיין אַריינ־פיר אַז אַ. קושניראָוו, „האָט נאָך דעם 7־טן סעפּטעמבער 1949 באַ־וויזן אויסצוהויכן די נשמה אויפן אייגענעם געלעגער". אָבער ער גיט נישט אָן די סיבה וואָס זאָל באַרעכטיקן אים אַריינצונעמען אין דער אַנ־טאָלאָגיע צווישן די אומגעבראַכטע. געוויס ווייסט אויך ח. שמערוק דאָס, וואָס איך ווייס פון דעם, וואָס עס האָבן דערציילט יידישע שרייבער, וועל־כע האָבן געלעבט אין ראַטנפאַרבאַנד, אַז אויף אַ פאַרזאַמלונג פון שריי־בער־פאַרבאַנד אין מאָסקווע איז קושניראָוו געווען באַאויפטראַגט צו האַלטן אַ רעדע אין וועלכער ער האָט באַדאַרפט באַשולדיקן די יידישע שרייבער, און אַז בעת די דאָזיקע באַשולדיקונגען, וואָס ער האָט געמאַכט, נישט מיט זיין אייגענעם ווילן, האָט ער באַקומען אַן אַטאַקע, אַ שווערן פּאַראַ־ליזש, פון וועלכן ער איז דערנאָך געשטאָרבן. וואָס שייך האַלקינען רעדט וועגן אים ח. שמערוק מיט מער קלאָרקייט, אַז זיין פריצייטיקער טויט (אין יאָר 1960) איז געווען אַ פּועל־יוצא פון די נאָכווייענישן פון זיין פאַרשיקונג אין לאַגער.

די אַנטאָלאָגיע „אַ שפּיגל אויף אַ שטיין" שיידט זיך בולט אונטער פון אַנדערע אַנטאָלאָגיעס. אַן אַנטאָלאָגיע קען אונדז אַמאָל געבן אַ קאָנ־דענסירטן מוסטער פון אַ ליטעראַטור, וואָס זי, די אַנטאָלאָגיע, איז מסוגל אונדז צו באַקענען מיט איר, ווייל שטענדיק איז, מער־ווייניק, פאַראַן, אָדער דאַרף אַלנפאַלס זיין, אין דעם דאָזיקן מוסטער דער תמצית פון יענער ליטעראַטור, וואָס די אַנטאָלאָגיע וויל אונדז פאַרשטעלן.

אין „אַ שפּיגל אויף אַ שטיין" איז אויך פאַראַן, אויף וויפל עס איז

מעגלעך, דער תמצית פונעם שאַפן פון די צוועלף אומגעקומענע שריי־
בער, און היות זיי זענען געווען די סאַמע רעפּרעזענטאַטיווסטע יידיש־סאָ־
וויעטישע שרייבער, איז אין דער אַנטאָלאָגיע, קען מען זאָגן, פאַראַן אויך
דער תמצית פון דער גאַנצער יידיש־סאָוויעטישער ליטעראַטור, פון גאַנצן
יידיש־סאָוויעטישן שאַפן פון 1917 ביז 1948. אָבער פּונקט ווי אַן אַנדערע
אַנטאָלאָגיע האָט די שליחות צו באַקענען אונדז מיט דער ליטעראַטור,
וואָס זי וויל אונדז פאַרשטעלן, האָט „אַ שפּיגל אויף אַ שטיין" אַ טאָפּלטע
שליחות: באַקענען אונדז מיט אַ ליטעראַטור און מיט אַ טראַגעדיע פון
דער דאָזיקער ליטעראַטור, אַפילו ווען דאָס זאָל נישט האָבן געווען די איינ־
טענץ פון די צונויפשטעלער. אוודאי קאָן מען לייענען די שאַפונגען פון
די פאַרשניטענע שרייבער סעפּאַראַט, אָפּגעטיילט פון זייער אומקום און
אויפנעמען עמאָציאָנעל די קינסטלערישע ווערטן זייערע, ווי לייענענדיק
אַנדערע קינסטלערישע שאַפונגען; מען קען אָבער ביים לייענען, נישט
פאַרגעסן אויף קיין איין רגע וועגן דעם גורל פון די מחברים פון די דאָ־
זיקע שאַפונגען.

לאָמיר דערמאָנען זייערע נעמען, אַזוי ווי זיי זענען געגעבן געוואָרן
איז דער אַנטאָלאָגיע, לויטן סדר פונעם עלטער פון די שרייבער:

דוד בערגעלסאָן, דער נסתר (פּנחס קאַהאַנאָוויטש), דוד האָפשטיין,
שמואל פּערסאָוו, אַהרן קושניראָוו, לייב קוויטקאָ, פּרץ מאַרקיש, משה
קולבאַק, שמואל האַלקין, איזי כאַריק, איציק פעפער, זעליק אַקסעלראָד,

לייענענדיק די אַנטאָלאָגיע מאַכט מען מיט זייער גאַנג אין דער
יידיש־סאָוויעטישער ליטעראַטור און אין דער יידישער וועלט־ליטעראַטור
בכלל, ווייל זיי זענען געווען (און פאַרבלייבן אויך) אירס אַ לעבעדיקער
אבר, ווי עס באַמערקט עס אינעם סוף פון זיין אַריינפיר חנא שמערוק.
מען מאַכט אויך מיט זייערע פאַרשידענע גלגולים, זייערע דערגרייכונגען
און שטרויכלונגען, זייער באַמיען זיך צו געבן אַ תיקון די פּראָבלעמען
פון דעם סיסטעם, אין וועלכן זיי האָבן געלעבט, ווילנדיק אָדער נישט
ווילנדיק.

כאָטש די ירושה פון זייער שאַפן ווערט באַטראַכט דורך די אַרויס־
געבער פון דער אַנטאָלאָגיע ווי אַן אינטעגראַלער טייל פון דער יידישער
ליטעראַטור, ווי אַ טייל פון דעם גאַנצן יידישן שעפערישן כלל, ווערט מען
אפשר לייענענדיק דאָ און דאָרט די מחברים, קאָנען האָבן דעם איינדרוק
ווי זיי וואָלטן זיך באַמיט אָפּזופרעמדן, אָפּצורייסן זיך פון דאָזיקן כלל.
מען ווערט אָבער נישט זיין געדענקט אויב מען ווערט זיי אורטיילן ספּאָנטאַן,
אויף אַ נישט באַדאַכטן און נישט רואיקן אופן און נישט טראַכטן וועגן

דער תקופה און די פּאַרהעלטעניש, סביבה און אומשטענדן ביי וועלכע זיי האָבן געלעבט און געשאַפן.

פּאַראַן מענטשן, וואָס ווילן דאָס אַלץ נישט נעמען אין אַכט און ווילן נאָר זען די שרייבער־מאַרטירער ווי „שלעכטע יידן" און גייען שטענדיק אַרום מיט אַ צעטל חשבונות אין קעשענע, וואָס די אומגעקומענע דאַרפן זיי סילוקן.

איך דערמאָן זיך ווי אויף אַ מסיבה ביים פּרעזידענט זלמן שזר אין ירושלים, געווידמעט דעם דערשיינען פון „אַ שפּיגל אויף אַ שטיין", זענען מענטשן אַרויסגעקומען מיט אַזעלכע צעטלען חשבונות און מיט ציטאַטן אין האַנט, גענומען פונעם דערשינענעם בוך גופא, ווי מאַנונגען פאַר אַט די חשבונות, און וואָס פאַר אַ פיינלעכן איינדרוק דאָס האָט געמאַכט אויף דער מערהייט פאַרזאַמלטע, אויף די אַרויסגעבער און צונויפשטעלער פון דער אַנטאָלאָגיע און אויך אויפן פּרעזידענט שזר, פון וועמענס טיש עס איז געקומען אַ געהעריקער ענטפער.

עס זענען פאַראַן חשבונות און חובות, וואָס די צייט און די אומשטענדן מאַכן זיי בטל, לייגן אַרויף אויף זיי אַ מאַראַטאָריום, ווי שווער דער חשבון זאָל אַמאָל נישט זיין און ווי שטרענג און בייז דער איינמאָנער זאָל נישט זיין.

אין יאָר 1931, ווען שלום אַש איז אַלט געוואָרן פופציק יאָר, האָט איציק פעפער אָנגעשריבן אַ ליד „געווידמעט" זיין יובליי. אין זיין ליד האט פעפער געשריבן צו אשן: „אַש — שאַ, אַ קויל דיר אין קאָפּ". שלום אש האט צוגעגומען פעפערס „יובליי־מתנה" און, זעט אויס, זיך גאַרנישט געמאכט פון דעם. פעפערס „קויל אין קאָפּ" האָט אים, זעט אויס, נישט געשאדט און ער האט ווייטער געקענט שרייבן זיינע ראָמאַנען. ווען אין יאָר 1943 איז פעפער געקומען מיט מיכאָעלסן קיין ניו־יאָרק, ווי שליחים פון די סאוויעטישע יידן, האָט זיך אַש מיט אים אַרומגעכאַפּט ווי מיט אַ ברודער. פעפער האָט דעמאָלט געלעבט און אַש האָט געקענט ביי אים דירעקט מאנען דעם חשבון און ער האָט דאָס נישט געטאָן. איצטער איז פעפער טויט און אלע זיינע עלף חברים זענען טויט און ס'איז אַפילו נישטאָ ביי וועמען צו מאנען עפּעס, און געפאַלן זענען זיי אַלע פאַרן יידישן אות, פאַר יידישער יצירה.

דאָס אַליין איז מחייב, אַז דעם שטיין, אויף וועלכן עס איז אַראָפּגעפאַלן דער שפּיגל פון דער יידיש־סאוויעטישער ליטעראַטור זאָל דורך אלעמען פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שטיין פאַר אַ דענקמאָל צום זכר פון אירע שעפער.

1965

פראַנצויזישע פּאָעזיע אין אַ יידישן לבוש

דאָס בוך „פראַנצויזישע פּאָעזיע״, (איבערזעצונגען און קאָמענטאַרן) פון מ. ליטווין געהערט נישט צו דעם מין ביכער וועגן וועלכע עס לאָזט זיך אָנשרייבן אַ געוויינלעכע רעצענזיע אָדער אָפּשאַצונג. אין תוך גענומען זענען אפשר די פּאָעטישע שאַפונגען גופא, וואָס קומען אַריין אין דעם בוך, נישט אזוי להוט נאָך דעם, ווייל די לידער פון וויקטאָר הוגאָ ביז שאַרל באָדלער, פון לואיז לאַבע ביז זשאַק פּרעווער זענען שוין פון לאַנג געוואָרן אָפּגעשאַצט און זיי האָבן נישט געוואַרט ביז וואַנען איך וועל זיך מרחם זיין איבער זיי. זיי האָבן בלויז געוואַרט אויף דעם טאָג ווען זיי וועלן אָנהייבן צו רעדן אויף יידיש און נאָך מער האָבן מיר אויף דעם געוואַרט. און איצטער אַ דאַנק מ. ליטווינען, אַ דאַנק זיין מיפּולן שעפערישן אויפטו האָבן מיר זיך אויף דעם דערוואַרט. דאַרף מען טאַקע אין פאָדערגרונט קודם־כל אַרויסרוקן די ביז גאָר וויכטיקע שליחות פון זייער געשטאַלטיקער אויף יידיש, דעם וואָס האָט אין זיי אַריינגעגעבן אַ יידישן רוח־החיים.

עס איז בלויז צום באַדויערן וואָס די צייט און די אומשטענדן, אין וועלכע מיר לעבן איצטער, זענען ווינציקער גינסטיק פאַר דעם זשאַנער פון איבערגעזעצטע ווערק אין יידיש ווי אין דער תקופה צווישן ביידע וועלט־מלחמות. דעמאָלט האָט געבליט אַ שפּעדיקע פּראָדוקציע פון איבערגעזעצטער ליטעראַטור אין דער יידישער שפּראַך, וואָס האָט געהאַט אַן אָרט קודם־כל אין פּוילן. עס זענען געווען לייענער, וואָס האָבן געדאָרשט נאָך די איבעגעזעצטע ווערק פון דער אוניווערסאַלער ליטעראַטור און עס זענען אויך געווען פאַרלעגער, וואָס האָבן געדאָרשט נאָך די לייענער. דאָס איז געווען אַ זיווג מן השמים. די בעסטע ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור זענען אַרויסגעלאָזט געוואָרן אויפן מאַרק, איבערגעזעצט פון ענגליש, דייטש, פראַנצויזיש, רוסיש, אפילו נאָרוועגיש און שוועדיש. עס זענען געווען מחברים וואָס כמעט אַלע זייערע ווערק זענען איבערגעזעצט געוואָרן אויף יידיש, ווי אייפּטאָן סינקלער, מאַקסים גאָרקי, קנוט האַמסון,

לעוו טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, באַלזאַק, אַנאַטאָל פראַנס, עמיל זאָלאַ, ראָ־מען ראָלאַן און נאָך און נאָך. עס זענען געווען יידן מעצענאַטן, יידן פאַרלעגער, איינשטעלער, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט מאַיאָנטקעס אין דער יידישער ביכער־פּראָדוקציע, ווייל ליטעראַטור איז אויך געווען אַ מסחר און זיי האָבן אָנגעטראָפן אויף אַ זיכערן באַדן, אויף אַ נאַטירלעכער באַ־דערפעניש פאַר דעם און אַ נאָכפרעג. ס'איז געווען אַ מאַסן־לייענערשאַפט, מיט וועלכער מען איז געווען זיכער, ווייל בלויז אין די ליי־ביבליאָטעקן פון די שטעט און שטעטלעך איז מער ווי אַ העלפט פון דער אויפלאַגע פאַרצוקערט געוואָרן. אפילו פאַר איבערגעזעצטער פּאָעזיע (וואָס פּאָעזיע איז, ווי באַקאַנט, נישט אַזוי צוציענדיק פון קאָמערציעלן שטאַנדפּונקט), האָט מען געפונען פאַרלעגער־אַרויסגעבער, וואָס היינט וואָלט מען זיי אפשר באַטראַכט ווי ליטעראַרישע שלימזלען, בטלנים. מען האָט אַרויסגעגעבן היינען, מילטאָנען, בייראָנען, פּושקינען, מיצקעוויטשן, אפילו האָמערן.

פאַרשידענע גורמים זענען פאַראַן פאַרוואָס ביי היינט צו טאָג גייען כמעט נישט אַרויס אין דער יידישער וועלט קיין ווערק אין יידיש, איבער־געזעצט פון פרעמדע שפּראַכן. געוויס האָט דאָס אַ שייכות צו דער גאַנצער פאַרענדערונג וואָס איז פאָרגעקומען אין יידישן לעבן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. אַ סיבה איז אויך דאָס, וואָס די יידן, וועלכע לעבן אין פאַרשידענע לענדער, קענען היינט גרינטלעכער די לאַנד־שפּראַכן, ווי אַמאָל, און זיי לייענען די וויכטיקסטע ווערק וואָס גייען אַרויס אין זייער לאַנד אין אָריגינאַל. ביי אַן אָריגינעל יידיש בוך איז נאָך דאָ אַ צד, וואָס איז פאַראינטערעסירט אין זיין דערשיינען און פאַרשפּרייט — בשעת דאָס איבערגעזעצטע בוך קאָן אַזאַ צד, ווי ס'איז דער מחבר, נישט האָבן. נישט פּושקין, נישט האָמער וועלן זיך ביי אונדז עפּעס מאָנען, צי אָפּרייסן די פּאָלעס און אונטערשטעלן אַ פּלייצע צו דעם אַז זייערס אַ בוך זאָל ביי אונדז אַרויסגיין.

נו, און וויקטאָר הוגאָ, באָדלער, פּאָל וואַלערי, סאַן־זשאַן פּערס, ווער־לען, קאָקטאָ? אָט זענען זיי דאָך איצטער אַרויס איז יידיש?

דאָס בוך „פראַנצויזישע פּאָעזיע" פון מ. ליטווין דאַרף מען באַטראַכטן ווי אַן אויסנאַם־דערשיינונג אין אַלע הינזיכטן אין אונדזער היינטיקן יידישן קולטור־לעבן. עס איז קודם־כל דאָ צו פאַרדאַנקען ליטווינס אינ־דיווידועלן אינוועסטירן זיינע פּאָעטישע קענטעניש, זיין יידישע שפּראַך־עשירות, שפּראַך־עקספּערימענטירונגען, זוכעניש און דער עיקר זיין ליב־שאַפט פאַרן דיכטערישן וואָרט. דורך דעם ווערט ער אַ מיטשותף צום דיכטער, וואָס ער זעצט איבער, און דאָס איבערגעזעצטע ווערק זיינס ווערט אַ ביישטייער פאַר דער יידישער ליטעראַטור. עס ווערט אַ יידיש־

דערגרייכונג און יידיש־פּאָזיציע. דאָס בוך איז אויך אַן אויסנאַם־דער־שיינונג אין זיין אויסערלעכער יום־טובדיקער פּרעזענטאַציע, אַנגענעם צו שענקען (און נאָך מער צו באַקומען) אַלס מתנה. אוודאי דאַרף מען זיך גוט אונטערגאַרטלען מאַטעריעל ביים אַרויסגעבן אַזאַ ווערק, אַנקו־מען צו מעצענאַטן, געזעלשאַפטלעכער הילף און אזוי ווייטער. אָבער ליטווין האָט דאָ אַריינגעלייגט זיין אייגענעם גרעסטן חלק, דאָס גרעסטע פאַרמעגן זיינס — זיינע דיכטערישע איבערזעצונגען, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט אין משך פון יאָרן, אָפּגעלייגט אַ רענדל צו אַ רענדל, ביז וואַנען דער אוצר איז געוואָרן פול און גרייט איבערצוגעבן אים אונדז אַלעמען.

אַז דער ענין פון איבערזעצן פּאָעזיע איז נישט קיין פּשוטער, דאָס ווייסט מען שוין פון לאַנג. אויב ביים איבערזעצן פּראָזע פאָדערט זיך אַ געוויסע דערפאַרונג און רוטין, אַ קאָנען מאַניפּולירן מיטן זאַץ־בוי, לעקסיק, און עס איז, מיט איין וואָרט מער אַ טעכנישער ענין, פאָדערט זיך דאָ־קעגן ביים איבערזעצן פּאָעזיע טאַלאַנט, קענטעניש פון פּאָעטיק און ווער־סיפיקאַציע, פּלוס פאַרשטענדעניש און ליבשאַפט פאַרן אָביעקט.

מ. ליטווין פאַרמאָגט אָט די אַלע מעלות וואָס זאָגן עדות, אַז ער איז געווען ביכולת צו שאַפן דאָס בוך „פראַנצויזישע פּאָעזיע". דער עכטער פּאָעזיע־איבערזעצער, און וואָס ליטווין איז עס, גייט נישט צו צום ענין איבערזעצן מעכאַניש. ער דאַרף ווערן אָנגערעגט און אָנגעוואַרעמט פונעם דיכטערס שאַפונג, ער דאַרף זיך אַריינלעבן און אַריינפילן אין איר. אויב דער דיכטער ווערט אָנגערעגט פון זיין אייגענער שטימונג, דאַרף דער איבערזעצער ווערן אָנגערעגט פונעם דיכטערס שאַפונג און ער טראָגט זיך איבער אין אַן אַנדערן גלגול. דער דיכטער ווערט זיין מעדיום, דער איבערזעצער ווערט דעם דיכטערס אָפּקלאַנג און אָפּשיין. עס קען, נאַ־טירלעך, קיינמאָל נישט זיין קיין פּינקטלעכע און אַדעקוואַטע איבער־זעצונג. ביים איבערגיסן און איבערטראָגן אַ געטראַנק פון איין כלי אין דער אַנדערער קען זיך עטוואָס פאַרגיסן אויפן וועג, אָבער דער עכטער איבערזעצער דאַרף קענען פאַרפילן דאָס פאַרגאָסענע מיט עפּעס פון זיינע אייגענע קוואַלן, וואָס דאַרף זיין פון אַזאַ קוואַליטעט און טעם אַז דער געניסער זאָל נישט דערשפּירן, אַז אין דעם געטראַנק געפינט זיך אַ פרעמדער טראָפּן, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט אינטעגרירן אין דעם גאַנצן.

מען קען מיינען, אַז דער איבערזעצער האָט אַ „לייכט לעבן", ווייל וויבאַלד ער איז געוואָרן אָנגערעגט פונעם דיכטער, וואָס יענער איז שוין געווען אָנגערעגט פאַר אים אין זיין שאַפונגס־פּראָצעס, גייט ער דאָ אויף אַן אויסגעטראָטענעם וועג; ער דאַרף זיך, הייסט עס בלויז האַלטן אין

דער ראַם פונעם דיכטערס שאַפונג. אין דער אמתן קען ער זיך טאַקע האַלטן אין דער ראַם פונעם דיכטערס שאַפונג, זי איז אָבער פאַר אים אי ראַם, אי צאַם פאַראַמאָל; צאַם מיט וועלכער ער איז געפּענטעט, בעת דער דיכטער קען זיך פרייער באַוועגן ביים מאָדיפיצירן און מאָדולירן זיין שטאָף.

דאָס איבערזעצן פּאָעזיע איז אַזוי אַרום נישט בלויז קיין טעכני־שער ענין, נאָר אויך אַ שעפעריש־קינסטלערישער, הגם דער מקור, פון וואַנען דער איבערזעצער שעפּט זיין יניקה, איז אַ פאַרטיקע קונסט־שאַ־פונג — די אָריגינעלע שאַפונג פונעם דיכטער, צו וועלכן דער איבער־זעצער פאַרקנסט זיך, בינדט זיך צו און פאַרשקלאַפט זיך צו אים זעלבסט־וויליק און מיט ליבשאַפט. שקלאַפעריי און זעלבסטוויליקייט — וואָס פאַר אַ סתירה וועט מען אפשר זען אין די ביידע, און מיט רעכט, פון דעסט־וועגן זאָלן מיר, שעפערישע מענטשן, קיינמאָל נישט וויסן פון קיין אַנדע־רער שקלאַפעריי ווי נאָר פון אָט דער שקלאַפעריי.

ווי אַ לעבן אין עמבריאָן, אין פּראָצעס פון ווערן, פאַרוועבט אין מוטערלעכן לייב, וואָס נערט זיך מיט די זאַפטן פונעם לעבן, צו וועלכן עס איז צוגעבונדן און באַהאַפטן, אַזוי נערט זיך דער שעפערישער פּאָעזיע־איבערזעצער מיט די זאַפטן פון דער שאַפונג פונעם דיכטער אין דער צייט פון זיין שעפערישן פּראָצעס. אָבער ווי נאָר די איבערזעצונג, אָדער איבערדיכטונג איז רייף און פאַרטיק, מוז זי קומען אויף דער וועלט, פונקט ווי דאָס נייע לעבן, מיט אַן אייגענעם געשריי און אָנהייבן צו לעבן מיט אַן אייגן לעבן.

אָט דאָס האָב איך געזוכט און אויך געפונען אין מ. ליטווינס איבער־זעצונגען ביים לייענען זיין בוך „פראַנצויישע פּאָעזיע". דערפילן דאָס אייגענע לעבן, דעם אייגענעם אָטעם פון די איבערגעזעצטע שאַפונגען, פאַרגעסן לחלוטין אין דעם מקור זייערן, פון וואַנען זיי קומען, נאָר זען אין זיי און הערן אין זיי יידישע לידער און פּאָעמעס ווי זיי וואָלטן גע־ווען אָריגינעל־יידישע שאַפונגען.

בכדי צו דערגרייכן די דאָזיקע מדרגה דאַרף מען קודם־כל פאַר־מאָגן אַ גרויסע קענטשאַפט אין דעם לשון צו וועלכן מען זעצט איבער, קענען זיינע אַלע ניואַנסן און דינקייטן. אין דעם פאַל, נאַטירלעך, האָב איך אין זינען דאָס יידישע לשון, וואָס ליטווין קען און ווייסט פון אַלע זיינע פאַרבאָרגענישן און סודות, די אוצרות, וואָס ליגן אויפן דנאָ פון די טי־פענישן פונעם לשון. ליטווין פאַרמאָגט אַ ברייטע גאַמע פון קלאַנגען, טע־נער און האַלב־טענער און אַ גרויסן וואָרט־אויסוואַל, פון וועלכן ער קען אויסקלייבן און ווייסט וואָס אויסצוקלייבן, ווי אַזוי זיך צו באַניצן מיט

זיין שפּראַך־עשירות, ווייל עס קענען אויך זיין מענטשן וואָס זאָלן פאַר־מאָגן מאַיאָנטקעס און נישט וויסן וואָס צו מאַכן מיט זיי. די, וואָס האָבן נישט נישט דאָס און נישט יענץ איז, פאַרשטייט זיך, נאָך ערגער. ליטווין פאַרמאָגט ביידע: אי דאָס עשירות און אי דאָס וויסן ווי אַזוי עס צו פאַרווענדן. זיין שפּראַכן־קענטעניש העלפט אים אַ סך צו אין געפינען דעם געהעריקן פּאַסיקן אויסדרוק און ווי אַזוי אָנצוווענדן אים. אויך ווייסט ליטווין ווי אַזוי צו קאָמבינירן די גערמאַנישע, סלאַווישע און העברעאי־שע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך אינטעגרירט אין דער יידישער שפּראַך און אויף ווי ווייט דאָס איז טאָלערירט. ליטווין איז אַ וואָרט־זוכער און אַ וואָרט־שאַפער. ער וועט נישט נעמען דאָס, וואָס ליגט פון אויבן, נאָר ער וועט דווקא נישטערן און אויסזוכן דאָס וואָס ליגט באַהאַלטן אין די טי־פעניש און וואָס נישט יעדער איז ביכולת דאָס צו באַמערקן.

אויך אין זיין אויסקלייב איז ליטווין אַן איבערקלייבער. ער וועט נישט נעמען איבערזעצן דאָס וואָס אַפּעלירט נישט צו אים, דאָס וואָס דרינגט נישט אַריין אין זיין געמיט. ער ווערט אַ מיטשותף צום דיכטער נאָר אין פאַל ווען יענער שטייט אים אָן. אויב שוין יאָ אַ שותפות איז נישט מיט אַבי וועמען. ער דאַרף וויסן וואָס אַזוינס יענער פאַרמאָגט און וואָס אַזוינס ער האָט אַריינצולייגן אין שותפות. דערביי איז ליטווין זייער אָפּגעהיטן און אויסערגעוויינלעך מדקדק זיין יעדעס וואָרט און אות. ער איז מער מדקדק יענעמס פּערזן ווי בישט אין פּאָעט זייַנע אייגענע פּערזן. ליטווין גייט צו צום ענין איבערזעצן פּאָעזיע מיט אַ סך אַחריות און ציטער. איך האָב געקענט אָבסערווירן פון דער נאָענט נישט בלויז זיין מעטאָד פון אַרבעט, נאָר אויך גאַנץ אָפּט זיין מורא, זיין אומ־זיכערקייט און צווייפל. אַן עכטער שעפער איז זעלטן זיכער און פאַרטיק מיט זיך. ער זוכט שטענדיק, ער עקספּערימענטירט, ער פּרוווט און מאַכט איבער און אַז עס איז שוין איבערגעמאַכט ווילט זיך אים דאָס איבער־געמאַכטע אויך איבערמאַכן. אפילו אַזאַ מייסטער איבער אַלע מייסטערס ווי עס איז דער רבונו של עולם, האָט אויך געפּרוווט, ער האָט אויך נישט געוווּסט פון פריער אויס צי דאָס וואָס ער וועט מאַכן, וועט זיין גוט און וועט אים זיין צום האַרצן און ערשט ווען ער האָט געזען „כי טוב״, אַז עס איז נישקשה, האָט ער באַשלאָסן צו גיין ווייטער.

ליטווין שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר קיין שוועריקייטן און שטערונגען, וואָס מען טרעפט זיך אָן אין דעם פּאָעטישן איבערזעצונגס־זשאַנער. ווי אַ מענטש, וואָס קען דעם געביט, ווייס איך אַז עס זענען פאַראַן אַמאָל שווערע און קאָמפּליצירטע זאַכן צום איבערזעצן. לידער־עקשנים, וואָס לאָזן זיך נישט רירן פון אָרט. עס איז נישט לייכט זיי איינצונעמען. און דער איבערזעצער איז זיך אָפּט מייאש, ער רעזיגנירט פון זיי, נישט

קענענדיק זיי גובר זיין. ווי די לידער זאָלן אָבער נישט זיין קיין עקשנים, איז ליטווין נאָך אַ גרעסערער עקשן. ער זעצט זיך אָן אויף זיי — און ער זעצט זיי איבער סוף־כל־סוף.

פּאָר אַ ביישפּיל האָב איך גענומען דאָס ליד פון וויקטאָר הוגאָ „די דזשינען" פון די „אָריענטאַלישע מאָטיוון", געווידמעט דעם גריכישן אומאָפּהענגיקייטס־אויפשטאַנד. די דזשינען זענען אַמאָליקע אַראַבישע רוחות (קיין היינטיקע פעלן אויך נישט). דאָס ליד פאַרמאָגט אַ זייער קאָמפּליצירטע ווערסיפיקאַציע. דער אָנהייב איז קורץ, האַסטיק און אָפּגעהאַקט. צוויי־טראַפּיקע און דריי־טראַפּיקע שורות, וואָס ווערן בהדרגהדיק גרעסער ביז דאָס ליד דערגייט צו עלף־טראַפּיקע שורות. דאַן גייט עס באַרג־אַראָפּ צוריק בהדרגהדיק צום זעלבן ריטעם ווי אין אָנהייב, ווי הוגאָ וואָלט געוואָלט מרמז זיין אויף דעם אַז אָנהייב און סוף האָבן באַריר־פּונקטן און קומען זיך ערגעץ־ווו צונויף אין אין־סוף. אָט ווי ליטווינען האָט זיך איינגעגעבן אַרויסצוברענגען, איבערצושאַפן די ווירטואָזיטעט פון הוגאָס מעכטיקע פערזן:

דרייסטער און צעברויזטער
ווערט דאָס קלונג־געקלאַנג,
ווי פון בייזן קלויסטער
א ניט־גוטער גלאָק;
ווי געשטופּ פון גייסטער,
ווי אַ דונער קרייזט ער,
פּלאַצט — און ווידער רייסט ער
ס'האַרץ מיט זיין געגאַנג.

***

מ. ליטווין איז אַחוץ אַן ערשטקלאַסיקער פּאָעזיע־איבערזעצער אויך אַן אָריגינעלער און טיפער עסייאיסט, וועלכער קומט אויך אויף דעם געביט צום אויסדרוק אין זיין בוך. אחוץ דעם טיטל „פראַנצויזישע פּאָעזיע" טראָגט דאָס בוך דעם סוב־טיטל „איבערזעצונגען און קאָמענטאַרן". וואָס דער מחבר האָט אים אַליין צוגעשטעלט און נישט צו זיין גונסטן, מחמת דאָס וואָרט „קאָמענטאַרן" קלינגט דאָ צו באַשיידן, ווייל מען געפינט צווישן זיי טיפע עטיודן און עסייען, ווי צום ביישפּיל דער עסיי וועגן באָדלער. און אויב שוין יאָ „קאָמענטאַרן", קאָנען דען זיי שטיין אויף דער זעלבער פלאַך ווי די איבערדיכטונגען און מען זאָל זיי אַרויסזאָגן ביידע בנשימה אחת, בעת די איבערדיכטונגען זענען דאָך פּאַקטיש דער

תמצית, דער סאַמע עיקר פונעם בוך. סיי די עסייען, דער אַריינפיר: „אַ וואָרט וועגן בוך" און סיי די באַלייכטונגען וועגן געוויסע איבערגעזעצטע דיכטער ביים סוף פון בוך, צווישן וועלכע די איבערדיכטונגען זענען איינגעפּאַסט ווי אַ יאָדער אין אַ שאָלעכץ, וואָלטן אויך, נישט צום פאַר־מינערן זיי, אַנדערע געקענט אָנשרייבן, אויך פראַנצויזישע פּאָעזיע־קע־נער. דאַקעגן די איבערזעצונגען אין יידיש, וואָס זענען איינציק און אויסשליסלעך ליטווינס גרויסער אויפטו און פאַרדינסט, דאָס וואָלט קיי־נער נישט, ווען נישט ער — געקאָנט שאַפן. און וואָלט זיך יאָ עמעץ אָנדערש פאַרמאָסטן אויף דעם, הגם איך זע נישט ווער אין אונדזער קרייז, בין איך מסופק צי די שליחות וואָלט דערפילט געוואָרן מיט דער זעל־בער פּערפעקציע ווי עס האָט עס געטאָן ליטווין.

*****

צוליב דעם וואָס מ. ליטווין פאַרמאָגט די אַלע דערמאָנטע מעלות פון אַן עכטן און גוטן פּאָעזיע־איבערזעצער; וואָס ער איז מפונק און איבערקלייבער ביים איבערזעצן; וואָס ער דאַרף ווערן אָנגערעגט און אינספּירירט פון אַ שאַפונג, אַז זי זאָל זוכה זיין צו ווערן איבערגעזעצט דורך אים, האָט זיך צו אים נישט צוגעאייגנט די מעלה פון זיין אַן אַנטאָלאָ־גיסט, וועלכער דאַרף געבן אין אַ זאַמלבוך אַ געוויסע גאַנצקייט, צוגיין צום ענין מעטאָדיש און פּלאַנמעסיק, ווייל דאָס וואָלט אים געפירט צו אַ מעכאַנישן אופן פון איבערזעצן, אַן אויפצווינג איבער זיך אַליין. ליט־ווין האָט געוווּסט, אַז אין היגזיכט פון קאָמפּאָזיציע און צוזאַמענשטעל וועט מען אים קענען שטעלן פאַרשידענע קשיות און ער האָט געהאַלטן פאַר נויטיק צו ענטפערן באַצייטנס, פון פאַרויס, אין סאַמע אָנהייב פון זיין אַריינפיר, ווו ער קלערט אונדז אויף אַז ער איז נישט אויסן געוועזן צו שאַפן אַן אַנטאָלאָגיע:

„דאָס איז נישט קיין אַנטאָלאָגיע, יעדע אַנטאָלאָגיע — דער נאָמען גופא זאָגט עס שוין — וויל איבערגעבן דאָס וויכטיקסטע, דאָס עיקר־דיקסטע, דאָס רעפּרעזענטאַטיווע פון אַ סכום שאַפונגען, אָפּגעקליבן וועד־ליק אַ פעסטן סימן: לענדער, עפּאָכעס, ריכטונגען, סוזשעטן, צי אפילו צומאָל... די פּראָפעסיע פון די מחברים".

ליטווינס דעפיניציע פון אַנטאָלאָגיע איז אַן און פאַר זיך אַ ריכ־טיקע און די סימנים פאַר איר וואָלט מען ווייטער געקענט ציען און אויך צוגעבן: אַפילו לויט געשלעכטער. דער פאַרשטאָרבענער דיכטער עזרא קאָרמאַן האָט געהאַט אַרויסגעגעבן אַן אַנטאָלאָגיע פון יידישע דיכטערינס.

בלויז דיכטערינס, ווו דער נאָמען פון אַ מאַנספּאַרשוין האָט נישט געקענט האָבן קיין דריסת הרגל, אַחוץ דער נאָמען פונעם צוזאַמענשטעלער.

מ. ליטווין האָט טאַקע נישט פּרעטענדירט אַרויסצוגעבן אַן אַנטאָ־לאָגיע, אָבער דער נאָמען „פראַנצויזישע פּאָעזיע" איז שוין כוללדיק, ברייט־אַרומנעמענדיק און איז שוין פון זיך אַליין מחייב און מען קען זיך טאַקע פרעגן צי עס איז פאַראַן אַ באַרעכטיקונג פאַר די דיספּראָפּאָרציעס אין בוך; אַז פאַר די סאָנעטן פון דער דיכטערין לואיז לאַבע פון זעכצנטן יאָר־הונדערט זאָל אָפּגעגעבן ווערן אַ גאַנצער טייל פונעם בוך און דער ווייטער־דיקער טייל, אמת אַ סך אַ גרעסערער אין דער צאָל זייטן, זאָל גרופּירן צוזאַמען אַזש זעכצן דיכטער, אָנהייבנדיק פון זשאַאַכים די־בעלעי און ענדיקנדיק מיט סאַן־זשאַן פּערס. און עס געפינען זיך אין דער רשימה אַזעלכע נעמען ווי פּיער דע־ראָנסאַר, אַלפאָנס דע־לאַמאַרטין, מאַרסע־לין דעבאָרד־וואַלמאָר, וויקטאָר הוגאָ, פּאָל ווערלען, אַרטור רעמבאָ, סטעפאַן מאַלאַרמעי, עמיל ווערהאַרן, פּאָל וואַלערי, גיאָם אַפּאָלינער, זשאַן קאָקטאָ, זשאַן קאַסו, פּאָל עלואַר, לואי אַראַגאָן. אַנטקעגן זיי אַלע וועגט אויפן טיטל־בלאַט פון ערשטן טייל (אגב מיט אַ שיינעם גראַפישן אות פון יצחק רייזמאַן) איין איינציקער נאָמען פון לואיז לאַבע. דער דריטער טייל באַשטייט ווייטער פון איין נאָמען: שאַרל באָדלער.

די טענות קענען דאָ זיין, און מ. ליטווין אַליין האָט זיי פאָרויסגע־זען, פאַרשטייט זיך, בלויז פון אַ טעכנישן קאָמפּאָזיציאָנעלן כאַראַקטער און האָבן נישט קיין שום שייכות צו דער הויכער מדרגה פון זיינע איבער־זעצונגען גופא, וואָס פון יעדן ליד קאָן מען נהנה זיין באַזונדער, געלאַסן און ביסלעכווייז, ווי פון אַ גוטן באַרוישנדיקן וויין, פאַרגעסנדיק דערביי אפילו, אַז מען האָט נישט צו טאָן מיט קיין אַנטאָלאָגיע אין פולן זין פון וואָרט.

ווען איין קולטור באַקענט אַ צווייטע מיט אירע ווערטן איז עס לטובת ביידע. איינע די אַנדערע קען נאָר משפיע זיין און באַרייכערן און ס'וועט פון איר דערביי גאָרנישט אָפּקומען, נאָר פאַרקערט, צוקומען. ווען מען טראָגט איבער נאַציאָנאַלע גייסטיקע ווערטן פון אַ פאָלק אין דער שפּראַך פון אַ צווייט פאָלק, איז עס צום כבוד פון ביידע פעלקער און ביידע שפּראַכן. און זיכער וואָלט ליטווינס אויפטו געהאַט אַ פיל גרע־סערן אָפּקלאַנג און אָנזען ווען ער וואָלט פאַר גוים גוייש איבערזעצן...

דערפאַר זענען מיר נאָך מער עמפּינדלעך פאַר זיין אויפטו און דער־גרייכונג, עמפּינדלעך ווען מען דערהייבט אונדזער יידיש לשון. און ליט־ווין האָט עס אין זיינע איבערזעצונגען דערהויבן. מען דאַרף דאָס גאָר באַזונדערס באַטאָנען אין אונדזער היינטיקער תקופה ווען געוויסע מענטשן האָבן שוין פון לאַנג אָפּגעזאָגט רבנן קדיש נאָך אונדזער יידיש. ווען

אַזוי פּיל וועלף שלייפן זיך די ציין אויף אונדזער אויסגעפּייניקט ייִדיש לשון. אַסימילאַציע־ציין, אינטעגראַציע־ציין, ליקווידאַציע־ציין און אויך פרעמד־אַריינגעשטעלטע סנאָבישע אײדעלע ציינדעלעך. קומט דערפאַר נאָך מער ליטווינען א שכר פאַר זיין מי און א יישר־כוח פאַר דעם וואָס גראָד איצטער האָט ער ווי אַ ייִדיש־זוכער און ייִדיש־נאָ־וואַטאָר אַרויסאַנטפּלעקט און אַרויסגעכישופט אַזוי פּיל דינקייטן און שיינקייטן פון אונדזער פאָלקס־לשון, וואָס איז פאַר אונדז אַ נישט־אויס־שעפּלעכער לויטערער קוואַל.

.1969

אינעם ווונדערלאַנד פון מאַנע־קאַץ

(צום טויט פונעם קינסטלער)

אין מיין נאָטיץ־ביכל האָב איך אויסגעשטראָכן אַ היימישן, נאָענטן אַדרעס, וואָס וועט מיר שוין קיינמאָל מער נישט זיין נייטיק: דעם אַדרעס פון מאַנע־קאַץ. דער טעלעפאָן וועט ביי מיר קלינגען, ווי געווינלעך, יעדן טאָג, אָבער איך וועל מער נישט דערהערן אין אים יענע ווייכע, וואַרעמע שטים, פון וועלכער עס פלעגט שלאָגן אַזאַ אָפנהאַרציקייט, גוטברודערישקייט און לעבנסלוסט. איך וועל מער אין ערגעץ נישט באַגעגענען אָט די קליינע, שטיפערישע, כמעט יינגלשע געשטאַלט מיט דער לאַנגער, ווייסער שעוועלורע, נאַכלעסיק צעפלויגן, וואָס האָט באַשיינט מאַיעסטעטיש זיין קאָפּ און אים צוגעגעבן דעם אויסזען פון אַ נביא.

דאָס איז געווען דער ערשטער איינדרוק פון אים. אָבער אַז מען האָט אים נענטער דערזען און דערפילט האָט מען באַנומען, אַז דער מהות פון מאַנע־קאַצן איז גאָר אַן אַנדערער און אין סתירה מיטן אויסזען פון א נביא; ער איז געווען סאַמע לויטערע ערדישקייט, פּשטות און עולם־הזהדיקייט, אין בעסערן זין פון וואָרט. און אויף צו באַשאַפן זיך פון אים אַ נביאישע געשטאַלט, האָט מען גלייך איינגעזען, פעלט אים דאָס שטרענגע שטראָפערישע געזיכט און דער פאַרהויבענער פּאַטאָס — אייגנשאַפטן, וואָס זענען געווען דער היפּוך פון מאַנע־קאַצן, פּונקט ווי ער איז געווען ווייט פון מאַניערירטקייט, אָנשטעל און פּאָזע. זיינע לאַנגע האָר האָבן נישט געשראָקן און נישט אָפּגעשטויסן, פאַרקערט, מען האָט געקוקט אויף זיי מיט מילדקייט און גינציקייט, ווי אויף אַ קאַפּריז פון אַ קונדייסיש יינגל, אלעמענס א ליבלינג, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון אונטער דער מאַמעס הענט און אַנטלאָפן בשעת זי האָט אים געפירט צום שערער.

אַ ליכט פון גוטסקייט, היימישקייט און מענטשלעכקייט האָט תמיד געשטראַלט פון מאַנע־קאַצס געזיכט. דער אָפנהאַרציקער שמייכל זיינער,

די לייכטקייט און אויפגעלייגטקייט האָבן זיך קיינמאָל נישט אָפּגעטאָן פון אים. ער איז אַליין געווען דער פּראָטאָטיפּ פון זיינע אַנצאָליקע שטי־פּערישע חדר־יינגלעך און פאַרדבקהטע ישיבה־בחורים מיט די פּאַר־שטיקטע באַגערן, מיט די צעפלויגענע פּאות און גאַרטלען און מיט די אומעטיקע קויל־שוואַרצע אויגן, פון וועלכע עס קוקט אַרויס אַ וועלט מיט בענקשאַפט, תמימות און חידוש.

***

איך האָב באַקענט מאַנע־קאַצן אין די ערשטע טעג פון מיין קומען קיין פּאַריז, אין יאָר 1937. ס׳איז געווען אויפן בית־עולם באַניע, ביים איבערפירן פון איין קבר אין אַן אַנדערן דעם אָרון פון לייב מלאך, וועלכער איז געהאַט מיט אַ יאָר פריער געשטאָרבן אין אַ פּאַריזער שפּיטאָל. לייב מלאך איז געווען דער ערשטער יידישער שרייבער, וואָס האָט באַקומען אייביקע מנוחה אין דער ערד פון פּאַריז. ער איז געווען אַ שרייבער אַ וואַנדערער, האָט אַרומגעקרייזט די וועלט און פּאַריז איז געווען זיין לעצטער אָפּשטעל. און פּונקט ווי ער איז געווען אַ וואַנדערער ביים לעבן איז אים אויך באַשערט געווען צו זיין אַ וואַנדערער נאָכן טויט, און איך האָב געדאַרפט דעמאָלט אין אַ שיינעם פרילינגס־טאָג בייוווי־נען מיט נאָך קאָלעגן און חברים דאָס איבערפירן אים פון זיין פּראָווי־זאָרישן קבר אין א שטענדיקן.

כאָטש אין אַזעלכע פאַלן איז מען פון די מחשבות אינגאַנצן אַבסאָר־בירט בלויז מיט דעם, וועמען מ׳איז געקומען באַגלייטן אין טרויער און וועגן דעם זין און גורל פון מענטשלעכן זיין און נישט־זיין, האָט מיך מאַנע־קאַץ, פון דעסטוועגן פאַרכאַפּט מיט זיין פריינטלעכקייט, צוגעלאָזנ־קייט און גוטברודערישקייט. אַפילו דאָ, אויפן פּאָן פון קברים און מצבות, אין סאַמע מלכות פון טויט, האָב איך אינטואיטיוו אָפּגעפילט אין מאַנע־קאַצן דעם תמצית פון לעבן. ער האָט זיך דאָ גיכער אידענטיפיצירט מיטן ליכטיקן, שיינעם פרילינג וואָס איז אויך שיין אויף בית־עולמס. מאַנע־קאַץ איז דאָ געווען פאַר מיר די אָפּלייקענונג און פאַרניינונג פון טויט און אַזוי איז ער שוין פאַר מיר פאַרבליבן אַלע שפּעטערדיקע יאָרן. און אויך איצטער, ווען עס שטייט פאַר מיר זיין שטראַלנדיקע געשטאַלט, זע איך אין אים די אָפּלייקענונג און פאַרניינונג פון זיין אייגענעם טויט גופא.

***

מאַנע־קאַצס אַטעליע די לעצטע יאָרן, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ זייטיק אָפּגעלעגן געסל פון מאָנפּאַרנאַס, האָט געהאַט אַלע אַטריבוטן פון אַ ווירקלעכן יידישן מוזיי, ווו עס זענען געווען פאַראייביקט די עקספּאָנאַטן פון יידישן עבר און פון יידישער דורותדיקייט. הייליקער שטויב פון פאַרגענגלעכקייט, יחוסדיקער זשאַווער פון קדמוני־מדי־קייט. מעש און בראָנדז וואָס האָבן אין משך פון יאָרן פאַרלוירן זייער גלאַנץ, אָבער נישט דעם גלאַנץ פון זייער יחוס. פאַרטריפטע הענגלייכ־טער, חנוכה־לאָמפּן מיט גבורהדיקע לייבן וואָס היטן דעם נצח ישראל, בשמים־ביקסלעך, ספר־תורה־מענטעלעך, שופרות, אַלץ רעליגיעזע חפצים, וואָס האָבן זיכער אינספּירירט דעם קינסטלער און אים געדינט אַלס מאָדעלן. מאַנע־קאַץ האָט איינגעזאַפּט אין זיך זייערע ריחות, זייער שטויב און זייערע מאַטע אָפּגעשאָסענע קאָלירן. ער האָט געעטעמט מיט זיי טאָג און נאַכט. איך האָב דאָס באַנומען דורך זיין אייביקן בונד און פאַרקנסטקייט מיט זיי, באַמערקנדיק איין מאָל אויף זיין געלעגער אַלס צודעק אַ פּרוכת פון אַן אלטן מאטן באָרדאָ־קאָליר און מיט זילבערנע פרענדז. אַרום, פון אַלע ווענט, האָט אַראָפּגעקוקט אין פאַרשידענע וואַריאַציעס און גרייסן, אין אייל־פאַרב, אין קויל און אין אַקוואַרעל, אין סקיץ און עטיוד, די פאַרשידנאַרטיקע גאַלעריע פון זיינע באַליבטע גע־שטאַלטן פון אַלטן יידישן לעבנסשטייגער און רעליגיעזן קולט, יידן, וואָס קאָנען אין התלהבות מיט די פּראָסטע שטיוואַליעס צעזעצן די ערד בעת אַ ריקודל און צעשפּאַלטן די הימלען מיט די פאַרהויבענע פויסטן. אַלץ האָט דאָ געאָטעמט מיט פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער. בלויז דער טע־לעפאָן האָט געהאַט דעם קאָנטאַקט מיט דער היינטצייטיקייט און מיט דער דרויסנדיקער וועלט. ער איז דאָ עפּעס געווען ווי אַ דיסאָנאַנס צו דער אַרומיקער אַטמאָספער, ווו עס האָט זיך געקענט אויסדאַכטן, אַז די שכינה פליט אַרום. אויך דער הונט, וואָס פלעגט באַגלייטן דעם קינסטלער, ווען ער איז געגאַנגען עפענען דאָס טויער פונעם לאַנגן הויפל פאַר אַ גאַסט, איז עפּעס געווען דאָ ווי אַ דיסאָנאַנס, און זיין בילן האָט געקלונגען פרעמד, איך וואָלט געזאָגט, נישט־יידיש.

אין דער אַטעליע פון מאַנע־קאַצן האָט מען געהאַט דעם איינדרוק אַז מען געפינט זיך אין איינער פון די אַמאָליקע שילן פון די יידישע שטעטלעך אין פוילן. דאָ האָב איך זיך ווידער געזען אַלס קליין יינגל אין דער אַלטער שיל פון קאַריוו, ווו דער פּחד האָט מיך געהאַלטן אין זיינע אומהיימלעכע טונקעלע פאַלעס. דאָרט האָב איך געציטערט, אַז

איך זאָל נישט אַ מאָל אין אַ פּריוויט־צונאַכטס איינשלאָפן אויף אַ באַנק און אַלע זאָלן אַוועק, מיך פאַרגעסן און איבערלאָזן אין דער פאַרמאַכטער שיל, ווו איך וואָלט געדאַרפט בלייבן אין טויט־שרעק אַ גאַנצע נאַכט ביז צומאָרגנס אינדערפרי, ווען דער שמש קומט עפענען די שיל, געבנדיק פריער מיט זיין שטעקן דריי קלעפּ אין טויער, די נישט־גוטע זאָלן זיך צעלויפן.

דאָ זענען קיין דריי קלעפּ נישט נייטיק. עס וועקט מיך אויף פון מיינע מחשבות מאַנע־קאַצס הילכיק און האַרציק געלעכטער, וואָס לאָזט נישט צו קיין פחד און קיין עצבות. און אַן אויפגעלייגטער פאַרבעט ער מיך אין זיין באַליבטער קינסטלער־קאַפע „סעלעקט", וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון זיין אַטעליע אויפן בולוואַר מאָנפּאַרנאַס. אין דער קאַפע האָט ער פאַר יעדן אַ גוט וואָרט, אַ וויץ, אַ חכמה. אָבער חוזקן וועט ער נישט פון קיינעם, ער וועט גיכער חוזקן פון זיך אַליין; ער האָט טאַקע ליב צו דערציילן אַנעקדאָטן, קאָמישע פּאַסירונגען וועגן זיך, ווי מען האָט אים אָנגענומען פאַר אַ יינגל, אַ צווייט מאָל פאַר אַ פרוי.

זיצנדיק דאָ ביים טישל פאַרפעלט ער נישט צו באַגריסן אַ מיידל, אַ יונגע פרוי, וואָס קומען אַריין אין קאַפע, קענטיק אַ מאָדעלקע, אָדער אַ געוועזענע מאָדעלקע. פאַר יעדער האָט ער אַ ליבן שמייכל, א קאָמפּלימענט, וואָס ער מאַכט מיט אַזוי פיל שאַרם, קאַוואַלערישקייט און גאַלאַנטקייט.

ערשט איצט קומט מיר אויפן זינען, אַז איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען פון מאַנע־קאַצן קיין געמאָלטן אַקט. צי איז אים דערווידער געווען די פרויען־אַנטבלויזטקייט, וואָס האָט צוגעצויגן און אינספּירירט אַזוי פיל קינסטלער ? אָדער איז ער דען געווען אַן אַסקעט, צוריקגעהאַלטן און פּוריטאַניש ? זיכער נישט. איין איינציק בילד, וואָס איך האָב געזען פון מאַנע־קאַצן, ווו ער ברענגט אַרויס פרויען־נאַקעטקייט, האָט ער עס אויך פאַרבונדן מיט אייניער פון זיינע היימישע טראַדיציאָנעלע געשטאַלטן : אַ ישיבה־בחור, וועלכער איז געגעבן אין פאָדערגרונט ביי אַ גמרא און אין זיין דמיון דערשיינט לעבן אים לילית אין הינטערגרונט, און באַוועגט אים אין זיינע מחשבות צו נסיון און געראַנגל מיט זיך אַליין.

מאַנע־קאַצס אויסמיידן צו מאָלן אַקטן, האָב איך דעם איינדרוק, איז נישט אַזוי ווייט געקומען ביי אים פון צניעות, נאָר גיכער פון אַן עטיש געפיל. זעט אויס, אַז ער האָט געאַנט, אַז דאָס וואָלט געווען אַ דיסאָנאַנס, אַ שרייענדיקע פאַרשייטקייט און עזותקייט לגבי זיינע בכבודיקע באַשטיימלטע און באַתורהטע יידן און ער האָט זיי נישט געוואָלט אָנטאָן קיין עגמת־נפש און חרפות און בושות.

הגם דער קינסטלער האָט זיינע רבנים, סופרים, וויללערנער, קלעז־מאָרים, ישיבה־בחורים, בדחנים, חתן־כלה געשטאַלטיקט אַנדערשדיק, ווי מענטשן פון אַן אָפּגעזונדערטער וועלט, פון אַן אָפּגעשלאָסענעם תחום, סיי לויט זייער הילוך און סיי לויט זייער אויסזען, האָט ער זיי דאָך נישט טראַקטירט אויסטערליש־משונהדיק, נאָר פאַרקערט מיט איידע־לער באַציאונג און מיט ליבשאַפט. כאָטש ער האָט זיי אָפט געצייכנט מיט געגנוג בולטע שאַרפע עקספּרעסיווע שטריכן איז דאָך נישט גע־ווען אין זיי קיין קאַריקאַטוראַלער שאַרזש און דעפאָרמאַציע. זיי האָבן נישט אַרויסגערופן ביי קיינעם קיין ווידערגעפיל און אַנטיפּאַטיע. פאַר־קערט, זיי האָבן אַרויסגערופן אַ פאַראינטריגירטקייט, געוועקט אַ ניי־געריקייט און אַ באַגער צו ווען אריינדרינגען אין זייער סודותפולער וועלט פון רוחניות און מיסטיק. אין זייערע אויגן, די מאַנע־קאַצישע יידישע אויגן, האָבן זיי געטראָגן אי פלאַם־פייערדיקע קנאישקייט און אי דורותדיקע האַרבע פּיין, אי ביטערע פאַראומערטקייט און אי דער־הויבענע נשמה־יתירהדיקייט, אי פאַרשיכורטן עקסטאַז און אי נאָגנדיקע מעלאַנכאָליע. אויף זיינע קינדישע, יינגלשע געזיכטער האָט גערוט אַ שטענדיקער שטוין און לירישער פאַרטראַכט, אַן אייביק פרעגן, נאָך וועלכן עס קומט נישט קיין ענטפער. תיקו.

מאַנע־קאַץ האָט זיינע באַליבטע טראַדיציאָנעלע יידישע געשטאַלטן געשאַפן אַנצאָליק, אין פאַרשידענע ניואַנסן און פאָרמען, ווי ער וואָלט זיך געאיילט, געאיילט וואָס שנעלער צו פאַרפיקסירן און פאַראייביקן אַ וועלט, וואָס גייט אַוועק פון אים צוזאַמען מיט זיין לעבן, און אירע תוש־בים און פראָטאָטיפּן ווערן וואָס אַ מאָל זעלטענער. זיינע יידן טראָגן אויף די שטערנס זייערע של־ראשן מיט שטאָלץ, ווי קרוינען, און די תורות טראָגן זיי צוגעדריקט צום האַרצן ווי קינדער. דער ייד דריקט צו זיך די תורה ווי אַ קינד, וואָס ער האָט נאָר־וואָס אַרויסגעראַטעוועט מיט מסירת־נפש פון אַ שרפה. בכדי אַרויסצוראַטעווען די תורה איז ער גרייט צו גיין פאַר איר אין פייער און אַפילו צו בלייבן פאַר איר אין פייער.

זייער אָפט, ווען מען פלעגט באַגעגענען מאַנע־קאַצן, האָט ער זיך געאיילט, נישט איינגערוט, געווען באהערשט פון אַן אומרו. ער האָט גערעדט מיט קורצע זאצן, אָפּגעהאַקט און שנעל, ווי ער וואָלט געהאַט עפּעס קאָכעדיקס אין מויל. כמעט יעדעס מאָל, ווען מען האָט אים געזען האָט ער געהאַלטן אָדער פאַר אַ רייזע, אָדער נאָך אַ רייזע, ביי אויפּפּאַקן אָדער פאַרפּאַקן וואַליזעס און בילדער. זיין לעצטע רייזע איז געווען קיין ישראל. ער האָט, ווייזט אויס, געפילט, אַז

פון אָט דער נסיעה זיינער וועט ער זיך שוין מער נישט אומקערן צו זיין באַליבטער שטאָט, פון קונסט, פון ליכט און פרייד, צו דער שטאָט פון זיין אויפשטייג, הצלחה און רום.

אין זיינע לעצטע וויזיעס, אין אַ בעט פון א תל־אָביבער קליניק, האָט ער געזען מסתמא ווי עס באַגלייט אים צו דער הייליקער ערד פון יידישן היימלאנד די גרויסע מחנה פון זיינע נאָענט־האַרציקע יידישע פאָלקס־געשטאַלטן, וואָס ער האָט מיט אַזוי פיל ליבשאפט פאַראייביקט אין זיינע ווערק: די באחנטע, צניעותדיקע יידישע טעכטער מיט די כשרע, סאַמעט־שוואַרצע צעפּ, די יונגע ישיבה־בחורים, די בעלי־חלומות און וויזיאָנערן מיט די צעוויכערטע פּאות און מחשבות, די קלעזמאָרים מיט די גראָבע, שווערע קאָנטראַבאַסן און וויינענדיקע פידעלעך, ווי זייערע געמיטער; יידן מיט צעכראַסטעטע הערצער און אורוואלד־געדיכ־טע בערד, וועמענס פּראָסטע צעפלאָטערטע פּאָלעס זענען פליגל פון לעגענדאַרע פייגל, וואָס טראָגן זיך איבער אוועק ערגעץ אין ווייטע, אומבאַקאַנטע, אויסגעחלומטע וועלטן מיט זייער באַשעפער און מכשף.

.1962

גיי איך מיר אַרויס דאָס שטעטעלע באַקוקן...

אַזאַ ייִדישע פּראָווינץ אין פראַנקרייך — איך ווייס נישט צי באַגריף שטימט מיט דערווירקלעכקייט. עס עקזיסטירט דאָך דאָ פּאַק־טיש נישט קיין ייִדישע פּראָווינץ אין דעם זין פון אַמאָליקן פּוילן פון פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, פּונקט ווי עס זענען פּאַקטיש נישט פאַראַן קיין פּאַריזער ייִדישע קוואַרטאַלן, כאָטש מען איז געוווינט אַזוי אָנצורופן געוויסע געגנטן אין פּאַריז ווו עס וווינען אויך ייִדן, ווו מער, ווו ווייניקער. דאָס זעלבע איז בנוגע גרעסערע און קלענערע שטעט אין פראַנקרייך, ווו עס וווינען ייִדישע משפּחות, פון וועלכע עס איז צונויפ־געשטעלט דאָ און דאָרטן אַ קליינער ישוב.

אַמאָל פלעגט מען זאָגן: די „ליבע פּראָווינץ"... איז געלעגן אין דעם אַזוי פיל נאָסטאַלגיע, וואַרעמע געפילן און האַרציקייט. דאַקעגן אָבער אַז מען פלעגט זאָגן: „דער פּראָווינצער" פלעגט מען דאָס אויסדריקן מיט אַ געוויסן ביטול און מען האָט געזען איז דעם אַ סינאָנים פון נאַיווקייט, צוריקגעשטאַנענקייט, נישט־דערצויגנקייט און אַפילו פּאַר־גרעבטקייט. גייט מיר דאָ נישט אין דער אַנדערשדיקער, סתירותדיקער באַציאונג וואָס מען פלעגט אַרויסווייזן באַזונדער צום כלל און באַזונדער צום יחיד פון דעם כלל. דאָ אין פראַנקרייך איז עס נישט גילטיק. די קליינע ייִדישע ישובים אויף דער פראַנצויזישער פּראָווינץ הן זיי זענען נישט קאָמפּאַקט און הן זיי זענען נישט אָנגעפּאַקט מיט יענעם איינגעזעסענעם, ייִדיש־דורותדיקן לעבנסשטייגער אַז זיי זאָלן אַרויס־רופן אַ בענקשאַפט ביים דערמאָנען זיי ווי די אַמאָליקע „ליבע פּראָווינץ". און ווידער דער ייִד, זייער איינוווינער, דער „פּראָווינצער", שיידט ער זיך נישט אונטער אין פירונג און קולטורעלן ניוואָ פונעם פּאַריזער ייִד, אַז מען זאָל זען אין אים דעם סימבאָל פון אינפעריאָריטעט.

איך וויל דאָ דערמאָנען בלויז איין ייִדישן ישוב פון איין פראַנ־

צויזישער פראָווינץ־שטאָט, וועלכע ליגט ביי דעם טייך לואַר און וואָס מיר קומט אויס פון צייט צו צייט צו באַזוכן.

איז דאָס דעמאָלט פאַר מיר אי א שליחותדיקע און אי אַ סענטי־מענטאַלע רייזע. א שליחותדיקע ווייל איך קום אַהין ווי אַ יידישער שרייבער, ברענגען דאָס יידישע וואָרט, האַלטן פאַר די דאָרטיקע יידן אַ רעפעראַט, וואָס עס אָרדנט איין די טיכטיקע, רירעוודיקע קהילה; און אַ סענטימענטאַלע רייזע — ווייל איך קום אויך אַהין ווי אַ לאַנדסמאַן צו לאַנדסלייט. דאָרטן האָב איך זיך דאָס לעצטע האַלבע יאָר פון דער אָקופּאַציע אויפגעהאַלטן און אויסבאַהאַלטן. דאָרטן האָב איך דערלעבט די מפּלה פון היטלעריזם, די באַפרייאונג פון פראַנקרייך און אונדזער יידישע אויסלייזונג. איך האָב דאָרטן געזען אָפּפאָרן הענדום־פענדום דעם אָקופּאַנט אַ צערודערטן און אין געאייל און אין בהלה אַן איינגעפּאַקטן. אויף די שנעל־פאַרבייפאָרנדיקע מיליטערישע אויטאָס, וואָס האָבן געצויגן צו מערב, איז אויפן דאַך שטענדיק געלעגן אויסגעצויגן אַ וואַכמאַן מיט אַ מאַשין־געווער. מיר האָבן זיך נאָך געשראָקן פאַר זיי, אָבער זיי האָבן זיך שוין אויך געשראָקן פאַר אונדז.

דאָרטן, אין דער קליינער פראַנצויזישער פראָווינץ־שטאָט בין איך אויפסניי געבוירן געוואָרן און צו די יידן, מיט וועלכע עס איז מיר אויסגעקומען צו באַגעגענען זיך אַמאָל אין דער אָקופּאַציע־צייט פיל איך זיך צוגעבונדן ווי א לאַנדסמאַן צו לאַנדסלייט.

ווען איך קום אַהין ווי אַ שרייבער, אַ רעפערענט, קען איך נישט בלויז אָפּטאָן ס׳מייניקע און גלייך צוריקפאָרן. איך מוז דאָרט בלייבן עטלעכע טעג און לאָזן אויפגיין אין אַלע מיינע רמ״ח אברים יענע צייט. די געזעלשאַפטלעכע טוער, די עסקנים פון ישוב ווייסן וועגן דעם און לאָזן מיך צורו, זיי פאַרשטייען און באַנעמען מיינע מחשבות און סענטימענטן פאַר דעם איבערגעלעבטן דאָ מיט יאָרן צוריק און לאָזן מיך איינעם אַליין פּראַוועןן התבודדות אין די געסלעך און פאַרוואָרפענע שטעגלעך, ווו מיר איז אויסגעקומען אַדורכצוזייטיקן זיך אומבאַמערקטערהייט, אויסמיידנדיק די הויפּט־גאַס, דעם צענטער, ווו איך שפּאַציר איצטער פראַנק־און־פריי. איך מוז אַריינקוקן אין אַלע אַמאָליקע געוועלבלעך, רעסטאָראַנדלעך, אָפּגעלעגענע ערטער, ווו איך האָב פאַרקערט. איך מוז לאַנג און נישט איין מאָל באַטראַכטן יענעם בוידעם הינטער דער שטאָט ווו איך האָב זיך אויסבאַהאַלטן מיט אַ פרעמדן נאָמען און מיט אַ פרעמדן פּנים. איינציקע יידן וואָס האָבן דעמאָלט געוווינט אין יענעם געסל ווו דער בוידעם האָט זיך געפונען, רופן מיך נאָך איצטער מיט יענעם פרעמדן נאָמען. פאַר זיי בין איך נאָך יענער אומלעגאַלער באַהאַלטענער ייד.

אַז מען באַגעגענט זיך דערציילט מען מיר ווי פאַר אַ לאַנדסמאַן, וועמען אַלע תושבים זענען באַקאַנט, די פּאַסירונגען און געשעענישן אין משך פון די לעצטע יאָרן: ווער עס איז געשטאָרבן פאַר דער פאַרגאַנגענער צייט, ווער עס האָט חתונה געמאַכט אַ קינד, ווער עס איז רייכער געוואָרן און ווער אָרעמער, ווער עס האָט זיך געעפנט נאָך אַ געשעפט און ווער ס'איז עולה געווען קיין ישראל.

אַז עס איז אַ שמחה ביי איינעם פון די יידישע איינוווינער איז אין איר באַטייליקט דער גאַנצער ישוב און טאָמער, חלילה, פאַרקערט, אַ טרויער, זענען אויך אַלע אין אים באַטייליקט. צו ישראל ווייזן אַלע ארויס דעם גרעסטן אינטערעס, זיי באַטייליקן זיך אין די פאַרשידענע זאַמל־אַקציעס פאַר דער מדינה, געבנדיק מיט אַ ברייטער האַנט זייערע באַשטייערונגען. מיט גאַרנישט קען מען זיי אַזוי „נעמען” ווי פאַר ישראל. טייל האָבן דאָרטן זייערע אינוועסטיציעס און אַנדערע האָבן זיך אַליין אינוועסטירט, זייער אייגן בלוט און פלייש — אויסגעגעבענע קינדער. אַנומלט האָט עמעצנס אַ קינד דאָרטן חתונה געהאַט האָט זיך אויפגעהויבן כמעט דער גאַנצער ישוב און אַוועקגעפלויגן קיין ישראל. ס'איז געווען אויבן ששון ושמחה. פאַר גרויס גדולה און פרייד זענען יידן געווען אין זיבעטן הימל. אויב נישט אין זיבעטן איז אין ערשטן זיכער.

די גרעסטע טייל יידן זענען דאָ אַהערגעקומען פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה פונעם פוילישן וועבער־שטעטל קאַליש און זיי האָבן זיך דאָ איבערגעפלאַנצט, אָדער בעסער געזאָגט, איבערגעפּעדעמט. זיי האָבן דאָ אַ סך בייגעשטייערט צו דער אַנטוויקלונג פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע, געזען זי אויסצובּרייטערן, באַרייכערן און אויך זיך אַליין דערביי נישט צו פאַראָרעמען. אַנדערע זענען געקומען נאָך דער מלחמה. אַ ברודער האָט אַריבערגעצויגן אַ ברודער, אַ קרוב האָט אַריבערגעבראַכט אַ קרוב און די וואָס זענען אַוועק אין דעפּאָרטאַציע זענען פאַרטרעטן געוואָרן מיט די ניי־געקומענע. מען האָט געקויפט לאָקאַלן, מאַשינען און יידישע עקזיסטענץ האָט זיך פאַרפעסטיקט. ריזיקע שפּולן ביינוול דרייען זיך און אַ פאָדעם מיט אַ פאָדעם פאַרבינדט זיך.

דער ישוב האָט אַן אייגענע שיינע געביידע וואָס געהערט צו דער קהילה. אין דעם הויז איז אַלץ קאָנצענטרירט: דאָס קהילה־לעבן, די צוגאָב־שול, קולטור־טעטיקייט און אויך אַ שילעכל. איינער רעספּעקטירט דעם צווייטנס איינשטעלונג און פירונג. אַפילו די נישט־רעליגיעזע זענען אויך אַריינגעצויגן אין דעם טראַדיציאָנעל־רעליגיעזן לעבן. אויב פעלט צו אַ צענטער צו מנין וועט אַ פריידענקער נישט קענען מעיז פּנים זיין און וועט זיך צושטעלן. טאָמער איז אַ בר־מצוה בעמט דאָס

גאַנצע שטעטל א „לחיים״ און אַלע פילן זיך יינגער און ווי באַנייט מיט יאָרן.

בעת מיין לעצטן באַזוך אין שטאָט האָב איך בייגעוווינט צוויי אַזעלכע בר־מצווהס. איינע ביי מזרח־אייראָפּעאישע יידישע עלטערן און די צווייטע ביי צפון־אַפריקאַנישע יידן, וועלכע זענען לעצטנס צוגעקומען און פאַרגרעסערט דעם ישוב, אָבערביידע צדדים לעבן נישט אָפּגעזונדערט, נאָר אין קאָעקזיסטענץ, אין דער זעלבער קהילה. עס פאַראייניקט זיי דאָס רעליגיעז־טראַדיציאָנעלע (טראָץ דעם וואָס די נסח־אות זענען אַנדערש), די פראַנצויזישע שפּראַך און דאָס ביסל לשון־קודש. און צווישן די ביידע — דער הייבאם און דער קימפּעטאָרין — קריגט אונדזער ציטערדיק זיבעלע, יידיש לשון, אַ גוטן קוועטש. די הויפּט־קוועטשער זענען דאָ, אומשולדיק און אומגערן, די צפון־אַפריקאַנער יידן. זיי קענען דאָך נישט קיין יידיש, צו זיי קען מען דאָך נישט האָבן קיין טענות און די, וואָס קענען יאָ יידיש? אויף דער טאָפּלטער בר־מצווה האָב איך געזען יידן פון ביידע צדדים. די בר־מצווה־בחורים, אויך פון ביידע צדדים. זיי האָבן געהאַלטן זייערע קורצע דרשות אין פראַנצויזיש, וואָס פאַראייניקט אַלעמען ווי א כל־הנערים־טלית, אַדורכגעפלאָכטן מיט לשון־קודש־ווערטער, טאַטע־מאַמע זאָלן שעפּן נחת. דער טוער פון חינוך, אַ ייד וואָס איז געקומען אַהער נאָך דער מלחמה, האָט ביים דערלאַנגען די מתנות די יונגע בעלי שמחה, א תנ״ך, מסתמא אין פראַנצויזישער איבערזעצונג, אויך געהאַלטן זיין דרשה אין פראַנצויזיש.

אין זייערע פיין־איינגעאָרדנטע וווינונגען באַווייזן מיר היימישע יידן זייערע ספרים־שענקלעך, יידישע ביבליאָטעקן. „איר שטייט דאָ אויך״, באַמערקן זיי מיר מיט חשיבות. מיש איך די בענדער, וויכטיקע ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור און קען זיך נישט אָפּרייסן פון זיי. הגם די באַלעבאָסטע איז אומגעדולדיק מיטן אַרויפדערלאַנגען צום טיש דעם כיבוד אָדער דעם מאַלצייט. עס פרייט מיר דאָס האַרץ זעענדיק ביי יידן יידישע ביבליאָטעקן. איך פיל ווי זיי שפּאַרן מיך אונטער מיט זייער געוויכט. באַלד אָבער פאַרגייט מיר די פרייד ווען איך דערהער די טענות פון זייערע באַלבאַטים וואָס מען הערט זיי אויך אין פּאַריז, אין ניו־יאָרק, סאַן פּאַולאָ און בוענאָס־איירעס, אַז בכן זייערע קינדער קוקן נישט אַריין אין די ביכער און עס וועט נישט זיין ווער עס זאָל זיי ירשענען. און מען קרעכצט דערביי מיט אַזעלכע קרעכצן וואָס זענען מיר גוט באַקאַנט.

בעט איך זיך אַז מען זאָל מיר קודם כל נישט פאַרשטערן דעם

גוטן אַפּעטיט, דעם געניוס פון די פיינע געשמאַקע מאכלים און אַז אויב זאָלץ זאָל מען אים שיטן אין די טעלער, נאָר נישט אויף מיינע ווונדן. ווייל איך פערזענלעך האָב דאָ מער וואָס צו פאַרלירן — נישט בלויז געקויפטע ביכער, נאָר לייענער מיינע. איך קאָן שטייט דאָ מיין קיום פון אַ יידישן שרייבער. און אויב קרעכץ איך נישט איצטער, בעט איך זיי אַוודאי און אַוודאי נישט צו קרעכצן. לויט זיי דאַרף איך נעמען און צעברעכן מיין פען און דאָס קען איך נישט, פונקט ווי איך קען נישט אַליין צעברעכן מיינע ביינער. אויב וועט עמעץ וועלן אַפּנעמען ביי מיר מיין פען וועט ער דאַרפן פריער אָפּנעמען ביי מיר מיין האַנט.

איך באַמערק אין אַ ווינקל פונעם ביכערשענקל צען עקזעמפּ־ליאַרן פון זעלבן בוך פון אַ יידישן מחבר. דער באַלעבאָס באַמערקט מיין חידוש און ער פאַרלויפט מיר דעם וועג איידער איך פרעג אים. „מיינט נישט, זאָגט ער מיר, אַז איך בין אַ מוכר ספרימניק. אַפילו ווען יאָ וואָלט איך נישט געוועזן וואָס צו שעמען זיך. מענדעלען האָט געפּאַסט וואָלט עס נאָך אויך מיר געמעגט פּאַסן. גלויבט מיר, אַ מוכר ספרימניק איז גאָר־נישט נידעריקער פון אַ מוכר ביינוולניק... דאָ, ביי די ביכער זעט איר, פעלט נישט צו קיין צענטער צו מנין... אַ יידישער שרייבער, איך האָב אים געבעטן אַז ער זאָל מיר צושיקן זיינס אַ ניי־דערשינען בוך, האָט ער מיר אַריינגעשיקט גאַנצע צען. זייט זיכער, אַז איך וועל זיי אים נישט צוריקשיקן. איך וויל געבן מתנות. איך בעט נאָר גאָט, אַז איך זאָל האָבן וועמען צו געבן...

איך זע אַז דער ייד פירט ווידער אַריין אַ פּעסימיסטישן טאָן, נעם איך אים אויסרעדן אויפסניי, אַז ער זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד און מיר נישט לייגן קיין שטיינער אויפן האַרצן ווייל מיר איז אויך נישט פויגלדיק. ביי מיר אין דער היים ליגן מער ווי צען אַרויסגעגעבענע בי־כער מיינע און אויב איך קלאָג זיך נישט פאַר אים, זאָל ער דעריבער אויך נישט קלאָגן זיך פאַר מיר.

דערוואַרעמט און געשטאַרקט פון די גוטע ווינען, און אפשר אויך פון די גוטע ווונטשן, נעם איך אָפּשייד פון מיינע גאַסטגעבער, אַמאַליקע אַחים לצרה און לאַנדסלייט. איך פאַרלאָז די שטאָט יידן מיט זייערע דאגות, שטרעבונגען און טרוימען און אַלע זענען מסכים מיט די ברכות אַז מען זאָל זיך אין אַ צייט אַרום ווידער זען, מען זאָל לייענען און שאַפן, מען זאָל אַפילו הערן טענות און קרעכצן, אָבער דער עיקר, מען זאָל הערן !...

רייזע־נאָטיצן פון פּראָוואַנס

פאָרנדיק אין יאָר 1970 אויף זומען־וואַקאַנס האָב איך באַשלאָסן צו פאַרבינדן דאָס אָנגענעמע מיטן ניצלעכן. אויסקלויבנדיק פאַר מיין אָפּרו אַן אָרט אין דער זוניקער געגנט פון דרום־פראַנקרייך, האָב איך אַריינגענומען אין מיין פּראָגראַם צו באַזוכן די פּראָוואַנס, וועלכע האָט אַמאָל געשמט מיט באַרימטע יידישע ישובים, וואָס הגם זיי עקזיסטירן שוין כמעט נישט, הערן מיר נאָך אַלץ נישט אויף צו שפּיגלען זיך אינעם גלאַנץ פון זייער יחוס־קייט.

איך האָב זיך אַוועקגעלאָזט עולה־רגל זיין צו זיי, האָבנדיק דעם באַגער צו גיין אין זייערע הייליקע שפּורן. דער פּלאַן פון מיין מאַרשרוט איז געווען: נים, אַוויניאָן, קאַרפּאַנטראַס, אַרל, אָראַנזש, קאַוואַיאָן. דאָס וואָס עס איז געבליבן פון די אַמאָליקע גלאַנצפולע יידישע קהילות אין פּראָוואַנס געפינט מען נאָך, דער עיקר, אין אַוויניאָן, קאַרפּאַנטראַס און קאַוואַיאָן. אין די לעצטע צוויי שטעט טראָגט דאָס איבערבלייבעניש אַ מוזעאַלן כאַראַקטער און בלויז אין אַוויניאָן איז פאַראַן אַ יידישער ישוב און אַרום דעם אַלטן בית־הכנסת גייט אָן אַ רעליגיעז יידיש לעבן.

אין די חדשים יולי־אויגוסט איז אַוויניאָן אַ טומלדיקע טוריסטישע שטאָט,אַ שטאָט פון עולם־הזה און לעבנס־לוסט און צוליב די טעאַטער־און באַלעט־פעסטיוואַלן, וואָס קומען דאָרט פאָר זומער־צייט די לעצטע יאָרן, איז אַוויניאָן אויך געוואָרן אַ קולטור־יאַריד, און אין דעם טומלדיקן יאַריד גייט פאַרלוירן די אַלטע סינאַגאָגע, וואָס געפינט זיך בסך־הכל אַ צען מינוט גאַנג פונעם באַלעבטן טוריסטישן צענטער, פּלאַס דע ל׳האָרלאָזש, לעבן דעם פּאַלאַץ פון די פּויפּסטן, פאַררוקט ערגעץ הינטער דער הויפּט־גאַס.

צוליב די פעסטיוואַל־ספּעקטאַקלען, וואָס קומען פאָר אין הויף פונעם פּאַלאַץ פון די פּויפּסטן, איז אָט דער היסטאָרישער פּויפּסטלע־

כער פּאַלאַץ געוואָרן אַ געמיש פון זינד און פרומער צניעות, פון מיטלאַל־מער און העכסטן אויסדרוק פון מאָדערניזם פון אונדזער צייט. דאָ ווערן אויסגעפּירט אולטראַ־מאָדערנע באַלעטן פון מאָריס בעזשאַר אונטערן פרייען הימל, ווו דער אימפּראָוויזירטער אַמפּיטעאַטער איז אויסגעפילט ביזן לעצטן פּלאַץ. די פאָרעם זענען דאָ די אַלטע הויכע פּאָרכטיקע מויערן פונעם פּויפּסטלעכן פּאַלאַץ. דער אינהאַלט — היינטצייטיקע פאַר־שייטע טענץ. ס׳איז פּונקט ווי אַ האַלב־נאַקעטע באַלערינע וואָלט זיך פאַרהילט אין אַ גלחישער סוטאַנע. בייווינענדיק אַ ספּעקטאַקל, הערט מען דאָ נישט קלינגען קיין קירכן־גלאָקן, נאָר משונהדיקע און אַפילו גרילצנ־דיקע אינסטרומענטן. מען הערט נישט קיין פּויפּסט־מוזיק, נאָר פּאָפּ־מוזיק.

דער פּלאַס דע ל׳האָרלאָזש איז ביז שפּעט אין דער נאַכט אַ טוריס־טישער מוראַשניק. מענטשן זענען אויסגעטאָן פון אַלע זאָרגן און צוליב דער היץ — אויסגעטאָן אויך וואָס מער פון זייער הלבשה, ספּעציעל די פרויען. די רעסטאָראַנען אונטערן פרייען הימל, וואָס דערמאָנען די רעסטאָראַנען אויפן פּיטאָרעסקן פּלאַץ די טערטר אויפן מאָנמאַרטר אין פּאַריז, זענען צו זייער רשות און צו זייער פאַרגעניגן. מען לאָזט זיך ווילגיין ביי אַ גוט געמיט (און גוטן אַפּעטיט), בייטאָג אונטער דער הייסער זון און אין אָוונט אונטער דער שיין פון פאַרטונקלטע ראָמאַנ־טישע לעמפּלעך אָדער חלבנע ליכט, וואָס דאַרפן צוגעבן שטימונג.

אַרום דעם היסטאָרישן דענקמאָל אויפן פּלאַץ קרייזן אַרום טויבן און היפּיס. היפּיס פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן און ראַסן. ממש ווי אַ היפּי־שער אינטערנאַציאָנאַל וואָלט זיך דאָ צונויפגעקומען אַפּצוהאַלטן אַ קאָנ־גרעס אונטערן לאָזונג: „היפּיס פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אייך!״

די מחנות טויבן ווייסן נישט פון קיין היפּיס. מיט זייער אויסזען און פעדערן־הלבשה זענען זיי נאָך אַלץ ווייט פון מאָדערניזם און זענען אַלץ די זעלבע „אָפּגעשטאַנענע עלעמענטן״ זינט נח האָט אַרויסגעלאָזט פון דער תיבה זייערס אַ דעלעגאַט בכדי צו זען וואָס עס הערט זיך עפּעס אין דרויסן מיטן מבול. בלויז אין איין פּאַל זענען זיי גלייך מיט די הי־פּיס: פּונקט ווי ביי די טויבן, דערקענט מען נישט ביי די היפּיס ווער ס׳איז אַ „זי״ און ווער אַן „ער״. דער דענקמאָל איז מכמה יאָרן זייערס אַ לעגיטימער מקום־מנוחה, אָבער איצטער זענען זיי געשטערט פון די אָנגעפּאָרענע היפּיס און היפּיכעס, וואָס ליגן אויפן דענקמאָל און דרימ־לען פויל, צעלייגט ווי ביים טאַטן אין ווייננאָרטן, אָנגעטאָן אין שמאַ־טעס, לאַכעס, אין הילצערנע סאַנדאַלן, מיט גרויסע בלעכענע אויריג־גען, מיט פאַרוואַקסענע, נישט איבעריק־ריינע קאָלטענעס, וואָס אַנט־

קעגן זיי זענען די ציכטיק־ריינע טייבעלעך דער היפוך פון די היפּיס און היפּיכעס און על פּי יושר און חזקה געהערט דאָס אָרט צו זיי און זיי וועלן עס נישט עוואַקואירן.

**
*

קומענדיק אין אַוויניאָן, האָב איך מיר כסדר געחזרט דאָס באַקאַנטע און פּאָפּולערע פראַנצויזישע פאָלקס־ליד:

אויף דער בריק פון אַוויניאָן
דאָרטן טאַנצט די גאַנצע שטאָט,
אויף דער בריק פון אַוויניאָן
טאַנצן אַלע אין אַ ראָד.

איך האָב נישט געזען טאַנצן אויף דער בריק פון אַוויניאָן. דאַקעגן האָב איך געזען און געהערט אין אָוונט טאַנצן און זינגען אויפן פּלאַץ דע ל׳האָרלאָזש אַ גאַנצע כאַפּטע דייטשע היפּיס. אין מיטן דעם ראָד איז גע־שטאַנען אַ יונגער דייטש מיט אַ בערדל און דיריגירט מיט די הענט. „פּאַ־אַריאָ, פּאַריאָ, פּ־אַ־רי־אָ־אָ״ — האָט עס אָפּגעהילכט אַרום און אַרום. לעבן מיר איז פאַרבייגעגאַנגען אַ פראַנצויזיש פּאָרפאָלק און איך האָב געהערט ווי די פרוי זאָגט צום מאַן: „דייטשן זינגען שוין ווידער״. און איך האָב געטראַכט וועגן דעם טאָוול מיט די אויסגעקריצטע נעמען פון די דעפּאָר־טירטע יידן פון אַוויניאָן, וואָס איך האָב געזען אין דער אַוויניאָנער שול. צי זענען זיי נישט אַמאָל דעפּאָרטירט געוואָרן מיט איבער אַ פערטל יאָר־הונדערט צוריק דורך די טאַטעס פון אָט די זינגענדיקע יונגע דייטשן?

פונעם טוריסטישן צענטער צו דער אַלטער, דריי־הונדערט יאָרי־קער סינאַגאָגע, פאַרגייט מען דורך פאַרפאַלאַנטערטע געסלעך. די סינאַ־גאָגע וואַרפט זיך אין די אויגן מיט איר טונקעלער כמעט שוואַרצער פאַסאַדע און מיט די לוחות וואָס קוקן אַראָפּ פון סאַמע אויבן ביים ראַנד פון דאַך מיט געליישטן אָפּגעבליאַקעטן גאָלד. די סינאַגאָגע גע־פינט זיך אין אַ געהעריקער פאַסיקער ראַם: אויפן פּלאַס דע זשערי־זאַלעם (פּלאַץ פון ירושלים). אייגנטלעך, אַ קליין פּלעצל, אָבער נישט די גרייס פונעם פּלאַץ רעכנט זיך דאָ, נאָר זיין נאָמען, וואָס צוקומענ־דיק אַהער רופט דאָס שוין אַן און פאַר זיך אַרויס ביים יידישן באַזוכער אַ געפיל פון ערפורכט און נישט ווינציקער שטאָלץ. ס׳איז מיר, אגב, שווער צו וויסן צי דעם פּלאַץ האָט מען אַזוי אַ נאָמען געגעבן צוליב

דער סינאַגאָגע, אָדער ווייל מען האָט דאָ געשטעלט די סינאַגאָגע, האָט שוין דער פּלאַץ אַזוי געהייסן.

אַריינקומענדיק אין דער סינאַגאָגע נעמט מיך אויף אַ מיטליאָריקער ייד מיט אַ הדרת־פּנים און טראַדיציאָנעלן אויסזען און הלבשה. ער איז דער רבי פון דער תלמוד־תורה, וואָס געפינט זיך דאָ און אפשר אויך דער גבאי און בעל־תפילה. דאָס טרעפן דאָ דעם ייד און דער־וויסן זיך פון דער תלמוד־תורה איז שוין אַ סימן, אַז אין אַוויניאָן איז פאַראַן אַ יידיש רעליגיעז לעבן, הגם אין שטאָט באַמערקט מען נישט קיין סימן פון אַ יידישן ישוב. פון דעסטוועגן ציילט דער יידישער ישוב אין אַוויניאָן אַ צוויי הונדערט נפשות, אַ געמיש פון טערקישע יידן, עלזאַסער און מזרח־אייראָפּעאישע יידן, געקומענע אַהער נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. אין שטאָט האָב איך זיי טאַקע נישט אָנגעזען, אָבער דאָ אַהער אין דער סינאַגאָגע קומען זיי, פאַרזיכערט מיר דער ייד. אין די געוויינלעכע שבתים נישט אַזוי פיל, אָבער אין די ימים נוראים איז די סינאַגאָגע איבערפולט. דער פּאַרכטיקער יום־הדין דערנענטערט אַלעמען און באַהעפט אַלע טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג. אויך די יידישע טראַגעדיע אין אייראָפּע בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט דערנענטערט אָפּגעפרעמדטע טיילן, אַפילו אַזעלכע וואָס האָבן פּי־זיש נישט געליטן פון נאַציזם. דער אָנדענק־טאָוול מיט די אויסגעקריצטע נעמען פון די דעפּאָרטירטע יידן פון אַוויניאָן, וואָס איך זע אים אויף דער וואַנט לעבן דעם אָרון־קודש, מאָנט דאָס ביי אַלעמען.

אַוויניאָן איז דער יידישער צענטער פון דער גאַנצער פּראָוואַנס־געגנט. און וועגן רעליגיעזע הצטרכותן קומט מען דאָ אַהער פון די אַנדערע שכנותדיקע שטעט ווו עס וווינען נישט קיין סך יידישע משפחות, איזאָלירטע און אָפּגעריסענע פון אַלגעמיינעם יידישן לעבן. איך זע דאָס אויך לויט דעם וואָס אין מיטן פון אונדזער שמועס נעמט אויף דער ייד צוויי יידישע פרויען וואָס זענען ספּעציעל געקומען צו אים פון אָראַנזש, מיט אַן ענין וואָס די דיסקרעטקייט פאַרלאַנגט פון מיר, אַז איך זאָל נישט זיין צופיל נייגעריק צו וועלן וויסן אין וואָס עס גייט.

דער ייד שטאַמט פון צפון־אַפריקע און ער רעדט נישט קיין יידיש, נאָר בלויז פראַנצויזיש און עברית. ס'איז מיר ליבער, אַז ער רעדט עברית, ווייל הערנדיק דעם רבין רעדן פראַנצויזיש, פאַרגעס איך, אַז ער לערנט תורה מיט יידישע קינדער און אַז איך געפין זיך אין אַ שול. דערוויסנדיק זיך, אַז מיינע און מיין פרויס עלטערן זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן, בעט ער אונדז אָנצוגעבן אים זייערע נעמען און די שטעט ווו זיי האָבן געלעבט. גלייך נאָך דעם פאַרמאַכט ער פרום

די אויגן און נעמט מאַכן שטילערהייט אַן „אל מלא רחמים״. איך האָב בלויז געזען באַוועגן זיך גיך זיינע ליפּן, אָבער די נעמען און די שטעט פון אונדזערע עלטערן האָט ער אַרויסגעזאָגט הויך און גוט. איך זאָג „גוט״ ווייל די טיפּיש פּויליש־יידישע פאַמיליע־נעמען דאַרפן דאָך קליג־גען פאַר אים פרעמד. מיטן אַרויסזאָגן זיי איז אונדז דער ייד, וואָס שטאַמט פון צפון־אפריקע, נעענטער געוואָרן און איך האָב דאָ דערפילט אַז אונדזער טראַגעדיע באַרירט אַלע יידן און איז אַלע נוגע. און איך האָב אַפילו נישט געוואָלט טראַכטן, אַז דעם „אל מלא רחמים״ מאַכט ער אפשר צוליב דעם אַז מיר זאָלן „עפּעס געבן״ פאַר דער סינאַגאָגע...

איך כאַפּ אַ בליק אויף די הענגלייכטער, אויפן אָרון־קודש, אויף די צוויי לייבעלעך, וואָס היטן די לוחות. וואָס פאַר אַ שטאַרקע לייבן זיי דאַרפן דאָס זיין בכדי צו קענען דאָ אָפּהיטן דאָס ביסל יידישקייט, וואָס ראַנגלט זיך פאַר אויפהאַלטן זיך, ווי אַ קליין איזאָלירט אינדזעלע אין אַ צעליאַרעמטן ברויזנדיקן ים, אַ צעהוליעטן פון גשמיותדיקע פאַר־געניגנס, פון היפּער־מאָדערנע טענץ, פאַרטויבנדיקער מוזיק, אויסטער־לישע פאַרווײלונגען און ספּעקטאַקלען.

**
*

אַנדערש איז עס אין די שכנותדיקע שטעט קאַרפּאַנטראַס און קאַ־וואַיאָן אין דער פּראָוואַנס־געגנט. דאָ האָבן די צוויי לייבעלעך אויפן אָרון־קודש גאָרנישט וואָס צו היטן, אַחוץ דעם זכר פון אַמאָליקער יידיש־קייט. עס איז נישטאָ קיין המשך פון די אַמאָליקע באַרימטע ישובים. די צוויי סינאַגאָגעס זענען געוואָרן טוריסטישע זעענסווירדיקייטן פון אַ היסטאָרישן באַדייט, איבער וועלכע די פראַנצויזישע מלוכה האָט די אפּוטרופּסות. אין דעם טוריסטישן אַמט אין קאַרפּאַנטראַס, ווען מען בעט אויסקונפטן וועגן דעם וואָס עס איז דאָ צו באַזוכן אין דער שטאָט, רעקאָמענדירט מען אייך, צווישן אַנדערע, „די סינאַגאָגע וואָס איז די עלטסטע אין מערב־אייראָפּע״ (געבויט אין 13־טן יאָרהונדערט). אויך אין די פּראָספּעקטן וואָס דער טוריסט באַקומט, פיגורירט די סינאַגאָגע. אַ יידישן באַזוכער קען דאָס אָנפילן מיט שטאָלץ וואָס מלכות גיט אונדז אָפּ כבוד. עס פאַרשאַפט אָבער אויך ווייטיק דער פאַקט וואָס סיי אין קאַרפּאַנטראַס און סיי אין קאַוואַיאָן זענען די היסטאָרישע סינאַגאָגעס פאַרלאָזטע, עס זענען דאָרטן נישטאָ קיין יידן (מעגלעך אַז עס זענען דאָ איינציקע וואָס גיבן זיך נישט אָן פאַר אַזעלכע, האָט מען מיר געזאָגט) און אַנדערע, פרעמדע, מוזן זיך מרחם זיין איבער זיי... איןביידע סינאַ־גאָגעס זענען די אויפזעער און וועכטער נישט־יידן. אַז אַ באַזוכער קומט

אַריין אין בית־הכנסת פון קאַוואַיאָן, דערהערט ער אַ מיסטעריעז „בת־קול״. אַ שטימע, אויפגענומען אויף אַ באַנד, דערציילט די געשיכטע פון דער סינאַגאָגע, נאַטירלעך אין פראַנצויזיש.

דאָס צימער וווּ עס איז געווען אַמאָל די בעקעריי פון מצות איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטאָטישן מוזיי. מען זעט נאָך אָן דעם טיפן אויוון, וואָס אַ פוסטקייט און אומהיימלעכקייט קוקן אַרויס פון אים. אין דעם מוזיי זענען אויסגעשטעלט אַמאָליקע חפצים פון רעליגיעזן ריטואַל: שופרות, קידוש־בעכערס ספר־תורה־מענטעלעך, מגילות, סידורים, אָריגינעלע כתובות אויף פּאַרמעט פון 17־טן און 18־טן יאָרהונדערט, תנ״ך־אויסגאַבעס פון 16־טן יאָרהונדערט, קאַנטשיקעס, מיט וועלכע מען האָט אַריינגעהאַקט תורה אין יידישע קינדער־קעפּלעך, דאָס קאָסע־בוך פון דער סינאַגאָגע פון 18־טן יאָרהונדערט. דערביי אויך דאָקומענטן פון אונדזער צייט: פאָטאָגראַפישע בילדער פון אַ באַזוך פון פאַרשטאָרבענעם נשיא פון מדינת ישראל יצחק בן־צבי מיט זיין פרוי אין יאָר 1954 אין בית־הכנסת פון קאַוואַיאָן, צו וועלכע איינער פון די לעצטע מאָהיקאַנער פון אַמאָליקן יידישן ישוב איז ספּעציעל געקומען פון מאַרסעיל.

אַזוי מישן זיך צייטן, יאָרהונדערטער, קאָנפראָנטאַציע פון פאַרגאַנגען יידיש לעבן מיט באַנייט יידיש לעבן.

***

אין דער סינאַגאָגע פון קאַרפּאַנטראַס זענען די איבערבלייבענישן פון אַמאָליקן רעליגיעזן לעבן מער ממשותדיק. די מצות־בעקעריי פון פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער איז אינגאַנצן פאַרקאָנסערווירט מיט אַלע טישן, מאַשינען און מכשירים צום קנעטן, רעדלען די מצות און באַקן. עס זשאַווערט דאָס אייזן פון די רעדער און ציין־רעדלעך. אָבער עס ווילט זיך באַרירן דעם זשאַווער און שטויב, ווי הייליקייט.

אין זעלבן בנין פון דער סינאַגאָגע געפינט זיך אויך די מקווה. דאָס וואַסער איז גלאַט און לויטער ווי אַ שפּיגל. קענטיק, אַז מען האָט זיך שוין זייער לאַנג נישט באַנוצט דערמיט. איך קוק אַריין דערין און מיר דאַכט זיך אַז עס שמייכלען אַרויס פון דאָרטן ווייטע, ווייטע איידעלע צניעותדיקע געזיכטער פון נשים צדקניות. זיי פאַרשעמען זיך און פאַרשווינדן, און איך אַליין העלף זיי פאַרשווינדן, אויפהערנדיק צו טראַכטן וועגן זיי, מיינע מחשבות זאָלן זיי נישט אַרויסרופן פון די ווייטענישן און טיפענישן.

איך לאָז זיך אַוועק מיטן איינדרוק פונעם אָנדענק־בוך, ווו באַזו־כער האָבן אַריינגעשריבן זייערע נעמען און דאָס וואָס זיי האָבן געפילט. לויט די נעמען און אָנגעגעבענע שטעט זע איך אַז יידן פון אַלע עקן וועלט זענען דאָ פאַרביי. פון די אַלע צושריפטן האָבן זיך איינגעקריצט אין מיר צוויי: איינע פון אַ ייד, וועלכער באַדויערט וואָס אָט דאָס יידי־שע לעבן האָט נישט קיין המשך, און אַ צווייטע, פון אַ ייד פון ישראל: „נצח ישראל לא ישקר".

1969.

מדינת מאַנטאָן

איך שפּאַן לענגאויס דעם ברעג פון מיטללענדישן ים אין ניס, דעם באַרימטן קאָט ד'אַזיר. אָט דאָ אויף דער רחבותדיקער און פּרעכטיקער פּראָמענאַד דעז אַנגלע, האָבן מיט צוויי און צוואַנציק יאָר צוריק שפּאַצירט דייטשע אָפיצירן און געשטאַפּאָ־לייט. מיט וואָס פאַר אַ געפיל פון דערלייכטערונג שפּאַציר איך דאָ איצטער. איך שפּאַציר און טראַכט פון יענע טעג, ווען פאַר מיר איז דער בלויער ברעג געווען שוואַרץ... איך האָב אים דעמאָלט בכלל אויסגעמיטן, אויסגעמיטן זיך סתם אַרומצודרייען אין שטאָט, ווו די סכנה האָט געלויערט פון יעדן ווינקל ארויס, פון יעדן ראָג, טויער צי אויטאָ־פענצטערל. ס'איז גענוג געווען אַז אַ קליינער אויטאָ פון דער געשטאַפּאָ זאָל זיך אָפּשטעלן האַרט ביים טראָטואַר, האָבנדיק פריער דיך גוט אָבסערווירט פון דער זייט און געלויערט אויף דיר דורכן שייבל, ווי כ'האָב עס שוין דערמאָנט.

אריין זענען זיי קיין ניס, נאָך דער ערשטער וואָך פון חודש סעפּטעמבער 1943, צעטומלטע און רציחהדיק־צערודערט צוליב דעם, וואָס דער איטאַליענישער גענעראַל באַדאָליאָ האָט זיי אָפּגעטאָן אויף טערקיש, אויב נישט אויף איטאַליעניש, און זיי האָבן געוואָלט ווייזן, אַז אפילו אָן דעם שותף פון דער „אַקס” זענען זיי נאָך אויך גענוג שטאַרק, אַלנפאַלס קעגן יידן.

ביי דער גאַנצער שנאה זייערער צו ענגלאַנד האָבן זיי פון דעסטוועגן דעם נאָמען פון דער פּראָמענאַד דעז אַנגלע נישט געענדערט, למשל אויף „פּראָמענאַד דעז אַלמאַן” (פּראָמענאַד פון די דייטשן); און אַזוי האָט דער לאַנגער ברעג־בולוואַר נישט געענדערט זיך דעמאָלט און אויך ביזן היינטיקן טאָג האָט ער נישט פאַרלוירן פון זיין שאַרם און פּראַכט.

מענטשן זיצן אויף שטולן אַקעגנאיבער דעם ים, פאַרזונקען אין זייערע זיסע חלומות און אין זייערע שטולן, אויסגעטאָן די אויבער־מלבושים און אויסגעטאָן פון אַלע זאָרגן (אויב אַזעלכע זענען ביי זיי בכלל

פּאַראַן), אויסגעשטרעקט די געזיכטער צו דער מחיהדיקער, וואַרעמער זון. שטענדיק טרעפט מען דאָ מענטשן ביים ברעג און אויף די דער־בייאיקע גרויסע אָפענע טעראַסן פון די קאַפעען „פּרעגאַטאַ", „ראַיאַל" און אַנדערע. מען טרעפט דאָ שטענדיק זיצערס און שפּאַצירערס, סיי זומער און סיי ווינטער, סיי אין די זונטיקן און סיי אין די וואָכנטעג. מענטשן פון אַלע ווינקלען פון פראַנקרייך און פון אויסלאַנד. מען זעט אַ פאַרשידן־אַרטיקע הלבשה און מען הערט פרעמדע שפּראַכן, מערסטנס ענגליש. ענגליש אויף דער פּראָמענאַד דעז אַנגלע פילט זיך ווי ביי זיך אין דער היים. פאַרשטייט זיך, אז אויך יידיש מאַמע־לשון פילט זיך דאָ היימיש, אין דער געהעריקער פּראָפּאָרץ, נאַטירלעך.

דאָס גאַנצע ביסל יידישקייט קאָנצענטרירט זיך דאָ אין דעם גרויסאַרטיקן האָטעל־קאַפע „ראַיאַל". די יידישע שטאַמגעסט באַשטייען פון אַזעלכע, וואָס קומען דאָ אַהער ווינטער־צייט פון פּאַריז אויף אַ צוויי־דריי וואָכן בכדי צו פאַרגעסן אין די דאגות, שוועריקייטן און צרות פון קריזיס אין זייערע אינדוסטריע־צווייגן. זיי זענען דאָ צייטווייליקע איינוווינער אין „ראַיאַל" און אויך די גאַסטגעבער פון אַנדערע יידן, וועלכע וווינען אין ניס בלויז עטלעכע וואָכן, צי מער, און אין די נאָכ־מיטאָגן קומען זיי דאָ אַהער צוגאַסט. פאַראַן אויך אַ קליינע גרופּע פון געוועזענע פּאַריזער, וועלכע וווינען איצטער סטאַביל אין ניס. דאָס זע־נען מענטשן פון אַ באַשטימטן עלטער און צוריקגעצויגענע פון זייערע עסקים. זיי קומען אויך אַהער אין „ראַיאַל" נאָך מיטאָג נעמען אַ קאַפע, צי אַ טיי און אַריינכאַפּן אַ שמועס און אַמאָל אויך אַ קערטל אין אַ זיי־טיקן צימער פונעם רחבותדיקן האָל און אַמאָל אויך פאַרקויפן אַ יידיש בוד, צי אַ בילעט צו אַ קאָנצערט פון אַ יידישן אַקטיאָר. אָבער ווען די שפּילערס זענען אַריינגעטאָן אין די קאָרטן וועט קיינער נישט וואָגן צוצוגיין צו זיי, פאַרדרייען זיי אַ קאָפּ. יענע וועלן פאַר קיין שום פּרייז נישט מפסיק זיין...

זעט מען טאַקע שטענדיק זיצן ביי די טישלעך גרופּעס מענטשן פלייסיק און אייפערדיק אַריינגעטאָן אין אַ ברידזש, צי פּאָקער, מענער און אויך פרויען, וועלכע האַלטן אין די איידעלע און באַגילדטע הענט קאָרטן־פעכערס וואָס דערמאָנען אין די דאַמען מיט די פעכערס פון די אַמאָליקע צייטן. די קאָרטן־טישלעך זענען שטענדיק געדיכט אַרומ־געשטעלט פון זייטיקע, וועלכע קוקן זיך צו בלויז צו דער שפּיל, זייענ־דיק נייטראַל צוביידע פעכטנדיקע צדדים און צום אויסגאַנג פון דער שלאַכט.

איבערן דאַך פון האָטעל „ראַיאַל" פלאַטערן די נאַציאָנאַלע פע־

נער פון עטלעכע אַנגעזעענע מלוכות און גרויסמאַכטן, וואָס דאָס וויל
אונטערשטרייכן דעם וועלט־כאַראַקטער פון „ראַיאַל" און זיי זע־
נען אויך אַ מין „ברוכים הבאים" צו די געסט, וואָס קומען דאָ אַהער
איינצושטיין. איך האָב אויך באַמערקט צווישן די פענער פלאַטערן די
ישראל־פאָן. אויף מיין חידוש האָט מען מיר דערציילט און אויפגע־
קלערט, אַז אַ פּאַריזער ייד, אַן איינוווינער־קליענט פון „ראַיאַל" האָט דאָס
פאַרלאַנגט און מעשה תקיף אויסגעפּועלט, אַז אויך די ישראל־פאָן זאָל
מען אַרויסהענגען צווישן די פענער. צו דער פּראָפּאָרץ פון די פענער פון
די גרויסמאַכטן איז דאָ נישט, פאַרשטייט זיך, די ישראל־פאָן, אָבער צו
דער יידישער פּראָפּאָרץ אין „ראַיאַל" איז זי יאָ. דאָ אין „ראַיאַל" איז
ישראל אַ גרויסמאַכט. זיצן יידן ביי די קאָרטן־טישלעך און אויף די טע־
ראַסן. די וואַרעמע זון איז דאָ, דער מיטללענדישער ים איז דאָ און די יש־
ראל־פאָן איז אויך דאָ — און וואָס נאָך דאַרף מען?

***

ווי זאָגן יידן, אָדער בעסער געזאָגט, יידענעס: קאַפּהענער ווערט
אויך צוגעגעסן. און מיר אויך די פּראָמענאַד דעז אַנגלע, מיט אירע
גרויסאַרטיקע האָטעלן און קאַפעען. בפרט אַז איך גיי נישט מיט מיט אי־
רע גענג, אירע פירעכצער און שטעטער. לאָז איך זיך אַוועק צו די זיי־
טיקע גאַסן הינטער דעם ברעג און ווייטער אין שטאָט אַריין, צו גיין אויף
די שפּורן פון דער פאַרגאַנגענער וויסטער היטלער־צייט פון מיט צוויי
און צוואַנציק יאָר צוריק.

שטענדיק ווען איך קום אַראָפּ אין ניס זוך איך מיט עקשנות
די אַלע ערטער, ווו איך האָב זיך אָט דאָ אַמאָל געשיצט קעגן דער
טויט־געפאַר. אָבער נישט לייכט געפין איך די אַמאָליקע מקו־
מות און באַהעלטענישן. אָט דאָ האָט געדאַרפט זיין דאָס טויער, וואָס
האָט געפירט צום בוידעם פון אַ לעצטן צעשטערטן מאַנסאַרדע־עטאַזש,
ווו בלויז איין צימערל איז גאַנץ געבליבן. אַריינקומען דערין האָט מען
געדאַרפט דורך חורבות, ווי דורך אַ לאַבירינט. דאָרט האָב איך פאַר־
ברענגט עטלעכע נעכט ביי אַ חלבן ליכטל, אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט
און פון זיך אַליין. איך וואָלט געוואָלט רעדן מיט דער קאָנסיערזש (הויז־
וועכטערין) וואָס האָט מיך אַמאָל דאָרט אַריינגעפירט און מיר אָנ־
געזאָגט, אַז אויב געשעט אַן אומגליק און איך ווער אַנטדעקט זאָל איך
טענהן, אַז דאָס צימערל האָב איך אַליין אויסגעפונען. אָבער איצטער

טרעף איך נישט אַהין און דאָס טויער, וואָס מיר דאַכט זיך שוין אויס אַז דאָס איז עס, איז פאַרהאַקט. און שריי „חי וקים"...

דאָס זעלבע איז מיט אַ צווייט אָרט, ווו אַ פראַנצויזיש פּאָרפּאָלק האָט מיך אַריינגעלאָזט צו זיך שלאָפן עטלעכע נעכט מיט נאָך אַ גרופּע יידן. ווו איז איצטער דאָס פּאָרפאָלק ? צי לעבן זיי נאָך ? צי געפינען זיי זיך אויפן זעלבן אָרט ? ווי צופרידן וואָלט איך געווען ווען איך קען זיי נאָך טרעפן און זיי באַדאַנקען. אָבער דאָס גיט זיך מיר נישט איין. אָט איז די קאַפע, ווו איך פלעג שעהען־לאַנג אָפּזיצן פאַרשטעקט הינ־טער אַ פאַראַוואַן אין אַ ווינקל, ביי אַ טעפל ערזאַץ־קאַפע, בכדי נישט צו דאַרפן זיך אַרומדרייען אין גאַס און זיין אויסגעשטעלט אויף דער סכנה.

נישט לייכט איז שוין צו דערקענען דאָס אָרט און די באַלעבאַטים, נאַטירלעך. דאָס איינציקע אָרט וואָס איך דערקען גוט און קען אַהין אַריינ־גיין איז דער האָטעל „קריאָן" אויף רי פּאַסטאָרעלי ביי דער אַווענו דע לאַ וויקטואַר. דאָ האָט מיך אַמאָל די יונגע באַלעבאַסטע אויסבאַהאַלטן אין האָטעל גופא אין איינער אַ קריטישער נאַכט, ווען געשטאַפּאָ האָט גע־דאַרפט קומען פאַרטאָג אין אַלע האָטעלן פון ניס. איך גיי אַריין אין ביורא פון האָטעל. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די באַלעבאַטים האָבן זיך געטוישט זינט פופצן יאָר... פון דעסטוועגן דינג איך אַ צימער און ווין דאָ אַ מעת־לעת און דאָס צימער, די ווענט, דאָס פענצטער, דאָס בעט, אַלץ דערמאָנט מיר אין יענעם צימער פון מיט צוויי און צוואַנציק יאָר צוריק ווו איך בין אַ גאַנצע נאַכט געלעגן אין אַנטועכץ און געוואַרט אויפן ערגסטן.

***

ניס און מאַנטאָן זענען איצטער די צוויי יידישע הויפּט־צענטערס פון קאָט ד'אַזיר. דער עיקר מאַנטאָן לאָזט פון זיך הערן און איבערהויפּט די לעצטע יאָרן זינט עס האָט זיך אָנגענומען ביי יידן דער מנהג צו פאַרא־ווען אויף ווינטער־וואַקאַנס. פון דעמאָלט אָן פאָרן יידן דאָרטן אַהין, נאַ־טירלעך, אַזעלכע וואָס קענען זיך דאָס פאַרגינען. די יונגע פאָרן אויף „ספּאָר ד'היווער", ס'הייסט ווינטער־ספּאָרט, און די עלטערע פאָרן קיין מאַנטאָן זיך אויסוואַרעמען די אַלטע ביינער.

איך ווייס נישט צי מאַנטאָן האָט אַזוי נושא־חן געווען ביי יידן מיט איר שיינקייט ווי צוליב דעם וואָס אַ ייד ווייסט, אַז דאָרטן זענען פאַראַן אחינו בני ישראל, איין ייד ציט צו אַ צווייטן ייד. אמת, מאַנטאָן איז זייער ווייט פון פּאַריז, מיטן צוג דאַרף מען פאָרן אַהין איבער דרייצן שעה,

זיך שלעפּן און מאַטערן, אָבער וואָס וועט דען נישט טאָן איין ייד פאַר אַ צווייטן ייד?

אַז עס קומען די חדשים יאַנואַר־פעברואַר ווערט מאַנטאָן אַ יידישע שטאָט. פּונקט ווי די כוואַליעס אין ים, ביי וועמענס ברעג מאַנטאָן האָט זיך צוגעזעצט, גייען און קומען יידן אין משך פון אָט דער צייט. אַלע האָטעל־פּאַנסיאָנען, „שאַמבר מעבלע" און פּריוואַט־אַפּאַרטאַמענטן זענען פון זיי באַזעצט. ס'זענען פאַראַן אַפילו אַזעלכע ערטער, ווו מען לאָזט נישט אַריין קיין נישט־יידן. דאָס קלינגט אפשר ווי אַ וויץ, אָבער עס איז פאַראַן א שטיקל אמת אין דעם. מיר האָט דערציילט אַ ייד, וואָס זיין האָטעל־אייגנטיטער האָט אים געזאָגט, אַז ווען ס'קומט דער ווינטער־סעזאָן רעזערווירט ער זיין האָטעל־פּאַנסיאָן אויסשליסלעך פאַר יידן. ער גייט נישט דאָ אַרויס פון אַנטי־גוישן שטאַנדפּונקט און נישט פון פּראָ־יידישן שטאַנדפּונקט, נאָר פשוט, פון קאָמערציעלן שטאַנדפּונקט. ער וויל אַז זיינע יידישע קליענטן זאָלן זיך געפינען אין א יידישן אַמביאַנס, זאָלן זיין צווישן יידן און זיך פילן באַקוועם, ווי ביי זיך אין דער היים.

מאַנטאָן איז געוואָרן אַ יידישער ישוב, נישט בלויז אַ ווינטערדיקער, פון די גייענדיקע און קומענדיקע יידן, נאָר אויך אַ זומערדיקער, אַ באַשטענדיקער און סטאַבילער. מען שמועסט שוין וועגן אַ הונדערט יידן פון פּאַריז, וואָס האָבן זיך דאָ באַזעצט, דאָס רוב עלטערע יידן, „רעטרעטניקעס" און קראַנקע, און די קראַנקע יידן טענהן, אַז זיי וועלן אויפשטעלן אַ ישוב אויף געזונטע יסודות...

מען פילט אין מאַנטאָן דעם יידישן גייסט. און נישט בלויז פאַרלירט דאָ יידישקייט פּאָזיציעס, נאָר פאַרקערט, זי געווינט נאָך נייע. אין דער קאַפּע ווו איך זיץ מיט אַ גרופּע פריינט ביי אַ גלעזל און מען פאַרברענגט געמיטלעך, וואַרפט אַלע מאָל אַריין די יונגע פראַנצויזישע קעלנערין יידישע און העברעאישע ווערטער. דאָס האָבן די יידישע קליענטן איר דאָס אויסגעלערנט. ווען איך האָב געוואָלט שעפּן אַ ביסל נחת און איר געפּרווט פאַרהערן, האָט זי אויסגעשיט איר גאַנצן באַגאַזש פון ווערטער ווי „שלום", „בבקשה", „תודה רבה" און „אַ גלאָז מילך", „געלט", „גיב אַ רעשט" און אַנדערע ווערטער. זי איז זייער פלייסיק צו ביידע שפּראַכן פון יידישן פאָלק און איך זע ווי אָנשטאָט צוצוקומען מיטן חשבון, קומט זי צו מיט אַ שטיקל פּאַפּיר, אויף וועלכן זי פאַרצייכנט נייע ווערטער און חזרט זיי איין. איר יידיש־העברעאישער וואָקאַבולאַר באַרייכערט זיך און איר „פּורבואַר" (טרינקגעלט) — אויך, ווייל יידן ווערן סענטימענטאַל

געשטימט און גיבן איר גערן אַ גרעסערן טרינקגעלט, וואָס זי נעמט, אגב, אויך גערן.

אין די פּאַרמיטאָג־שעהען זיצן יידן אין מאַנטאָן אויף די שטולן, וואָס ביים ברעג ים און מען וואַרעמט זיך אויף דער זון. איר גיט מען אַלץ אָפּ פריי און זאַרגלאָז: פּנימער, העלדזער, אָרעמס. מען דרימלט איין און דאָס יידישע בלאַט פאַלט נאַכלעסיק אַראָפּ פון שויס.

דער ישוב אין מאַנטאָן איז געשאַפן געוואָרן נישט דורך יידן וואָס זענען דאָ געקומען זוכן פּרנסה, פאַרלייגן אַ געוויסע פּאַבריקאַציע, אַ ספּעציאַליטעט, אַ צווייג פון דער אינדוסטריע, אינוועסטירן געלטער, טוען עפּעס, נאָר פאַרקערט, דורך יידן וואָס אין זייער גרעסטער מערהייט זע־נען זיי דאָ געקומען גאָרנישט טאָן; וועלכע האָבן שוין אין זייער לעבן אָפּ־געטאָן און זענען זיך דאָ געקומען אָפּרוען אויף די עלטערע יאָרן פון דעם גאַנצן לעבנס־געטועכץ און אַקטיוויטעט און אויסקומען פון פּענסיעס, פון גרייטן, צוריקגעצויגענע פון אַלע זייערע באַשעפטיקונגען. און אַז איין ייד האָט געזען: כי טוב, האָט ער צוגעצויגן אַ צווייטן ייד און דער צווייטער ייד האָט צוגעצויגן אַ דריטן און אַזוי ווייטער און ווייטער.

דאָס איז נישט געווען ווי אין דער באַרימטער פּאָעמע „קענטאָקי״ פון אָנגעזעענעם יידיש־אַמעריקאַנער דיכטער י. י. שוואַרץ, אין וועלכער עס ווערט דערציילט ווי אין איינעם פון די ווייטע שטאַטן אין אַמעריקע קומען עטלעכע משפּחות פאַרלייגן אַ נייעם ישוב און יעדער בעל־מלאכה שטעלט אַרויס די שילד פון זיין באַשעפטיקונג; דאָ, אין מאַנטאָן, אַז אַ ייד קומט אַהער, שטעלט ער נישט אַרויס קיין שילד, נאָר ער שטעלט זיך אַליין אַרויס אַנטקעגן דער וואַרעמער מחיהדיקער זון. און אַז אַ ייד איז שוין אָנגעוואַרעמט וועט ער אָנוואַרעמען אַ צווייטן ייד און דער צווייטער וועט אָנוואַרעמען אַ דריטן און אַזוי ווייטער.

דאָס גרינדן און אויסוואַקסן פונעם ישוב איז קודם כל דער פאַר־דינסט, פון די דאָקטוירים, וואָס שיקן אַהער יידן פון גאַנץ פראַנקרייך, רעקאָמענדירנדיק זיי דעם מקום אַלס גוטן פאַר אַלע מיחושן. און טשי־קאַווע, אַז פאַר אַלע מיחושן, האַלטן די דאָקטוירים, איז גוט מאַנטאָן און נישט בלויז פאַרן מיחוש, וואָס הייסט זיקנה; פאַר האַרץ, פאַר נערוון, פאַר שלאָפלאָזיקייט, פאַר נידעריקן אָדער הויכן בלוט־דרוק, פאַר פאַרקאַלכטע אָדערן, פאַר אולקוס און פאַר וואָס נישט?

אַ ייד, אַ תושב פון עטלעכע יאָר (ביי אַ יונגן ישוב הייסט עס אַ סך) האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט אַ שטיקל צייט אָפּגעגאַרט דעם דאָקטער, נישט אויסגעפאָלגט זיין פאַרזאָג צו וווינען אין מאַנטאָן און אָנשטאָט אין

מאַנטאַן האָט ער בגנבה געווינט אין ניס. ער האָט זיך אָבער אָנגעהויבן צו פילן נישט אַזוי גוט און ער האָט סוף־כל־סוף אויסגעזאָגט דעם דאָקטער וועגן דער זינד און „פאַרברעכן" וואָס ער איז באַגאַנגען מיטן ווינען אין ניס, און דער דאָקטער האָט אים געוואָרנט: „איר ווילט לעבן, טאָ באַזעצט זיך אין מאַנטאַן". און וועלכער ייד וויל דאָס נישט לעבן? האָט ער זיך באַזעצט אין מאַנטאַן און זיין מיחוש דערקוטשעט אים שוין נישט אַזוי שטאַרק.

מאַנטאַן איז שוין זינט עטלעכע יאָר אויך אָפיציעל אַ יידישער ישוב. וואָס קען נאָך זיין אָפיציעלער ווי דאָס וואָס עס איז שוין פאַראַן דאָרטן אַ קהילה וואָס לאָזט זיך הערן מיט טעטיקייט אויף פאַרשידענע געביטן. שוין נישט רעדנדיק וועגן דעם, אַז עס איז שוין פאַראַן אַ יידישע שפּייזקראָם און אַ רעסטאָראַן, ס'הייסט בלויז דער אייגנטימער איז אַ יידישער אָבער נישט די מאכלים. אין צוויי צימערלעך פון אַ גרויסן געוועזענעם האָטעל־בנין פאַמיעשטשעט זיך די קהילה און דאָס שוין איינגעטיילט פאַר צווייען: איין צימער פאַר כלי־קודש, פאַרן שילעכל און דאָס צווייטע צימער פאַר יידישער קולטור. דאָ געפינט זיך אַ קלוב, אַ ביבליאָטעקל. אויף דער וואַנט זעט מען אויף בילדער די היימישע פּנימער פונעם באַרימטן קלאַסיקער־דריילינג: מענדעלע, פּרץ, שלום־עליכם. די ספר־תורה אין שילעכל האָט געבראַנגט אַ מאַראָקאַנער ייד און די ביכער פאַר דער ביבליאָטעק האָבן צונויפגעזאַמלט אַשכנזישע יידן. ווי זעט דאָ אויס די באַזוכערשאַפט?

— אין דער שול קומט מען מער ווי אין קלוב און אין ביבליאָטעק — קלאָגט זיך פאַר מיר דער פאָרזיצער פון דער קולטור־קאָמיסיע ביי דער קהילה — הגם מען רייסט דאָרטן אַ סך פאַר עליות.

— און פון וואַנען ווערן געדעקט די הוצאות און דאָס דירה־געלט פאַר די צוויי צימערן? — בין איך נייגעריק צו וויסן.

— אַלץ פון די עליות און אויך פון געוויסע פערזענלעכע באַשטייערונגען — איז דער ענטפער.

— הייסט עס, אַז די יידישע קולטור געניסט אויך פון די עליות?

— וואָס גייט עס אונדז אָן? זאָל זיין פון עליות, אַבי צום לעבן.

ווינטער־צייט איז דער פאָרזיצער פון דער קולטור־קאָמיסיע נישט אַזוי איינזאַם. אין די חדשים יאַנואַר, פעברואַר, מערץ קומען אָן אַהער יידן פון די קאַלטע שטעט פון פראַנקרייך און אויך פון בעלגיע און פון דער שווייץ. די תושבים און די ווינטער־געסט פאַראייניקן זיך און צוזאַמען פירט מען אַ קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. עס ווערן אַ ביסל פאַר־

ווישט די פּאָליטישע ברוגזן. מען אָרדנט איין צוזאַמען קולטור־אימפּרעזעס, רעפּעראַטן, אָוונטן פון געוועזענע דעפּאַרטירטע, פון רעציטאַציעס און געזאַנג. אַפילו אַ באַל, איינגעאָרדנט דורך דער קהילה קומט פאָר, ווו מען עסט מער ווי מען טאַנצט, ווייל ס׳רוב קומען צום באַל עלטערע מענטשן, און מען זאַמלט געלט פאַר ישראל. דער גאַנצער בענעפיס גייט פאַר דער יידישער מדינה. ס׳הייסט, מען עסט און מען טרינקט פאַר ישראל.

— פאַרשטייט זיך, אַז מען זאַמלט פאַר אַנדערע צוועקן אויך. מיר זענען דאָך עפּעס אַ פאָלק פון זאַמלערס און שטיצערס — גיט צו מיין מיטשמועסער.

— צי מיינט איר נישט, אַז דאָס רייסן פאַסן אַזוי אָפט ביי די יידן וועט זיי נישט פאַריאָגן פון מאָנטאָן?

— דאָס נישט. יידן זענען צו גוטע מבינים אויפן היגן פיינעם שטי־קעלע זון, אַז זיי זאָלן פאַרלאָזן מאָנטאָן. אחוץ דעם, ווו וועלן זיי גיין? יידן מוזן דאָך זיין צווישן יידן. לוינט עס צו צאָלן פאַר דעם. ס׳איז ווערט.

דאָס רירעוודיקע לעבן אין מאָנטאָן איז אין די פרימאָרגנס ביז מיטאָג־צייט, אויפן אַספאַלטירטן ברעג ביים ים. דאָ שפּאַצירט מען הין און צוריק און מען זאַמלט זיך אין רעדלעך און מען איז אויסגעזעצט און אויסגעלייגט אויף בענקלעך און ליג־שטולן אַקעגנאַיבער דעם ים. אַז דער הימל איז בלוי איז דער ים אויך בלוי, ווי ער וואָלט יענעם נאָכקאָ־פּירט זיין קאָליר. אַזאַ פּנים ווי עס האָט דער הימל אַזאַ פּנים האָט אויך צו יעדער צייט דער ים. בכלל טוישט דער ים עטלעכע מאָל אין טאָג די קאָלירן, ווי אַ פרימאַדאָנע אויף דער בינע די קליידער. אָבער אַמליבסטן איז ער אין די שעהען פון פרימאָרגן. דאָס קלייד איז דעמאָלט ביי דער פרימאַדאָנע אַ העלס, אַ לייכטס, אַן אָפענס, געמאַכט פון גאָר ווינציק שטאָף.

אַקעגנאַיבער, ווייט-ווייט איבערן ים, אויף יענער זייט ברעג, אַ ביסל אָפּגעווייכט פון ליבקס איז ישראל, דער האָפן פון חיפה. מען פילט זיך דאָ נענטער צו דער מדינה. מען האָט מיט פראַנקרייך אַ בשותפותדיקע וואַ־רעמע זון און אַ בשותפותדיקן ים. מען פילט זיך עפּעס זיכער און שטאָלץ מיטן קעגנאַיבערדיקן ברעג. מען האָט דעם איינדרוק, אַז דער מיטללענ־דישער ים איז נישט בלויז אַ געמיינזאַמער ים, נאָר אַ יידישער ים. די מעוועס, וואָס דרייען זיך אַרום די שיפן מיט די בלוי־ווייסע פענער, ווי מעקלערס אַרום גוט־גייענדיקע געשעפטן, זיי געניסן שוין פון יידישע כשרע מאכלים, וואָס מען וואַרפט זיי אַרויס, און זיי זינגען זמירות און בענטשן מיט מזומן אין דער לופט. אָבער די מעוועס וואָס זאַמלען זיך דאָ ביי אונדזער ברעג, זענען, זעט אויס, האַנאַראָווע, און עס שטייט זיי נישט

אַן נאַכצויאָגן זיך נאָך די שיפן ווי פליענדיקע שנאָרערס. זיי פאָרען זיך אַרום דעם ברעג און זענען טועם עפּעס דירעקט פון אײדעלע פרויען־הענט. מען קאָרמעט זיי פּשוט און מען קעכלט זיי. איך קוק זיך צו ווי אַ פרוי ביים סאַמע ברעג האַלט אין האַנט שטיקלעך ברויט און אַלע מאָל גיט אַ פלי צו איר אַ מעווע און גיט אַ בייס אַרויס פון איר אַ שטיקל ברויט און טראָגט זיך אָפּ. איך דערקען, אַז דאָס איז נישט קיין יידישע פרוי. איז עס דען נישט קיין יידישער דרך צו שפייזן גאָטס באַשעפעניש? זעט אָבער אויס, אַז יידן האַלטן נישט פון דעם, אַז פייגל זאָלן אַרויסרייסן ביי זיי דעם ביסן. נייִן, ס׳איז נישט דערפאַר ווייל עס פעלט זיי אויס רחמנות. דער פאַטער גאָלדפאַדען האָט שוין פון לאַנג געזונגען וועגן אונדז, אַז מיר זענען אַ פאָלק פון בני־רחמנים. נאָר וואָס־זשע דען? יידן האָבן מורא, אַז דער פויגל וועט זיין אַ חזיר און צוזאַמען מיטן ביסן ברויט וועט ער אויך פון זיי מיטבייסן אַ שטיקל פינגער.

אויף די בענק און ליג־שטולן איז מען אויסגעלייגט ווי ביים טאַטן אין ווייַנגאָרטן מיט יידישע צייטונגען. אויף שריט און טריט אַ יידישע צייטונג אָדער אַ חודש־זשורנאַל פון פראַנקרייך, צי פון אויסלאַנד. מען קאָן דאָ האָבן דעם איינדרוק, אַז דאָס יידישע פרעסע־וועזן בליט ווי אין זיין שענסטן פרילינג.

מען שטרעקט אויס צו דער זון ליבע פנימער מיט הנאהדיקע עולם־הזהדיקע שמייכלען. לעבן מיר זע איך אויף אַ ליג־שטול אַ באַיאָרטע פרוי וואָס ברענט זיך. איר נאָז איז פאַרדעקט מיט אַ שטיקל פּאַפּיר. זי וויל זיך טאָקע צוברענען און צוברוינען, אָבער די נאָז, וואָס איז די סאַמע אַרויס־גערוקטע פּאָזיציע און גייט אויפן ערשטן פייער, וויל זי שוינען, זי אָפּראַטעווען, ווי אַ ווייס אינדזעלע אין ים פון טונקלעניש. איך קוק זיך צו און זע, אַז דאָס שטיקל פּאַפּיר אויף איר נאָז איז פון אַ יידישער צייטונג. דאָס יידישע וואָרט באַקומט ביי איר אַ תיקון. איך האָב מורא צו רעדן צו דער פרוי, ווייל ווען זי ענטפערט מיר, פלאַטערט דאָס שטיקל פּאַפּיר און באַוועגט זיך און כ׳האַלט זיך אָפּ פון רעדן צו איר בכדי דאָס שטיקל פּאַפּיר זאָל נישט אַראָפּפאַלן פון איר נאָז. שווייג איך און דאָס יידישע וואָרט האַלט זיך ווי עס איז.

בלויז אין דער צייט פון מיטאָג־מאָלצייט איז דאָ שאַ־שטיל ביים ברעג. מען זעט נישט קיין לעבעדיקן נפש. אַחוץ די מעוועס, וואָס פאַר־לאָזן דעם ים און שטעלן זיך אויס לענגאויס דעם ברעג און וואַרטן ווי אורחים, אַז עמעצער זאָל זיך איבער זיי מרחם זיין און זיי אויסשיטן אַ הויפן ברעקלעך — שיריים פון מאַנטאָן. אָבער איצטער, מיטאָג־צייט,

זענען מענטשן אַליין פּאַרנומען מיט זייער עסן און קיינער ביים ברעג קוקט זיי נישט אָן, אַחוץ אַ פֿאַרוואָגלטער פּאָעט, וואָס דרייט זיך דאָ אַרום איינער אַליין לענגאויס דעם ברעג און לאָזט נישט אַראָפּ פֿון זיי קיין אויג, און אויס־שיטן זיי קען ער בלויז אַ הויפן לידער זיינע, אָבער זאָט מאַכן מיט זיי קען ער זיי נישט, פּונקט ווי ער קען זיך אַליין אויך נישט זאָט מאַכן מיט זיי...

אויך נאָך מיטאָג זעט מען דאָ נישט קיין לעבעדיקן נפש. מען רוט זיך אָפּ נאָכן מיטאָג ביי זיך. מען פּראַוועט עונג־וואַקאַנס. מען קוקט אַריין אין אַ בוך, אין אַ צייטונג, אָדער אין דעם פּיל־פּאַרביקן פּעכער פֿון אַ פּעשל קאָרטן. און אַזוי גייען אַוועק די טעג. זיי גייען און קומען, פּונקט ווי די כוואַליעס אין ים. און פּונקט ווי די כוואַליעס אין ים, אַזוי אויך די ווינטער־געסט. מען קומט און מען גייט. מען פּאַקט אויף און מען פֿאַרפּאַקט צוריק די וואַליזעס. מען ווינטשט זיך צו טרעפֿן זיך איבער אַ יאָר אויף דאָס ניי. צום ווידערזען! אַ רעוווּאַר! בשנה הבאה במאַנטאָן!

.1965

יידיש היימלאַנד

(פון מיינע רייזעס אין ישראל)

די עקספּאַנסיע פון דער באַגריסונג „שלום״

נישטאָ נאָך אַזאַ לאַנד, ווו דאָס וואָרט „שלום״ זאָל זיין אויף אַלע־מענס ליפּן, ווי עס איז ישראל. עס ווערט אַרויסגעזאָגט פונעם אַרבע־טער, פונעם קיבוצניק, פונעם באַאַמטן, זעלנער, שילער, באַלעבאָסטע, פון קינד־און־קייט, פון אַלע בירגער. ביים באַגעגענען זיך — איז „שלום״, ביים געזעגענען זיך — „שלום״. אַ טעלעפאָן־געשפּרעך הייבט זיך אָן מיט „שלום״, אַ קינד, ווי־נאָר ס׳הייבט אָן צו רעדן, ווי נאָר דער מאַ־מעס מילך גייט אַראָפּ פון זיינע ליפּן, גייט אַרויף אויף זיי דאָס וואָרט „שלום״. ווען אַ מאַגנעטישער באַנד וואָלט אויפגענומען אַלע ווערטער, וואָס ווערן אַרויסגעזאָגט אין ישראל וואָלט מען געקאָנט פעסטשטעלן אַז דאָס צומערסטן באַנוצטע וואָרט איז „שלום״. עס זאָגט אַרויס דער ספּיקער פון ראַדיאָ דאָס וואָרט „שלום״ מיט אָן אַ שיעור מילדקייט און פריינטלעכקייט. בלויז שבת גיט ער צו נאָך אַ וואָרט און ס׳ווערט צוזאַ־מען „שבת־שלום״, וואָס קלינגט לויט דער ספרדישער הברה „שאַבאַט־שאַלאָם״. דער ספּיקער פון דער יידישער אוידיציע גיט נאָך צו דעם היי־מישן „גיט־שבת״, וועמענס פאָלקסטימלעכן חן ס׳איז אויך נישט אָוועק־צומאַכן מיט דער האַנט.

איך בין זיך משער, אַז עס זענען פאַראַן מענטשן, וואָס בעת זיי זאָגן אַרויס אין איילעניש דעם „שלום״ לייגן זיי גאָרנישט אַריין דערין דעם זין און טייטש וואָס געפינען זיך, אייגנטלעך, אין דעם וואָרט. ס׳איז זייערס אַ צוגעוווינט באַגריסונג־וואָרט וואָס קלינגט שיין און קורץ און שאַרף. פונקט ווי ביי די אַמעריקאַנער דער „העלאָו״ ביים באַגעגענען זיך. אָבער קיינער גייט דאָ נישט דורכפירן קיין אַנקעטע וועגן דעם וויפל מענטשן זאָגן אַרויס דעם „שלום״ טאַקע מיט דער כוונה אַראָפּצוברענגען דעם אייביקן שלום אויף דער ערד. דער פאַקט איז, אַז גאַנץ ישראל זאָגט „שלום״ און ס׳איז נישט קיין מויל־מלאכה. מען זאָגט און מען וויל שלום, אַלע, אַפילו יענע, וואָס זאָגן אַרויס דאָס וואָרט „שלום״ אין געאייל,

על רגל אַחת, טאַקע שוין מיט איין פוס אויפן בריקל פון אָפּגייענדיקן אויטאָבוס, ווען אַלע פּאַסאַזשירן בעטן מיט רחמים ביים נהג (שאָפער): רגע, רגע... ס'הייסט, ער זאָל וואַרטן אַ מינוט און דער פּאַסאַזשיר, וואָס האָט נאָך געוואָלט אַריינכאַפּן אַ לעצטן „שלום" זאָל נאָך באַווייזן אַריינצובאַקומען זיך אין אויטאָבוס אַריין בשלום און אויך אָפּצוראַטעווען דעם צווייטן פוס, ער זאָל נישט בלייבן הענגען אין דרויסן.

ישראל האָט באַוויזן איר עקספּאַנסיע־כּוח אין אויסשפּרייטן דעם „שלום" אויך צווישן אַנדערע פעלקער. די האַפנס פון איטאַליע, ציפּערן און גריכנלאַנד, זענען אָנגעשטעקט מיט איר „שלום". מען קען דאָס באַמערקן ווען מען שטייגט אויס אויף עטלעכע שעה פון די ישראל־שיפן. די געשעפטן פון די ערשטע גאַסן, נאָענטע צו די פּאָרטן, זענען פאַרכאַפּט פון דעם „שלום"־פּסיכאָז. דער קרעמער פון נעאַפּל, פון גענוע און לימאַסאָל, אין ציפּערן, זאָגן אַרויס דעם „שלום" ווי אַ געבוירענער ישראל־בירגער, אַ סאַברע. ער דערלאַנגט אים איך מיט אַזאַ העפלעכקייט און פריינטלעכקייט ווי נאָר אַ סוחר קען, אַז דו ביסט ממש גרייט אַ האַלבע קראָם ביי אים אויסצוקויפן. פאַרן קויפן ביי אים עפּעס איז „שלום" און נאָכן קויפן איז דאָך אַוודאי „שלום". דער „שלום" פאַרטרעט שוין דעם „ביטע", דעם „דאַנק" און דעם „צום ווידערזען".

צווישן די בירגער אין ציפּערן, וווּ מען שטייגט אויס הערט מען אויף שריט און טריט דעם „שלום". עס זאָגן אים אַרויס די גריכן, עס זאָגן אים אַרויס די טערקן, ווי איינער מיטן אַנדערן וואָלט געוואָלט צווישן זיך קאָנקורירן מיטן „שלום". איך האָב געוואָלט זאָגן סיי צו די גריכן און סיי צו די טערקן, וועלכע ווינען צעקריגטע אין אָפּגעזונדערטע שטאָטטיילן, אַז „שלום" איז טאַקע אַ פיינע זאַך, נאָר קודם־כּל וואָלט איך זיך געווונטשן, אַז זיי זאָלן מאַכן „שלום" צווישן זיך גופא. אָבער בכדי דאָס צו זאָגן זיי זענען מיינע קענטעניש אין גריכיש און טערקיש גאַנץ קנאַפּע. און זיי, מיין יידיש און ס'אַנדערע ביסל לשונות, האָבן אויך נישט פאַרשטאַנען. האָט מען זיך ווי עס איז אויסגעטענהט מיט די הענט, מיט זשעסטן און מיט אימיטירן שיסערייען פון געווער, וועלכע האָבן געדאַרפט אָנדייטן אויף מלחמה און טאַקע אויף זייער מלחמה, וואָס ביידע צדדים פאַראַכטן און האַלטן נישט פון איר. ווי איך האָב זיך געדאַרפט אַריענטירן. געזעגנט האָבן מיר זיך אַלע מיטן איינציקן וואָרט, וואָס אַלע האָבן פאַרשטאַנען: „שלום".

עס איז אַ פיינע מיסיע פון ישראל אָנצושטעקן אַנדערע מיט „שלום". הלוואי וואָלטן זיך אירע נאָענטע שכנים געוואָלט לאָזן פאַרפירן פון דעם

כישוף־וואָרט „שלום" און נישט אַזוי ציטערן פּערמאַנענט פאַר דער שלום־געפאַר.

פונקט ווי ישראל איז איינציק מיט איר באַגריסונג „שלום", איז זי אפשר איינציק אין דער וועלט מיט דעם וואָס אירע גרענעצן זענען אַרומגענומען מיט אַ רייף פון שנאה. פון צייט צו צייט גיבן איבער דער ראַדיאָ און די פּרעסע וועגן אַ פיינטלעכן אָנפאַל ביי אירע ראַנדן, וועגן אַ באַוואָפנטן צוזאַמענשטויס. מען באַדאַרף באַאַרבעטן דאָס פעלד מיט געפּאַנצערטע טראַקטאָרן, מען באַדאַרף היטן די טשערעדע מיט אַ ביקס אין האַנט און ביי דער שווערער האָרעוואַניע דאַרף מען דאָ אפשר נישט זאָגן: מיטן שווייס פון דיין פּנים זאָלסטו עסן דיין ברויט, נאָר: מיטן בלוט פון דיין גוף זאָלסטו עסן דיין ברויט.

אָבער נישט בלויז ביים טראַקטאָר אין פעלד און ביים היטן די טשערעדע אויף דער פּאַשע דאַרף ישראל האַלטן אַ ביקס אין האַנט. באַזוכנדיק דעם קיבוץ לוחמי הגיטאות, ווו עס איז אויפן סאַמע וויר־דיקסטן אופן פאַראייביקייט דער אָנדענק פונעם אומקום און גבורה פון וואַרשעווער געטאָ, האָב איך באַגעגנט גאַנצע עקסקורסיעס פון שולן, קינדער־גרופּעס געקומענע פון פאַרשידענע עקן לאַנד מיט זייערע מדריכים. צווישן זיי, אין די פאַרכטיקע זאַלן פונעם מוזעאום, האָב איך צו מיין גרויסן חידוש דאָ און דאָרטן אָנגעטראָפן אַ יוגנטלעכן, אפשר פון אַ זעכצן־זיבעצן יאָר, מיט אַ ביקס אויפן אַקסל. איך בין געווען פאַרוווּנדערט פון דעם געזעענעם, אַז איך האָב געבעטן ביי איינעם אַ דערנעבן־שטייענדיקן פירער פון קיבוץ אַן אויפקלערונג, אַן אויפקלערונג נישט וועגן די אויסגעשטעלטע קעגנשטאַנדן און עקספּאָנאַטן, נאָר וועגן די באַוואָפנטע יוגנטלעכע אין ציוויל צווישן די קינדער.

— דאָס איז גאָר פּשוט — האָט ער מיר דערקלערט — מען פאָרט מיט קינדער, אַמאָל קען מען זיך געפינען ביי די ראַנדן פון לאַנד... מען ווייסט קיינמאָל נישט... מען דאַרף באַשיצן די קינדער, מען דאַרף באַשיצן דעם שאַפער, מען דאַרף זיך אַליין באַשיצן...

יוגנטלעכע מיט ביקסן אויפן אַקסל אין זאַלן פון אַ מוזעאום. דאָס וועט מען נישט זען אין די זאַלן פון לוווּר אין פּאַריז, נישט אין בריטישן מוזיי אין לאָנדאָן, נישט אין מעטראָפּאָליטען־מוזיי אין ניו־יאָרק און נישט אין דער טרעטיאַקאָוו־גאַלעריע אין מאָסקווע.

ישראל האַלט אַ ביקס אין האַנט און זאָגט „שלום"!

וואָס קען דען זיין מער נאַטירלעך און פּשוט ווי באַאַרבעטן ערד, שניידן תבואה. אין ישראל קען אויך זיין העראָיזם אין טאָג־טעגלעכער מי, אין אַרבעט; העראָיזם ביים באַפרוכפּערן דאָס פעלד, ביים צוגרייטן

פּאַשע פאַר דער שטאַל, ביים אויסמעלקן די בהמות. הערויזם ביים אָפּ־נעמען אין לול די אייער פון די הינער און די הינער פון די אייער; און הערויזם אַוודאי און אַוודאי ביים דערציען די קינדער, ביים לער־נען זיי מאַכן די ערשטע טריט אונטערן גליקלעכן בליק פון טאַטע־מאַמע און באָבע־זיידע, און אונטערן לויערנדיקן פיינטלעכן בליק פון אונטער דער מיליטערישער לאָרנעטע אַנטקעגנאיבער...

עס איז צו באַוואונדערן די סטאָישקייט, רואיקייט און קאַלטבלוט פון די ישראל־בירגער. זיי געפינען טרייסט און זיכערקייט און גלויבן אין זייער אַרבעט, פאַרטועוקייט און המשכדיקייט פון לעבן. זיי זענען ווינ־ציקער באַזאָרגט וועגן זייער גורל און צוקונפט ווי מיר, אויסלענדישע יידן, זענען עס. און אויב יאָ באַזאָרגט זענען זיי גיכער באַזאָרגט פון אונדזער באַזאָרגטקייט...

אין איינעם פון די פיל־פאַרביקע קאַרנאַוואַל־צוגן פון די פּורים־„עדלאידעס" האָב איך געזען, צווישן אַנדערן, פירן אַ טויב, אַ טויב וואָס האָט געדאַרפט סימבאַליזירן דעם שלום־ווילן פון ישראל. און די טויב איז געווען גאָר גרויס, אַזוי גרויס ווי אַן אויטאָ. איך ווייס נישט צי דאָס איז געווען אַ פּיקאַסאָ־טויב, צי נחס טויב, ס'איז געווען אַ טויב און אַ שלום־טויב אויף געוויס און צוליב דעם האָט מען זי געפירט געלאָסן אויף רעדער איבער די פּורימדיק־יום־טובדיקע גאַסן. מיט איר פּילפאַ־כיקער פאַרגרעסערטקייט האָט זי זיך אַלעמען געוואָרפן אין די אויגן און אויסגעדריקט דעם שלום־באַגער פון גאַנץ ישראל און מיט אַ שנע־בעלע, די גרייס פון אַ טויב גופא, האָט זי געזאָגט צו אַלעמען: „שלום!"

.1962

פאַרצייכענונגען פון ירושלים אין 1965

טאָפּאָגראַפיש אונטערשיידט זיך ירושלים פון אַנדערע שטעט. די שטאָט איז צעוואָרפן, און דאָ און דאָרטן, אַחוץ אין די עטלעכע צענטראַלע גאַסן, פאַרמאָגט זי „לעכער״, ס׳הייסט ליידיקע, נישט־פאַרבויטע פאַרוואָרלאָזטע שטחים, אַזוי אַז ווען מען געפינט זיך אויף אַזאַ ליידיקן שטח קען מען מיינען, אַז דאָ איז שוין דער סוף פון דער שטאָט. אָבער עס הייבט זיך נישט אָן, ווייל ווייטער אַ ביסל, פאַרנעמט זיך ערשט די שטאָט צו זיין שטאָט. נאָך דעם קען מען זיך ווידער אָנטרעפן אויף אַזאַ פאַרוואָרלאָזטן פלאַץ, ווו ציגן קענען זיך אַרומדרייען און צופּן אַ גראָז, אויב זיי האָבן וואָס צו צופּן.

נישט ענלעך איז אין ירושלים איין קוואַרטאַל צום אַנדערן. אַנדערש איז דער האַנדלס־צענטער מיט די גאַסן יפו און בן־יהודה מיט זייער געטומל און געווימל, מיט זייער גערדיכטקייט און פאַרהאַוועטקייט, און אַנדערש די רעזידענציעלע געגנט רחביה, וואָס רעכנט זיך פאַרן אַריסטאָקראַטישן טייל פון ירושלים, מיט די שטילע, ווייסע גאַסן, כ׳וואָלט געזאָגט געסלעך, אָבער נישט אין זין פון אָרעמקייט, נאָר שלווהדיקייט און באַלעבאַטישער רואיקייט. די הייזער און ווילעס זענען געבויט פון ווייסע געטעסעטע שטיינער, וואָס עס שטעלן צו בריווח די בערג פון אַרום ירושלים גופא און וואָס זאָגן: נעמט, רייסט פון אונדז וויפל אייער האַרץ גלוסט.

אין דער געגנט געפינט זיך דער לוקסוסדיקער האָטעל „הנשיא״, אַ הויכע מויער, וואָס וואַרפט אָן אַן אומהיימלעכקייט מיט איר סימעטרישקייט און קליינע שמאָלע פענצטער, וואָס דערמאָנען אין אַ קאַזאַרמע. דאָ שטייען איין טוריסטן פון אויסלאַנד (די, וואָס קענען זיך עס דערלויבן, נאַטירלעך). נישט בלויז דער „מלון הנשיא״ געפינט זיך דאָ אין דעם קוואַרטאַל, נאָר טאַקע דער נשיא אַליין אויך, וועלכער האָט אין דער

געגנט זיין רעזידענץ, אַ באַראַק, וועלכער איז ממש פאַרוואַנדלט געוואָרן ווי דורך אַ כישוף אין אַ פּאַלאַץ און וואָס געפינט זיך אין אַ שיינעם פּאַרק.

להיפּוך צו די טומלדיקע האַנדלס־גאַסן קען מען דאָ גאַנץ אָפּט אין דרויסן נישט אָנטרעפן אויף קיין מענטש, וועמען צו פרעגן אויף אַ גאַס. אַלץ איז אָפּגעשלאָסן ביי זיך ווי בעתן נאָכמיטאָגדיקן שלאָף. אין ישראל שלאָפט מען אַ סך נאָך מיטאָג, אָבער דאָ האָט מען דעם איינדרוק אַז מען שלאָפט שטענדיק.

נישט ווייט פון דאַנען וואַרפט זיך אין די אויגן דער אימפּאָזאַנטער בנין „היכל שלמה", דאָס זיך־אָרט פונעם הויפּט־ראַבינאַט און גייס־טיקער רעליגיעזער צענטער. דער בנין איז אויפגעבויט געוואָרן מיט עט־לעכע יאָר צוריק, אַ געשאַנק פון אַן אַמעריקאַנער ייד צום אָנדענק פון זיין פאָטער שלמה. אויסערלעך מאַכט דער בנין אַזאַ אימפּאָזאַנטן איינדרוק, אַז חדר־ייִנגלעך ביים לערנען האָבן זיך געקענט אַמאָל פאָרשטעלן אַזוי דעם בית־המקדש. אינעווייניק אין בנין געפינען זיך די פאַרשידענע אָפּ־טיילונגען, אַמטן און ביוראָען פון ראַבינאַט און דעם גייסטיקן צענטער. מען זעט מאָדערנע בילדער הענגען אויף די ווענט, אַפילו אַבסטראַקטע, אָבי נאָר נישט קיין פּאָרטרעטן, ווייל דאָס וואָלט געווען אין סתירה מיטן יידישלעך־טראַדיציאָנעלן : „לא תעשה לך פסל".

„היכל שלמה" האָט אַ ביבליאָטעק, מערסטנס פון רעליגיעזע ספרים, אַ בית־הכנסת פאַר מתפּללים און אויך אַ קליינעם מוזיי פון פאַרשידע־נע זעלטענע רעליגיעזע קעגנשטאַנדן און קליינע באַלויכטענע מאַקעטן וואָס שטעלן פאַר פאַרשידענע עטאַפּן פון דער יידישער געשיכטע פון די עלטסטע צייטן אָן.

עס איז נאַטירלעך, אַז „היכל שלמה" זאָל צוציען יידישע טוריסטן, וואָס קומען באַזוכן ירושלים. אויך אָפיציעלע פאָרשטייער און אויסלענ־דישע דיפּלאָמאַטן קומען אָפּשטאַטן וויזיטן אין „היכל שלמה". ווען איך האָב געוויילט אין ישראל דעם פאַרגאַנגענעם זומער איז גראָד געקומען אָפּשטאַטן אַ וויזיט אין „היכל שלמה" דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדאָר טשעוווכין. אין אַלע צייטונגען האָט מען געקענט זען אַ פאָטאָגראַפיש בילד. וואָס האָט פאַרגעשטעלט ווי טשעוווכין און הרב אונטערמאַן זיצן „טעט־אַ־טעט" און האַלטן זיך אונטער ביי אַ שמועס. דערביי האָט מען געקענט באַמערקן ווי דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדאָר טראָגט אויפן קאָפּ אַ יאַרמל־קע, נישט געקוקט וואָס דאָס איז „אָפּיום פאַר די מאַסן". די צייטן, זעט אויס, האָבן עוואָלואירט, מען איז געוואָרן בויגעוודיקער, עלאַסטישער, איז נעמט מען איין אַ ביסעלע אָפּיום, וואָס־זשע איז ?

איך האָב אַנומלט געלייענט, אַז מיט אַ שטיקל צייט צוריק האָט אַן אַנדערער אָפּיציעלער „גאַסט" אָפּגעשטאַט אַ וויזיט אין „היכל שלמה". איך ווייס נישט צי מען האָט אים דאָרט איינגעלאַדן, צי ער האָט זיך אַליין איינגעלאַדן. אַלנפאַלס, איז דאָס געווען אַ „גאַסט", וואָס פאַרביטערט דאָס האַרץ פון נישט איין ייד אין ישראל. דער „גאַסט" דאָס איז דער אַמבאַסאַדאָר פון מערב־דייטשלאַנד, ד"ר פאולס, דער הויכער אָפיציר פון היטלערס ווערמאַכט. געקומען איז ער אַהער אין „היכל שלמה", נאַטירלעך, אָן דער האַנט (וואָס ער האָט פאַרלוירן אויפן מזרח־פראָנט) און מסתמא מיטן אייזערנעם קרייץ, וואָס ער האָט באַקומען פאַר זיינע „לייסטונגען" אויפן פראָנט (און היטלער האָט נישט געגעבן קיין אייזערנע קרייצן פאַר גאָרנישט). איך ווייס נישט וועגן וואָס מען האָט דאָרט מיט אים געשמועסט. איך שטעל מיר אָבער פאָר, אַז נישט איין מיטגליד פון ראַבינאַט האָט אים אויפגענומען מיט אַ פאַרקלעמט געמיט, ווייל איך ווייס, אַז נישט איין רב פון „היכל שלמה" באַוויינט דעם טויט פון זיינע קרובים, פאַראורזאַכט דורך היטלערס ווערמאַכט אין מזרח־אייראָפּע. אַלנפאַלס, איז צו דער באַגעגעניש דעמאָלט נישט געקומען הרב ניסים, וואָס ער שטאַמט גראָד פון די ספרדישע יידן (דאָס איז דער זעלבער הרב ניסים, וועלכער האָט נישט געוואָלט אָקעגנגיין דעם פויפסט פּאול דעם זעקסטן בעת זיין באַזוך אין ישראל) און די דינערשאַפט פון „היכל שלמה" האָט זיך אָפּגעזאָגט, בעת דער אויפנאַמע, צו סערווירן דעם כיבוד. איך האָב פאַרשטאַנען די דאָזיקע געפילן און די דאָזיקע האַנדלונג און איך האָב דערביי געטראַכט, אַז עס קען גרייַלעך געמאָלט זיין אַז דער הער דאָקטאָר פאולס האָט אפשר געהאַט אַ האַנט (ווען ער האָט זי נאָך געהאַט) אין דעם צעשטערן אַזעלכע היילקע בנינים ווי „היכל שלמה", סינאַגאָגעס, בתי־מדרשים, קלויזן, שולן, דאָרטן, ווו ער איז אַדורך מיט זיינע חיילות. און אפשר אויך, האָב איך געטראַכט, ווען אים איז געווען לאַנגווייליק, האָט ער זיך פאַרוויילט דורך אונטערצינדן מיט אַ שוועבעלע די בערד פון רבנים און פרומע יידן, אָט אַזעלכע בכבודיקע בערד וואָס מען קען זען אין „היכל שלמה". און נאָך עפּעס קען גרייַלעך געמאָלט זיין, אַז דער ערשטער דייטשער אַמבאַסאַדאָר אין דער יידישער מדינה האָט פאַרלוירן זיין האַנט דורך אַ גראַנאַט פון אַ יידישן פאַרטיזאַנער אין סאָוועטישן הינטערלאַנד אַלס נקמה־אַקט פאַר באַבי־יאַר און סאָביבאָר און אַז עס האָט געקענט פעלן אַ קלייניקייט, אַ טשוטשיטשקע, וואָלט עס זיך נישט געווען געהאַנדלט בלויז אין דער האַנט און דער הער דאָקטאָר וואָלט נישט זוכה געווען צו זיין דער דייטשער אַמבאַסאַדאָר אין מדינת ישראל...

פאַרלאָזנדיק דעם „היכל שלמה" דערגענטערט מען זיך צו איינער

פון די שענסטע געביידעס פון ירושלים, דעם סאַמע לוקסוסדיקסטן האָטעל „מלך דוד“, וואָס איז נישט בלויז אַ שטיק לוקסוס, נאָר אויך אַ שטיק געשיכטע, אַ געביידע, וואָס האָט אָפּגעשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין די ערשטע נאָך־מלחמה־יאָרן בעת די קאַמפן פאַר דער אומאָפּהענגיקייט. מיטן „קינג דעיוויד האָטעל“ האָט אין יענער צייט געקלונגען, טאַקע בפועל ממש געקלונגען: דאָ האָט געהאַט איר זיץ־אָרט די בריטישע מיליטערישע מאַנדאַט־מאַכט. די אצ״ל־כוחות האָבן אויפגעריסן דעם רעכטן פליגל פונעם האָטעל, וועלכער איז אינגאַנצן צעשטערט געוואָרן. אמת, די אצ״ל־קעמפער האָבן פריער געוואָרנט די ענגלענדער, אַז זיי זאָלן פאַרלאָזן דעם האָטעל, אָבער יענע האָבן זיך נישט געוואָלט צוהערן. אָדער זיי האָבן נישט גענומען ערנסט די וואָרענונג פון די יידישע „טעראָריסטן“, אָדער די גאווה, פאַריסנקייט און פּרעסטיזש האָבן זיי נישט דערלויבט אויסצופירן אַ באַפעל פון די יידן. אַ גרויסע צאָל פון די בריטישע אָקופּאַציע־מיליטער־לייט זענען דעמאָלט אומגעקומען פונעם אויפרייס, וועלכן זיי האָבן שוין יאָ געמוזט נעמען ערנסט.

דער רעכטער פליגל פונעם האָטעל „מלך דוד“ איז שפּעטער צוריק אויפגעבויט און רעסטאַווּרירט געוואָרן און עס איז איצט גאָרנישט צו דערקענען קיין שום אונטערשיד צווישן אים און דעם לינקן פליגל און עס איז אויך גאָרנישט צו דערקענען וואָס דאָ האָט זיך אַרום אים אָפּגעשפּילט אין יענער העראָישער תקופה ערב דער גרינדונג פון מדינת־ישראל.

איצטער קלינגט דאָ ווידער אין די פּרעכטיקע זאַלן, קאָרידאָרן, טעראַסעס פונעם „קינג דעיוויד האָטעל“ די ענגלישע שפּראַך, אָבער נישט פון די בריטישע אָקופּאַנטן, נאָר פון רייכע יידישע טוריסטן פון אַמעריקע, קאַנאַדע און ענגלאַנד, וואָס קומען באַוווּנדערן וואָס „איזראַעל“ האָט אַזוינס אויפגעטאָן אין משך פון אַזאַ קורצער צייט. אין קיין אַנדערן האָטעל וועלן זיי נישט „שטיין“, ווייל עס פּאַסט נישט פאַר זיי. אין דרויסן פאַרן האָטעל וואַרטן אויף זיי די לוקסוסדיקע קאַרן אויף צו פירן זיי באַזוכן די אָנדענק־ערטער פון יידישן אומקום אין אייראָפּע, אויפן הר־ציון און „יד ושם“, וווּ דער „גאַיד“ וועט זיך מאַטערן צו דערקלערן זיי אויף אַ שווערלעכן באַגרענעצטן ענגליש וועגן דעם וואָס די „דזשערמעניס“ האָבן אָפּגעטאָן מיט זייערע „בראַודערס“ און „סיסטערס“ אין די געטאָס און קאַמפּס. ער וועט זיך אָבער באַמיען נישט צו פיל צו פאַרמאַטערן זייערע הערצער מיטן אָנגעזאַמלטן און קלאַסירטן גרויל, ווייל ביינאַכט קענען

זיי נאָך האָבן פינצטערע קאָשמאַרן און נישט קענען מער איינשלאָפן אויף זייערע ציכטיקע לוקסוסדיקע געלעגערס.

עס איז אָנגענעם פאַר מיר, אַ זייטיקן, צו באַזוכן דעם האָטעל „מלך דוד", בפרט נאָך אַז איך בין פאַרזאָרגט מיט דעם, אַז איך וועל דאָ קיינ־מאָל נישט איינשטיין ווי אַ קליענט. עס קומען אויך אַהער צו באַזוכן דעם האָטעל אַנדערע אויסלענדער און ישראל־בירגער און האָבן הנאה פון דעם. די באַזוכן ווערן נישט געשטערט פון דער האָטעל־דירעקציע. פאַרקערט, אויף דער פיינער אינעווייניקסטער טעראַסע, וואָס גייט אַרויס צום גאָרטן, סערווירט מען יעדן איינעם, וואָס וויל עפּעס טרינקען, צוגלייך מיט די חשובסטע האָטעל־איינוווינער. עס פאַרלאָקט און ציט צו דער צייטונגס־קיאָסק פון האָטעל, ווו מען קען באַקומען די אָנגעזעענסטע זשורנאַלן און צייטונגען פון דער וועלט. איז גוט אַוועקצוזעצן זיך ביי אַ שוואַרצער קאַפע, פאַרשטעקט אין קילן שאָטן, און אַריינבליקן אין אַ היימישן פאַריזער „מאָנד", כאָטש פאַרעלטערט מיט אַ צוויי טעג, אָבער וועמענס לשון און אַפילו פאַפּיר פילן אָן מיט אַ געוויסער נאָסטאַלגיע פון דעסטוועגן...

אין דער געגנט פון „היכל שלמה" אין ירושלים הייבט זיך אַרויס אַ הויכער טורעם, וואָס מ'זעט אים אָן ווייט אַרום און ער דאָמינירט כמעט איבער דער שטאָט. דאָס איז דער טורעם פון דעם בנין „אימקאַ", אַ קריסטלעכער קולטור־אַנשטאַלט, וואָס איז אויפגעבויט און געגרינדעט געוואָרן דורך די ענגלענדער. די געביידע איז געבויט אין מזרחדיקן סטיל בכדי זי זאָל זיך נישט אויסטיילן פונעם אַלגעמיינעם כאַראַקטער און אויסזען פון דער שטאָט ירושלים. אָבער מיט איר פירונג און טעטיקייט אינעווייניק איז אימקאַ כמעט עקסטעריטאָריאַל. איך ווייס נישט צי דער הויפּט־ציל פון אימקאַ איז אויסצואיבן אַ רעליגיעז־קריסטלעכע דער־ציאונג און השפּעה. אינעווייניק, אַלנפאַלס, זעט מען דאָס נישט אָן. אימקאַ גיט זיך אָפּ אַ סך מיט יוגנט. עס ווערן געהאַלטן פאַר די יוגנטלעכע רע־פעראַטן, לעקציעס, און מען גיט זיי מעגלעכקייטן צו פאַרנעמען זיך מיט ספּאָרט. אימקאַ פאַרמאָגט אַן אינעווייניקסטע אייגענע פּאָסט־ביוראָ. מען קען קויפן אויפן אָרט פּאַנאָראַמע־פּאָסט־קאָרטלעך און זיי גלייך אָפּשיקן פון דאַנען און מען קען זיך אויך גלייכצייטיק דערקוויקן מיט הייסע און קאַלטע געטראַנקען. דער אַנשטאַלט איז טעטיק שבת און פאַרמאַכט זונ־טיק. שבת קען אַ ייד, אויב ער וויל פּראַוון דאָ אַפּיקורסות, אויסטרינקען אַ קאַפע, ווען אומעטום זענען די קאַפעען פאַרמאַכט, און אויסרייכערן אַ ציגאַרעט, נישט דאַרפנדיק דערמיט אויסשטעכן די אויגן פון די פרומע יידן אין גאַס און זיי פאַרשאַפן עגמת־נפש.

אימקאַ ציט צו אַ סך טוריסטן, יידישע און אַנדערע. די הויפּט־אַטראַקציע איז דאָרט דער הויכער טורעם, דורך וועלכן מען פאָרט אַרויף ביז סאַמע אויבן אין דרויסן. ווען די פרעקווענץ איז אַ שטאַרקע האָט דער ווינדע־באַדינער אַ סך אַרבעט. גרופּנווייז מוז מען דאַן וואַרטן אויף דער ריי אַרויפצופאָרן אויבן און אַרויפפאָרנדיק אין שמאָלן טורעם האָט מען דעם איינדרוק, אַז מען ווערט אַרויסגעשאָסן ווי אַ ראַקעטע. פונעם דאַך פון טורעם קען מען זען די פּאַנאָראַמע פון דער גאַנצער שטאָט און אויך די אַנדערע טייל, וואָס געהערט צו יאָרדאַניע. נישט ווילנדיק מוז מען טראַכטן וועגן דער אַלטער היסטאָרישער אומגליקלעכער יידישער שטאָט ירושלים, וואָס איז אויף אַן אומגערעכטן אופן איבערגעשניטן געוואָרן אויף צווייען. געווים טראָגן יידן צוליב דעם שטילערהייט אַ ווייטיק אין האַרצן, אָבער זיי נעמען דאָס אויף סטאָיש, רעדן נישט וועגן דעם. אויפן דאַך שטייענדיק פּרוווט מען אויסזוכן אַראַבישע טעריטאָריע דורך שפּאַק־טיוון, אָבער דאָס איז נישט נויטיק. אויף צו דערקענען אַראַבישע טערי־טאָריע האָבן ישראל־בירגער אַ גוטן סימן: דאָרטן, ווו ס'איז וויסטער באַדז, זאָגן זיי, נישט באַאַרבעט און אַן הייזער איז עס „ביי זיי" און דאָ ווו ס'איז גרין — דאָס איז „אונדזער זייט". נישט די „אַנו" האָט דאָ באַשטימט די גרענעץ, נאָר די יידישע מי און אַרבעט. דער ווונדערלעכער ווילן זיך איינצוקלאַמערן אויפן שווערן באָדן און מאַכן פון דער וויסטעניש אַ לייט. ביי אַט דעם גרענעץ־סימן האַלטן זיך אַלע יידן. אויך אויפן דאַך פון „היכל שלמה", וווהין מען פאָרט אַרויף מיט אַ מאָדער־נער ווינדע ווייזט מען מיר אָן און נישט אָן שטאָלץ: „קוקט גוט, דאָרטן, ביז וואַנעז ס'איז גרין איז ישראל־טעריטאָריע"...

אָבער בכדי צו זען די גרענעץ, וואָס שניידט אַדורך ירושלים גופא, דאַ דאַרף מען זיך שוין גאָרנישט אָנשטרענגען צו דעם. ווען מען שטייגט אַרויף צום הר־ציון קען מען נישט אויסמיידן זי צו זען. שלום־עליכם זאָגט ערגעץ אין „מאָטל פּייסי דעם חזנס", אַז מען האָט געמיינט, אַז די גרענעץ איז מיט הערנער, און דאָ טאַקע זעט מען אויך, אַז די גרענעץ איז נישט מיט הערנער, אָבער דאַקעגן איז די גרענעץ מיט פּעסער... יאָ, אַ שורה פון מעטאַלענע פאַרזשאַווערטע פּעסער, אָפּגערוקט איינס פון אַנדערן מיט עטלעכע מעטער, אַט זיי באַווייזן, אַז דאָס איז די יאָרדאַניש־ישראלדיקע גרענעץ אין ירושלים. איך ווייס נישט ווער און ווען האָט די פּעסער אוועקגעשטעלט און צי דאָס איז אַן אינטערנאַציאָנאַלער גרענעץ־סימן, אָדער אַן אייגנאַרטיק יאָרדאַניש־ישראלדיקער סימן, אָבער אַ סימן, און אַ בולטער סימן, איז דאָס. און כאָטש אַ פּעסל דערמאָנט אין משקה און משקה דערמאָנט אין „לחיים" און אין שמחה, איז שוין דאָ גאָרנישט

אַזוי לחיימדיק און שמחהדיק. גראָד ווען מיר איז אויסגעקומען צו זיין אין ישראל דעם פאַרגאַנגענעם זומער האָט זיך פלוצלונג אַ יאָרדאַנישן לעגיאָנער פון הינטער יענער זייט פּאַס פאַרגלוסט צו שיסן אין דער ישראלדיקער זייט און פאַרשניטן צוויי אומשלודיקע יונגע לעבנס, אַ מיידל פון 14 יאָר און אַ יונגן אַראַבישן אַרבעטער און אַנדערע פערזאָנען פאַרוווּנדעט. אַ בלינדער האָס און בלינדע קוילן. זיי האָבן דורכן פענצטער געטראָפן אין שטובן אַרייַן. און פון דעסטוועגן ווייַנען דאָ מענטשן, וואָס זייערע פענצטער גייען אַרויס צום פּאַס, וואָס איז נישט גלאָט קיין פּאַס, נאָר אַ פּולווער־פּאַס. דאָרטן, ערגעץ־אַנדערש, ווו ווויִנען איז אַ געוויינלעכער פרידלעכער ענין, איז דאָ וווינען פשוט הערואיזם.

***

דאָ, ווו יידיש לעבן איז אויסגעשטעלט אויף רציחה, ווערט פאַראייביקט דער אָנדענק פון יידיש לעבן, קרבנות פון רציחה. גאָר, גאָר נאָענט פון די גרענעץ־פּעסער געפינט זיך אויפן הר־ציון אַ מוזיי לזכר דעם יידישן אומקום און חורבן פון דער היטלער־תקופה. מיט עטלעכע יאָר צוריק נאָך איז דער מוזיי געווען אין אַן אָפּגעלאָזענעם כאַאָטישן צושטאַנד. אין די שוואַרצע אַלטע זאַלן, ווי היילן פול מיט מיסטעריע און פחד, זענען דאָ און דאָרטן געווען צעוואָרפן אָן אַ סדר, אויטענטישע אָביעקטן, סימנים און איבערבלייבענישן פון יידישער פאַרלענדונג. ווי פאַרבלוטיקטע טליתים, תפילין, שטיקער מצבות פון אָפּגעמעקטע בית־עולמס, אָפּגעזענקטע ספרים, ספר־תורות פון פייער אַרויס און פאַרמעטן אָנגעצויגן אויף פּייקלעך און געמאַכט שניידערישע פאַרמען פאַר אַ קורצן מלבוש, צי דייטשן מונדיר, אָנגעטאָן אויף אַ מאַנעקען.

איצטער זענען די אַלע אָביעקטן און אויטענטישע באַווייזן פון חורבן געבערענגט אין אָרדענונג, קלאַסירט אַלץ אויף זיין אָרט און אַ ספּעציעל־איינגעאָרדנטער נר־תמיד ברענט לעבן זיי צום אָנדענק פון די אומגעקומענע.

אויף די ווענט פון די דערבייאיקע צימערן זעט מען אין די הונדערטער מאַרמאָרענע אָנדענק־טאָוולען, איינס ביים אַנדערן. זיי זענען איינגעפּאַסט אין די ווענט לזכר די אונטערגעגאַנגענע יידישע שטעטלעך און שטעט אין פּוילן. יעדע לאַנדסמאַנשאַפט האָט זיך איינגעאָרדנט איר טאָוול, איר מצבה, אויף וועלכן מען קען לייענען: „לזכרון אַנשי קוריב", „אַנשי לאָשיץ", „אַנשי קאַלושין", „אַנשי גריצע" און נאָך און נאָך און נאָך. היימישע נעמען פון גאַנץ פּוילן. אַ בית עולם פון שטעטלעך און אויך שטעט,

יאָ, אויך שטעט. אָט איז ווילנע, אָט איז לאָדזש, אָט איז ביאַליסטאָק. אַמאָליקע ברייט־פאַרצווייגטע יידישע ישובים. אַ גרעסערע שטאָט האָט אַ גרעסערן טאָוול, אָבער נישט מער ווי אַ טאָוול. דאָס איז אַלץ וואָס איז געבליבן נאָך זיי, נאָך די שטעטלעך און נאָך די שטעט — אַ טאָוול, אַ נאָמען און נישט מער.

יעדע לאַנדסמאַנשאַפט קומט דאָ אַהער אין טאָג ווען זייער שטעטל איז געוואָרן „אויסגעזידלט", אַוועק אין גירוש, אויף טויט און פאַרלענ־דונג, בכדי אַדורכצופירן אַן אזכרה און זאָגן קדיש. מען קומט ספּעצעל צו פאָרן פון תל־אָביב, פון בת־ים, פון חיפה, פון רמת־גן. דער חזן מאַכט דעם „אל מלא רחמים" און אין דער טונקלעניש טריפט דער חלב פון די שמעלצנדיקע ליכט. מענטשן און שאָטנס, שאָטנס און מענטשן. אויסגעמישט אין איין פאַרכטיקייט. אַ דיסאָנאַנס איז בלויז דאָס, וואָס בעת דער צערעמאָניע קומט אַריין אַ ייד מיט אַ באָרד און נעמט מיט אַ קאַמעראַ פאָטאָגראַפישע בילדער פון די פאַרזאַמלטע צום אָנדענקען. דער „פלאַש" בליצט און בלענדט ווי אויף אַ שמחה, און צוליב אים ווען זיך אַלע שפּעטער זען אויף די בילדער מיט קליינע פאַרשלאָפע־נע אויגן. צום פאָטאָגראַפירן זיך שטעלן זיך אַלע אויס אַרום דעם אָנ־דענק־טאָוול, אַזוי, אַז מען זאָל אַרויסזען דעם טאָוול און דעם נאָמען פון דעם היים־שטעטל, וואָס זיי טראָגן אין זייערע הערצער.

אַרויסקומענדיק אויפן הויף, זעט מען אַן אָריגינעלע פאָנטאַנע, וואָס עס האָט געמאַכט און געשענקט דעם מוזיי אַ יידישער אינזשיניער. פון דער פאָנטאַנע רינען אַראָפּ שטענדיק, אָן אויפהער, טראָפּנס וואַסער, וואָס דאַרפן סימבאָליזירן טרערן. טרערן אויפן טויט פון אַ מיליאָן אומשול־דיק־אומגעבראַכטע יידישע קינדער.

נאָך דער יזכור־צערעמאָניע פאַרזאַמלען זיך די לאַנדסלייט אין אַ חדר מיט אַ לאַנגן טיש, פאַרדעקט מיט ווייס פּאַפּיר און באַשטעלט מיט כיבוד, משקה און לעקעך, וואָס מען האָט מיטגעברענגט מיט זיך. מען נעמט צו גלעזלעך בראָנפן און קאָניאַק און אויך ווייבערישע ווײַנען, מען דערציילט זיך זכרונות פון שטעטל און מען ווינטשט זיך איבער אַ יאָר ווידער צו טרעפן זיך ביים אָנדענק־טאָוול אויפן הר־ציון. עס איז אַ שמחה אויף אַ בית־עולם, אָבער אַזוי פאַרלאַנגט דער מנהג.

דער אַלגעמיינער צוזאַמענגאַנגס־פּונקט אויפן הר־ציון איז דאָס קבר פון דוד המלך, וואָס געפינט זיך, אָדער וואָס זאָל זיך געפינען דאָ אין אַ חדר ביי אַ וואַנט. דאָס אָרט איז באַשאָטן מיט קוויטלעך, בקשות, פאַר־לאַנגען, באַגערן און באַשטעלט מיט ליכט. גאַנצע וועלדער מיט אַנגע־

צונדענע ליכט, וואָס פאַרבלענדן דאָס אויג מיט אַן אומהיימלעכער שיין. לענגאויס דער וואַנט, וווּ דאָס קבר געפינט זיך, איז פאַראַן אַ באַריער, וואָס מיינט צו זאָגן, אַז צו אַ מלך איז נישט אַזוי לייכט צוצוקומען און אַפילו נישט צו זיין קבר. מען קען בלויז פאַר די אָנגעצונדענע ליכט וואָס אויף יענער זייט באַריער, דאַווענען און בעטן, זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן און אויסדריקן דעם ווונטש, אַז דער מלך זאָל זיך משתדל זיין פאַר די באַוווּלטע און אומגליקלעכע. און אַט ליגט אויף דרערד אין אַ ווינקל אַ גאַנצע משפּחה, קענטיק פון די מזרח־עדות, און יאָמערט און שרייט אין די אָנגעצונדענע ליכט אַריין, פאַרשטעקטע אין זאַמד. אַ שטיק מיסטיק ליגט פאַרבאָרגן אין די ליכט און עס דאַכט זיך ווי זיי וואָלטן אַרויסגעגעבן פון זיך אַן איבערנאַטירלעכן מיסטעריעזן כּח. אַלנ־פאַלס, אַז אַ גרויסן טשאַד און שטיקעניש גיבן זיי אַרויס פון זיך, דאָס איז זיכער.

אויפן הר־ציון געפינט זיך נישט דער איינציקער אָנדענק־מקום פון אומגעבראַכטן מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום. דער מוזיי איז נישט ברייט־אַרומנעמענדיק, נישט אָרגאַניזירט מיט פאַרנעם, נאָר טיילווייז, פראַגמענטאַריש, אַ טראָפּן אין ים פון בלוט און טרערן. „יד ושם", וואָס געפינט זיך אין אַ צווייטן עק שטאָט, האָט דאָס געטאָן אויף אַן אַלגע־מיינעם ברייטן פאַרנעם און גייט אָן ווי אַ מלוכהשער אינסטיטוט צום פאָרשן די אומקום־תקופה. די צוויי געביידעס, אָפּגעטיילט איינע פון דער אַנדערער אויף אַ הונדערט מעטער, זענען אויפגעבויט געוואָרן אויף אַ ליידיקן נישט פאַרבויטן פּלאַץ, אָבער אויך דאָ איז נאָך נישט דער סוף פון ירושלים. אַז מען קוקט זיך איין פון טאָל צום אָקעגאיבער־דיקן ווייטן באַרג זעט מען ווי עס שיילן זיך אַרויס פונעם בלוילעכן נעפּל אַרויס קליינע הייזער. דאָס איז אַ ניי־אויפגעבויטע געגנט, קרית־יובל, וווּ עס וווינען מערסטנס ניי־געקומענע עמיגראַנטן פון מזרח־אייראָפּע. די וויכטיקייט פון יד־ושם באַשטייט קודם־כל אין זיין דאָקומענטאַציע־צענטער, וווּ אַלץ איז געאָרדנט און קלאַסירט און וועט עדות זאָגן פאַר דער געשיכטע וועגן דער מאַרטיראָלאָגיע און אומקום פון יידישן פאָלק בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. דער מוזיי איז אַן אילוסטריר־צוגאָב, אָבער וואָס פאַראַ טיף רירנדיקער צוגאָב צום פאָרשונגס־צענטער. שוין אויסערלעך מאַכט די געביידע אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק מיט איר האַלב־שטאָקיקן אונטערטייל, וואָס באַשטייט פון פּראָסטע שטיינער פון פאַרשידענע מאָסן און גרייס, אין וועלכע עס איז פאַרטראַכט די טיפע אידעע און סימבאָל פון פּיין און עבודת־פּרך אין די געטאָס און טויט־לאַגערן.

לענגאויס ביים וועג פון איין געביידע און דער אַנדערער זענען פאַרפלאַנצט קליינעביימעלעך לכבוד די חסידי אומות העולם, וואָס האָבן געראַטעוועט יידן אין די שווערע צייטן. אונטן, צופוסנס די ביי־מעלעך זעט מען קליינע ברעטעלעך מיט נעמען פון די יידן־רעטער. נעמען פוילישע, האָלענדישע און אַפילו דייטשישע. כאָטש זיי זענען ווייניק, די דאָזיקע נעמען, פילן זיי אָן מיט טרייסט און האָפענונג. ווייל איין מענטשלעכער מענטש וועגט אַריבער טויזנטער רשעים. ווען פון די קליינע ביימעלעך וועלן מיט דער צייט ווערן גרויסע ביימער וועלן זיי זיך אָנבייגן איינער צום צווייטן און זיך דערציילן דאָס און תפילה טאָן פאַר די מיליאָנען נשמות וועלכע וועלן דאָ שטענדיק ארומשוועבן אָן אַ תיקון.

וואָס איז מכוח דעם יידיש פון מאה שערים?

ס'איז נישט פאַראַן, דוכט זיך מיר, קיין אָנגענעמערס פאַרן מענטש־לעכן געהער ווי אויפצוכאַפּן די ערשטע קלאַנגען און ווערטער וואָס עס הייבן אָן אַרויסצוזאָגן קינדער. אַ לשון, וואָס עס ברענגען אַרויס אויף די ליפּן קליינע קינדער, איז פאַרזיכערט מיט קיום און המשך — אָט די צוויי ווערטער וואָכ לאָזן אונדז נישט צורו די לעצטע יאָרן. דורך דעם ליבן געפּלאַפּל פון קליינוואַרג איז אַ לשון מער פאַרזיכערט ווי דורך אָנגענומענע רעזאָלוציעס און ספּעציעל געשאַפענע קאָמיטעטן, וואָס דאַרפן זיך מרחם זיין איבערן דאָזיקן לשון. דערביי גיבן זיך די קינדער גאָרנישט די מי פאַר דעם בעת זייער אָנהייבן אַרויסצולאָזן פון זייערע מיילעכלעך קלאַנגען און טראָפּן און זיי ווייסן אפילו נישט וואָס פאַר אַ וויכטיקע שליחות זיי דערפילן, שפּילנדיק זיך אין באַהעלטע־לעך און יאָגעלעך, אָדער מאַכנדיק פאַרשידענע קאַפּריזן ביים נישט וועלן שלאָפן גיין, אָדער ביים נישט וועלן אויפעסן די זופּ.

האָבנדיק דעם דאָזיקן באַוווסטזיין, בין איך זייער עמפּינדלעך ביים דערהערן קינדער פּלאַפּלען יידיש, וואָס דאָס טרעפט זיך מיר, אגב, גאָרנישט אזוי אָפט. אָבער ווען דאָס טרעפט שוין יאָ אַמאָל בלייב איך אַ פאַרגאַפטער און נעם דאָס אויף מיט חידוש, ווי איך וואָלט דערהערט דעם אָפּקלאַנג פון מיין אייגענער קינדהייט.

אַמאָל האָט זיך יידיש גערעדט, ווי ביאַליק האָט זיך אויסגעדריקט, וועלנדיק אונטערשטרייכן דעם נאַטירלעכן גאַנג פון יידיש לשון. העבּ־רעאיש, האָט ער געזאָגט, ווי באַקאַנט, רעדט מען און יידיש רעדט זיך. יאָ, יידיש האָט זיך גערעדט אַליין, פון זיך (הייננט נאָך אויך אָבער נישט מיט אַזאַ פאַרנעם און נישט מיט אַזאַ כוח הדיבור ווי אַמאָל). מען האָט יידיש נישט געדאַרפט אונטערשטופּן, מינטערן, וועקן און אוודאי נישט פּיקן די צונג. פאַר דער עקזיסטענץ און המשך פון יידיש האָט מען גאָרנישט געדאַרפט טאָן. ס'האָט זיך שוין אַליין געטאָן.

מיט אַ צייט צוריק, זייענדיק איינמאָל אין אַנטווערפּן און געפּי־נענדיק זיך ערגעץ אין אַ קנויל פון הינטערגאַסן, נישט ווייט פונעם צענ־טער בין איך פּלוצלינג שטיין געבליבן, דערהערנדיק קינדערישע שטי־מעלעך רעדן יידיש. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ חלום. איך האָב געמיינט אַז איך געפין זיך ערגעץ אין אַ וואַרשעווער היימישן הויף אין די יאָרן פון פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה.

איך האָב זיך גלייך אַריינגעלאָזט אין מיטן פון דעם געזעמל זיבן־אַכט־יאָריקע יאַטלעך בכדי צו רעדן מיט זיי, צו שטעלן זיי פראַגן וועגן וואָס עס זאָל נישט זיין, בלויז צוליבן נחת צו הערן זיי ענטפערן.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דאָס זענען קינדער פון פרומע עלטערן, וואָס שטאַמען פון אונגאַרן און פון פוילן, וועלכע וווינען מערסטנטייל אין אַנטווערפּן זינט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. דאָרטן איז פאַראַן אַ יידישע שול פון אַ רעליגיעזן כאַראַקטער, אין וועלכער עס לערנען אָט די קינדער. די שול געפינט זיך טאַקע דאָ נישט ווייט. אַחוץ דעם וואָס זיי לערנען דאָרטן פלעמיש, פראַנצויזיש, רעדט מען מיט זיי יידיש, וואָס איז זיכער נישט קיין לימוד. אָבער די קינדער אויף דער גאַס וואָס איך האָב באַגעגנט, האָבן צווישן זיך און מיט מיר גערעדט יידיש, וואָס דאָס באַווייזט אַז יידיש ביי זיי רעדט זיך און אַז אין דער היים רעדט מען און מען רעדט מיט זיי יידיש.

**
*

דאָס צווייטע מאָל, ווען איך האָב די לעצטע יאָרן געהערט קינדער רעדן יידיש, איז געווען אין ישראל. גענוי — אין ירושלים. גענויער — אין מאה שערים. דאָס איז געווען בעת מיינע באַזוכן אין אָט דעם אייגנאַר־טיקן קוואַרטאַל פון די פרומע שבפרומע יידן, וואָס פרומער קען שוין נישט זיין.

ווען איך פלעג זיך פון צייט צו צייט, אין ישראל זייענדיק, באַ־קלאָגן אויף דער מערכה פון יידיש, פלעגט מען אָפּט — צי צוליב טרייסטן מיך, צי בכדי צו געבן מיר אַ פאַרגיטיקונג —– מיר אַ זאָג טאָן: „אין מאה שערים, זעט איר, דאָרטן וועט איר הערן יידיש. איר וואָלט זיך געדאַרפט צוכאַפּן אַהין״.

איך האָב זיך צוגעכאַפּט אין מאה שערים איין מאָל און אַ צווייט מאָל, נישט בלויז צוליבן הערן יידיש. איך האָב געוווסט אַז נישט בלויז רעדט מען דאָרטן יידיש, נאָר אַז דאָרטן רעדט זיך יידיש און אַז עס הערט זיך יידיש. איך האָב געוווסט אַז איך דאַרף זיך דאָרט נישט אַהינ־

כאַפּן ספּעציעל צוליב דעם. איך וועל דאָרטן זיין, וועל איך שוין במילא הערן מאַמע־לשון, ווייל קיין אַנדער לשון הערט מען דאָך דאָרטן סיי ווי נישט.

וואָס נענטער מען קומט צו צו מאה שערים, אַלץ מער טונקלט אין די אויגן פוןברייטע הויכע שוואַרצע קאַפּעלושן, פון שטריימלען און באָרד־און־פּאות, פון אַלע מינים און פון אַלע גרייסן, און דער עיקר וואַרפן זיך אין די אויגן די גרויסע צעפּלאָטערטע פּאות פון די ישיבה־בחורים, ווי לאַנגע שיינע מיידלשע צעפּ. אוי, ווען זיי ווייסן וואָס פאַר אַ לילית־פאַרגלייך איך מאַך אויף זייער חשבון, וואָלטן זיי מיר דאָס נישט געשענקט, זיי וואָלטן מיך נאָך געקענט פאַר דעם דורסן. וואָס אָן אמת, איז מען אין ירושלים, אחוץ מאה שערים, אויך נישט אַזוי אויס־געהונגערט צו זען יידן מיט באָרד־און־פּאות. דער אונטערשיד אָבער צווישן מאה שערים און דעם איבעריקן טייל ירושלים איז דער, וואָס אין ירושלים קען מען זען אַנדערש־געקליידעטע יידן אויך און אין מאה שערים זעט מען בלויז דעם איינהייטלעכן ספּעציפישן לבוש און אויסזען. איך וואָלט דאָ געקענט פאַראַפּראַזירן דעם נוסח פון „מה נשתנה” אויף אַזאַ מין אופן: אין ירושלים, ווייל מען קאָן מען זען אי באָרד־און־פּאות און אי גאָלע בראָדעס, אָבער אין דאָזיקן קוואַרטאַל פון מאה שערים קאָן מען זען נאָר כולו באָרד־און־פּאות.

אַז פריינט מיינע האָבן מיך אַריינגעפירט אין מאה שערים, האָב איך צו זיי געזאָגט: נו, און איצטער קענט איר גיין אַהיים און מיך דאָ איבערלאָזן אַליין. איך וויל מיר דאָ אַרומגיין אָן דעם עול אַז מען וואַרט אויף מיר. איך וויל נישט האָבן דאָס געפיל אַז מען באַגלייט מיך און אַז מען פירט מיך.

— איר וועט דאָך נאָך פאַרבלאָנדזשען — האָט מען מיר געענט־פערט.

— ווו וועל איך פאַרבלאָנדזשען? — האָב איך געזאָגט — איך בין דאָך נישט אין דער פרעמד, איך בין דאָך אין ישראל, צווישן יידן.

און אַזוי בין איך געבליבן איינער אַליין און פון דעסטוועגן נישט איינער אַליין, צווישן יידן.

מיין כוונה איז נישט איצטער צו געבן אַ בילד פונעם לעבן און אויסזען פון מאה שערים, נאָר דער עיקר דערציילן וועגן דעם יידיש אין מאה שערים, וואָס איך האָב אים דאָרטן אומעטום געהערט. און דאָ קען איך ווידער פאַראַפּראַזירן דעם נוסח פון „מה נשתנה”, און דהיינו: אין ירושלים קאָן מען הערן אי העברעאיש און אי יידיש, אָבער אין דאָזיקן קוואַרטאַל פון מאה שערים קאָן מען הערן נאָר כולו יידיש.

יאָ, עס איז טאַקע אַזוי. און אַרומשלייכנדיק זיך דאָ אין די פּיטאַ־רעסקע געסלעך, הער איך זיך אומישנע צו צו די שמועסן פון די פיש־הענדלער און גרינצייג־פּאַרקויפער מיט זייערע קונים ביי די שטעלן, צו די קרעמער אין די געוועלבלעך, צו די פּאַרבייגייענדיקע ישיבה־בחורים און דער עיקר, צו די קינדער, וואָס שפּילן זיך אין דרויסן. אַלע אָן אויסנאַם רעדן יידיש. דאָ רעדט מען יידיש נישט צוליב דעם ווייל מען וויל עמעצן טאָן אַ טובה דערמיט, אָדער ווייל מען הערט זיך צו צו די הייסע אַפּעלן פון די יידישיסטן און יידישע שרייבער, צו גאָר דערפאַר ווייל גאַנצע טעג האָט מען אין זינען בלויז די צוויי עיקר־ווערטער „המשך" און „קיום". און אָסור צי מען פרעגט זיך דאָ נאָך אויף די לעצטע אויס־לייג־תקנות פון „ייווא".

קיין שום שפּראַך ווערט נישט געבוירן אין די אַקאַדעמיעס, נאָר אין פאָלק. אין זיינע טיפענשן פאָרמירט זי זיך, אַנטוויקלט זיך, נעמט אָן די מראה פון לעבן, מאַכט דורך פאַרשידענע גילגולים, ווערנדיק באַניצט אין די צווישן־באַציאונגען פון מענטשן, וואָס שמידן זי אויס מיט זייערע מיילער און שלייפן זי אויס מיט זייערע צונגען. די אַקאַדעמיעס און אינסטיטוטן פאַר פילאָלאָגיע קומען שוין צום גרייטן, צום פאָלירן און פאַרשענערן דאָס לשון, אָבער ווען נישט דאָס פאָלק, די מאַסן רעדערס פון דעם לשון, וואָלטן זיי נישט געהאַט וואָס צו פאָלירן און וואָס צו פאַרשענערן אין זייערע קאַבינעטן.

מער פון אַלץ האָט מיך אינטערעסירט צו הערן אַרויסרעדן דעם יידיש פון די קינדער אין מאה שערים. עפּעס אַן אינסטינקט האָט מיך געטריבן צו דעם. ווי איך וואָלט געפילט אינטואיטיוו אין זיי פּאָטענ־ציעלע און קומענדיקע לייענער פון דער יידישער ליטעראַטור, כאָטש ווער ווייסט צי זיי וועלן דאָס זיין. איך בין זיי פּשוט נאָכגעגאַנגען אויף שריט און טריט בכדי זיך איינצוהערן וואָס אַזוינס זיי זאָגן, אָדער סתם אַזוי בכדי צו הערן פון זיי, און דווקא פון זיי, די קלאַנגען פון יידיש. אָט זע איך ווי עס לויפט פאַר מיר פאַרביי אַ קליינער פּעמפּיק, אַ ווייסער חברהמאַן, ווי דער זיידע מענדעלע וואָלט געזאָגט, און שרייט עפּעס. איך כאַפּ אויף אַ פראַזע, אַ געמיש פון יידיש און עברית. — אַ גלגל איז אַראָפּגעפאַלן פון וואָגן!

דאָס מיינט, אַ ראָד איז אַראָפּגעפאַלן פון וואָגן. ער וואַרפט פון דעסטוועגן אַריין אַ העברעאיש וואָרט אויך. ער „אַסימילירט" זיך. מען איז דאָך פאָרט אין ישראל. דאָס אַרט מיך גראָד קנאַפּ. אין אַלע לענדער ווו מיר לעבן מישט מען אַריין אין יידיש ווערטער פון דער לאַנד־שפּראַך. פאַרוואָס זאָל מען דאָס נישט טאָן אויך אין ישראל?

איבעריקנס, אויסשליסלעכע העברעאיש־רעדערס פון די מזרח־עדות, וואָס האָבן קיינמאָל קיין יידיש נישט געקענט, האָבן אויך אָנגעהויבן, גאָר פּאַרקערט, אַריינצומישן אין זייער העברעאיש יידישע ווערטער און פראַזן. האָבן מיר שוין דאָ פאַר דעם אונדזער סאַטיספאַקציע און קאָמפּענסאַציע. בכלל מאַכן זיך אַלע לשונות גמילות חסדים איינער ביים אַנדערן, בפרט לשונות וואָס עס קומט זיי אויס צו הויזן צוזאַמען אויף איין באָדן. פאַר־שטייט זיך, אַז די הערשנדיקע שפּראַך דאַרף ווינציקער אָנקומען צו דעם ווי די קבצנים.

איבער דער ברייט פון דער גאַס זע איך העגנגען גרויסע לייוונ־טענע באַנדעראָלן מיט אויפשריפטן ווו מען אַפּעלירט צו דער יידישער טאָכטער, אַז זי זאָל נישט גיין אָנגעטאָן פריציש, דאָס מיינט פאַרשייט, מיט אָפּגעדעקטע אָרעמס און אַזוי ווייטער. מיך אינטערעסירט דאָ מער דער שפּראַך־ענין, ווי די אָפּגעדעקטע אָרעמס. דער קול־קורא „צו דער יידישע טאָכטער" איז געשריבן דריי שפּראַכן: ענגליש, העברעאיש און יידיש. הייסט עס, יידיש איז דאָ מיט לייטן גלייך. אויף קיין שום אָפיציעלן אַמט אין ישראל וועט מען אַזאַ גלייכבאַרעכטיקונג נישט זען. איך בין זיכער אַז די מאה שערים־יידן טוען דאָס נישט בכדי ספּעציעל אָפּצוגעבן כבוד יידיש. זיי האָבן לחלוטין נישט אָט די כוונה דערביי. זיי טראַכטן גאָרנישט פאַר וואָס זיי טוען דאָס. אָדער זיי טוען דאָס גאַנץ פשוט דערפאַר ווייל זיי רעדן אויף אָט דער שפּראַך, וועגדן זיי זיך דעריבער אויך אויף איר אין אַן ענין וואָס זיי האַלטן פאַר וויכטיק. זיי גייען אַרויס בלויז פונעם אוטיליטאַרן שטאַנדפּונקט.

אויף דער זעלבער טעמע, צו פאַרהיטן די יידישע טאָכטער פון פאַרשייטקייט, זע איך אויך אויפגעקלעפּט אויף די ווענט קליינע אַפּישלעך, אָבער זיי זענען שוין געדרוקט בלויז אויף יידיש. דער יידיש, נאַטירלעך, האָט דאָ נישט דעם אויסלייג פון „ייוואָ". ער זעט אויס ווי פון אַן אַלטער צאינה וראינה, אפשר נאָך פון די צייטן פון אליהו בחור. איך האָב זייער חשק געהאַט אַראָפּצורייסן אַזאַ אַפּישל פון דער וואַנט און עס מיר באַהאַלטן פאַר קוריאָזיטעט און פאַר יידיש־פאָרשונג. איך האָב זיך אָבער געמוזט אָפּ־האַלטן פון דעם, ווייל איך וואָלט די יידן נישט געקענט איבערצייגן אַז איך טו דאָס נאָר צוליב פילאָלאָגישע טעמים און זיי וואָלטן געוועזן זי־כער אַז איך בין זייערס אַ קעגנער און איך וויל אַז יידישע פרויען זאָלן יאָ אָפּדעקן זייערע אָרעמס און איך וואָלט נאָך געקענט פאַר דעם אריינ־כאַפּן פון זיי אַ פּסק.

מען זאָגט אין ישראל, אַז די יידן אין מאה שערים רעדן יידיש

דערפֿאַר ווייל זיי באַטראַכטן אונדזער מאַמע־לשון פֿאַר אַ וואָכעדיקע שפּראַך. העברעאיש איז לשון־קודש, מיט וועלכן זיי באַניצן זיך אויף צו לויבן גאָט און יידיש איז פֿאַרן טאָג־טעגלעכן שפּראַך־באַנוץ. מיין איך, אַז אונדז דאַרף נישט אָנגיין צוליב וואָס מען רעדט, אַבי מען רעדט. און מען דאַרף זיך אַבסאָלוט נישט פֿילן באַליידיקט פֿון דעם וואָס מען רופֿט אָן יידיש אַ וואָכעדיקע שפּראַך. נישקשה, אַ סך יום־טובדיקייט איז אַרויס פֿון אָט דער וואָכעדיקייט. אַמאָל האָט מען יידיש אָנגערופֿן זשאַרגאָן, די שפּחה, די דינסט־מויד. הלוואי וואָלט יידיש היינט געווען אַזאַ דינסטמויד מיט אַזעלכע געזונטע רויטע באַקן, ווי זי האָט געהאַט. אָט די דאָזיקע דינסט־מויד האָט דאָס אויסגעהאָדעוועט און אויסגעניאַנ־טשעט אַזאַ שיינע און גרעאָטענע יידישע ליטעראַטור.

אַלע מאָל, ווען איך טראַכט וועגן יידיש אין מאה שערים, זוך איך אָן ענטפֿער אויף דער פֿראַגע וואָס איך שטעל זיך אַליין: פֿאַרוואָס איז נאָך ביז איצטער נישט אַרויסגעוואַקסן פֿון צווישן די יידיש־רעדנדיקע ישיבה־בחורים אַ יידישער שרייבער, אַ יידישער דיכטער, ווי דאָס איז געווען צווישן די ישיבה־בחורים און לערנער אין רוסלאַנד, ליטע און פּוילן? און אַז אַלע קענען דאָ יידיש דאָס ווייס איך. און אַפֿילו אַזעלכע וואָס קומען דאָ אַהער לערנען פֿון אויסלאַנד און האָבן פֿריער יידיש נישט געקענט, לערנען זיי זיך דאָ בעל־כרחו מאַמע־לשון. איך קען צוויי בחורים, וואָס זענען געקומען קיין ישראל פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן. דאָרטן האָבן זיי געלערנט אין אַ ישיבה־אוניווערסיטעט און זיי האָבן געקענט בלויז ענגליש און העברעאיש און יידיש כמעט ווי גאָרנישט, און דאָ האָבן זיי זיך אויסגעלערנט יידיש, ווייל דער ראש־ישיבה פֿאַרטייטשט זיי דאָס לערנען אויף יידיש.

פֿאַרוואָס־זשע קומט נישט אַרויס פֿון די ישיבות און בתי מדרשים אין מאה שערים, ווי אַמאָל אין אונדזערע היימישע מקומות אין מזרח־אייראָפּע, אַ הערש־דוד נאָמבערג, אַ ישראל שטערן, אַ חיים גראַדע?

איך האָב נישט איין מאָל פּרובירט זיך אַליין צו געבן אָן ענטפֿער דורכן באַמיען זיך צו דערזען דעם אונטערשיד פֿון דער צייט, פֿון די אומשטענדן און פֿאַר דער סביבה פֿון יענע און פֿון די ישיבה־בחורים. די לערנער אַמאָל אין די ישיבות פֿון מזרח־אייראָפּע האָבן נישט געלעבט אין אַזאַ אָפּגעזונדערטער און הערמעטיש־פֿאַרמאַכטער וועלט, ווי עס איז מאה שערים. דאָרטן האָט אַרום זיי געברויזט און געקאָכט מיט געזעל־שאַפֿטלעכע באַוועגונגען און אידעען, וואָס עס איז נישט געווען אַזוי לייכט צו פֿאַרמיידן אַז זיי זאָלן אויך אַריינדרינגען צו זיי און זיי אָנשטעקן מיט ספֿקות און פֿרווון פֿון חשבון־הנפש. און נישט איין מאָל האָט מען

אַנגעהויבן צו געפינען טריפה פסולס אונטער די בלעטער פון די גמרות. אַלץ האָט זיך ביי זיי געקענט אָנהייבן פון אַ גאָרנישט, פון אַ קלייניקייט: פון זיך פאַרקירצן אַ פאה, פון „פאַרגעסן” אָנצוטאָן דעם ארבע כנפות, וואָס אויך די דאָזיקע אויסערלעכע סימנים פון פרומקייט האָבן געקענט שפּילן אַ ראָלע. זיי האָבן אַפילו געקענט זיין אַמאָל דער באַוויז פון אידענטיטעט פאַר דער צאַרישער פּאָליציי. מען פלעגט טאַקע דערציילן, אַז אין די צייטן פון פינפטן יאָר האָט געקענט פּאַסירן אַז אַ גאָראָדאָוואָי צי אַ קאָזאַק זאָל נאָכן פאַנאַנדערטרייבן אַ דעמאָנסטראַציע אָפּשטעלן אַ יונגנמאַן און וועלנדיק דערגיין צי ער איז נישט אַמאָל אַ בונטאָוושטשיק, זיך ווענדן צו אים: „העי, פּאָקאַזשי, ציצעלע אימעיעש ?”

ס'איז נישטאָ קיין געפאַר, פאַרשטייט זיך, אַז מען זאָל ביי די יונגע־לייט אין מאה שערים זוכן די ציצית צוליב אַזאַ אָדער אַנדערער סיבה, און ס'איז אויך נישטאָ קיין געפאַר אַז מען זאָל ביי זיי די ציצית נישט געפינען. די ישיבה־בחורים און אַנדערע איינוווינער פון מאה שערים זענען מיט זייער יידיש לשון איזאָלירט פון דער וועלט, אַפילו פון ישראל, פאַרמאַכט מיט די סימבאָלישע הונדערט טויערן, די מאה שערים, און גאָרנישט פון אונדזער תקופה און פון דער אויסערלעכער וועלט דרינגט אַריין צו זיי, וואָס זאָל ביי זיי איבערמישן די בלעטער פון די גמרות און איבערמישן זייערע רעיונות.

אפשר וועט נאָך די צייט דורכברעכן די דאָזיקע טויערן און אפשר וועלן נאָך נייע שאַפונגס־קערנער אויפגיין און געדייען פון דעם יידיש־באָדן אין מאה שערים און זיי וועלן ברענגען צום טיש פון דער יידישער ליטעראַטור נייע זאַפטיקע און געשמאַקע פירות. הלוואי. מיר וועלן גערן מאַכן איבער זיי אַ שהחיינו און נהנה זיין פון זיי.

.1965

דענקמעלער אין ישראל

לא תעשה לך פסל — דער דאָזיקער יידישער געבאָט פון די אוראַלטע צייטן, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין וואָרענען נישט צו מאַכן זיך קיין אָפּגאָט, קיין געטשקע — איז נישט בטל געוואָרן אין משך פון לאַנגע דורות און איז געבליבן אין אַ געוויסן זין גילטיק ביז צו אונדזערע טעג. דער עיקר ווערט דער דאָזיקער געבאָט אויפגעהאַלטן אין ישראל, ווו די שטרענגע געטריישאַפט צו דער מסורה מצד די רעליגיעזע קרייזן לייגט אַ געוויסן חותם אויפן אַלגעמיינעם לעבן.

אויב געפינט זיך שוין יאָ ערגעץ־ווו אַ דענקמאָל, אויף גאָר זעלטענע ערטער, איז ער פון אַזאַ אַבסטראַקט־סימבאָלישן כאַראַקטער, אַז ער קען נישט אַרויסרופן אַ געפיל, אַז מען וויכט דאָ אָפּ פונעם געבאָט, און פאַרבאָט, בנוגע דעם „פסל״, וועלכער בלייבט אַלץ פסול.

אַזוי איז דער אייגנאַרטיקער דענקמאָל פאַר די ישראל־אַוויאַטאָרן אין גן־העצמאות ביים ברעג ים אין תל־אביב, וואָס שטעלט נישט פאָר קיין סטאַטוע פון אַ העלדישן פליער, נאָר בלויז פאַנאַנדערגעעפנטע, צעשפּרייטע מעטאַלענע פליגל אין מעכטיקן שווונג פון פלי. אַ צווייטער דענקמאָל אין רמת־גן, צום אָנדענק פון דב גרונער, שטעלט פאָר אַ לייב וואָס ראַנגלט זיך מיט אַ קלענער לייבעלע (דעם לייב, האָט אונדזער טראַדיציע אַ געכשרט...). און אַזוי ווי דער לייב איז דער סימבאָל פון גרויס־בריטאַניע, פּאַלט עס דאָ אויס צופעליק ווי געוווּנטשן, ווייל דער געראַנגל פון קליינעם לייבעלע מיטן גרויסן לייב דאַרף דאָ זיין אַ רמז אויפן יידישן ווידערשטאַנד־קאַמף אין ארץ־ישראל קעגן דער ענגלישער מאַנדאַט־מאַכט.

בלויז אין קיבוץ יד־מרדכי איז מיר אויסגעקומען צו זען אַ רעאַליסטישע סקולפּטור. דאָס איז די סקולפּטור פון מרדכי אַנילעוויטש (אויף וועמענס נאָמען עס רופט זיך דער קיבוץ), אויסגעפירט דורכן סקולפּטאָר נתן ראַפּאַפּאָרט. די סקולפּטור, וואָס געפינט זיך אויף אַן אָנגעזען אָרט

אין קיבוץ, איז פון דעסטוועגן אַ מין אָפּווייכן פון אַן אַלטן איינגעשטעלטן מנהג. זי איז אָבער, וואָלט איך געזאָגט, אַ יוצא מן הכלל. יד־מרדכי איז אַ קיבוץ פון השומר־הצעיר, נאָענט פונעם עזה־געביט, ביים ראַנד פון שנאה און האַס. די אימפּאָזאַנטע בראָנדזענע געשטאַלט פונעם קאָמענ־דאַנט פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, מיט זיין גראַנאַט אין האַנט, גרייט צו שליידערן אויף די שונאים — שטייט דאָ ווי אַ וואָרענונג און מאַכט אַ טיפן איינדרוק מיט זיין אַנטשלאָסנקייט און קאַמפּס־גרייטקייט. אונטן, אין קיבוץ גופא, געפינט זיך פּערמאַנענט דאָס רעקאָנסטרואירטע שלאַכטפעלד, וואָס האָט דאָ געהאַט אַן אָרט בעת דער מלחמת השחרור אין יאָר 1948 און וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען די „זעקס טעג פון יד־מרדכי", זעקס קאַמפּס־טעג, וואָס האָבן דעצידירט אינעם אויסגאַנג פון דער באַפרייאונגס־מלחמה. די געשטאַלט פון מרדכי אַנילעוויטש דאָ־מינירט דאָ איבער די צעשטעלטע פיגורן פון די מצרישע סאָלדאַטן אין זייערע אַנגריפס־פּאָזיציעס און עס מאַכט דעם איינדרוק ווי אָט־אָט וועט זיי דער קאָמענדאַנט פון געטאָ־אויפשטאַנד מיט זיין גבורהדיקן אָרעם אָפּשטעלן און צעשמעטערן, אַזוי ווי ער האָט עס געטאָן אַמאָל מיט די עס־עס־אָפּטיילונגען אין וואַרשעווער געטאָ.

***

אין ישראל האָט זיך אָבער אַנגענומען אַן אַנדערער אופן פון באַערן דעם אָנדענק פון אירע געפאַלענע זין, אַן אופן, וועלכער שיידט זיך בולט אונטער פון די קאָנווענציאָנעלע שטיינערנע מאָנומענטן. דאָס זענען אָנ־דענק־בנינים, און גלייכצייטיק מוזייען און קולטור־אַנשטאַלטן, אין פאַר־שידענע שטעט פון לאַנד, לזכרון די געפאַלענע ישראל־זעלנער פון זינט דער באַפרייאונגס־מלחמה ביז דער מלחמה פון יוני 1967. די דאָזיקע אָנדענק־בנינים טראָגן דעם נאָמען: „בית יד לבנים". יעדע עיריה (מו־ניציפּאַליטעט) האָט דעם באַגער און דעם הייליקן חוב אויפצושטעלן אַזאַ מין בנין־דענקמאָל אין איר שטאָט, ווו מען זאָל זיך קענען קומען מתיחד זיין מיט אירע געפאַלענע קינדער.

און אפשר האָט טאַקע דער אוראַלטער פאַרבאָט פון לא תעשה לך פסל באַוויגן און געשטויסן צו זוכן אָט די אַנדערע אופנים און פאָרמען פון באַערונג, מער אייגנאַרטיקע און מער ווירדיקע, אויפן אָרט פון דער סטאַטוע, צי אַפילו מצבה־שטיין? דער שטיין, ווי איינדרוקספול ער זאָל נישט זיין, קען ער זיך געפינען ערגעץ אַ פאַראיינזאַמטער און מען זאָל אים זעלטן באַמערקן. דער שטיין — דאָס איז שטומקייט און פאַרגלי־

ווערטקייט. ער איז טויט און ער איז דער המשך פונעם .טויט פון יענע, וואָס ער דאַרף באַערן. דאַקעגן דער אָנדענק־בנין איז אָנגעפילט מיט דינאַמישקייט מיט אינטענסיווקייט, מיט לעבן און ער איז דער המשך פונעם לעבן פון די, וואָס האָבן דאָס לעבן אַוועקגעגעבן פאַרן לעבן פון פאָלק און לאַנד.

אַזוי האָב איך באַנומען דעם זין און די אידעע פון אויפשטעלן די בתי יד לבנים, וואָס איך האָב באַזוכט אין רמת־גן, אין פתח־תקוה און אין תל־אביב.

**
*

די דאָזיקע אידעע האָט זיכער אויך באַוויגן דעם סקולפּטאָר מאיר נחשתון, פון קיבוץ אשדות־יעקב אין עמק הירדן, צו באַערן זיינע צוויי געפאַלענע זין אורי און רמי דורך גרינדן אַ מוזיי אין קיבוץ אויף זייער נאָמען.ביידע זין פונעם קיבוץ־קינסטלער, וועלכע זענען אַליין געווען באַגאַבטע קינסטלער, סקולפּטאָרן און גראַפיקער, זענען אומגעקומען אין זייער יוגנטלעכן בליִ. אורי בעת דער באַפרייאונגס־מלחמהביים פּאַרטיי־דיקן די שטאָט לוד, און רמי — מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, צעביסן פון אַ שלאַנג ביים אויפשטעלן אַ נייעם קיבוץ. ביידע האָט די פיינטלעכע שלאַנג פאַרכאַפּט און זיי גובר געווען. מאיר נחשתון האָט געוווסט ווי אַזוי צו פאַרוואַנדלען זיין פאַרצווייפלונג אין דערהויבענע מעשים, וואָס זאָלן אים ברענגען טרייסט און געבן אַ תיקון דעם אָנדענק פון זיינע צוויי זין. דער מוזיי פון קיבוץ אויף זייער נאָמען איז אַ היכל פון קונסט, וואָס מען קומט באַזוכן פון גאַנצן לאַנד. דער קיבוץ אשדות־יעקב געפינט זיך נאָענט פון דער יאַרדאַנישער גרענעץ און האָט אָפט אויסצושטיין פון אַטענטאַטן און מערדערלעכע באַשיסונגען. אויך דעם מוזיי דראָען סכנות, ווי זיי האָבן געלויערט אַמאָל אויף די, לכבוד וועמען ער איז אויפגעשטעלט געוואָרן. זייערע נעמען זענען, אַפילו נאָך זייער טויט, פאַרמישט אין די געראַנגלען פון לאַנד, ווי אַמאָל, ביי זייער לעבן.

**
*

די געדענק־הייזער פון רמת־גן און פתח־תקוה זענען נישט די אי־דעע און דאָס ווערק פון אַ פאָטער אויף צו באַערן זיינע זין, נאָר דאָס ווערק פון שטעט לזכרון זייערע געפאַלענע קינדער. סיי דאָ און סיי דאָרט איז דאָס הויז, אָדער קאָמפּלעקס פון הייזער, אַ רשות הרבים. עס איז כולל אין זיך אַלץ פאַראַמאָל: אָנדענק־הויז, קולטור־הויז, אָפּרו־הויז (פאַר זעל־

נער פון צה״ל), מוזיי פון געשיכטע און אַנטשטייאונג פון דער שטאָט, זאַלן פאַר אויסשטעלונגען, פאַר לעקציעס און רעפעראַטן, דערציאונגס-אַנשטאַלט, ביבליאָטעק.

ווען איך האָב באַזוכט דעם בית-יד-לבנים פון רמת-גן איז דעמאָלט גראָד געווען אַ צונויפקום פון אַ הונדערט און פופציק קינדער, תלמידים פון די מיטלשול-קלאַסן, וועלכע זענען געקומען קאָלעקטיוו זיך באַקענען מיט דעם אַנשטאַלט. איך האָב זיי אָבסערווירט בעת זיי זענען געזעסן אין זאַל און מען האָט זיי פון דער עסטראַדע דערציילט עפּיזאָדן פון די מסירת-נפשדיקע קאַמפן פאַר אומאָפּהענגיקייט, אין וועלכע די יוגנט האָט זיך גאָר באַזונדערס אויסגעצייכנט. זייערע געזיכטער האָבן געלויכטן דערביי. געווען צווישן זיי בלאָנדע, ברונעטע, טונקל-הויטיקע, פון פאַרשידענע קאָלירן און אָפּשטאַם. אַ קיבוץ-גלויות אין אַ קליינעם זאַל. איך האָב געזען אין זיי דעם איינהייטלעכן טיפּ ישראל-ייד פון מאָרגן, די צוקונפטיקע אויסגעשמידטע ישראל-נאַציע, פאַרבונדן דורך איין געמיינזאַמען גורל, קולטור און לעבנס-שטייגער.

דער אָנדענק-זאַל פון בית יד לבנים טראָגט אומעטום דעם זעלבן כאַראַקטער: אויף די ווענט — די נעמען פון די געפאַלענע פון דער שטאָט. זיי געפינען זיך אויך אין אַ ספּעציעלן ספר-הזכרון, וווּ יעדן פון זיי איז געווידמעט אַ בלאַט. דאָ איז פאַראַן אַ קורצע ביאָגראַפיע, אַ בילד, און אויפגעהיטן מיט פּיעטעט איז יעדער פּרט וואָס האָט אַ שייכות צום לעבן און טויט פון יעדן איינעם. אין זעלבן זאַל — פאַרשידענע אָנדענק-קעגנשטאַנדן, פּערזענלעכע חפצים און אָביעקטן, און ועל כולם: זייער כלי-זיין, מיט וועלכן זיי האָבן זיך העלדיש געשלאָגן.

דער בית-יד-לבנים האָט זיינע קונסט-אוצרות, געשאָנקענע פון יחידים. זיי האַלטן זיך אין איין פאַרמערן און פאַרבלייבן דאָס שטענדיקע אייגנטום פונעם אַנשטאַלט. גלייכצייטיק גיט אָפּ דאָס הויז זיינע ווענט פאַר צייטווייליקע אויסשטעלונגען פון היינטצייטיקע ישראלדיקע קינסטלער.

***

דער בית-יד-לבנים אין פּתח-תקוה איז באמת אַ גראַנדיעזע זעענס-ווירדיקייט אין לאַנד-מאַסשטאַב. ער געפינט זיך אויף אַ פרייען פּלאַץ הינטער דער שטאָט. ער באַשטייט פון אַ קאָמפּלעקס בנינים און גוט-געפלעגטע באַגראָזטע שטחים. דער פאַרנעם זייערער איז פיל גרעסער ווי אין רמת-גן. דער קולטור-כאַראַקטער איז דאָ דער זעלבער. אויף די ווענט פון איינעם פון די זאַלן זע איך העגנגען בילדער פון אַ מאָדערניסטישן חותם.

ס'קומט איצטער גראָד פאַר אַן אויסשטעלונג פון אַ ישראל־מאָלערין, די טאָכטער פון אַבראַשאַ בלום, קעמפער און קדוש פון וואַרשעווער געטאָ. דער מוזעאַלער טייל איז פון אויסערגעוויינלעכער וויכטיקייט. דאָ איז מיט אַלע פּרטים דאָקומענטירט און אילוסטרירט די אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון דער שטאָט פּתח־תקוה. דער זאַל לכבוד די געפאַלענע איז דער קדשי־קדשים פונעם בית־יד־לבנים. די אויפגעשריבענע נעמען פון די גבורים אויף די ווענט זענען גרויס אין צאָל (און אַלע מאָל קומען, ליידער, צו נייע). זיי זענען באַלויכטן מיט אַ דיסקרעטער יאָרצייט־שיין, וואָס רופט אַרויס געפילן פון פאַרכטיקייט און קדושה. און אונטן, אַרום זיי: אַלע מינים געווער, מיט וועלכע די געפאַלענע ישראל־זעלנער האָבן פאַרטיידיקט זייער היימלאַנד.

דער בית־יד־לבנים האָט דאָ אויך אַ באַזונדערן בנין, וואָס איז אַן אָפּרו־הויז, אַ פּאַנסיאָן פאַר זעלנער פון צה"ל, וועלכע פאַרברענגען דאָ זייערע קורצע אורלויבן. זיי ווערן געשיקט אַהער פון גאַנצן לאַנד און פון אַלע פאָרמאַציעס. דער פּאַנסיאָן איז כסדר אין באַוועגונג. דאָ קומט מען און מען גייט. בעת מיין באַזוך ווערט אין אַ דערבייאיקן זאַל געהאַלטן אַ וויכטיקע לעקציע פאַר אַ גרעסערער גרופּע זעלנער, טאַנקיסטן. איך טרעף דאָרטן אומגעריכט דעם יונגן טאַנקיסט, מיין פּלימעניק נחום רייסער. און כאָטש עס איז נישט דערלויבט פאַר קיין שום זייטיקן און ציווילן בייצווווינען די זעלנערישע מסיבה, פיל איך זיך דאָך ווי אַ מיטבאַטייליקטער; האָב איך דאָך דאָרטן אַן אייגענעם פאַרטרעטער...

דער גייסט פון בית יד לבנים איז מחייב די זעלנער וואָס קומען דאָ אַהער. רוענדיק — רוען זיי נישט איין, פאַרלירן נישט קיין צייט. זיי מאַכן אַדורך פאַרשידענע סטאַזשן, אינסטרוקציעס, הערן לעקציעס פון אַ טעכנאָלאָגישן און דערציערישן כאַראַקטער און גרייטן זיך אין אָט דעם הויז צו פאַרטרעטן מיט ווירדיקייט די, וועמען דאָס הויז איז געהייליקט.

בית יד לבנים איז נישט קיין מצבה לויט אַלטע אָנגענומענע באַגריפן. הגם דער ציל פון דעם הויז איז צו באַערן די טויטע, שלאָגט פון אים מיט לעבן און דורכן לעבן ווערן די טויטע געהייליקט און צוריק אַריינגעפירט אין לעבן.

דאָ ווערט פולשטענדיק מקוים דער טיף־יידישער און טיף־מענטשלעכער פּסוק, וואָס מען טרעפט אויסגעקריצט אויף אונדזערע יידישע מצבות זינט די סאַמע אוראַלטע צייטן: תהי' נשמותיהם צרורות בצרור החיים. זאָלן זיין זייערע נשמות פאַרקניפּט מיטן בונד פון לעבן.

.1969

דאָרט, ווו ס'איז געווען די היים פון שלום אַש און פון ראָמען ראָלאַן

די לעצטע צייט האָט זיך אָנגענומען אַ מאָדע און אַ מנהג צונויפ־צופאָרן צוויי שטעט פון פאַרשידענע לענדער, זיי צו פאַרצווילינגן, צו פאַרשוועסטערן. איך גלייב נישט אַז עס זאָלן זיין דערביי באַזונדערע סיבות, שייכותן, אָדער סמיכות־הפרשה, אַז נאָר די און די שטאָט זאָל צונויפגעפּאָרט ווערן מיט דער און דער שטאָט. ס'איז מסתמא פשוט, עס פאַלט עמעצן איין און עס פאַלט דער גורל: די מיט דער זאָלן פאַרקנסט ווערן, פאַרקרובישט און פאַרזיווגט ווערן און די צוויי שטעט ווערן דער־קלערט פאַר שוועסטער־קינדער.

ווען מען זאָל מיך פרעגן, מיט וועלכער שטאָט מען זאָל צונויפ־פאָרן בת־ים אין ישראל, וואָלט איך געענטפערט: מיט ווילנעוו אין דער שווייץ, און אַזוי אויך פאַרקערט, ווען מען וואָלט מיך געפרעגט דאָס זעלבע וועגן ווילנעוו.

פון דעם אַליין פאַרשטייט מען שוין אַז איך וואָלט נישט גלאָט אַזוי אין דער וועלט אַריין צונויפגעפּאָרט צוויי שטעט און אָן שום סיבה זיי באַהאָפטן ווי אַ סיאַמער צווילינג און אַז צווישן בת־ים און ווילנעוו האָב איך יאָ געפונען עפּעס אַזוינס וואָס זאָל באַרעכטיקן זייער צונויפפּאָר.

יאָ, איך האָב געפונען. און דאָס איז: קעגנזייטיקע ענלעכע מעלות זייערע, אַ גייסטיקע שייכות צווישן זיך, אַן ענלעכער גייסטיקער יחוס ביי ביידע: אין בת־ים האָט די לעצטע צוויי יאָר פון זיין לעבן געוווינט שלום אַש און זיין היים איז נאָך זיין טויט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מוזיי, אינעם שוין באַקאַנטן בית־שלום אַש, און אין ווילנעוו געפינט זיך די ווילע פון ראָמען ראָלאַן, ווו ער האָט לאַנגע יאָרן געוווינט, אָבער וואָס איז, אגב, אין קיין מוזיי נישט פאַרוואַנדלט געוואָרן.

שלום אַש און ראָמען ראָלאַן זענען ביידע געווען, יעדער אויף זיין

אופן, שרייבער פון אַן אויסערגעוויינלעכן פאַרנעם. רייזן פון ליטעראַרישן שאַפן, עמינענטע פאַרשטייער און קאָריפייען פון צוויי נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן. און אין ווילנעוו און אין בת־ים האָט יעדער פון זיי — איינער דאָ און איינער דאָרט — איבערגעלאָזט דעם לעצטן שימער פון זיין גרויסקייט און דעם סימן און חותם פון זיין ערדישן זיין.

איך האָב געטראַכט וועגן דעם איין מאָל זומער־צייט, זייענדיק אין ווילנעוו און געפינענדיק זיך לעבן דער צוגעשלאָסענער ווילע פון ראָמען ראָלאַן. די פאַרבינדונג צווישן איר און דעם הויז פון שלום אַשן אין בת־ים וואָס איך האָב באַזוכט מיט עטלעכע יאָר צוריק, בעת מיין פאַר־ברענגען אין ישראל, איז מיר גלייך געקומען אויפן זינען.

אויסערלעך איז באמת מיט גאָרנישט ענלעך ווילנעוו צו בת־ים און נישט בת־ים צו ווילנעוו. ווילנעוו איז אַ גרין מאָלעריש שווייצאַריש שטעטל, וואָס ליגט ביי דער אָזערע לעמאַן, צופוסנס פון הויכע גרינע בערג. בת־ים איז אַ העל־זוניק זאַמדיק שטעטל, וואָס ליגט ביים ברעג פון ים, ווי מען שטויסט זיך שוין אָן אַליין פון דעם נאָמען אירן, כאָטש אָנצושטויסן זיך אויפן ים איז אין ישראל איינע פון די לייכטע זאַכן, ווייל ווו מען דרייט זיך שטויסט מען זיך אָן אויפן ים. בת־ים מיינט די טאָכטער פון ים, אָבער דאָס שטעטל איז אפשר נאָך מער די טאָכטער פון תל־אָביב, ווייל זי האַלט זיך נאָענט פון איר, ביי איר פאַרטעך, טאַקע ווי אַ קינד ביי זיין מאַמען. בת־ים איז נישט קיין גרין שטעטל, ווי ווילנעוו, נאָר בכלל נאָך אַ „גרי־נע״, אַ שטעטל ערשט אַרויס פון די וויקעלעך. צווישן בת־ים און ווילנעוו איז פאַראַן אַ „געוויסער״ אונטערשיד אין זייער עלטער, וואָס דאָס קען מען לייכט זען ווען מען קוקט אַריין אין זייערע מעטריקעס: בת־ים איז קוים אַלט ערשט עטלעכע יאָר און ווילנעוו שוין אַ קימא לן פון שיינע עטלעכע יאָרהונדערטער. זי האָט אויך אַ רייכע געשיכטעלעכע פאַרגאַנגענהייט, וואָס אויך בנוגע אונדז, יידן, איז זי שוין גאָרנישט „אָרעם״: דאָס שטילע רואיקע שטעטעלע פון דער רואיקער, שטילער און סטאַ־טעטשנער שווייץ איז נישט אָפּגעשטאַנען פון אַנדערע שטעט פון אייראָפּע אין מיטלאַלטער אין הילכות שקר־בילבולים און עלילת־דם אויף יידן און אין פערצנטן יאָרהונדערט האָט מען דאָרטן פאַרברענט יידן לעבעדי־קערהייט אויפן סמך פונעם קלאַסישן בילבול, אַז זיי האָבן פאַרסמט ברו־נעמער און אַרויסגערופן דורך דעם די פעסט.

איצטער איז אין ווילנעוו שוין נישטאָ קיין סימן פון יענעם פייער און קיין שום שפור נישט, אַז דאָרטן איז אַמאָל געווען אַ יידישער ישוב.

די גרעסטע זעענסווירדיקייט און אַטראַקציע פון ווילנעוו איז דער היסטאָרישן שלאָס שיאָן, וואָס געפינט זיך צווישן ווילנעוו און מאָנט־

רעי,ביים ברעג פון דער אָזערע לעמאַן און איז אַזוי געבויט געוואָרן אַז ער שניידט זיך כמעט אינגאַנצן אַריין אין וואַסער און האָט זיך לכתחילה געפונען אויפן פאַן פון די בייברעגיקע פעלדזן ביז מען האָט שפּעטער לענגאויס דעם ברעג אויסגעהאַקט אַ וועג אין זיי.

וועגן דעם שלאָס, וועמענס ערשטע טורעמס זענען אויסגעבויט גע־וואָרן נאָך אין ניינטן יאָרהונדערט, האָט וויקטאָר הוגאָ געזאָגט: „שיאָן איז אַ בלאָק פון טורעמס אויף אַ בלאָק פון פעלדזן". דער שלאָס איז געוואָרן גלייכצייטיק אי אַ רעזידענץ און אי אַ פעסטונג. אונטן, אין די קעלערן, איז געווען די תפיסה. אַזוי זענען די מאַסיווע מויערן פונעם שלאָס פאַר־ווענדט געוואָרן אויף דרייערליי צוועקן: מען האָט זיך פאַרטיידיקט קעגן שונאים, מען האָט געלעבט אַ גוטן טאָג און מען האָט געהאַלטן פאַרשלאָסן און געפּייניקט געפאַנגענע. אויך אונדזערע אַמאָליקע קדושים פון ווילנעוו זענען דאָ געווען פאַרשפאַרט פאַר זייער אומקום. עס שטייען נאָך די זיילן אונטער די טונקעלע געוועלבטע סופיטן. אויף איינעם פון זיי געפינט זיך נאָך דער רינג צו וועלכן דער פאַרמשפּטער איז געווען צוגעשמידט מיט אַ קייט. דער פאַרמשפּטער איז געווען באָניוואַר, אַ זשענעווער פּאַט־ריאָט און קעמפער פאַר רעפאָרמען, וועלכער איז דאָן געווען געפאַנגען יאָרן־לאַנג אין זעכצנטן יאָרהונדערט. אויפן זייל זעט מען אויסגעקריצט אַ נאָמען: בייראָן. דאָס האָט דער באַרימטער ענגלישער דיכטער אַליין אויסגעקריצט זיין נאָמען בשעת ער איז דאָ דורכגעגאַנגען די תפיסה ווען ער האָט אַמאָל באַזוכט דעם שלאָס און אָנגעשריבן דערנאָך אַ פּאָעמע געווידמעט דעם „געפאַנגענעם פון שיאָן".

אין די שיינע זומער־חדשים שווימען דאָ פאַרביי שפּאַציר־שיפן מיט גוט־געשטימטע טוריסטן. די שיפן מאַכן זיך אָפּט זייער אומקרייז אַרום דער אָזערע. שוואַנען טראָגן זיך לייכט און לופטיק אויפן וואַסער. מעוועס באַווייזן קונצן און כאַפּן אונטער צוגעוואָרפענע ברעקלעך ברויט אין דער לופטן, פליענדיק. נישט ווייט ביים ברעג, איז דער קאַמפּינג־לאַגער מיט לייוונטענעביידלעך איינס ביי איינס, אַ גאַנץ לייוונטן שטעטל, ווו האַלב־נאַקעטע מענטשן פירן זיך, כלומרשט, פרימיטיוו, האָבן זיך פאַר־גענומען צו לעבן נע־ונד און אויף צרות בכדי צו האָבן פון דעם נחת. טומלט זיך און זשומעט פון ראַדיאָ־טראַנזיסטאָרס און פּרימוס־מאַשינקעס, פון אלערליי שפּראַכן און דיאַלעקטן פון די „אָרעמע" טוריסטן, וואָס פאַרפאָרן צו זייערע נעבעכדיקע ביידלעך אין לוקסוסדיקע אויטאָמאָבילן...

און אין דעם גאַנצן געטומל פאַרגעסט מען, אָדער אפשר געדענקט מען באַלד נישט, אַז אין דעם זעלבן שטעטל, נישט ווייט פון דאַנען, גע־פינט זיך דאָס פאַרלאָזטע הויז, ווו עס האָט געשאַפן דער אָפּגעזונדער־טער גאון, מען וואָס האָט צווישןביידע וועלט־מלחמות גערופן דאָס

געוויסן פון אייראָפּע. איך בין שוין דאָרט נישט איין מאָל פאַרבייגעגאַנגען און אַלע מאָל שטעל איך זיך אָפּ פאַר דעם באַשיידענעם הויז מיט די פאַרמאַכטע לאָדנס און טירן און כאָטש איך ווייס, אַז איך וועל דאָרטן דערפון גאָרנישט אַרויסבאַקומען, קען איך עס נישט גלייך פאַרלאָזן. אַריינגיין אינעווייניק קען מען נישט און אויב וויל מען דאָס דווקא, זאָגט מען מיר, דאַרף מען דורכגיין אַ ספּעציעלע פּראָצעדור, שרייבן ערגעץ בריוו צו די, וואָס פאַרנעמען זיך מיט דעם הויז. און אַוועקזעצן זיך דאָ און וואַרטן אויף ענטפער קען איך נישט.

פאַרוואָס האָט מען נישט געטראַכט נישט אין פראַנקרייך און נישט אין דער שווייץ וועגן פאַרוואַנדלען דאָס הויז אין אַ מוזיי? פאַרוואָס האָט זיך ווילנעוו נישט פאַרקוקט אויף בת־ים?

און איך טראַכט וועגן די צוויי גרויסע שרייבער, וואָס צווישן ביידע וועלט־מלחמות האָט אונדזער יוגנט אין די פּוילישע שטעטלעך זיך אַרומ־געטראָגן מיט זייערע ביכער מיט ליבשאַפט און פאַרהייליקטע געפילן. אין די ביבליאָטעקן האָט מען געדאַרפט שטיין אין אַ ריי נאָך זייערס אַ בוך, ווייל זיי זענען געווען פון די געלייענטסטע מחברים. אין די ווערק פון דעם מחבר פון „זשאַן קריסטאָף" האָבן מיר געזוכט די שטאַרקע עמאָציע, דעם לויטערן געדאַנק און די גאַרונג נאָך יושר און מענטש־לעכקייט און אין די ווערק פונעם מחבר פון „ר׳ שלמה נגיד" און „קידוש השם" האָבן מיר געזוכט די ראָמאַנטיק פון אונדזער עבר, די שיינקייט פון אונדזערע מיאוסע אָרעמע געסלעך, די נאָגנדיקע בענקשאַפט פונעם געמיטלעכן שטעטלדיקן פּייזאַזש, פון די גאָלדענע זומערדיקע פאַרנאַכטן... און איך לאָז זיך אַוועק אין מיינע מחשבות צו בת־ים צו דער שוועל פונעם בית־שלום אַש.

דאָס הויז איז נישט קיין גרויס, אַ באַשיידנס, בלויז פון פּאַרטער, עס באַשטייט בלויז פון דריי נישט גרויסע צימערן. איז אַזוי ווי עס איז געווען נישט גרויס, אַזוי איז שוין אויך במילא דער מוזיי נישט גרויס. וויקטאָר הוגאָ האָט אין פּאַריז אויף פּלאַץ דע וואָזש געוווינט אין אַ רחבותדיקן אַפּאַרטאַמענט מיט אַ סך צימערן און זאַלן — האָט ער דער־פאַר איצטער אַ גרויסן מוזיי. וועגן וואָס אַ שרייבער דאַרף אַלץ נישט טראַכטן ביים לעבן וואָס ער זאָל האָבן נאָכן לעבן... אָבער ווי זאָגט דאָס רוסישע פאָלקס־ווערטל: „טשעם כאַטאַ באַגאַטאַ, טיעם אי ראַדאַ" (וואָס די כאַטע פאַרמאָגט מיט דעם פרייט זי זיך). דאָס נישט גרויסע אַש־הויז איז טאַקע רייך. עס פאַרמאָגט דאָס עשירות פון אשס לעבן און שאַפן ווי אַן אייביקער שאַץ־קאַמער. אַלץ ווי עס איז געווען ביי אַשס לעבן איז געבליבן און ווערט אויפגעהאַלטן און קאָנסערווירט, פּלוס דעם וואָס

עס קומען נאָך צו פון ערגעץ־אַנדערש אַנדערע קעגנשטאַנדן און עקספּאָ־נאַטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו שלום אַשס לעבן און ווערק. דער מוזיי האַלט זיך כסדר אין פאַרמערן און באַרייכערן. עס זענען נאָך פאַראַן ביי אַשס קינדער און אין אַנדערע ערטער מאַטעריאַלן, חפצים, מאַנוסקריפּטן, ווערטפולע איבערבלייבענישן און שפּליטערן פון זיין מאַטעריעלער און גייסטיקער ירושה, וואָס דאַרפן נאָך געבראַכט ווערן אַהער און דאָ באַקו־מען אַ תיקון. דאָ איז נישט בלויז די דירה, ווו אַש האָט געלעבט די לעצ־טע צוויי יאָר און דאָ געפינט זיך נישט נאָר דאָס, וואָס האָט אַ שייכות בלויז צו אָט די צוויי יאָר; דאָס הויז פּרעטענדירט און האָט דעם שיינעם ציל איינצוזאַמלען אין זיך דעם גאַנצן שלום אַש. און ווען נישט אין אָט דעם הויז, ווו וואָלט עס געטאָן געוואָרן?

דאָ, אין די 3 קליינע צימערן איז אויך פאַראַן אַ היכל פון קונסט און קולטור. אַש איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכער קאָלעקציאָנער פון פאַרשידע־נע קונסט־קעגנשטאַנדן און אויך אַלטע יידישע רעליגיעזע קונסט־חפצים: חנוכה־לעמפּלעך, בשמים־ביקסלעך, ספר־תורה־מענטעלעך, פון פאַרשידענע לענדער און ישובים. דאָס אויג פאַלט אויף ווערטפולע בילדער פון באַוווס־טע קינסטלער, וועלכע האָבן אַשן די קונסט־ווערק געשאָנקען; פּאָרטרעטן זיינע, צייכענונגען, קאַריקאַטורן, פריינטלעכע שאַרזשן. דאָס אויג פאַלט אויך אויף אַלבומען פון פאָטאָגראַפישע בילדער, קאָלעקציעס פון אַש׳ס איבערגעזעצטע ביכער אין פרעמדע שפּראַכן און דער עיקר, מאַנוס־קריפּטן פון זיינע ראָמאַנען. דאָס אַלץ איז דאָ גערעטעוועט געוואָרן פון פאַרגעסנקייט און שטויב און ווערט ציטערדיק אָפּגעהיטן מיט אַ סך ליב־שאַפט דורך יצחק טורקאָוו. (היינט נישט מער צווישן די לעבעדיקע).

אָט איז דער שרייב־טיש ביים פענצטער, ביי וועלכן דער באַזינגער פון דער ווייסל און דעם איסט־ריווער איז טאָג־טעגלעך געזעסן צוגע־שמידט און געאַרבעט שעהן־לאַנג. דאָס איז דעם שרייבערס ווערקשטעל וואָס שטייט אַזוי ווי ער איז געשטאַנען ביי זיין לעבן. אויפן טיש — זיינע פענעס, זיינע קליינע נאָטיץ־ביכעלעך, ווו אַש האָט פאַרצייכנט פאַר־שידענע פּרטים, קלייניקייטן און זענען געווען דער אויסגאַנגס־פּונקט פאַר זיינע גרויסע שריפטשטעלערישע פאַרמעסטן. דאָ געפינט זיך אויך אַ מאַנוסקריפּט פון זיינס אַ נישט־פאַרענדיקט ווערק. מען האָט דעם איינדרוק אַז אַש איז אויף אַ ווײַלע בלויז אַרויס זיך איבערגיין אַ ביסל, זיך צע־שטרייען. באַלד וועט צוריק אַריינקומען און פאַרענדיקן זיין אָנגעהויבענע שאַפונג. דאָ ביים שרייב־טיש, ביי די פענעס, ביים נישט פאַרענדיקטן מאַנוסקריפּט פילט מען זיך צום נאָענטסטן באַהאַפטן מיטן אָנדענק פון גרויסן יידישן פּראָזע־מייסטער. מען פילט זיך דאָ אַמנאָענטסטן צו זיין מחשבה, צו זיין יצירה. מיט אַ ציטער אין האַרצן און געבויגענעם קאָפּ

שטייט דאָ דער באַזוכער. ווער איז ער? פון וואַנען קומט ער? די גרעס־טע טייל באַזוכער פונעם אַש־מוזיי זענען ישראל־בירגער, אַשס לייענער און פאַרערער פונעם עלטערן דור, קיבוצניקעס, אַרבעטער, שול־יוגנט, רעליגיעזע יידן. די קלענערע טייל באַשטייט פון יידישע טוריסטן פון דער גאַנצער וועלט. אינעם געדענק־בוך פונעם מוזיי זעט מען אַרייַנגע־שריבן נעמען פון סאַן־פּאַולאָ, פון ניו־יאָרק, פון וואַרשע, פון קוטנע, פון חיפה, פון ירושלים, אַפילו פון פרומע יידן פון מאה־שערים, וואָס האָבן גרויסע טענות צו אַשן פאַר זיין ציקל קריסטלעכע ראָמאַנען. עס מישן זיך אלף־ביתן, האַנטשריפטן און שפּראַכן. די עמאָציעס פון די באַזוכער זע־נען אויסגעדריקט אין העברעאיש, יידיש, ענגליש, פראַנצויזיש, שפּאַניש, פּויליש, רוסיש, דייטש, רומעניש, בולגאַריש און סקאַנדינאַווישע שפּראַכן.

***

די אַלע דערמאָנונגען וועגן דעם הויז פון שלום אַש האָבן אויפגע־טויכט אין מיין זכרון, שטייענדיק דאָ אין ווילנעוו, ביים פאַרהאַקטן און פאַרלאָזטן הויז פון ראָמען ראָלאַן. עפּעס מאַטערן מיך פאַרשידענע אומ־קלאָרע זעלבסטפאַרוורפן, גלייך ווי איך גופא, וואָלט אויך געהאַט אַ חלק אין דער שולד פאַר דעם פאַרשעמטן ראָמען ראָלאַן־הויז און איך פאַראייניק זייערע ביידנס גרויסע נעמען, וואָס צוזאַמען מיט מיין באַגאַזש נעם איך זיי מיט אין מיין ווייטערדיקן וואַנדערוועג.

1965.

אין דער לענג און אין דער ברייט פון ישראל

הינטער מיר פאַרגייט פּאַריז, פראַנקרייך און אויך דאָס יאָר 1967. עטלעכע טעג בלויז און עס וועט זיין פאַרענדיקט. דער אַוויאָן טראָגט מיך אין דעם נייעם יאָר אַריין און קיין ישראל. די סימפּאַטישע „האָטעס", גאַסט־געבערין פון דער לופט, הייסט מיך אַרומנעמען מיטן לעדערנעם רימען און צופעסטיקן צום זיצפּלאַץ. זי דערלאַנגט מיר אַ זיס צוקערל (און אַ זיסן שמייכל). פון דרויסן בין איך פאַרוויקלט אין אַ וואָלקנדיקער ווייסקייט, ווי אין דער מאַמעס וואַרעמען איבערבעט.

הינטער מיר געלאָזט אזוי פיל און פאַר מיר דערוואַרט מיך אַזוי פיל. איך בין פול מיט אָן אַ שיעור פאַראַנונגען, נייגעריקייטן, דערוואַרטונגען. נאָך די אויסערגעוויינלעכע טעג פון מאַי און יוני, וואָס ישראל האָט אַדורכגעמאַכט, ווי אַזוי וועל איך אויפנעמען דאָס לאַנד, די מענטשן, און ווי אַזוי וועלן מיך די מענטשן אויפנעמען? אפשר בעסער נישט טראַכטן דערווייל וועגן דעם? אפשר בעסער אַרויסקוקן דורכן אַוויאָן־פענצטערל אין דרויסן אַרויס? כאַפּן אַ בליק מיט שטאָלץ און סאַטיספאַקציע אויפן פליגל מיטן מגן־דוד? איז דאָס טאַקע דער זעלבער מגן־דוד, מיט וועלכן מען האָט מיך געוואָלט אַזוי דערנידעריקן? וואָס אין יאָר 1942 האָב איך אים געמוזט טראָגן אויפן האַרצן ווי אַ צייכן פון שאַנד און שפּאָט? דעמאָלט אַזוי דערנידעריקט און היינט אַזוי דערהויבן... מיט אים זענען מיר דעמאָלט געווען געצייכנט און געשטעמפּלט פאַרן טויט, און איצטער, מיט אים אין די הויכע הימלען, אויף די פליגלען פון ישראל, האָט מען מציל געווען דאָס לעבן פון פאָלק. טראָגט ער זיך איצטער העכער און העכער אויף די פליגלען פון ישראל, דער אויסגעלייזטער און אויסלייזנדיקער מגן־דוד, מיט זיכער־קייט און שטאָלץ און פילט אויך אָן מיט שטאָלץ די הערצער פון יידישע פּאַסאַזשירן.

***

אַרויסקוקנדיק דורכן אַוויאָן־פענצטערל, זעט מען ווי דער אָוונט פאַלט צו גיך. עס טונקלט אויפן ווייטן האָריזאָנט. אָבער דעם האָריזאָנט קאָן מען נישט אָנרופן ווי געוויינלעך אונטן, צווישן הימל און ערד, נאָר גיכער: צווישן הימל און הימל. און דאָרטן, אויף דעם אויסגעבויגענעם עקסטרע־מען שטריך זעצט זיך די זון, אַזוי ווי מען קען דאָס טאַקע זען פון דער ערד. דער לאַנגער טונקעלער אילוזאָרישער צווישנשייד פונעם האָריזאָנט האַלט די זון, ווי אַ לאַנגע שטאָלענע צוואַנג אַ גליאיקע קויל. די קויל לעשט זיך און לעשט זיך און ווערט סוף־כל־סוף איינס מיט דער צוואַנג. צו ביסלעך פאַרשמעלצט זיך אַלץ אין איין טונקלעניש. דער פּייזאַזש איז פול מיט סוד און מיסטעריע פון ששת ימי בראשית.

מען דערנענטערט זיך צו ישראל. מען הייסט ווידער צופעסטיקן זיך מיטן לעדערנעם רימען צום זיצפלאַץ. דורכן מיקראָ ווערט געמאָלדן אַז אין צען מינוט אַרום וועלן מיר זיך געפינען אויפן אַעראָדראָם פון לוד. דער אַוויאָן נידערט בהדרגהדיק. אונטער אונדז אַנטפּלעקט זיך אַ ווונדערלעך בילד: דאָס אָוונטיקע תל־אביב מיט אירע שימערירנדיקע ליכטער. ווי אַ בלישטשענדיקער פּרוכת מיט אויסגעהאַפּטענע און אויסגענייטע טויזנטער דימענטן, וואַלט זיך אויסגעשפּרייט. מיר דוכט ווי אַ צויבער־טעפּיך איז גרייט אונדז אונטערצוכאַפּן, אונדז אויפצונעמען מיט אַ זעלטענעם און גאָר פריינטלעכן „ברוכים הבאים".

***

דער עולם פּאַסאַזשירן אין אַוויאָן איז אַ פאַרשידנאַרטיקער, פון פראַנקרייך, פון אַנדערע לענדער. פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן, אמונות. עס פּלאָנטערן זיך די שפּראַכן פראַנצויזיש, ענגליש, העברעאיש, מיט וועל־כע עס באַניצן זיך סיי די פּאַסאַזשירן און סיי די אַוויאָן־גאַסטגעבערינס, די לופט־מכניס־אורחטעס. אויף מאַמע־לשון הערט מען געשמאַק צווישן די זיצפלעצער. עס פליען קיין ישראל יידן און קריסטן. די יידן פליען מערסטנס צו דער געלעגנהייט פון חנוכה און די קריסטן צו דער געלעגנהייט פון ווייַ־נאַכטן קיין בית־לחם. אַהין זענען נאָך קריסטן אין אַזאַ גרויסער צאָל ווי הייַ־יאָר נישט געקומען די לעצטע יאָרן. עס איז שוין שווער געווען פאַר אַ ייד צו באַקומען אַ פּלאַץ אויף אַן אַוויאָן קיין ישראל אין דער צווייטער העלפט פון דעצעמבער. אַזאַ פּראָספּעריטעט און אַזאַ צאָל פון עולי־רגל קיין בית

לחם האָט שוין די קריסטלעכע אמונה לאַנג נישט געהאַט ווי איצטער אונטער יידישער אַפּוטרופּסות.

אַלץ איז געטאָן געוואָרן אַז די קריסטלעכע געסט זאָלן זיך פילן ווי ביי זיך אין דער היים, און צוליב דעם צוועק און צוליב דעם פאַרויס־געזעענעם גרויסן געדראַנג צו דער „קירכע פון געבורט", ווו די פייער־לעכע מעסע האָט געדאַרפט פאָרקומען, איז אין טאָג פון די תפילות נישט דערלויבט געווען יידן אַריינצוקומען אין בית־לחם, אחוץ אָפיציעלע פאַר־שטייער און יחידי סגולה מיט ספּעציעלע דערלויבענישן. די קריסטלעכע וועלט האָט דאָ אַזוי אַרום געקענט זיין צווישן זיך, משפּחהדיק, אומגע־שטערט. באַמיט זיך צו שטערן האָבן דעמאָלט בלויז אייגענע סאַבאָטאַזש־ניקעס, מוסולמענער, אָדער אפשר גאָר אויך אַראַבישע קריסטן, וועל־כע האָבן בעת די פייערלעכקייטן און תפילות אין קלויסטער איבערגעריסן אַ טעלעפאָן־קאַבעל און פופצן מינוט צייט האָט מען נישט געקאָנט איבער־געבן קיין ירושלים און צו דער וועלט דעם פאַרלויף פון דער ווייגאַכט־צערעמאָניע.

***

ווען מיינע קריסטלעכע מיטפּליער האָבן אויפגעמאַכט די רימענס אַרום זייערע לענדן, זיך געפּאָרעט ביי זייער לייכטן באַגאַזש, גרייטנ־דיק זיך אויסצושטייגן אויפן ישראל־באָדן און צו זייער הייליקער מיסיע אין בית־לחם, זענען מיינע מחשבות נישט געווען פאַרנומען מיט דעם, נאָר מיט עפּעס אַנדערש. אַז דער וואונדערלעכער בלישטשענדיקער טעפּיך אונטער מיר איז פאַרשוווּנדן מיט אַלע זיינע כישוף־פייערלעך און דער אַוויאָן האָט זיך געשטעלט אויפן באָדן, האָב איך אויך דערפילט, אַז איך שטיי מיטביידע פיס אין דער רעאַליטעט; און אַז אַט די רעאַליטעט איז אַ נאָך־מלחמהדיקע, אַ רעאַליטעט פון גרויסע געשעענישן, וואָס האָבן דאָ נישט לאַנג צוריק אָפּגעהילכט און זייערע אָפּקלאַנגען האָבן זיך נאָך נישט איינגעשטילט. ווען זיי דאַרף מען איצטער טראַכטן. דער יידישער פּאַסאַזשיר ווערט אָבער גלייך ביים אַרויסקומען אויפן אַעראָדראָם אַדורכ־גענומען מיט אַ געפיל פון דערלייכטערונג און סאַטיספּאַקציע ביים אָנ־טרעפן זיך דאָ מיטן נאָרמאַלן מלוכיש־אַדמיניסטראַטיוון לעבן. באַאַמטע, קאָנטראָלערן, מונדירן, שליפּעס, קנעפּלעך, צאַלאַמט־אָנגעשטעלטע, טרע־גער. ווי אַלץ „קלאַפּט", טראַכט זיך אַ באַרואיקטער דער יידישער פּאַסאַ־זשיר. מלכות מיט אַלע פּיטשעווקעס. אַ לאַנד מיט לענדער צוגלייך, טראָץ אַלע דראָונגען און אויף צופּיקעניש אַלע שונאים.

**
*

איך ווייס, אַז איך דאַרף דאָס מאָל זיין נישט בלויז אַ באַזוכער, נאָר אויך אַ זוכער. אַ זוכער פון שטימונגען ביי די מענטשן, פון זייערע איבער־לעבונגען, אַ פאָרשער פון זייער געמיט, אויפכאַפּן עפּעס פון זייער אויסזען, פון זייער באַנעמען און פילן. אָבער אויסערלעך וועט מען גאָרנישט באַ־מערקן. אַלץ מאַכט דעם איינדרוק ווי עס וואָלט דאָ גאָרנישט געהאַט פאָרגעקומען מיט עטלעכע חדשים צוריק. אין פּאַריז האָב איך געמיינט אַז טאָג און נאַכט וועלן די ישׂראל־בירגער רעדן מיט מיר נאָר וועגן דער מלחמה, אַז צוזאַמען מיטן כּיבוד וועלן מיינע נאָענטע גאַסט־געבער אָרויפ־געבן אויפן טיש אַרויף אויך די מלחמה־טעמע. אָבער זיי האָבן זיך גאָר־נישט געאיילט צו דעם. און אויב האָט מען אָנגעהויבן וועגן עס איז וועגן דעם איז עס נישט געקומען דורך דער איניציאַטיוו פון די באַלעבאַטים, נאָר דאָס האָט דער גאַסט געדאַרפט פּראָוואָצירן און אָנהייבן דער ערש־טער דעם שמועס.

צי מיינט דאָס, אַז מען וויל אַלדאָס פאָרגעקומענע פאַרגעסן, אָדער אַז מען שאַצט נישט אָפּ דעם מצב? זיכער נישט. מען ווייסט אָבער, אַז ווי אַזוי דער מצב זאָל נישט זיין מוז מען לעבן מיט אים. מען האָט שוין פון לאַנג שלום געמאַכט מיטן מצב פון נישט־שלום און דאָס נישט־נאָרמאַ־לע דאַרף מען באַטראַכטן פאַר נאָרמאַל און זיך צוגעוווינען צו לעבן מיט אָט דעם לעבן. אויף באַגעגענישן און מסיבות ביי קאָלעגן וועט מען ווי שטענדיק שמועסן וועגן פּערזענלעכע ענינים, מען וועט פאַר אַלץ ליב האָבן צו מאַכן אַ חכמה און הערן אַ חכמה, אַ קוריאָז, אַ לשון־הרעלע, און ביים גלעזל קאָניאַק צי כּרמל־וויין וועט מען זיך קודם־כּל ווינטשן אָפּטע גליקלעכע באַגעגענישן, פּערזענלעכע קאָנטאַקטן און דערפאָלגן און וואָס שייך דער זיכערקייט און שלום איז דאָ אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן.

**
*

אין דער לענג און אין דער ברייט פון ישׂראל (און די ברייט שטעלט עפּעס פאָר מיט זיך היינט) האָב איך געזוכט דעם מיליטאַריזם, וועגן וועלכן עס האָט אין די יוני־טעג געליאַרעמט אין זיכערקייטס־ראַט פעד־דאָרענקאָ און זיינע חברים; דעם ישׂראלדיקן מיליטאַריזם, וואָס מען האָט אים אילוסטרירט מיט אַ מגן־דוד און אַ זאַק דאָלאַרן און מיט דער קרוי־מער שטירמער־ניאַניע און פעסטן געפאַלדעוועטן קאַרק פון אַ מגושמדיקן

פעטניאַק, פון וועמענס פינגער עס טריפט אומשולדיק בלוט (אויף וואָס זיי קענען, נעבעך, נישט קוקן).

איך האָב געזוכט אויף די גאַסן פון ישראל די מאַרשירנדיקע זינגענדיקע מיליטער־אָפּטיילונגען, פאַרשיכורטע פון נצחון און מיט פאַרריסענע גאָמבעס פון גאווה. איך האָב געזוכט אויף די פלעצער די אויפגעשטעלטע טריומף־טויערן פאַר די זיגער און דעראָבערער, אָבער די איינציקע שפורן פון מלחמה, וואָס איך האָב אָנגעטראָפן, אין גאַס, זענען געווען דאָ און דאָרטן ביי אַ טויער אַ שילדל מיט דער אויפשריפט: „מקלט" (שוץ־קעלער) און ערגעץ ביי אַן איינגאַנג נאָך פאַרבליבענע זעקלעך זאַמד וואָס מען האָט געהאַלטן פאַר נויטיק נאָך נישט אַוועקצונעמען.

מען האָט פיינט אין ישראל דעם מיליטאַריזם, אָבער מען האָט ליב דאָס מיליטער. און איך האָב באַמערקט מיט וויפל ליבשאַפט מען זאָגט אַרויס דאָס וואָרט „חייל" (זעלנער). מען גרויסט זיך מיט אים און מען איז שטאָלץ מיט אים, מען טראָגט אים אויף די הענט און מען טראָגט אויס פאַר אים אַלע קרבנות און שוועריקייטן און מען שפּאָרט דעם ביסן פון מויל פאַר אים. דער חייל, דאָס איז דער גרעסטער יחסן פון לאַנד. אויף די וועגן וועט יעדער אויטאָ זיך אָפּשטעלן פאַר אים און אים אַריינבעמען מיט אַ ברייטן „בבקשה". דער ישראל־בירגער קוקט אויפן חייל ווי אויף דעם באַשיצער און רעטער פון פאָלק, ווי אויף דעם וואָס איז גרייט געווען אָפּצוגעבן זיין לעבן פאַרן לעבן פון פאָלק.

מען טרעפט אָן אין עפנטלעכן לעבן ווינציק מיליטער־לייט און נאָך ווינציקער אין די נייע געביטן. דאָס חידושט דעם אויסלענדישן באַזוכער. עס וווּנדערט אים ווי אַזוי און אויף וואָס האַלט זיך די אָקופּאַציע. זעלטן אַז מען זעט אויף די שטויביקע וועגן דורכפאָרן אַ מיליטערישן דזשיפּ מיט אַ פּאַטרול און מען זעט דאָ און דאָרטן בלויז אַ וואַך־ביידל, אַ שמירה. ווי אַזוי ווערן געהאַלטן און אויפגעהאַלטן די אַראַבישע שטחים און שטעט מיט אַ געדיכטער באַפעלקערונג אָן יידישער אָנוועזנהייט און באַווינשאַפט?

ווי פילט זיך אַ ייד, וואָס פאַלט אַריין אין אַט דער פרעמדער וועלט?

***

יעדער ייד, וואָס קומט פון אויסלאַנד קיין ישראל, האָט דעם גרויסן באַגער און אויך די נייגעריקייט צו באַזוכן די נייע געביטן. צענטערס פון גרויסן היסטאָרישן באַדייט, אויך זעענסווירדיקייטן, פּיטאָרעסקע ווינקלען פון ישראל ציען איצטער ווינציקער צו דעם באַזוכער ווי פריער,

פאַר דער אַראַביש־ישראַלדיקער מלחמה פון יוני 1967. אַזעלכע אינטערע־סאַנטע מקומות ווי אילת, קיסריה, סדום, צי מצדה, האָבן פאַרלוירן אַ ביסל פון זייער צוציאונגס־קראַפט ביים איצטיקן טוריסט צוליב די ניי־צוגעקו־מענע ערטער. עפּעס האָט מען דעם איינדרוק ווי זיי וואָלטן אַ ביסל פאַרלוירן פון זייער ווערט, די פריערדיקע אינטערעסאַנטע פלעצער, זיך געפילט געפאַלן ביי זיך ווי קינדער ווען אַ ניי־געבוירן ברודערל, צי שוועסטערל קומט צו צום הויזגעזינד, צווישן זיי. אַפילו אַזאַ אינטערעסאַנטער און אייגנאַרטיקער מקום ווי ס׳איז מאה שערים אין ירושלים איז אַראָפּ פון גלאַנץ, געוואָרן ווינציקער צוציענדיק, ווייל אין וועג שטייט אים איצ־טער אַזאַ וואָגיקער קאָנקורענט ווי עס איז אַלט־ירושלים מיטן כותל־המערבי בראש.

אין די זומער־חדשים פון 1967, אַז אַ ייד האָט געהאַט בדעה צו פאָרן קיין ישראל, האָט ער זיך אַ ביסל צוגעאיילט. ער האָט נאָך געוואָלט באַוויזן אַריינצוכאַפּן די נייע געביטן איידער וואָס־ווען. „ווייל היינט זע־נען זיי אין אונדזערע הענט און מאָרגן קענען זיי שוין נישט זיין” — האָט ער געטענהט. הגם אַ ישראל־בירגער, וואָס איך האָב דעמאָלט באַ־געגנט אין פראַנקרייך, האָט מיר נאָך אין סוף אויגוסט פאַרזיכערט, אַז אַזוי צי אַזוי וועט מען זיי נאָך קענען זען, די נייע געביטן; זיי ווערן דאָך געהאַלטן ווי אַ משכון. וועט זיין שלום וועלן דאָך די באַציאונגען זיין אַזעלכע אַז מען וועט קענען פאָרן פריי צו „זיי” און פאַרקערט, זיי צו אונדז. וועט חלילה, נישט זיין קיין שלום, דאָס הייסט, דער צד שכנגד וועט זיך אַזוי איינשפּאַרן, פונקט ווי אַ פערד, וואָס וויל בשום־אופן נישט אַרויס פון אַ ברענעדיקער שטאַל, איז מילא, וועט מען נאָך אויך האָבן צייט צו זען די נייע געביטן. „איך גאַראַנטיר אייך, אַז די „סטאַטוקע” וועלן מיר גלאַט אַזוי, אָן גאַראַנטיעס און פאַרזיכערונגען, נישט אַרויסלאָזן פון האַנט און אַז אין דריי חדשים אַרום וועט איר נאָך אויך קענען באַזוכן די נייע געביטן”.

***

אַ פאַרשידנאַרטיקער עולם שטופּט זיך אין די ענגע געסלעך פון דער אַלטשטאָט פון ירושלים. אויסלענדער, יידן און נישט־יידן, יידן פון ירושלים און פון גאַנץ ישראל, אַראַבער, איינוווינער פון ירושלים און פון אַנדערע ערטער. מען הערט אַלערליי שפּראַכן און דיאַלעקטן. מען זעט אָן אייגנאַרטיקן סאָרט הלבשה און פאַרשידענע נאַציאָנאַלע טראַכטן. שטריימלעך, כפּיות אַבאַיעס, טליתים, קאַפּיטכלעך און בורקעס פון נזירים, גמרות אונטערן אָרעם, פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן אָנגעהאָנגען אויפן אַקסל

און גרופּעס נייגעריקע טוריסטן, צונויפגעטוליעט אַרום אַ „גאַיד" וואָס גיט דערקלערונגען אין אַן אויסגעלערנטן ענגליש, די איינגעחזרטע תורה, פון וועלכער מען טאָר נישט דורכלאָזן קיין וואָרט. מען באַמיט זיך אָנצו־האַלטן אין אַ שטיקל חורבה און מען האָט גלייכצייטיק מורא זי אָנצו־רירן, ווייל מען קען נאָך אומפאַלן מיט דער חורבה צוזאַמען...

די ענגשאַפט אין געסל איז גרויס און דאָ דאַרף מען נאָך דורכלאָזן אַ קליינעם קאַראַוואַן פון נעבעכדיקע אייזעלעך, באַלאָדענע מיט אויסגע־גראָבענע ערד, בראָכוואַרג און כלים, אָנגעטריבענע פון אַראַבישע ייִנג־לעך — דאָס טראַנספּאָרט־וועזן פון דער אַלטשטאָט פון ירושלים. מען שטערט זיך איינס דאָס אַנדערע און מען גיט פון דעסטוועגן אָפּ דרך־ארץ די אייזלען, מען לאָזט זיי דורך פריער. פּריאָריטעט.

אַלע געסלעך פירן צום כותל המערבי. אויף יעדן ראָג אַ טאָוול מיט אַן אויפשריפט און אַ פייל, וואָס ווייזט אָן די ריכטונג: „לכותל!". מען דאַרף זיך דורכשפּאַרן דורכן לאַבירינט פון געסלעך טרעפּ אַרויף, טרעפּ אַראָפּ. קרעמלעך און וואַרשטאַטן איינס ביי איינס. האַנדל און מלאכה. אַלע בראַנזשעס און פאַכן. די אַרבעטס־מכשירים געהערן זיכער נישט צום לעצטן וואָרט פון דער טעכניק. דער אַראַבישער קרעמער זיצט אין דרויסן פאַר דער קראָם און וואַרט אויף אַ קונה. עס דאַכט זיך ווי ער קוקט אונדז שוין אויס אַזוי אַן אייביקייט. אָדער ער רייכערט פויל אַ נאַר־גילע, אָדער ער שפּילט זיך מיט אַ שנירל פּאַטשערקעס, ווי אַ קינד, וואָס ער טאַפּט זיי אַהין און אַהער, נישט וויסנדיק אַליין וואָס ער וועט דאָ אויסטאַפּן. שווער צו וויסן צי ער האַלט די פּאַטשערקעס אין האַנט פאַר אומגעדולד צי פאַר צופיל געדולד, פאַר לאַנגווייליקייט אָדער פאַר צע־שטרייטקייט.

זינט אַלט־ירושלים איז אין ייִדישע הענט און דער צופלוס פון טוריסטן איז אַ גרעסערער מאַכן די קרעמער בעסערע געשעפטן ווי פריער. צעלניק, סוווענירן, אַנטיקן און געטראַנקען ווערן אָפּגעזעצט אין גרעסערע קוואַנטומס. בלויז ביי די הייליקע ערטער גייען די געשעפטן נישט פויגל־דיק און נישט דערפאַר ווייל זיי האָבן אַ קלענערע באַזוכערשאַפט ווי פריער. דער גענעראַל משה דיין האָט גלייך נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה פאַראָרדנט נישט צו נעמען קיין געצאָלטס פאַרן אַריינטריט אין די מעטשעטן, קלויסטערס און אַנדערע הייליקע ערטער, נישט מאַכן קיין מסחר מיט געטלעכקייט און אמונה, אָבער דער רעספּעקט פאַר יעדן היי־ליקן אָרט ווערט אָפּגעהיטן. פאַרן אַריינגיין אין אָמאַר־מעטשעט דאַרף מען אויסטאָן די שיך. שטייט אַן אַראַבער פאַרן איינגאַנג פון מעטשעט, דער ממונה איבער די אויסגעטוענע שיך, וואָס שטייען אַרום אים אויף דר'ערד.

אַ גאַנצע קאָלעקציע פון מענערשיך און דאַמען־לעטשעלעך, צווישן וועל־כע יעדער באַזוכער דאַרף ביים אַרויסגיין דערקענען זיינע. דער שיך־שומר פאַרן מעטשעט־איינגאַנג זעט אויס דערביי ווי אַן אָרעמער שוכ־וואַרג־הענדלער ערגעץ אויף אַ פּעריפעריע־מאַרק פון אַלטוואַרג.

אַלע מאָל, ווען מען פרעגט מיך: „וואָס פאַר אַן איינדרוק האָט אויף אייך געמאַכט דער כותל המערבי?" בין איך אין אַ פאַרלעגנהייט. ווייל וואָס איז דען דאָ שייך איינדרוק? עס ווענדט זיך דאָך וואָס מען טראַכט און וואָס מען פילט וועגן אים. ווען איך וואָלט נישט געוווסט, אַז דאָס איז דער כותל המערבי, וואָלט איך געקענט מיינען, אַז דאָס איז אַן אַלטע וואַנט ווי אַלע אַלטע ווענט. אָבער ווען איך ווייס וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר... דאָס איז שוין אַן אַנדערער ענין. די כוונה, מיט וועלכער מען קומט צו צום כותל המערבי רופט שוין אַרויס די עמאָציע. דאָס געפיל און דער באַוווסטזיין באַשטימען דאָ דעם איינדרוק. ס'איז גענוג זיך איינצוקוקן אין דעם פאַרדבקהטן בחור, וואָס שטייט אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אָן דער וואַנט און שאָקלט זיך שעהען־לאַנג אין דער לענג און אין דער ברייט, פאַרזונקען אין מחשבות, בכדי דאָס צו באַנעמען.

טיילמאָל זעט מען אויך דעם אָרום פאַראיינפאַכט און עס מאַכט דעם איינדרוק ווי מען וואָלט זיך געפונען אויף אַ ווימלענדיקן פאָלקס־יום־טוב, אָדער ווי אויף אַן אַמאָליקן אָנגעפּאַרענעם רבישן הויף. דאָ און דאָרטן אַ מנין דאַוונענדיקע יידן ביי אַ פּראָוויזאָריש־אויפגעשטעלטן שולחן און עמוד. און קיין צענטער צום מנין פעלט דאָ קיינמאָל נישט אויס. אַ ייד ביים שולחן ציט אַפּער פון ערגעץ אַ פלאַש משקה און וויל מכבד זיין מיט איר יעדן איינעם וואָס גייט פאַרביי. קיין געלעגנהייטן צו שטעלן בראָנפן פעלן דאָ נישט אויס. יעדער איינער קען זיך קויפן עולם־הבא דורך אויסטרינקען אַ קעלישעקל, אָבער דער עצט טרינקען דאָ משקה איז פאַרבאָטן. נאָר וואָס דען? יידן גיבן זיך אַן עצה און מען היט זיך אויס פאַרן אויג פון מלכות, מען מאַכט אומלעגאַליטעט. וואָס וועט מען דען נישט טאָן פאַר אַ מצווה, פאַרן האָבן די זכיה נאָכצוזאָגן „אָמן" נאָך עמעצן, וואָס וועט באַוויליקן צו מאַכן אַ „שהכל" איבערן אמתן גלע־זעלע קאָניאַק, צי שערי בראַנדי, אונטערן פרייען הימל און ביים פרייען כותל המערבי.

**
*

אַ טאַקסי, געדונגען אויף עטלעכע שעה, פירט אונדז קיין בית־לחם און חברון. דער אַראַבישער שאָפער, אַ יונגער אינטעליגענטער מענטש,

טענהט זיך אויס מיט אונדז אויפן וועג פאַרנדיק. מען גיט זיך ווי עס איז אַן עצה מיט פראַנצויזיש, מיט עטלעכע ווערטער ענגליש און דער עיקר עברית. ער מאַכט דעם איינדרוק פון אַן אייראָפּעער און ער האַלט זיך אונטער מיט אונדז אויף אַ פריינטלעכן אופן. ער לאָזט זיך אַפילו אַריין אין פּאָליטיק און אַפילו אויף אַזאַ דעליקאַטע טעמע ווי עס זענען די ישׂ־ראל־אַראַבישע באַציאונגען. לויט אים וואָלט געקענט זיין שלום צווישן ישׂראל און די אַראַבישע מדינות, עס ווענדט זיך נאָר אין די גרויסמאַכטן און דער עיקר, אין די צוויי גרעסטע גרויסמאַכטן, וועלכע ער רופט אָן ביים נאָמען. איך זע באַשיימפּערלעך, אַז דער אַראַבישער שאָפער איז אויף אַ גוטן וועג און ער שיידט זיך אונטער פון יענע, וואָס לייגן אונ־טער מינעס אויף די וועגן; יענע, וואָס מינירן דעם שאַנס אויף שלום. מיר, די פּאַסאַזשירן, זענען טאַקע פּאַר אים אַחוץ ישׂראלים און יידן, אויך קליענטן און די קוועלע פון פּרנסה, אָבער איך האָב פון דעסטוועגן נישט דעם איינדרוק אַז זיין אָפנהאַרציקייט איז צוליב געשעפט.

אָנקומענדיק אין בית־לחם, שטעלט ער אָפּ די טאַקסי אויפן פּלאַץ פון דער שטאָט און מיר לאָזן זיך אַוועק זי באַזוכן. ווען מיר וועלן זיין פאַרטיק, וועלן מיר אים אָפּזוכן. ער ווייסט אַז מיר וועלן נישט אַנטלויפן. ער האָט צוטרוי. ער לאָזט אונדז גיין אַליין אין אַ פרעמדער וועלט, פון וועלכער ער איז אַ טייל, אָבער מיט אים האָבן מיר, פון דעסטוועגן, גע־פילט אַז די דאָזיקע וועלט איז נישט אַזוי פרעמד.

מיר מישן זיך אויס מיטן אַראַבישן המון, שלייכנדיק פאַרביי די געוועלבלעך אויפן מאַרק פון אַ נעבעכדיקן אויסזען, מיט דער בידנער סחורה אין דרויסן אַרויס. סווועניר, צאַצקעס, פּירות, גרינצייג, פלעש־לעך פּרוכטן־זאַפטן. די קרעמער וואַרטן מיר זאָלן ווערן דורשטיק. וואָס גייט זיי אָן ווער מיר זענען, אַבי מיר זאָלן געבן צו לייזן, אָפּליידיקן אַ ביסל סחורה.

מיר זענען אין מערב־יאַרדאַניע. דאָס בילד פון אָפּגעשטאַנענקייט און אָרעמקייט איז דאָס זעלבע ווי אין אַלט־ירושלים. קינדער טאָפּטשען מיט באָרוועסע פיסלעך אין בלאָטעס. מען זעט נישט קיין שפור פון יידי־שער אָנוועזנהייט. מען ווייזט דאָ נישט אַרויס צו אונדז קיין אינטערעס, גיכער אַ גלייכגילטיקייט. און אפשר דאַכט זיך מיר דאָס בלויז אויס? וואָס באַהאַלט זיך אויס הינטער די טראַדיציאָנעלע טיכער אויף די קעפּ פון די מענער און הינטער די טיכלעך, מיט וועלכע עס זענען פאַרשטעלט די פּנימער ביי די פרויען? די טיכלעך זענען טייל דורכזיכטיקע און עס גיט זיך מיר איין צו זען, ווי עס איז, די געזיכטער זייערע, געזיכטער

פאַרזויערטע פון עלטערע ווייבער, וואָס דריקן אָפּט אויס שווערע דאגות, פאַרקרימעניש און אומצופרידנקייט, אַזש אַן אומהיימלעך געפּיל באַהערשט מיך און איך קען באַשטיין אַז זייערע פּנימער זאָלן זיין פאַרשטעלט. אַבי איך האָב געמיינט מי יודע וואָס פאַר אַ סודות עס באַהאַלטן זיך אויס הינטער זייערע טיכלעך.

מען איז גרייט דאָ, אין מערב־יאָרדאַניע, זע איך, צו טאָן אַ טובה מיט אונטערטעניקייט דעם יידישן באַזוכער, דער עיקר קינדער, וואָס באַ־נעמען נאָך גאָרנישט. מען איז גרייט צו קריכן אונטער די נעגל פאַר אַ פּיאַסטער, נאָך וועלכן עס שטרעקן זיך אויס צענדליקער הענטלעך פון קליינוואַרג, וואָס שנאַפּט אויס ביים פרעמדן צי ער דאַרף נישט אַמאָל עפּעס. טאָמער דאַכט זיך זיי, אַז מען האָט זיך געפרעגט אויף אַזאַ מין אָרט ווו דער יאָרדאַנישער קעניג גייט צופוס, וועלן זיי אייך פירן מיט דינסטגרייטקייט ביז אין סאַמעראָדנעם מקום אַריין און וועלן וואַרטן גע־דולדיק ביז מען וועט זיי געבן אַ מטבע. דאָס זעלבע איז אין עזה, אין חן־יוניס. ווען מיר שטעלן דאָרטן אָפּ אונדזער פּריוואַטן אויטאָ אויף דער הויפּט־גאַס, כאַפּ איך אינסטינקטיוו פון הינטן אַ בליק צו אים און צו מיין שטוינונג דערזע איך ווי ער איז באַפאַלן פון אַלע זייטן דורך אַ חברה אַראַבישע ייִנגלעך, וועלכע ווישן אים און פוצן אים מיט שמאַטעס, הגם קיינער פון אונדז האָט זיי דאָס נישט געבעטן. שפּעטער, ווען מיר זעצן זיך צוריק אַריין אין אויטאָ, שטרעקן זיך אויס צו אונדז די הענט פון דער מאַסע קליינע ווישערס און פוצערס מיט הכנעהדיקייט און רחמ־נות־געבעט.

אין חן־יוניס איז פאַראַן אַן אויסשטעלונג פון שול־העפטן, צונויפ־גענומען פון פאַרשידענע אַראַבישע שולן, ווו מען האָט אויף אַן אייגנאַר־טיקן אופן געלערנט מאַטעמאַטיק, ווי אונדז איז שוין באַקאַנט. זיי באַווייזן, אַז אַט די אַראַבישע ייִנגלעך האָט מען טאַקע געלערנט, אַז איין דער־הרגעטער ייִד פּלוס איין דערהרגעטער ייִד מאַכט צוויי דערהרגעטע יידן; און פון דעסטוועגן מאַכן זיי איצטער גאַנץ פיין זייער לעקציע פון מאַטע־מאַטיק אויף אַן אַנדערן אופן און נעמלעך : איין יידישער פּיאַסטער פּלוס איין יידישער פּיאַסטער מאַכט צוויי יידישע פּיאַסטערס.

אָט דאָס איז דאָס בילד, וואָס מען כאַפּט אויף בחפזון אין עזה צי אין חן־יוניס, אָדער ערגעץ־אַנדערש־ווו אין די נייע געביטן, וואָס מען פאַרלאָזט אונטערן איינדרוק פון די באַגלייטנדיקע הענט פון די אַראַבישע ייִנגלעך מיט דער אַזוי אונדז אומהיימלעכער אויסגעשטרעק־

טער בעטל־באַוועגונג. וואָלט נישט גלייכער געווען ווען די ברייטהאַר־ציקע וועלט־פֿאַרזאָרגערס וואָלטן אַריינגעלייגט אין זיי אַ שטיקל ברויט, אַ טעוועלע שאָקאָלאַד, אַנשטאָט באָמבעס און ראַקעטעס?

אונדזער אויטאָ פֿאַרלאָזט די שטאָט און טראָגט זיך אַוועק אויף שטויביקע וועגן. צום אָרעמען פּייזאַזש איז צוגעקומען אַ נייער שטריך: דאָ און דאָרטן ביי דער זייט אַ צעניזוקטער פֿאַראַליזירטער טאַנק מיט רוסישע פּיעטשאַטן און בוקוועס — אַ סימן פֿון אַריינגעפּירטן „פּראָגרעס״ און אַ זכר פֿון יידישן נצחון.

1968

וואָס די קעמפער דערציילן

אונדזער דור האָט אין די יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געפילט אָן איבל צו דעם נאָר־וואָס פאַרגאָסענעם בלוט־מבול, וואָס די ערד האָט נאָך נישט געהאַט באַוויזן איינצוזאַפּן. אַווידערגעפיל צו דער אומזיניקער הריגה צווישן מענטש און מענטש האָט אונדז דורכ־געדרונגען און מיר זענען געווען באַהערשט פון פּאַציפיסטישע אידעען. די ליטעראַטור, די פילמען און די טעאַטער־קונסט האָבן מיט זייער אַנטי־מלחמה־אינהאַלט און אַנטי־מלחמה־גייסט צוגעטראָפן צו אונדזער געמיט, צו אונדזערע טראַכטענישן און חלומות. די לאָזונגען ווי „די לעצטע מלחמה", „קיינמאָל מער מלחמה", „אַ מלחמה דער מלחמה" האָבן באַקומען אונדזער הסכמה, צושטימונג און ברכה.

מ'איז געווען זיכער, אַז די מיליאָנען מענטשן וואָס זענען גע־פאַלן אויף די שלאַכטפעלדער זענען שוין נישט בלויז אָפּגעקומען פאַר אונדז, נישט בלויז שוין געווען די לעצטע קרבנות פון דער לעצטער מלחמה, נאָר אַז מיט זייער טויט האָבן זיי שוין אויך דערגרייכט פאַר אונדזערטוועגן דעם ענדגילטיקן שלום, וואָס זיי האָבן געחתמעט מיט זייער בלוט. און אין וועמענס חתימה מען האָט געקענט מער גלויבן ווי אין די אונטערשריפטן פון די שלום־פּאַרלאַמענטאַריער ביי די היסטאָ־רישע אונטערהאַנדלונגס־טישן פון די זיגער און באַזיגטע, פון די קאַ־פּיטולאַציע־פאַרלאַנגער און קאַפּיטולירער.

אַז דאָס איז אַזוי נישט געווען, אַז דאָס איז נישט געווען די לעצטע מלחמה ווייסן מיר אַלע גוט און, וויי, נאָך ווי גוט! — מיר, אונדזער דור און מען האָט זי, די מלחמה פון 1914, געמוזט שפּעטער אָנהייבן צו רופן די ערשטע, די ערשטע וועלט־מלחמה, ווייל נאָך איר איז שוין געווען אַ צווייטע, אַ נאָך מער שרעקלעכע און גרויזאַמע. און געקומען איז זי פּונקט נאָך אַ מרחק פון צייט ווען אַ נייער דור איז שוין געווען אונטער־געוואַקסן אין דעם סאַמע רייפן, בעסטן קאַמפּס־עלטער, קרעפטיק, יונג,

געזונט, מיט איין וואָרט: צייטיק און פולשטענדיק ראוי פאַרן נייעם בלוטיקן שניט.

דאָס פלוצימדיקע און צעווילדעוועטע אַריינרייסן זיך פון די כמאַרעס דייטשע טאַנקן און פאַנצער־וועגענער אין 1939 אין פוילן האָט צעריבן אונדזערע חלומות, באַגערן און צו לעצט, אילוזיעס, פון אונדזערע שיינע לאָזונגען און שטרעבונגען וועגן דער „לעצטע מלחמה״, „קיינמאָל מער מלחמה״, „אַ מלחמה דער מלחמה״.

מלחמה האָט מיט דער צייט געבוירן אַזעלכע באַצייכענונגען ווי „מלחמה־אַרויסרופער״, „מלחמה־העצער״, „מלחמה־צינדער״.

אַ נייע באַצייכענונג וואָס איז געבוירן געוואָרן פון דער לעצטער, ס'הייסט צווייטער וועלט־מלחמה, איז זיכער דער „קריגס־פאַרברעכער״. געענוג איז דאָך שוין, דאַכט זיך, מלחמה אַליין אַן־און־פאַר־זיך, נישט קיין קלענער פאַרברעכן, און דער וואָס איז גורם און רופט אַרויס מלחמה איז דאָך שוין אַ פאַרברעכער נישט אָוועקצומאַכן מיט דער האַנט, איז צו אים, הייסט עס, האָט מען נישט קיין טענות, נאָר צו דעם וואָס זיין פאַרברעכן גייט אַרויס פון די ראַמען פונעם געזעצלעכן לעגאַלן, שיער נישט לייטישן און פאַרנונפטיקן פאַרברעכן וואָס הייסט: מלחמה.

לייענענדיק דאָס בוך „קעמפער דערציילן״ (אין העברעאישן אָרי־גינאַל: „שיח לוחמים״). האָב איך איינגעזען אַז פון דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, וואָס ישראל איז געווען געצוווגגען צו פירן מיט אירע שונאים, וואָס אַלע פריערדיקע מלחמה־באַצייכענונגען האָבן זיי שיין געקענט פאַסן, קאָן אַרויסדרינגען אַ שפּאָגל־נייע באַצייכענונג, וואָס האָט קיינ־מאָל פריער ביי וועלכער ס'זאָל נישט זיין מלחמה נישט געקענט געבוירן ווערן און וואָס איז גילטיק בלויז פאַר דעם ישראלדיקן מלחמה־פירנ־דיקן צד און נעמלעך: מלחמה־הומאַניסטן, מלחמה־בני־רחמנים. אוודאי קען דאָס קלינגען אויסטערליש פאַראַדאָקסאַל ווי למשל, אַ רייכער קבצן, הייסער אייז, געפרוירן פייער און אַזוי ווייטער. מלחמה און הומאַניזם? סאָלדאַטן און רחמנות? ווי פּאַרט זיך דאָס? אויף וועמען האָבן זיי דאָס רחמנות? אויף זייערע שונאים! און דאָס האָבן אפשר צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון מלחמות אַרויסגעוויזן יידישע זעלנער. און זיי האָבן אַפילו פאַרגעסן אין אַלע יידישע קללות ווי „אויף אַלע מיינע שונאימס קעפּ״, „אַזאַ יאָר אויף מיינע שונאים״, „עס זאָל נאָר אויסגיין צו מיינע שונאים״. דאָס אַלץ, זעט אויס, איז בלויז מויל־מלאכה, ווייל ווען יידן ווערן געשטעלט פנים־אל־פנים מיטן שונא, פאַרגעסן זיי אין אַלע קללות, ווי עס דרינגט אַרויס פונעם בוך „קעמפער דערציילן״, און זיי קריגן רחמנות אויפן שונא.

עס איז דאָך שוין באַקאַנט פון לאַנג ווי ביי אַנדערע פעלקער האָט מען גלאָריפיצירט מלחמה, ווי מען האָט ממש פאַרהערלעכט מלחמה. מלחמה לשם מלחמה. הרגענען לשם הרגענען. ווער פון אונדז דערמאָנט זיך נישט אינעם פוילישן סאָלדאַטסקן לידל: „נאַ וואָיענצע טאַק לאַדניע יעסט“ (אויף דעם מלחמהלע איז אַזוי שיין). ס׳איז נאָך דערצו שיין אויך...

אין ראַטנפאַרבאַנד, ווו מען קען נישט זאָגן, אַז עס איז ווען עס איז געפירט געוואָרן מלחמה־פּראָפּאַגאַנדע, פּראָפּאַגאַנדע אין גייסט פון מלחמה לשם מלחמה, איז איינגעפלאַנצט געוואָרן אין דעם סאָלדאַט ווי אַ יחיד אַ שנאה צום סאָלדאַט פונעם שונא ווי צו אַ יחיד. דאָס איז בולט אַרויסגעברענגט אין דעם בוך פון אַלעקסאַנדער בעק „פּאַנפילאָווס מענטשן“ (דער שאָסיי פון וואָלקאָלאַמסק), וועגן דער שלאַכט פאַר מאָסקווע, דערשינען גלייך נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. די איינשטעלונג פון די קאָמאַנדירן און די פּסיכאָלאָגישע באַווירקונג (שוין נישט רעדנדיק וועגן שטרענגען באַפעל) אויפן סאָלדאַט איז אַז ער זאָל שטענדיק זען פאַר זיך דעם איינציקן שונא וואָס ער האָט קעגנאיבער זיך און האָבן מיט אים דעם פּערזענלעכן, אַזוי צו זאָגן פּריוואַטן חשבון. דו ווילסט לעבן — זאָלסטו אים הרגענען. אַז מען וויל, לייגט זיך דאָס אויפן שכל און ס׳איז גאָרנישט אַזוי קרום, אָבער אַז מען באַקענט זיך מיט די דערציילונגען פון די געוועזענע ישראל־קעמפער פון דער זעקס־טאָגיקער מלחמה זעט מען אַז ביי זיי איז דאָס נישט אינגאַנצן אַזוי גלייך אויך. און צי ס׳איז גוט צי שלעכט, זעט מען אַז נישט איין מאָל האָבן זיי נישט געקענט ביי זיך פועלן מקיים צו זיין דאָס וואָס דער סאָוויעטישער קאָמאַנדיר האָט געלערנט דעם סאָלדאַט זיינעם: „הרגע דעם וואָס וויל דיך טויטן!“.

זעט אויס, אגב, אַז דער דאָזיקער כלל איז חל בלויז פאַר סאָוויעטישע זעלנער און נישט פאַר ישראלים בעת ווען דער, וואָס וויל זיי טויטן איז אָפן מודיע אַז ער גייט זיי אַריינשטופּן אין ים אַריין. און דערביי העלפט מען נאָך צו צושטופּן די שטופּערס, און אויב לאָזט מען זיך נישט און מען הערט זיך גראָד צו צו יענעם סאָוויעטישן קאָמאַנדיר, דעמאָלט ווערן ישראלים נאַציס.

קורץ נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה זענען צו אונדז דערגאַנגען אָפּגעריסענע פראַגמענטן, אויסצוגן, ציטאַטן פון גבית־עדות, שמועסן, איינדרוקן, אַרויסזאָגונגען פון געוועזענע אָנטיילנעמער אין דער מלחמה. די שמועסן, אָדער מיינונגס־אויסטוישן, זענען אויפגענומען געוואָרן אין די קיבוצים צווישן די יונגע קיבוצניקעס־זעלנער, וואָס זענען זוכה

בגורל געווען און זיך אומגעקערט צום לעבן און צו זייערע נאָענטע, זיי האָבן נאָר־וואָס געהאַט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מיליטערישע כאַקי־הלבשה, אַראָפּגעטרייסלט פון זיך דעם מדבר־שטויב און די שווערע עמאָציעס (וואָס דאָס איז שוין נישט אַזוי לייכט צו טאָן ווי מיטן שטויב) און צוריק אַרויפגענומען אויף זיך די היימישע און ליבע אַרבעטס־בגדים.

זייערע דערציילונגען זענען צום ערשט אַרויס העקטאָגראַפירט און האָבן צירקולירט בלויז „אינעווייניק", צווישן זיך, ס׳הייסט בלויז פאַרן „היימישן געברויך", פאַר יחידי סגולה. און ווען מען האָט אונדז גע־ברענגט געוויסע אויסצוגן, פאַרעפנטלעכטע אין יידישע צייטונגען, האָט עס אויסגעזען, אַז די אויסגאַבע איז עפּעס אַרומגענומען מיט אַ שלייער פון סודות. און מען האָט געקענט האָבן דעם איינדרוק אַז מען וויל זיי נישט ברענגען אינגאַנצן צו דער עפנטלעכקייט ווייל זיי קענען ברענ־גען שאָדן.

מיט דער צייט אָבער איז דער סוד געוואָרן אַ סוד בלויז „פאַר גאַנץ בראָד", אויך פאַר גאַנץ ישראל און פאַר אַלע יידן אין דער וועלט. מען האָט איינגעזען דעם אַלגעמיינעם אינטערעס וואָס די דאָזיקע איינדרוקן און וויכוחים פון די ישראל־קעמפּער קענען האָבן פאַר אונדז אַלע־מען אַז דורך זיי באַקענען מיר זיך מיט דער הויכער מאָראַל פונעם ישראל־זעלנער, מיט זיין געדאַנקען־גאַנג, מיט די פּראָבלעמען וואָס לאָזן אים נישט צו רו און דער עיקר, זיין שנאה און פאַראַכטונג צו מלחמה, נישט בלויז צו מלחמה בכלל, נאָר אויך טאַקע צו דער מלחמה וואָס זיי זענען געווען געצוואונגען נאָר־וואָס צו פירן.

פאַראַן אַפילו אַזעלכע צווישן די קעמפּער, וואָס ברענגען אַרויס זייערע ספקות און דעם צוועק פון דער מלחמה, פון ברענגען קרבנות, פון געהרגעט ווערן און הרגענען אַנדערע, אַפילו ווען די מלחמה זאָל זיין אַ גערעכטע (און ווער קען זאָגן אַז מצד ישראל איז זי נישט געווען קיין גערעכטע?). אַ סך אַרויסזאָגונגען אין דעם בוך וואָלט מען גע־קענט באַטראַכטן פּשוט ווי פּרעדיקן דעפעטיזם, כאָטש בעת ווען אָט די שמועסן ווערן געפירט איז מען טאַקע נאָר־וואָס געהאַט אַרויס פון דער מלחמה, אָבער מען איז אַריין גלייך אין אַ מלחמה פון אַן אַנדערער פאָרעם.

אין יעדן אַנדערן לאַנד וואָלטן די מאַכטהאָבער באַטראַכט די גרעסטע טייל פון אַזאַ בוך, ווי „קעמפּער דערציילן", ווי אַ דעמאָראַלי־

זירן דעם זעלנער, דעם קעמפער, און עס וואָלט נישט מעגלעך געווען אַז אַזאַ אויסגאַבע זאָל קענען דערשיינען פאַר דער ברייטער עפנטלעכ־קייט. זי האָט געקענט אַרויסגיין נאָר אין ישראל ווו אַלע מחשבות און מיינונגען קענען קומען פריי צום אויסדרוק, אָפן פאַר אַלעמען, ווו אַלץ איז אָפן און גאָרנישט ווערט באַהאַלטן, אַחוץ נאַטירלעך, די ענינים פון זיכערקייט.

אַזאַ אויסגאַבע האָט אויך געקענט דערשיינען נאָר אין ישראל ווייל ישראל איז אַ לאַנד ווו אַפילו אַ „פינפטע קאָלאָנע" קען אין צייט פון קריג פריי אויסדריקן אין פאַרלאַמענט איר מיינונג און די „מיינונג" איז, נעמלעך, אַז זי שטייט אויף דער זייט פונעם שונא, און מען טוט איר דערפאַר גאָרנישט, בשעת ערגעץ־אַנדערש האָט מען שוין געזען אַז פאַר גאָרנישט האָט מען געטאָן עפּעס מער ווי גאָרנישט...

„שיח לוחמים", „קעמפער דערציילן". פאַרן אָנהייב פון יעדן קאַ־פּיטל איז אָנגעגעבן: שמועס פון דעם און דעם קיבוץ. ווי מאָדנע ס'קלינגט דאָ: שמועס. שמועס פאַרט זיך דאָך מיט געמיטלעכקייט. און ווי ווייט דאָס איז דאָ פון דעם! ס'איז אַן אַראָפּרעדן זיך פון הערצער, וואָס וועלן שוין אָבער קיינמאָל נישט זיין קיין אַראָפּגערעדטע. דער ריס אין זיי און דער פּסיכישער שאָק וועלן שוין בלייבן אויף שטענדיק. קינדער אין זייער תמימות און ערשטן אידעלן צוויט פון זייער יוגנטלעכקייט. זיי זענען דערצויגן געוואָרן צום לעבן און נישט צום טויטן און געטויט צו ווערן, צום בויען און נישט צום צעשטערן, נישט אייגנס און נישט יענעמס („פעלד איז פעלד", האָט געזאָגט אַ ישראל־זעלנער ווען ער האָט אין סאַמע מיטן פון דער שלאַכט זיך גענומען גאָר לעשן אַ שטיקל ברענענדיק פעלד פון אַן אַראַבישן פעלאַך ביי דער סירישער גרענעץ). און דאָ קום איך צו נאָך אַ מאָל צו דער שפּאָגל־נייער און פּאַראַדאָקסאַלער באַצייכענונג וואָס קען אַרויסקומען פון דער זעקס־טאָגיקער מלחמה: מלחמה־הומאַניסטן. און ס'איז נישט בלויז קיין פראַגע פון פאַרמיידן די פאַרניכטונג פון אַ שטיקל ברענענדיק פעלד, נאָר אויך דאָס נישט פאַרניכטן מענטשלעך לעבן. דאָס אויסדריקן רחמנות צום שונא חזרט זיך אָפּט איבער („מער פון אַלץ איז געווען רחמנות"). און אַ צווייטער דריקט זיך אויס: „וואָסער רעכט האָב איך צוצונעמען דאָס לעבן ביים פאָטער פונעם קליינעם מוכאַמעדן, דעם מאַן פון פאַטימאַ ?.. און איינע פון די פּראָבלעמען פון דער מלחמה איז אַזוי גייען עס מענטשן אַרויס קעמפן, נישט זייענדיק קיין שונאים".

אין בוך זענען פאַראַן צוויי ערטער ווו עס ווערט אויך באַהאַנדלט

דער ענין רויב בעת דער מלחמה. מיר באַשטייען נישט בלויז פון צדי־קים. און דאָס איז נאַטירלעך. פון דעסטוועגן איז דער פאַל פון רויב נישט כאַראַקטעריסטיש פאַר דער ישראל־אַרמיי. אָבער דאָס עיקרדיקס־טע דאָ איז דער דערציערישער און מאָראַלישער צוגאַנג צום ענין. דער־ציילט דער קעמפער חגי וועגן אַ וואונדערלעכער סצענע ווי די מאַגאַ־זינערס און קוכערס פון דער קאָמפּאַניע האָבן זיך געהאַט „איינגעשאַפּט" אַ ביסל פאַרמעגן און ווי דער קאָמאַנדיר האָט פאַר דער גאַנצער צונויפ־געזאַמלטער קאָמפּאַניע באַוויזן מיט פסוקים פון תנ"ך, אַז מען טאָר נישט רויבן. האָט איינער פון די קוכערס צי מאַגאַזינערס אויך אַרויס־געוויזן בקיאות אין תנ"ך און באַוויזן מיט אַ צווייטן פסוק, אַז מען מעג יאָ. האָט דער קאָמאַנדיר באַוויזן, אַז רש"י טייטשט אַז אַ דעראָבערישע אַרמיי מעג נאָר נעמען דאָס וואָס איז נייטיק פאַר איר אויסהאַלטן זיך, ווי למשל, עסן, אָבער נישט קיין פאַרמעגן.

וואָס פאַר אַן אויסטערלישע סצענע ווען בעת אין מיטן פון שלאַכטן שטעלט זיך יידיש מיליטער אוועק חקרענען וועגן ענינים פון גזילה, גערעכטיקייט און עטיק מיט ספרים אין די הענט און מען נעמט באַך דערביי צו הילף רש"י, גלייך ווי דאָס שלאַכטפעלד וואָלט גאָר געווען אַ חסידים־שטיבל.

אויף אַ צווייט אָרט רעדט זיך וועגן אַ פאַל ווען עטלעכע זעלנער, אַריינקומענדיק אין אַ פאַרנומען אָרט האָבן דאָרט גענומען עטלעכע זאַכן (רופט עס אָן: געגנבעט, גערויבט). עס האָט ביי זיי געהייסן אָנדענק־חפצים פון דער מלחמה. דער קאָמאַנדיר האָט צונויפגענומען אַלע זאַכן אויף איין אָרט, באַגאָסן מיט בענזין און אין אַלעמענס אָנוועזנהייט זיי אונטערגעצונדן.

נישט ווילנדיק שווימט אַרויס אין מיין זכרון אַ סצענע פון דעם מין אין דער צייט פון בירגער־קריג אין רוסלאַנד, וואָס איז פאַרגע־שטעלט אין דעם פילם „טשאַפּייעוו". אָבער ווי אַנדערש איז דאָרטן דער פינאַל. אַ זעלנער האָט אין אַ דאָרף ביי עמעצן גענומען אַ חזירל (רופט עס אָן: געגנבעט, גערויבט). דער זעלנער ווערט אַוועקגעשטעלט פאַר דער גאַנצער פאַרמירטער ראָטע און פאַר אירע אויגן און פאַר די אויגן פון אַלע צושויער פון פילם ווערט ער דערשאָסן. מען האָט געוואָלט וויזן ווי די אָקטאָבער־רעוואָלוציע (וועלכע האָט צוגענומען עפּעס מער ווי אַ חזירל) היט אָפּ מיט דער גרעסטער שטרענגקייט די ערלעכקייט און גערעכטיקייט, אויף אַזוי ווייט אַז דאָס מענטשלעכע לעבן מעג זיין

אַ כּפּרה פֿאַר אַ חזירל. דאָ האָט מען פֿאַרניכטעט דעם „רױבער“ און נישט דאָס גערױבטע און אין דער ישׂראל־אַרמײ האָט מען פֿאַרניכטעט די גערױבטע חפֿצים און געשװינט דאָס מענטשלעכע לעבן. אַן אַנדערער צוגאַנג און אַן אַנדערע מאָראַל — אַ מאָראַל, װאָס פּאַסט בלױז, זעט אױס, פֿאַר „באַרבאַרן“ און פֿאַר „נאַציס“...

דאָס בוך „קעמפּער דערצײלן“ באַהערשט און באַװעלטיקט אונדז, דערשיטערט אונדז און דערהױבט אונדז צוגלײך.

1968.

„די זעקס טעג פון יד־מרדכי"

דער קיבוץ יד־מרדכי האָט זיך געהאַט זיינע אייגענע זעקס טעג. דאָס איז געווען בעת דער באַפרייאונגס־מלחמה אין יאָר 1948. דאָס דאַרף גלייך געזאָגט ווערן בכדי מען זאָל זיי נישט פאַרמישן מיט די זעקס טעג פון יוני 1967, וואָס זענען אַריין אין אונדזער טאָג־טעגלעכן ווער־טער־באַנוץ.

וועגן דער געשיכטע פון דער אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פונעם קיבוץ יד־מרדכי און דער עיקר וועגן זיינע זעקס דעצידירנדיקע קאַמפּס־טעג אין יאָר 1948 האָט אָנגעשריבן אַ בוך די אַמעריקאַנער שרייבערין מאַרגאַרעט לאַרקין, וואָס איז שפּעטער אַרויס אין יידיש אין דער איבער־זעצונג פון דוד שטאָקפיש. אין דער איבערזעצונג פון „די זעקס טעג פון יד־מרדכי" האָט דוד שטאָקפיש, אַ לובלינער ייד, אַריינגעלייגט אַ סך מי און ס׳איז נישט קיין ווונדער: ער האָט אין דעם קיבוץ אַריינגעלייגט עפּעס מער, און נעמלעך: אַ גרויסן „קאַפּיטאַל", זיינס אַן אייניקל וואָס איז געבוירן געוואָרן אין יד־מרדכי. אַזוי אַרום האָט ער געשאַפן דעם קשר צווישן דער אַלטער אומגעברענגטער עיר ואם בישראל, לובלין, מיטן קיבוץ יד־מרדכי.

מאַרגאַרעט לאַרקין איז פאַרבעטן געוואָרן אין קיבוץ יד־מרדכי בכדי אָנצושרייבן דאָס בוך וועגן קיבוץ, זיין געשיכטע און זיינע קאַמפן. זי האָט פאַרברענגט אין קיבוץ אַ געוויסע צייט, ווו די געוועזענע קעמפער האָבן אַרויסגעבראַכט פאַר איר זייער גבית עדות וועגן דער שלאַכט וואָס דער קיבוץ האָט געפירט פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון לאַנד און פאַר זיין אייגענע עקזיסטענץ. זי האָט אויפן אָרט שטודירט, זיך באַקענט מיט אַלע נייטיקע פּרטים, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו די געשעענישן פון יענער תקופה פון העכסטער שפּאַנונג און גורלדיקייט. און צי מאַר־גאַרעט לאַרקין איז פאַרבעטן געוואָרן צו דערפילן די דאָזיקע שליחות, צי זי האָט זיך אַליין אָנגעבאָטן זי צו דערפילן, איז עס נישט אַזוי וויכטיק

ווי דאָס, וואָס גראָד אַ נישט־יידישע שרייבערין האָט גענומען אויף זיך די דאָזיקע שליחות.

ווען איך האָב לעצטנס געלייענט דאָס בוך „די זעקס טעג פון יד־מרדכי" האָב איך כסדר געזען פאַר זיך דעם קיבוץ, וואָס איך האָב געהאַט באַזוכט מיט אַ צייט צוריק און דאָס געלייענטע און דאָס דורך מיר אָבסערווירטע האָבן געשאַפן ביי מיר אַ גאַנצקייט. ביידע האָבן געשלאָסן יד־אחת, זיך אַרויסגעהאָלפן איינס דאָס אַנדערע און צוזאַמען מיר געהאָלפן שאַפן זיך דאָס גאַנצע בילד.

געוויינלעך זענען אַלע קיבוצים געגרינדעט געוואָרן לויט איין און דעם זעלבן שניט. אויב נישט צו זאָגן שאַבלאָן, אָדער ווי מען איז געוווינט אַמאָל זיך אויסצודריקן: „אויף איין קאָפּיטע". אומעטום די זעלבע שמאָלע געפּלאַסטערטע שטעגן צווישן באַגראָזטע שטחים וואָס פירן צו די פאַרשידענע אַדמיניסטראַטיווע צי קאָלעקטיווע בנינים און צו די ווין־הייזלעך פון די קיבוצניקעס, צום קולטור־הויז, צום חדר־האוכל, צו דער שול, צום דערציאונגס־אַנשטאַלט, מאַגאַזינען, שאַפּעס, שטאַלן און אַזוי ווייטער.

פון דעסטוועגן זענען פאַראַן קיבוצים, וואָס טיילן זיך אויס פון אַלגעמיינעם כאַראַקטער און ווען מען קומט זיי באַזוכן, פאַרגעסט מען צו פאַראינטערעסירן זיך מיט דער ווירטשאַפט, מיטן אַלגעמיינעם ניוואָ און דערגרייכונג. דאָס זענען די קיבוצים ווו עס געפינען זיך מוזייען, ווי למשל, דער קיבוץ לוחמי הגיטאות און דער קיבוץ יד־מרדכי, וועגן וועלכן עס גייט דאָ אַ רייד. אָבער דער קיבוץ יד־מרדכי טיילט זיך נאָך מער אויס מיט באַזונדערקייט, ווייל נישט בלויז איז אין אים פאַראַן אַ מוזיי, נאָר ער אַליין איז אַ מוזיי (אַחוץ דעם וואָס ער איז אויך אַ קיבוץ ווי אַלע קיבוצים) און דאָס האָט טאַקע אַ שייכות צום בוך „די זעקס טעג פון יד־מרדכי".

געוויינלעך, אַז מען קומט באַזוכן אַ קיבוץ געפינט זיך שוין אַ חבר וואָס פירט דעם גאַסט באַווייזן די דערגרייכונגען אויף אַלע געביטן פונעם קיבוץ־לעבן. מען שעפּט פון דעם גאַסטגעבער ידיעות און ער אַליין שעפּט נחת פון דעם וואָס מען האָט פון אים וואָס צו שעפּן. אָט איז די מעכאַנישע מעלקעריי, „איינע פון די בעסטע אין דער וועלט", צוליב וועלכע די בהמות זענען נישט קיין „אָפּגעשטאַנענע עלעמענטן"; אָט זענען די שאַפּעס מיט געפּרעסטער פּאַשע, טעם גן־עדן, און וואָס „מיט איר קוואַליטעט שטייגט זי איבער אַמעריקע און שוועדן". היינט די איי־בערפולטע שטייגן מיט עופות, וואָס האַלטן זיך אין איין מערן, קיין עין־הרע. דאָ קומען ציפערן, וואָס נישט יעדער האָט אַזוי גערן: כך וכך

ברענגט אריין די עופות־צוכט הינער און כך וכך גיבן די הינער אייער, כפל כפלים. ס׳איז אָפּגעגעבענע זאַכן.

עס קומען נאָך דעם די מאָדערנע קיך־איינריכטונגען, וואָס פּעכ־לען נאָך בעסער ווי ביי אַ באַלעבאָסטע, דער גרעסטער בריה אין דער היים. און דאָס וואָס די דאָזיקע קיך גיט אַזוינס, וועגן דעם קען זיך דער גאַסט איבערצייגן גלייך אויפן אָרט. ער געניסט גלייך פון כיבוד, וואָס ווערט דערלאַנגט מיט אַ ברייטער האַנט. דער חבר, וואָס פירט אַרום דעם באַזוכער, איז שטאָלץ מיט דעם גרויסן קאָלעקטיוון פאַרמעגן און אויך דער באַזוכער איז שטאָלץ מיט זיין שטאָלץ.

אַז מען קומט אָבער אין דעם קיבוץ יד־מרדכי באַוויזט מען אייך נישט דאָס אַלץ. און נישט דערפאַר ווייל עס איז אייך דאָרט נישטאָ וואָס צו ווייזן. ניין, מען פאַרגעסט זיך דאָס לחלוטין צו מאָנען, אַריינקומענ־דיק אַהין. אַנשטאָט ווירטשאַפטלעכע דערגרייכונגען און כיבוד, דער־לאַנגט מען אייך געשיכטע. בלוטיקע העראָאישע געשיכטע. פאַרטיידי־קונגס־שלאַכט פונעם קיבוץ פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון לאַנד, זיין חלק מסירת־נפש און אָפּפערווילי‍קייט, וואָס האָט געדויערט זעקס טעג. דער קיבוץ האָט געהאַט אַ וויכטיקע סטראַטעגישע באַדייטונג פאַר די עגיפּ־טער. ער האָט זיך געפונען אויפן וועג צו צפון און מיטן האַלטן דעם קיבוץ די גאַנצע זעקס טעג האָט יד־מרדכי זיי געשטערט אין זייער פאַרויסגיין צו תל־אביב.

ווען מען קומט אַריין אין דעם קיבוץ וואַרפט זיך גלייך אין די אויגן די סטאַטוע פון מרדכי אַנילעוויטש (וואָס אויף זיין נאָמען איז באַשלאָסן געוואָרן אָנצורופן דעם קיבוץ), אויסגעפירט בשעתו דורכן סקולפּטאָר נתן ראַפּאַפּאָרט, דער זעלבער קינסטלער וואָס האָט געשאַפן דעם דענקמאָל פון וואַרשעווער געטאָ. און מערקווירדיק, ווי נישט־ווילנ־דיק אַסאָציאיצירט זיך מרדכיס שטאָלץ יוגנטלעך געשטאַלט, מיטן גראַנאַט אין האַנט, גרייט צו שליידערן אויף די שונאים, מיט יענע קעמ־פער־געשטאַלטן פונעם וואַרשעווער געטאָ־דענקמאָל.

דער קיבוץ יד־מרדכי געפינט זיך נאָענט פון עזה און מרדכיס געשטאַלט שטייט אַקעגן דעם פּיינט ווי ער איז געשטאַנען אין בונקער פון מילע 18, צי אויף די דעכער פון וואַרשעווער געטאָ, און ער סימ־באַליזירט דאָ דעם המשך פון געמיינזאַמען מסירת־נפש און קאַמפס־גייסט פון דאָרטן און פון דאָ, ווען דער קיבוץ איז געווען באַלאַגערט פון די עגיפּטער און ווען די קיבוץ־קעמפער האָבן מיט פאַרביסנקייט און פאַרצווייפלונג אָפּגעשלאָגן אַלע זייערע אַטאַקעס.

דאָס צווייטע, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן, איז דאָס רעקאָנסט־רואירטע שלאַכטפעלד אין קיבוץ גופא, געשאַפן לויטן זכרון פון די

געוועזענע קעמפער, ווו מען זעט די אַטאַקירנדיקע עגיפּטישע זעלנער אין דער פֿאָרם פֿון מאַנעקענען. דאָס גלייכן די יידישע פֿאַרטיידיקער אויף זייערע פּאָזיציעס. דאָס בילד מאַכט אַן איבעראַשנדיקן איינדרוק. (ס'ווערט, אגב, שוין דערמאָנט פֿריער אין „דענקמעלער אין ישראל".)

דער קיבוץ האָט אפילו אין אַ סעריע קאָלירטע קאַרטלעך פֿון יד־מרדכי אויך אויפגענומען דאָס דאָזיקע בילד פֿונעם רעקאָנסטרואירטן שלאַכט־פֿעלד. דאָס איז אַ קאַרטל, וואָס מען קען, ווי געוויינלעך אַלע ענלעכע קאַרטלעך, אָפּשיקן ערגעץ־ווו צו באַקאַנטע מיטן טראַדיציאָנעלן „פֿריינט־לעכן גרוס". ווען מען קוקט אויף דעם בילד, האָט מען נישט דעם איינדרוק, אַז דאָס איז אַ רעקאָנסטרואירט שלאַכטפֿעלד מיט סאָלדאַטן־מאַנעקינען, נאָר אַן אמתדיק שלאַכטפֿעלד, וואָס אַ פֿאָטאָגראַפֿישער אַפּאַ־ראַט האָט אויפגעכאַפּט, און איך האָב זיך געוואָקלט צי מען קען צו עמעצן שיקן אַזאַ קאַרטל. גיי, שיק אַטאַקירנדיקע שונאים, זולס „פֿריינט־לעכן גרוס".

אין דער זעלבער צייט ווען דאָס אויג איז צוגעשמידט צו אָט דעם בילד, איז דאָס געהער אָנגעשטרענגט אויפצוכאַפּן אַ שטים, וואָס הילכט אָפּ אין דעם גאַנצן אַרום. די שטים, אויפגענומען אויף אַ באַנד, גיט איבער דאָס, וואָס עס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין די היסטאָרישע זעקס טעג פֿון יד־מרדכי און אויף אָט דעם שטיק פֿעלד, צו וועלכן מען קוקט זיך צו ווי צו דער וויזיע פֿון דער שלאַכט. דאָס וואָס מען הערט איז, אייגנטלעך, אַ קורצע רעזומע פֿונעם בוך פֿון מאַרגאַרעט לאַרקין. דער באַנד גיט איבער די דאָזיקע אויפקלערונג אין עטלעכע שפּראַכן, צוגע־פּאַסט צו די באַזוכער, וואָס קומען פֿון פֿאַרשידענע לענדער. קודם, פֿאַרשטייט זיך, אין עברית, און אויך אין יידיש. צוליב אַ צופֿאַל איז אונדז דער באַנד אָנגעשטעלט געוואָרן אין פֿראַנצויזיש, ווייל דעם חבר, וואָס איז זיך מטפּל מיט אָנשטעלן דעם באַנד, האָט מען געזאָגט אַז מיר קומען פֿון פֿראַנקרייך, איז דאָס געווען פֿאַר אים זעלבסטפֿאַר־שטענדלעך, אַז מיר זענען פֿאַר אים „פֿראַנצויזן"...

דאָס בוך פֿון מאַרגאַרעט לאַרקין הייבט זיך אָן מיטן אָנהייב, מיטן „בראשית", ווי עס הייסט טאַקע דאָס ערשטע קאַפּיטל. דאָס איז די גרינדונג פֿון אַ קליינעם ישוב לעבן נתניה דורך צוויי גרופּעס חלוצים, מיטגלידער פֿון „השומר הצעיר" פֿון פּוילן. זיי זענען געווען דאָס קערנדל, פֿון וועלכן עס איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסן דער קיבוץ יד־מרדכי, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן נאָענט פֿון עזה. ער איז שפּעטער אויסגע־וואַקסן, צובאַקומען נייע מיטגלידער, אומלעגאַלע עוליִם, מעפּילים, מענטשן, וואָס זענען ניצול געוואָרן פֿון די דייטשע אויסראָטונגס־לאַגערן, וואָס זענען געווען אין פֿאַרשידענע אַרמייען, אין דער בריטישער אַרמיי,

אין דער רויטער אַרמיי, אין דער פּוילישער אַרמיי פון גענעראַל אַנדערס, אין דער פּאַרטיזאַנקע. זיי האָבן געטראָגן פאַרשידענע מונדירן און אונטער זיי — געטראָגן אין האַרצן דעם בראָך נאָך זייערע אומגעקומענע. זיי האָבן געטראָגן אַלערליי אויסצייכענונגען פאַר העלדישקייט און געווער פון אַלע מאַרקעס. זייער מיליטערישע אויסשולונג, פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט און דערפאַרונג — זייער דינען אין די אַלע אַרמייען האָט זיי גופא, דאָס מאָל, צום בעסטן געדינט, ווען יד־מרדכי איז אין יאָר 1948 געווען אין דער גרעסטער סכנה. צווישן זיי זענען געווען אַזעלכע, וואָס גלייך נאָכן אַראָפּגיין פון שיף און אַריינקומען אין יד־מרדכי, איידער זיי האָבן נאָך באַוויזן רעכט איבערצולעבן דעם ערשטן עקסטאַז און זיך זאַט אָנקוקן דאָס לאַנד, האָבן זיי שוין געדאַרפט נעמען אין האַנט דעם קוילן־וואַרפער, די ביקס, דעם האַנט־גראַנאַט.

די אויטאָרין גיט אונז אין אָנהייב די פאָרגעשיכטע פונעם קיבוץ, די תקופה ביז דעם אָנו־באַשלוס צו שאַפן אַ יידישע מדינה און פון דעם מאָמענט ביז דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה. דער עיקר אָבער איז איר ציל און די הויפּט־טעמע געווען: די זעקס טעג פון די קאַמפן, וואָס יד־מרדכי האָט געפירט.

פאַר יד־מרדכי איז דער געראַנגל געווען אַן אומגעהויער שווערער. די פּראָפּאָרץ צווישן די אַנגרייפנדיקע גוט־באַוואָפנטע עגיפּטער און יידישע פּאַרטיידיקער איז אָפּט געווען צווישן 2.000 און 144. די קעמפער פון יד־מרדכי האָבן געדאַרפט שפּאָרן יעדע קויל, יעדן שלוק וואַסער, יעדן טראָפּן אַלקאָהאָל פאַר די ווונדן. די עגיפּטער האָבן דיספּאָנירט מיט עראָפּלאַנען טאַנקען, ציינד־באָמבעס. אַנטקעגן דעם שוואַך־באַוואָפנטן הייפל קיבוץ־קעמפער זענען די עגיפּטער דעמאָלט, צו יענער צייט, געווען „גיבורים". און דאָך האָט, טראָץ זייער איבערוואָג אין מענטשן און אין באַוואָפענונג, יד־מרדכי זיך געהאַלטן און אויפגעהאַלטן דעם שונא זעקס טעג.

די ציינד־באָמבעס האָבן געטראָפן אין די שטאַלן, אין די עופות־שטייגן. מאַרגאַרעט לאַרקין ווייזט אַרויס אַ סך עמפּינדלעכקייט צו די דאָזיקע שוידער־בילדער פון די בהלהדיק־אַרומלויפנדיקע מויל־אייזלען, פערד, שעפּסן, קי און קעלבער, צו די קוויטשענדיקע אַרומפליענדיקע היגער, אַרומגענומענע פון פלאַמען. אַ צווייטן עפּיזאָד, וואָס זי ברענגט און וואָס באַווייזט איר עמפּינדלעכקייט און אויך די עמפּינדלעכקייט פון די קעמפער, איז דאָס אַרומדרייען זיך פון אַ הונט פון קיבוץ אַרום אַ פּאָזיציע, יאָמערנדיק, אַז מען זאָל אים אַריינלאָזן אינעווייניק. ס'איז געווען אַ חשד אַז דער הונט איז משוגע געוואָרן פון שרעק און ער קען באַפאַלן און צעבייסן. מען האָט אים געדאַרפט דערשיסן, אָבער דער, וואָס

באַקומט דעם באַפֿעל צו דעם, קען אים נישט אויספֿירן. אויך אַ צווייטער קען נישט אויפֿהייבן די ביקס, די האַנט ציטערט אים. „יידישע גזלנים".

עס איז פֿאַראַן אַפֿילו איין מאָל אַ מאָמענט ווען עס הערשט דער גייסט פֿון מצדה. און די קעמפֿערין מרים דריקט עס אויס: „מיר וועלן קעמפֿן ווי יענע יידן, וועלכע האָבן פֿאַרטיידיקט די מויערן פֿון ירושלים — האָט זי גערעדט צו זיך. „לאָמיר דאָ, אין יד־מרדכי זיך פֿירן ווי די פֿאַרטיידיקער פֿון מצדה".

אַ צווייטער פֿאַל, אַ מער דראַמאַטישער, וואָס דערמאָנט נאָך מער דעם גייסט פֿון מצדה, איז ווען אַ קעמפֿער זעט פֿאַר אַ שחיטה מצד די עגיפּטער, ווען זיי וועלן זיך אַריינרייסן אין קיבוץ און ער רופֿט אויס: „בעסער מיר זאָלן זיך אַליין ליקווידירן" — און ער האָט אַרויסגעשלעפּט דעם פֿאַרזיכערער פֿונעם האַנט־גראַנאַט. אָבער סיי מרימס רייד און סיי דער באַשלוס פֿון דעם צווייטן קעמפֿער זענען נישט מקוים געוואָרן. צום טראַגישן פֿינאַל פֿון מצדה איז נישט געקומען. נאָך זייער געצוווּנגענעם ריקצוג אין מיטן דער נאַכט, ביי ביז גאָר שווערע באַדינגונגען, אין אַ צווייטן קיבוץ אַריין, קומען, שפּעטער די מענטשן פֿון יד־מרדכי צוריק אין זייער צעשטערטן און פֿאַרוויסטן קיבוץ און בויען אים אויף צוריק אַ נייעם און בליענדיקן, אַזאַ, ווי איך האָב אים געזען מיט אַ צייט צוריק.

ביים אָנטרעפֿן זיך אין בוך אויף שווערע דראַמאַטישע מאָמענטן, טראַכט מען אָפּט וועגן וואַרשעווער געטאָ; אַז דאָס איז אַ המשך פֿון יענעם העראָישן קאַמף, הגם ביי אַנדערע באַדינגונגען, און ווען מען ווייסט אַז מען איז נישט איזאָלירט און אַז אין גאַנץ ארץ־ישראל קעמפֿט די הגנה און דער פּלמ״ח פֿאַר דער אומאָפּהענגיקייט פֿון לאַנד. אין וואַרשעווער געטאָ האָבן די לעצטע יידישע קעמפֿער זיך פֿאַרטיידיקט פֿאַרצווייפֿלטע, פֿאַרמאַכטע צווישן ווענט. זיי האָבן געקעמפֿט בלויז באַזיגט ווערן, ווען אַלץ אַרום זיי איז דורכן שונא פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין מדבר. ווען מען לייענט „די זעקס טעג פֿון יד־מרדכי" מוז מען אויך טראַכטן וועגן די זעקס טעג פֿון יאָר 1967. אין יאָר 1948, ווי אין די זעקס טעג פֿון 1967, האָט מען געוואָלט פֿון ישראל נאָך אַ מאָל מאַכן אַ וואַרשעווער געטאָ, נישט אַרומגערינגלט פֿון ווענט, נאָר פֿון פֿייער און וואַסער. אָבער באַזיגן דאָס פֿאָלק האָט מען אויך דאָ געקעמפֿט בלויז דורך פֿאַרוואַנדלען אַ לאַנד אין אַ מדבר, נאָך דעם ווי דאָס פֿאָלק האָט פֿאַרוואַנדלט אַ מדבר אין אַ לאַנד.

1968.

ביים סדר אין אַ קיבוץ

ווען מען איז פּסח־צייט אין ישראל הערט מען פון אַלע זייטן: „דו מוזט ביייווינען אַ סדר אין אַ קיבוץ, אַזוינס האָסטו נאָך קיינמאָל נישט איבערגעלעבט, דו טאָרסט נישט דורכלאָזן די געלעגנהייט". דערביי גיט מען דיר איבער וועגן דעם כאַראַקטער פון אַזאַ סדר, אין וואָס עס באַשטייט זיין אייגנאַרטיקייט, מיט וואָס ער אונטערשיידט זיך פון אַנדערע סדרים.

ביייווינען אַ סדר אין אַ קיבוץ איז פאַר אַ ייד פון אויסלאַנד נישט פון די לייכטע זאַכן. מען דאַרף טראַכטן וועגן דעם באַצייטנס, מען מוז האָבן אין אַ קיבוץ אַ קרוב אָדער אַ פריינט, וואָס זאָל זיך באַמיען וועגן אַן איינלאַדונג פאַר דיר צום סדר. דערווייל דאַרף מען זיך צואיילן, ווייל עס קען ווערן צו שפּעט, עס קען אויספעלן אַ פּלאַץ.

צו דער געהעריקער צייט האָב איך באַקומען אומגעריכט אַן איינלאַדונג צום סדר אין קיבוץ עין־החורש. אין רעזערוו איז אויך געווען אַ צווייטער קיבוץ, וועמענס אַנגעזעענער טוער האָט צו ווויסן געטאָן, אַז אויב איך וועל נישט האָבן עפּעס אַנדערש קען איך קומען ביייווינען דאָרטן דעם סדר. איך האָב אויסגעקליבן דעם קיבוץ עין־החורש, וווהין איך בין געוואָרן דירעקט איינגעלאַדן דורך דעם קיבוצניק, מיין פריינט יאָסקע סלע און זיין פרוי דינה, ווו איך האָב געדאַרפט זיין נישט נאָר זייער גאַסט צום סדר, נאָר אויך דער גאַסט אין זייער פּריוואַטער וווינונג.

יאָסקע סלעס פאַקטישער נאָמען איז שולשטיין, אַזוי ווי מיינער. נאָך דער מלחמה און יידישן חורבן, ווען יידן האָבן געזוכט יידן, לעבן־געבליבענע קרובים, האָט יאָסקע מיך אָנגעפרעגט אין אַ בריוו, וואָס ער האָט געשיקט צו מיר קיין פּאַריז, צי בין איך נישט אַמאָל זיינער אַ קרוב. אַזוי האָבן מיר זיך באַקענט. צום באַדויערן פאַר אים, און אויך פאַר מיר, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר זענען נישט קיין קרובים, דערפאַר זענען מיר אָבער געוואָרן פריינט און אפשר כמעט ווי קרובים, בפרט אַז יאָסקע איז

אַ גרויסער ליבהאָבער פון דער יידישער ליטעראַטור, פון יידישן וואָרט און יידישן בוך.

יאָסקע האָט איבערגעביטן זיין נאָמען שולשטיין אויף סלע (פעלדז). איך האָב אים קיינמאָל נישט געפרעגט פאַרוואָס ער האָט דאָס געטאָן. איך האָב געוווּסט אַז אין ישראל איז פאַראַן אַזאַ טענדענץ צו ענדערן זיך די נעמען, ווי ביי פרויען די קאָליר פון די האָר. מען זעצט זיי איבער אויף העברעאיש, אָדער מען גיט זיך בכלל העברעאישע נעמען, כאָטש וויצמאַן האָט געקענט הייסן וויצמאַן און דאָס האָט אים גאָרנישט געשטערט צו זיין דער ערשטער פּרעזידענט פון מדינת ישראל.

אָבער לאָמיך גייען מיט אַ סדר און אומקערן זיך צום „סדר", צו וועלכן איך האָב זיך געגרייט ווי אַ יינגל צום פרעגן די קשיות. יאָ, דאָס טאָקע אויך... ס'הייסט נישט קיין קשיות, נאָר עפּעס ענלעכס... אין דער איינלאַדונג האָט יאָסקע צו מיר געשריבן, אַז ביים סדר וועט מען מיך נישט בלויז מכבד זיין מיט דער פּסחדיקער סעודה, נאָר אויך מיט כבוד, מען וועט מיך מכבד זיין מיט אַ כוס פון די ערבע כוסות, ביי וועלכן איך וועל דאַרפן זאָגן אַ געוויסן פּסוק.

דער פּסוק, אַגב, געפינט זיך נישט אין דער טראַדיציאָנעלער הגדה, נאָר אין דער אייגענער קיבוצישער הגדה מיט אַן אייגענעם נוסח, מיט זייער שיינע, פאַרביקע און גאָר מאָדערניסטישע אילוסטראַציעס. מען געפינט דאָרט אויך אויסצוגן פון לידער פון יהודה הלוי, פון נתן אַלטערמאַן, פונעם פּאַרטיזאַנער־הימן "זאָג נישט קיינמאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג". „און למען השם, האָט מיין חבר יאָסקע צו מיר געשריבן, זע אַז דו זאָלסט זיך אויסלערנען זאָגן דעם פּסוק מיט דער הברה ספרדית", מיינענדיק מסתמא, אַז דער אורח קען נאָך אַמאָל פאַרשעמען דעם גאַסטגעבער, אָבער קיין געפאַר איז נישט געווען פאַר דעם, האָט יאָסקע אַליין שפּעטער איינגעזען.

לייכטער איז מיר געוואָרן אויף דער נשמה נאָכן איבערלייענען דעם פּסוק, געדרוקט אין אַ שיין רעמעלע, וועלכער איז געווידמעט דעם כוס פון שלום, דעם שלום פאַר ישראל און די פעלקער, דאָס הייסט אַז נישט מיטן גייסט פון „שפוך חמתך" וועל איך זיין דורכגענומען ווען איך וועל אויפהייבן מיין כוס, נאָר מיט אַ ווונטש פון שלום פאַר ישראל און פאַר די פעלקער אַרום אירע גרענעצן און אויך פאַר דעם פאָלק, וואָס ווערט אַזויפיל דערמאָנט אין דער הגדה. אָט איז דער טעקסט פונעם פּסוק צום כוס שלישי, דעם שלום־כוס:

> כוס נחמה נשא לשלום שארית ישראל ולשלום העמים:
> יהי שלום בחילינו, שלוה באהלינו — לחיים ולשלום!

**
*

ביי אַלע וואָס שטאַמען פון יידיש־טראַדיציאָנעלע היימען, איז פאַר־בליבן אין זכרון די סדר־נאַכט ווי אַן אינטים־משפחהדיקער יום־טוב, וואָס איז געפּראַוועט געוואָרן אין די ענגע דלד אמות. בלויז געדאַוונט האָט מען מיט אַ סך יידן צוזאַמען, אָבער געגעסן און געפּרייט זיך האָט מען אַליין, צווישן זיך, מיטן אַנטייל בלויז פון די משפחה־מיטגלידער און אוודאי און אוודאי איז עס אויך חל געווען פאַר דער פּסח־נאַכט.

מען האָט אין אונדזערע אַלטע היימען נישט געקענט זיך פאָרשטעלן אַ סדר פון הונדערטער מענטשן. בלויז פּסח ביינאַכט אין אַ קיבוץ האָב איך דאָס צום ערשטן מאָל געזען. איך בין, איבעריקנס, געווען צוגעגרייט דאָס צו זען. אויב דער קיבוץ באַטראַכט זיך פאַר אַ קאָלעקטיוו, פאַר אַ משפּחה, (און נישט בלויז ער באַטראַכט זיך, נאָר ער איז עס), אויב מען עסט אַ גאַנץ יאָר צוזאַמען, פאַרוואָס זאָל מען נישט פּראַווען דעם סדר צוזאַמען ווי איין משפחה? אין אַ סך קיבוצים האָט מען שוין נאָכגעלאָזט פון דער שטרענגער קאָלעקטיוויסטישער דיסציפּלין וואָס שייך עסן צוזאַמען אין געמיינזאַמען זאַל; אַ משפּחה, אַ פּאָרפאָלק קען זיך אין אָוונט, אָדער שבת, אויב מען וויל, אַרויסנעמען עסן פון דער קיך צו זיך אין שטוב אַריין און עסן פאַר זיך. אַזוי איז דאָס אַ גאַנץ יאָר. אָבער הלילה הזה — אין דער דאָזיקער נאַכט פון פּסח, וועט קיין איין קיבוצניק נישט פעלן אין פייערלעכן חדר־האוכל און וועט פּראַווען מיט אַלע צוזאַמען דעם סדר.

„מה נשתנה" — ווי אַלץ האָט זיך דאָ פאַרענדערט אין דעם ריזיקן און רחבותדיקן חדר־האוכל, נישט צו דערקענען אים פּשוט. איך קאָן באַ־מערקן דעם אונטערשיד ווייל איך האָב אים געזען אין אַנדערע טעג אויך, אַפילו שבת, ווען די טישן זענען וואָכעדיקע און אַלץ טראָגט דעם חותם פון אַ קאַנטינע, אַ גאַרקיך פאַר אַרבעטס־מענטשן, הגם ציכטיק און אָנ־גענעם, אָבער דאָך וואָכעדיק. די מענטשן, אָנגעטאָן אין אַרבעטס־בגדים, עסן אָפּ בחפזון, ווער פריער, ווער שפּעטער. וועגעלעך וואָס פירן דאָס עסן פון דער קיך, פאָרן אַרום לעבן די טישלעך. אַ ספּעציעלער עקיפּ, וואָס יעדן איינעם פון די מענטשן קומט אָן די ריי אויף דעם, באַדינט די טיש־לעך. ווי אַזוי מאַכט מען אָבער אַז הלילה הזה זאָלן קיין וועגעלעך נישט אַרומפאָרן און אַלע זאָלן קאָנען זיצן ביים טיש? די דאָזיקע קשיה האָב איך געשטעלט זיך אַליין איידער איך בין אַריין אין עס־זאַל. און ווען איך בין אַריין אינעווייניק איז פאַר מיר די קשיה גלייך געווען פאַרענטפערט. די יום־טובדיקע טישן זענען געווען באַדעקט מיט ווייסע טישטעכער, באַ־שטעלט מיט בלומען און מיט אַ פון פריער צוגעגרייטן מאָלצייט און אַלער־

ליי וויינען פאַר יעדן איינעםביים טיש. ס'איז נישט געווען קיין פסחדיקער סעלף־סערוויס, נאָר נאָך באַקוועמער. מ'האָט קיינעם נישט באַדאַרפט באַדינען און קיינער האָט אַפילו זיך אַליין נישט באַדאַרפט באַדינען, סיידן מיט גאָפּל־מעסער־לעפל. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז מיט דער גרויסער צאָל יום־טובדיק־געקליידטע מענטשן געפין איך זיך אויף אַ שמחה מיט פּאַרנעם, אויף אַ פייערלעכן באַנקעט. נאָר קיין סאַרווערס אין ווייסע רעקלעך וועלן זיך נישט אַרומדרייען הינטער די פּלייצעס פון די געסט. קיין סורפּריזן האָבן די טעלערס נישט צו דערוואַרטן. דאָס, וואָס מען זעט, דאָס וועט מען האָבן.

פאַרן אָנהייבן דעם סדר קומען אַריין מיידלעך אין אַ שורה, איינע נאָך דער אַנדערער, אונטערטענצלענדיק און זינגענדיק, האַלטנדיק גאַרבן גרינס אויף די אָרעמס. עפּעס דערמאָנט דאָס בילד אין די תנכישע צייטן.

אין אונדזערע אַמאָליקע היימען האָט מען פאַר יעדן כוס וויין, פאַר יעדן געשמאַקן ביסן געמוזט אָפּצאָלן מיט זאָגן די הגדה פריער און נאָך דעם. דאָ איז דער ענין אַ סך פאַרלייכטערט. די הגדה איז פאַרטיילט אויף שטיקלעך צווישן דעם עולם און דער עיקר, דער כאָר זינגט די גרעסטע טייל פון דער הגדה און מיט אַלץ פירט אָן דער „אַב סדר", וועלכער גע־פינט זיך אויף אַן עסטראַדע מיט אַ גאַנצן פסח־פּרעזידיום. דער „אַב סדר" איז גראָד היי־יאָר דער דיכטער אבא קאָוונער, געוועזענער קאָמענדאַנט פון די ווילנער פּאַרטיזאַנער, א חבר פון קיבוץ. היינט איז ער זוכה צו זיין קאָמענדאַנט פונעם סדר פון זיין קיבוץ, ער פירט אָן מיטן גאַנצן סדר ווי אַ שטאָלצער קאַפּיטאַן מיט אַ זאַרגלאָזער לוקסוס־שיף.

צוליבן זינגען פונעם כאָר, ברענגט זיך אין דער עולם אַ סך צו זאָגן די הגדה, און נאָך עפּעס ברענגט מען זיך איין: דאָס אַריינרופן אליהו הנביא אויסצוטרינקען זיין כוס, ווי עס איז אַמאָל געווען דער מנהג. אַמאָל האָט ער אין אונדזערע ישובים אין דער סדר־נאַכט באַדאַרפט גיין פון טיר צו טיר. אַזוי צו הונדערטער טויזנטער טירן. אַפילו בלויז צו אַ פּאַרפאַלק האָט ער געדאַרפט אַריינגיין און באַלעמוטשען און דאָ, ווען ער וואָלט דאָ אַריינגעקומען, וואָלט עס געווען גלייך צו טויזנט יידן מיטאַמאָל. ראַציאָנעל און שפּאָרזאַם. אָבער אַזוי ווי מען רופט אים נישט, וועט ער נישט אַריינ־קומען.

דאָ און דאָרט צילט זיך אַ פאָטאָגראַפישער אַפּאַראַט אויף אַ גרופּע סדרניקעס, קיבוץ־לייט מיט זייערע געסט. ער וויל אָריינכאַפּן אַ שטיק סדר פאַר דער אייביקייט. פאַר די, וואָס ווייסן נישט צי זיי וועלן נאָך זוכה זיין נאָך אַ מאָל בייצוווינען אַזאַ יום־טוב, וועט עס זיין אַ גליקלעכע דערמאָנונג, פול מיט באַדויער און נאָסטאַלגיע.

**
*

דער עולם לאָזט זיך אַרויס צו ביסלעך אין דרויסן אָפּצופּרישן זיך מיט אַ קיל ווינטעלע, וואָס קומט פון די יידישע קיבוצישע פעלדער. עס איז אַ געגייערײַ אויף די שמאָלע אַספאַלטירטע סטעזשקעס, וואָס פירן אומעטום אין קיבוץ. אויפן הימל שפרינגט אַרום אַ ציכטיק־זויבערע לבנה — דאָס ווייסע חד־גדיא־ציגעלע פון דער הגדה און פרייט זיך מיטן יום־טוב פסח, מיטן יום־טוב פון פרילינג און באַפרייאונג.

1965

נס חנוכה און נס ישראל

חנוכה איז שטענדיק געווען אַ וואָכעדיקער יום־טוב, אַ יום־טוב אָן פּאַרכטיקע תּפילות, אָן פאַסטן און אָן וויינען. געוויינט האָבן בלויז די געענדזענע פּעטע גריוון פונעם שמאַלץ, וואָס מען האָט באַצייטנס אויסגע־לאָזט אויף פּסח. אָן אַדערויף אויף אַ צווייטן יום־טוב, וואָס האָט אונדז, קליינוואַרג, אויך נישט געשראָקן, נאָר גאָר פאַרקערט, געפרייט און גע־מונטערט.

אַמאָליקער שטעטלדיקער חנוכה איז פאַרבליבן אין מיין זכרון ווי אַ יום־טוב אין דער וואָכן. אי ס'איז יום־טוב און אי מען מעג אַרבעטן און פירן מסחרים, האַלטן אָפן די קראָם און פאָרן אויף יאַרידן. די פעטערס קומען צו גיין מיט רויטע באַקן פון פראָסט און מיט פאַרשנייטע בערד, ווי זיי וואָלטן באַצייטנס גראָ געוואָרן. זיי נעמען אַרויס פון זייערע פאַר־שמאָלצענע טייסטערס חנוכה־געלט און טיילן עס אונדז. נעמט מען און מען שפּילט מיט דעם אין דריידל. און אַ דריידל, וואָס ווייסט עס? מען דרייט עס אָן דרייט עס זיך. און טיילמאָל לאָזן מיר עס אָפּ מיט אַזאַ „ראָז־מאַך" אַז מיר מיינען אַז עס איז שטיין געבליבן. מיר זאָגן טאַקע: עס שטייט שמונה עשרה. ביז עס שטייט אָפּ סוף־כל־סוף, הינקט אונטער און גיט זיך אַ לייג אַוועק אויף אַ זייט.

די פעטערס אַליין זעצן זיך אויך אַוועקביים טיש, ביים יום־טוב־דיק־וואָכעדיקן טיש און זיי שפּילן אויך, אָבער נישט אין דריידל, נאָר אין קאָרטן, אין טאַרניטשקע, אין קוויטלעך. זיי זעגנען זיך מחיה מיט די הייסע לאַטקעס וואָס די מאַמע דערלאַנגט זיי פון דער צעשריגענער פאַ־טעלניע און זייערע אויגן גלאַנצן, טאַקע ווי די פעטע לאַטקעס אַליין.

אויף די שויבן ליגט דער פראָסט צעצווייגט און צעבלימלט. אַזאַ מין שטיללעבן וואָס גאָט אַליין האָט געמאָלן און אויסגעשטעלט ביי אונדז אין שטוב. אין דרויסן ליגט דער שניי אַ סודותפולער, אַ שטילער, אַזאַ ציכטיק־ווייסער כשרער שניי, וואָס ער אַליין איז אַ טייל פון חנוכה.

אויף דער וואַנט הענגט דער חנוכה־לאָמפּ אַ לויכטנדיקער און פייער־לעכער. ער גלאַנצט אַדאַנק דער מאַמעס מי. דאָס האָט זי אים געריבן מיט קרייד, געפּוצט און געצערטלט מיט ליבשאַפט ביז ער איז אַרויס אַ לייט. די פלעמלעך אין זיינע רערלעך הייבן אָן צו צאַנקען. איך קוק זיך צו צו דעם מיט באַדויער און מורא. צאַנקענדיקע ליכט שרעקן מיך שטענדיק. די פעטערס באַמערקן נישט ווי דער חנוכה־לאָמפּ צאַנקט אויס, זיי זע־נען אַלץ אַריינגעטאָן אין דער שפּיל פון די קאָרטן. דאָס איינציקע, צו וואָס זיי האָבן נאָך דעם קאָפּ, דאָס זענען די לאַטקעס וואָס די מאַמע רוקט זיי אַלץ אונטער, הייסע, גלייך פון דער פאַטעלניע און באַשאָטן מיט אַ דינעם שיכט מאָנטשקע, ווי דער שניי אין דרויסן. מען קעכלט זיי, ווייל זיי זענען פעטערס און האָבן חשובע טייסטערס פולע מיט מטבעות. איך בין זיי מקנא. ווען וועל איך שוין אויך זיין אַ פעטער?

עס איז מיר אַ רחמנות און אַ ווייטיק פאַרן חנוכה־לאָמפּ וואָס לעשט זיך. זאָל ער נישט אויסגיין, בעט איך אין מיינע מחשבות.

**
*

ערשט היינט, מיט לאַנגע יאָרן שפּעטער, באַנעם איך, אַז מיין גע־בעט איז אָנגענומען געוואָרן. דאָס חנוכה־ליכט איז נישט אויסגעגאַנגען און גייט נישט אויס. עס באַנייט זיך און באַנייט זיך. מיר אַליין זענען דאָס פלעמל וואָס צאַנקט, וואָס טוקט זיך, ראַנגלט זיך און גייט נישט אויס. דער נס מיטן קריגעלע בוימל, וואָס די מכבייער, די באַנייער פונעם בית־המקדש, האָבן דאָרט געפונען און וואָס אָנשטאָט אויף איין טאָג האָט עס געסטייעט אויף גאַנצע אַכט טעג — דאָס זענען מיר אַליין. פונקט ווי אין דעם קריגעלע בוימל, אַזוי איז אַריינגעקומען אין אונדז גופא די ברכה און טראָץ דורותדיקע נגישות און פּורעניות, טייכן בלוט און קרבנות, גייען מיר נישט אויס און אונדזער ליכט באַנייט זיך און פאַרשפּרייט זיך אַרום אונדז.

פונקט ווי עס האָבן אַמאָל די מכבייער, נאָך קאַמפן און מסירת־נפש, זיך אומגעקערט צום פאַרשוועכטן בית־המקדש, האָבן היי־יאָר די אייניק־לעך פון די מכבייער זיך אומגעקערט צו די רעשטן פון אַמאָליקן צע־שטערטן און חרוב געוואָרענעם בית־המקדש. די אַלטע שווערד און דאָס היינטצייטיקע אויטאָמאַטישע געווער האָבן זיך איבערגעקלונגען איינער מיטן צווייטן. דער זעלבער מסירת־נפש און די זעלבע גאולה־פרייד האָבן זיך באַגעגנט און באַהאָפטן.

איך האָב אַנומלט געזען אין אַן אילוסטרירטן זשורנאַל אַ קאָלירט

בילד וואָס שטעלט פאַר ווי ישראל־מיליטער קערט זיך אום נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, אויף דער סירישער גרענעץ אין שווערע לאַסט־אויטאָס בכדי צו באַערן אויפן אָרט פון די קאַמפּן גופא עטלעכע צענדליק געפאַלענע. דאָס בילד וויזט זייערע איבערגעקערטע קאַסקעס אויף דרערד, וואָס פון יעדן גייט אויף אַן אָנדענק־פלאַם. עפּעס האָבן זיי מיר דערמאָנט אין דער שורה אָנגעצונדענע לייכטערלעך פונעם חנוכה־לאָמפּ. און אין די טעג ווען עס האָט זיך היי־יאָר דערנענטערט חנוכה האָט זיך פאַר מיר די דאָזיקע אַסאָציאַציע און וויזיע נאָך מער פאַרשטאַרקט און פאַרבולט.

מיט אַן ערך צוויי יאָר צוריק איז מיר אויסגעקומען צו באַזוכן די קברים פון די חשמונאים, וואָס האָבן זיך געפונען ביי דער דעמאָלטי־קער יאָרדאַנישער גרענעץ. בלויז עטלעכע אויסגעהאַקטע גריבער אין פעלד־זיקן באָדן. אינעווייניק איז גאָרנישט פאַראַן. פינצטערע ברינעמער, פון וועלכע מיר שעפּן ליכט זינט יאָרהונדערטער. איך קוק אַריין אין דער שוואַרצער הוילקייט, ווי אין זייער צוויי־טויזנט־יאָריקן עבר.

דאָס היסטאָרישע שטעטל מודיעין, דאָס וויגעלע פון מרידה פון די מכבייער, געפינט זיך אויף יענער זייט, אָקעגנאיבער, אָבער אויף שריט און טריט וואָרענען שילדלעך: „הזהר! הגבול לפניך!״ די גרענעץ גע־פינט זיך פאַר דיר! און איך פיל ווי די הוילע קברים פון די מכבייער קענען באַלד ווערן פאַר אונדז שוץ־גריבער, פונקט ווי זייערע נעמען האָבן אונדז יאָרן־לאַנג באַשיצט פון פאַרלוירנגיין אויף די פרעמדע שייד־וועגן פון דער וועלט.

היי־יאָר זענען זיי צום ערשטן מאָל פאַראייניקט און באַהאַפטן: זייער לעבן, זייער קאַמף, זייער טויט. די אייניקלעך פון די מכבייער קאָנען היינט קומען אין מודיעין און גיין אין די שפּורן פון זייערע אורזיידעס. מען זאָגט, אַז זיי האָבן נישט קיין רעכט אויף דעם. מען איז מבטל דאָס פאַררופן זיך אויף געשיכטע. געשיכטע איז גילטיק בלויז פאַר אַנדערע.

**
*

איך קום צוריק צום היימישן שטעטל פון מיין קינדהייט. עס טויכן ווידער אויף פון אָנגעשאָטענעם שניי אַרויס די פאַרגאַנגענע חנוכה־אָוונטן. עס פאַלן דעמאָלט אויך אויס די אָוונטן פון ערב „באָזשע נאַראָדזעניע״, ערב ישוס קומען אויף דער וועלט וועט זיין מאַמע איז שוין געווען אויף דער צייט מיט אים און גרייט אָט־אָט געלעגן צו ווערן. פון די קריסטלע־

כע געסלעך הערט זיך ביינאַכט אַ טראַמביען, וואָס וועקט אי אַ נייגערי־קייט און אי אַ פּחד. די קלויסטער־גלאָקן קלינגען, דערמאָנען אין בילבו־לים און בלוט־בילבולים. איך לאָז זיי אַלע אַדורכגיין דורך מיין זכרון. וואָס האָט מען אַלץ נישט אויסגעטראַכט אויף מיר, דעם „וואַנדערנדיקן ייד" אין משך פון יאָרהונדערטער. איך האָב געצאַפּט בלוט פון קריסטלעכע קינדער פאַר מצות אויף פּסח און איך האָב געשענדעט די האָסטיע. איך האָב פאַרסמט ברינעמער און שפּעטער אויך פאַרסמט די פירער פון דער וועלט־גאולה; איך האָב זיי געשטעלט בכיוון פאַלשע דיאַגנאָזן און זיי איינגעגעבן שעדלעכע רפואות. אַ מאָל בין איך געווען אַ מלחמה־אונטער־צינדער און אַ מאָל אַ דעזערטיר, אַן אַנטלויפער פון פראָנט, אַ מאָל אַ פּלוטאָקראַט און אַ מאָל אַ מאַרקסיסט; איין מאָל בין איך געווען אַ נאַציאָנאַ־ליסט און אַ צווייט מאָל אַ קאָסמאָפּאָליט, אַ בראָדיאַגע אָן אַ פּאַספּאָרט. נישט לאַנג צוריק בין איך שוין אויך געוואָרן אַ פינפטע קאָלאָנע און גראָד אין אַ לאַנד וווּ איך האָב נישט איבערגעלאָזט נאָך זיך מער ווי קברים, אַש און רויך. לעצטנס בין איך אויך געוואָרן אַ וועלט־באַהערשער, דאָס וואָס איך בין שוין, אגב, אויך פריער געווען, און ס'איז נישט מער ווי אַ נישט־אָריגינעלע איבערחזורונג... און געהערט האָט מען דאָס גראָד אין אַ לאַנד פון דער דעקלאַראַציע פון מענטשן־רעכט און עמאַנציפּאַציע פון די יידן.

⁂

און די גלאָקן קלינגען אין די חנוכה־אָוונטן. איך, אַ חדר־יינגל, שטיי מיט אַנדערע יינגלעך אויף אַ באַנק פון דער שטעטלדיקער מאָדער־ניזירטער תלמוד־תורה און זינג דאָס ליד וואָס דער „מורה" (און נישט רבי) האָט איינגעחזרט מיט אונדז יינגלעך און דווקא אויף יידיש.

אָ, איר שיינע ליכטעלעך,
איר דערציילט געשיכטעלעך,
מעשהלעך פון אַמאָל....

אָבער אין אונדזערע היינטיקע חנוכה־טעג רייסט זיך אַריין אַ נייער נוסח. נישט בלויז מעשהלעך פון אַמאָל, נאָר אויך מעשהלעך פון איצט. זיי דאַרפן געזונגען ווערן און וועלן געזונגען ווערן, נישט בלויז וועגן אַמאָ־ליקע ניסים, נאָר אויך וועגן דעם נס פון היינט.

און די גלאָקן פון אַמאָל וועקן מיך אויף און דערמאָנען... באַלד וועלן זיך אין די פרעמדע הינטערשטעטלדיקע פענצטער אָנצינדן די גרינע

„כאַינקעס״, באַשטעקטע מיט קאָלירטע ליכטעלעך. זייערע צווייגלעך וועלן אונדז אויסשטעכן די אויגן און זייערע בלישטשענדיקע לעמפּעלעך וועלן אונדז נאָכקוקן ווי ביסטרע, פּיינטלעכע בליקן און וועלן אונדז שרעקן. מען וועט פֿאַרהאַקן ביי אונדז די לאָדנס, די שיין פֿונעם חנוכּה־לאָמפּ זאָל זיך נישט אַרויסזען, מען זאָל נישט האָבן אויף אים קיין גרויסע אויגן...

איצטער קאָן מען שוין האָבן דאָרט אויף אים גרויסע אויגן. פֿאַר־לאָשן האָט זיך איין מאָל דער חנוכּה־לאָמפּ צוזאַמען מיט אונדזער גאַנצן לייב־און־לעבן, אָבער אין די היי־יאָריקע חנוכּה־אָוונטן וועל איך זען ווי זיין שיין האָט זיך צוריק דערכאַפּט, צוריק אויפגעלויכטן אין זיין גאַנצן פֿולן פּראַכט און מגולגל געוואָרן אין יענע אָנגעצונדענע פֿלעמעלעך אין דער שורה קאַסקעס פֿון די געפֿאַלענע יידישע זעלנער, די מכּבייער פֿון היינט.

1967

ווען טרויער און פרייד רירן זיך אָן אין ישראל

טרויער און פרייד זענען אַזוי נאָענט צו זיך אין ישראל. זיי רירן זיך ממש אָן. בסך־הכל געררוקט מיט איין וואָך איז דער טאָג פון אומקום און גבורה פונעם טאָג פון אומאָפּהענגיקייט, דער טאָג פון גרויסן פאָלקס־טרויער און דער טאָג פון גרויסער פאָלקס־פרייד.

די גרעסטע טייל פון דער שארית הפליטה פון דער לעצטער חורבן־תקופה געפינט זיך אין ישראל. מענטשן ניצול־געוואָרענע דורך אויסטערלישע ניסים, אָפּגעזונקטע און אָפּגעסמאַליעטע פון שרפות; מענטשן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעפּלאָנטערט פון פאַרבאָרגענע געדיכטע וואַלד־נעצן; וואָס האָבן זיך שוין געהאַט אָפּגעוווינט פון דער ראיה, זייענדיק פאַרגראָבן און פאַרקאָפּעט אין פינצטערע בונקערס און לעכער, ווי מוילוואָרפן אין דער ערד — זיי אַלע האָבן געפונען אַ היים און אַ מקום־מנוחה אין ישראל.

מער ווי אומעטום זעט מען דאָ די אויסטאַטואירטע באַציפערטע אָרעמס פון געוועזענע קאַצעטלער. אָפּגעדעקטע צאַרטע פרויען־אָרעמס, וואָס האַלטן אַרומגענומען קינדער און קרעפטיקע מענער־אָרעמס, וואָס פירן טראַקטאָרן און הייבן שווערע האַמערס.

מער ווי אין אַ וועלכן ס׳איז אַנדער לאַנד ווערט אין ישראל באַערט דער זכר פון די זעקס מיליאָן אומגעקומענע יידן אין אייראָפּע, און ערגעץ־אַנדערש קען עס נישט געטאָן ווערן אויף אַזאַ אופן ווי דאָ, ווייל דער אַקט פון באַערן זיי איז אַ יידיש־מלוכהשער און דאָס אַלץ איז שוין אָן און פאַר זיך דער גרעסטער כבוד, וואָס עס קען אָפּגעגעבן ווערן די מיליאָנען קרבנות.

אַכט אַ זייגער אינדערפרי אין טאָג פון כ״ז בניסן האָט מיך אויפגעוועקט דער געיאָמער פון די סירענעס, וואָס צעטראָגט זיך דעמאָלט איבערן גאַנצן לאַנד. געיאָמער, וואָס גייט מיר שוין נאָך זינט לאַנגע יאָרן. ער דערמאָנט מיר אין דעם ערשטן בהלהדיקן געלויף פון פאַריזער מאַמעס מיט קינדער צו די מעטראָ־עפּענונגען אין די נעכט פון

אַנהויב־מלחמה, בעת די ערשטע וואָרענונגס־אַלאַרמען קעגן באָמבאַרדירונגען און גאַז־אַנגריפן. אין דעם סירענע־געיאָמער אין ישראל האָב איך גע־הערט דאָס געוויין פון די געטריבענע און געיאָגטע פון אַלע געטאָס און לאַגערן, פון אַלע הריגות און שרפות אַרויס.

אָט דער פּראָסטער סירענע־געוואָי הייבט זיך אויף אין דעם פרי־מאָרגן גלייכצייטיק אין דער זעלבער צייט פון אַלע ישראלדיקע שטעט. געוויינלעך באַנוצן זיך אומעטום מיט דער סירענע גרויסע פאַבריקן אויף צו געבן זייערע סיגנאַלן. איצטער באַערט זי דעם זכר פון די זעקס מיליאָן קרבנות. זי זאָגט אָן אַז דער טאָג פון אומקום און גבורה האָט זיך אָנגעהויבן.

אויפן ביישטידל ביי דער טיר אויבן אין אַ ווינקעלע האָט מען נאָך נעכטן פאַרנאַכט אָנגעצונדן אין אַ ספּעציעלן קליינעם מעטאַלענעם נר־הזכרון אַ קנייטל און אַ ביסעלע בוימל, עס זאָל לייכטן אַ פלעמעלע צום אָנדענק פון זייערע נשמות און אַרום דעם נר־הזכרון זענען אויס־געהאַמערט די אותיות פונעם פּסוק פון ישעיהו הנביא: ונתתי להם יד ושם אשר לא יכרתו (און איך וועל זיי געבן אַ דענקמאָל און אַ נאָמען וואָס וועט נישט אָפּגעמעקט ווערן).

ווען דער סירענע־סיגנאַל האַלט אָן אין גאַנצן לאַנד, בלייבן שטיין אַלע מאַשינען, וועגענער, רעדער און מאָטאָרן, די גאַנצע באַוועגונג שטעלט זיך אָפּ און שוויגט. דאָס לאַנד האַלט איין דעם אָטעם, בכדי זיך מתיחד צו זיין מיט די מיליאָנען אויסגעגאַנגענע אָטעמס.

בסך־הכל מיט אַ וואָך שפּעטער ברענגט דאָס לאַנד צום אויסדרוק די גרויסע פאָלקס־פרייד אין שייכות מיט דער באַפרייאונג און אַנט־שטייאונג פון דער מדינה. אָבער אויך דאָ קומט מען דורך טרויער צו פרייד. אַ טאָג פריער איז דער יום־הזכרון, דער טאָג וואָס איז געהייליקט דעם אָנדענק פון אַלע געפאַלענע ישראל־קעמפער און זעלנער. אַלטע נישט־פאַרהיילטע ווונדן און פרישע טאָג־טעגלעכע ווונדן. טרערן פון אַמאָל און טרערן פון היינט, אָקערשט איצטער פאַרגאָסענע.

***

דער יום־העצמאות דערמאָנט מיר זיין יענע אומפאַרגעסלעכע טעג פון יאָר 1948 אין פּאַריז. אַזאַ פרייד בציבור האָבן נאָך יידן נישט איבער־געלעבט. דרייסיק טויזנט מענער און פרויען האָבן זיך פאַרזאַמלט אין וועלאָדראָם ד'היווער (דער גרעסטער זאַל צו יענער צייט אין פּאַריז), צו פייערן דעם אויפקום פון מדינת ישראל. אַזאַ צאָל יידן האָט מען דאָ צונויפגעטריבן אין יאָר 1942, בכדי אָפּצושיקן זיי אויף דעפּאָרטאַציע.

וואָס פאַר אַ צונויפקום פון יידישן גורל אין איינע און די זעלבע וועגט. יידישע פיין און יידישע פרייד. יידישער חורבן און יידישע ווידעראויפלעבונג. יידישע טרערן פון צער און אומגליק און יידישע טרערן פון טרייסט און האָפענונג האָבן זיך דאָ אויסגעמישט. פונקט ווי אינעם טאָג פון אומקום, אַזוי זענען אַלע אין אָט דעם ריזיקן בנין געווען פאַראייניקט אינעם טאָג פון אויפקום. דער מגן־דוד, וואָס מען האָט דאָ מיט זעקס יאָר פריער געמוזט טראָגן ווי דעם סימבאָל פון דערניידעריקונג, איז דאָ איצטער געווען דער סימבאָל פון דערהויבונג.

דרייסיק טויזנט יידן זענען דאָ געווען אין דעם טאָג פון גרויסן יום־טוב. און אפשר זענען דאָ געווען זעכציק טויזנט? אפשר זענען אויך יענע דרייסיק טויזנט פון 16־טן יולי 1942 געקומען דאָ אַהער מיטפרייען זיך מיט דער פרייד פון די לעבן־געבליבענע? מיט דער פרייד וואָס זיי האָבן נישט דערלעבט.

דרייסיק טויזנט... בלויז דער פרעזידיום אויף דער פייערלעכער עסטראַדע איז געווען אַזוי גרויס, אַז נישט איין יידישע אימפּרעזע ביי היינט צו טאָג וואָלט זיך געווונטשן צו האָבן אַזאַ עולם, וואָס איז דאָרטן געווען אויסגעזעצט. דער פרעזידיום אויף יענער פייערונג איז טאַקע געווען אַזוי וואָגיק, אַז די עסטראַדע האָט זיך אין אַ געוויסן מאָמענט אויף עטלעכע ערטער איינגעבראָכן און עס זענען געווען לייכטפאַרווונדעטע. ס'איז אָבער נישט געווען בלויז דעמאָלט אַן איבערברוך אין עטלעכע ברעטער, נאָר אַן איבערברוך אין אונדזער לעבן, אין אונדזער גאַנצן פילן און טראַכטן און איבערטראַכטן.

**
*

שוין איבער צוויי צענדליק יאָר זענען אַריבער זינט יענע אומפאַרגעסלעכע טעג פון יאָר 1948 און די דאָזיקע יאָרן האָבן באַוויזן אַז דאָס יידישע פאָלק קאָן איבערבויען זיין סאָציאַל לעבן נישט מוזנדיק דווקא וואַרטן אויף וועלט־דערלייזונגען און דאַרפן אָנקומען צו אַנדערע, אַז מען זאָל זיך איבער אים מרחם זיין און אויפריכטן זיין לעבן. מען האָט געקאָנט זען אַז דאָס יידישע פאָלק קאָן אַליין זיין שטעטל (אָדער לענדל) באַשטיין און בויען זיין עקזיסטענץ. עס איז אַרויסגעשלאָגן געוואָרן אַן אַלטע יאָרן־לאַנגע אילוזיע, איינרעדעניש און פאַלשער גלויבן, אַז נאָר אָנשפּאַרנדיק זיך אויף אַ יושרדיקן וועלט־כוח וועלן יידן געהאָלפן ווערן און ווערן אויס מנחם־מענדלס און לופט־מענטשן. עס איז איינגעוואָרצלט געוואָרן אין אונדז אַ קאָמפּלעקס, אַז אַליין זענען מיר אומבאַהאָלפענע גאָרנישטן, לאָ־יצלחס און שלימזלען און נאָר די וועלט־

ישועה וועט מאַכן פון אונדז אַ לייט און פאַרוואַנדלען אונדז אין פּראָדוק־טיווע עלעמענטן אויף געזונטע יסודות. דערווייל האָבן די יאָרן פון דער עקזיסטענץ פון מדינת ישראל אַרויסגעקלאַפּט פון אונדז דעם דאָזיקן קאָמפּלעקס מיט דער אילוזיע אינאײנעם. די דאָזיקע יאָרן האָבן באַוויזן, אַז מיר קאָנען שטיין אויף אונדזערע אייגענע פיס אויב מיר האָבן נאָר אַ שטיקל באָדן ווו צו שטיין. באַוויזן האָט דאָס דער ייד ביים טראַקטאָר און בולדאָזער, ביים מעלקשעפל און דער מילכקאַן; דער ייד, דער אַקע־רער און זייער, דער פלאַנצער און וועגלייגער, דער צעמענט־מישער און דאַכדעקער. און ער האָט באַוויזן אויך, דער דאָזיקער ייד, אַז נישט בלויז באַאַרבעטן מיטן שווייס קאָן ער דאָס דאָזיקע שטיקל באָדן זיינס, נאָר אַז ער איז אויך גרייט צו באַשיצן עס מיט זיין בלוט.

***

פאַרבונדן מיטן יום העצמאות איז אויך דער טראַדיציאָנעלער דריי־טאָגיקער מאַרש פון די ספּאָרט־ליבהאָבער, וועמענס שליחות רופט זיך „מצעד״ (מאַרשירן) וואָס נעמען זיך צונויף אין די טויזנטער, יונג און אַלט, אַפילו זקנים, מיטן איינציקן ציל פון גיין. זיי מאַכן אַדורך צענד־ליקער קילאָמעטערס לשם פיזישער קולטור. דאָס איז נישט בלויז אַ גיין סתם אַזוי, אַ גיין לשם גיין. מיט זייער גיין ווילן זיי אויך דערגיין צו אַ זייער וויים־גייענדיקן ציל: צו שטאַרקן זייער גוף, צו באַפרייען אים פון אַטראָפירונג. דאָ קומט אויך צו זייער ליבשאַפט צום לאַנד, דאָס פילן אַ באָדן אונטער זיך, אויף וועלכן עס איז כדאי צו גיין. פון אָט די גייערס ווערט צום סוף פונעם מאַרש אויסגעטיילט אַ גרופּע צום באַטייליקן זיך אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן יערלעכן פאַרמעסט פון גייערס, וואָס קומט פאָר אין האָלאַנד.

דאָס זענען נישט קיין מדינה־גייערס אין דעם אַמאָליקן באַגריף, נאָר גייערס וואָס נישט די נויט און נישט דער עלנט האָבן זיי געטריבן צו דעם, נאָר די ליבשאַפט צום לאַנד און צום לעבן און אויך דער דראַנג צו באַקענען דאָס לאַנד. זיי זענען פּאָפּולער און באַליבט ביי דער באַ־פעלקערונג. פונקט ווי זיי האָבן ליב דאָס לאַנד, האָט אויך דאָס לאַנד זיי ליב. און בעת זייער מאַרשירן אין פאַרשידענע געגנטן וואַרטן זיי אָפּ די איינוווינער אויף די וועגן מיט כיבוד, מיט וואַרעמע שמייכלען און קאַלטע געטראַנקען, מיט בלומען, מיט זיסוואַרג און דערמוטיקונג.

אַזוי מישט זיך טרויער און פרייד אין אָט די טעג פון פרילינג אין מדינת ישראל.

.1968

אין קיבוץ לוחמי הגיטאות

דער קיבוץ לוחמי הגיטאות (קיבוץ פון די געטאָ־קעמפער) איז איינער פון די יינגסטע קיבוצים אין לאַנד. ער איז געגרינדעט געוואָרן ערשט נאָך דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה. ער האָט שוין אָבער באַוויזן במשך פון זיין קורצער עקזיסטענץ צו דעראָבערן זיך אַ שם אין דער יידישער וועלט. די איניציאַטיוו צו שאַפן דעם קיבוץ האָט גענומען אויף זיך אַ קליינע גרופּע פון געוועזענע אויפשטענדלער פון וואַרשעווער געטאָ, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען אַנטעק צוקערמאַן און צביה לובעטקין. דער זין פון גרינדן דעם קיבוץ איז זיכער געווען אַ טאָפּל־טער: געבן אַ תיקון דעם אָנדענק פון פאַרשניטענעם וואַרשעווער יידנטום דורך יידישער אַרבעט און מי אין אַ פריי יידיש היימלאַנד און געבן אים אַ תיקון דורך פאַראייביקן אים אין אַ מוזיי אין דעם אַנטשטאַנענעם קיבוץ גופא. און נישט צופעליק האָט דער קיבוץ אָנגעהויבן צו עקזיסטירן דעם 19־טן אַפּריל פון יאָר 1949.

פאַר דעם טוריסט אין ישראל איז דער קיבוץ לוחמי הגיטאות איינע פון די זעלטענע זעענסווירדיקייטן פון לאַנד, וואָס ער מוז באַזוכן. אַהער קומט מען נישט סתם אַזוי ווי צו אַ געוויינלעכן קיבוץ, נאָר מען איז עולה־רגל צו אים ווי צו אַ מקום־קדוש. און דער מוזיי צום אָנדענק פון אומקום און גבורה פון וואַרשעווער געטאָ, וואָס איז דאָרטן איינגעאָרדנט, איז דאָס זיכער אָן שום ספק. אַהין קומט מען נישט זען, ווי אין אַן אַנדערן קיבוץ, דעם לול (היגערשטייג), חדר־האוכל, דעם קלוב, די מעלקעריי, אָדער דעם קינדער־אַנשטאַלט. אין דעם אַלעם פאַרגעסט מען ווען מען קומט אַהער אין קיבוץ לוחמי הגיטאות. מען האָט דאָ אַן אַנדערן ציל, קומענדיק אַהער: באַזוכן דעם אָנדענק־מוזיי, אירע פּרעכטיקע זאַלן, צווישן וועלכע אַ באַזונדערער זאַל איז געווידמעט דעם דיכטער־קדוש יצחק קאַצענעלסאָן.

דער קיבוץ לוחמי הגיטאות געפינט זיך צפונדיק פון חיפה, ביי

אַ דריי פערטל שעה פאָרן פון דער יידישער פאָרט־שטאָט, צווישן עכו און נהריה, אין אַ שיינער באַגרינטער געגנט. נאָכן אָפּווייכן זייטיק פונעם הויפּט־שאָסיי מיט אַ קליין וועגל געפינט מען זיך באַלד אין קיבוץ. גלייך ביים אָנקומען וואַרפט זיך אין די אויגן דער גראַנדיעזער בנין פונעם מוזיי, וועלכער איז איינגעאָרדנט מיט אַזויפיל פּיעטעט און אויסערגעוויינלעכער באַציאונג. דער מוזיי איז קיינמאָל נישט ליידיק, אָן באַזוכער, וועלכע קומען אַהער פון גאַנץ ישראל און פון דער גאַנצער וועלט.

אין דרויסן, פאַרן אַריינגיין אין מוזיי־בנין, נעמט אַרום דאָס אויג אַ ריזיקן פּלאַץ אין דער פאָרם פון אַ נאַטירלעכן אַמפיטעאַטער, וואָס אין דעם טאָג פון שואה (אומקום) קומט זיך דאָ צונויף אַן עולם פון צענדליקער טויזנטער מענטשן צו אַ ספּעציעלער אָנדענק־פייערונג, אין וועלכער עס באַטייליקן זיך געוועזענע געטאָ־אויפשטענדלער און פאָר־שטייער פון דער מלוכה.

אַ ספּעציעלער צוג ווערט צוגעשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון די אַלע, וואָס ווילן קומען זיך באַטייליקן אין דער אָנדענק־פייערונג, וואָס עס אָרדנט איין דער קיבוץ לוחמי הגיטאות. דער טאָג פון שואה לאָזט זיך שטאַרק פילן אין גאַנצן לאַנד. אין דעם אָוונט ערב דעם אָנ־דענק־טאָג זענען אַלע טעאַטערס, סינעמאַס און אַנדערע פאַרוויילונגס־פּלעצער געשלאָסן. יעדער ישראל־איִוווינער צינדט אָן אין אָט דעם אָוונט ביי זיך אין הויז אַ קליין נר־תמיד צום זכר פון די מיליאָנען קדושים. צומאָרגנס אינדערפרי ווערט די גאַנצע באַוועגונג פון לאַנד אָפּגעשטעלט אויף צוויי מינוט. אַלץ שטעלט זיך אָפּ. יעדער מענטש ווו ער זאָל זיך נישט געפינען, בלייבט ער שטיין אין שטילשווייגן.

אין די טעג פון חודש אַפּריל און באַזונדערס אין טאָג פון שואה איז אין קיבוץ לוחמי הגיטאות אַ שטאַרקע באַוועגונג. עס קומען דע־מאָלט מער באַזוכער ווי שטענדיק, סיי אינדיווידועלע און סיי אין גרופּעס, אויספלוגן פון שולן, פון קינדער און יוגנטלעכע מיט זייערע לע־רער און מדריכים. עס קומען אויך דירעקטאָרן און טוער פון שולן אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן, פאַר וועלכע עס קומען פאָר שטודיר־טעג אויף דער אומקום־טעמע, מיט וועלכער מען וועט דאַרפן באַקענען די תלמידעם אין די קלאַסן.

אַמבעסטן איז צו קומען אינעם מוזיי פון קיבוץ הגיטאות ווען עס איז נישט קיין באַוועגונג דאָרטן, ווען מען קאָן זיך אומגעשטערט אויס־שווייגן און אויסוויינען דאָס האַרץ פאַר זיינע ווענט, די באַהאָנגענע מיט די בילדער און אַנדערע עקספּאָנאַטן פון דעם אומקום און גבורה. מיר

זענען דאָ ביים קוואַל פון די סאַמע אויטענטישסטע מאַטעריאַלן און דאָקומענטן, ביים קוואַל, אָדער בעסער געזאָגט, ביים טרערן־קוואַל.

צווישן די וויכטיקסטע ערטער דאָ זענען די מאַקעטן פון וואַרשעווער געטאָ און פון טויטן־לאַגער טרעבלינקע. דער מאַקעט פון וואַרשעווער געטאָ מיט זיינע 78 גאַסן האָט געקאָסט עטלעכע יאָר אַר־בעט. מיט דער הילף פון אַ ספּעציעלער עלעקטרישער באַלייכטונג ווערן באַוויזן אַלע וויכטיקסטע פּונקטן און ערטער פון געטאָ, ווו עס האָט זיך אָנגעהויבן די יאַנואַר־אַקציע פון די געטאָ־קעמפער, ווו עס האָט זיך געפונען דער אומשלאַג־פּלאַץ, אויף וועלכע ערטער און הייזער עס האָט זיך אָנגעהויבן דער אויפשטאַנד פון 19־טן אַפּריל, דורך וועלכע ערטער און גאַסן עס זענען אַריין די דייטשן, די גאַסן דורך וועלכע די געטאָ־קעמפער זענען אַרויס דורך די קאַנאַלן אויף דער אַרישער זייט און אַזוי ווייטער.

איבערן צווייטן מאַקעט פון טרעבלינקע האָט אַ יאָר צייט געאַרבעט דער לעבן־געבליבענער פונעם פאַרניכטונגס־לאַגער יאַנקל וויערניק (איצט שוין נישט צווישן די לעבנדיקע), וועלכער איז ניצול געוואָרן בעת דעם אויפשטאַנד אין טרעבלינקע און זיצנדיק אין קיבוץ אַ יאָר צייט האָט ער פונעם זכרון אויפגעשטעלט דאָס בילד פונעם גאַנצן לאַגער, מיט דער באַן־ליניע, מכלומרשטן וואָקזאַל און „קאַסע", באַראַקן, „באָד־אַנשטאַלט" און באַראַקן פון די עס־עס־לייט.

א שלל פון דאָקומענטן אויף די ווענט. אָט איז דער לעצטער בריוו פון מרדכי אַנילעוויטש צו אַנטעק צוקערמאַן, דאַטירט פון 23־סטן אַפּריל 1943, פיר טעג נאָכן אויסברוך פון געטאָ־אויפשטאַנד, פון וועלכן איך ברענג דעם לעצטן טייל:

„...איך וויים נישט וואָס מער צו שרייבן. איך שטעל זיך פאָר, אַז אַ פראַגע יאָגט ביי דיר נאָך אַ פראַגע. באַנוגן איך זיך אָבער היינט מיט דעם. זיי געזונט, מיין טייערער. און אפשר וועלן מיר זיך נאָך זען. דער עיקר: דער חלום אין מיין לעבן האָט זיך פאַרווירקלעכט. אַ יידישן זעלבסטשוץ אין וואַרשעווער געטאָ אין זיין פולער פראַכט און גרויסקייט האָב איך געזען".

און אָט איז אַ צווייטער אויפטרייסלנדיקער דאָקומענט. דער לעצ־טער בריוו, די צוואה פון דער יונגער יידישער מאָלערין געלע סעקשטיין, אין וועלכן זי געזעגנט זיך מיט אַלע אירע נאָענטע און בעט, אַז מען זאָל פאַרהיטן אירע בילדער. די לעצטע ווערטער פון איר בריוו זענען אַ פּאַ־טעטישער רוף צו אַלע, וואָס וועלן לעבן בלייבן:

„יידן, דערלויבט נישט, אַז אַזעלכע מערדערייען זאָלן זיך נאָך אַ מאָל קענען איבערחזרן״.

צווישן די איינדרוקספולע, אויפטרייסלענדיקע עקספּאָנאַטן באַמערק איך הינטער גלאָז מוסטערן פון געווער, מיט וועלכן עס האָבן זיך באַנוצט די געטאָ־קעמפער. היימיש־פאַבריצירטע גראַנאַטן, פּיסטאָלעטן און אַ ביקס, וועלכע זענען אַלע רעקאָנסטרואירט געוואָרן לויט דעם געווער פון געטאָ. אין זאַל גייען אַרום גרופּעס קינדער און באַטראַכטן אַלץ מיט נייגעריקייט. איך באַמערק צווישן די קינדער דאָ און דאָרטן אַ יוגנטלעכן, זייערס אַ מדריך, צי באַגלייטער מיט אַ ביקס אויפן אַקסל. די קינדער זענען געקו־מען פון די ראַנד־געביטן פון לאַנד, ווו אַרויספאָרנדיק אין וועג אַריין דאַרף מען זיי באַשיצן... און איך זע אַ צוזאַמענהאַנג צווישן דער ביקס, וואָס איז אויסגעשטעלט, און דער ביקס וואָס אויפן אַקסל פון דעם יוגנט־לעכן. סיי יענע, וואָס הינטערן גלאָז, האָט געהאַט, און סיי די, וואָס אויפן אַקסל האָט די זעלבע שליחות : באַשיצן דאָס פאָלק.

פון צווישן אַלע עקספּאָנאַטן הערט נישט אויף איינער מיר נאָכצוגיין כסדר אויף שריט און טריט, אַן עקספּאָנאַט, וואָס איז נישט באַגלייט פון קיין שום אויפשריפט און רעדט אַליין פאַר זיך. אונטן, הינטער גלאָז, אַליין, איזאָלירט און באַזונדער ליגט אַ קליין פּאַרטעכל פון אַ מיידעלע און לעבן דעם אַ פּאָר שיכעלעך פון אַ צוויי־דריי־יעריק קינד, אַ פּאָר פּאַרדאַרטע שיכעלעך איינס לעבן דעם אַנדערן. זיי זענען גאַנץ, נישט צעריסן, אָבער זיי צערייסן דאָס האַרץ. זיי באַגלייטן מיך אַרויס פון זאַל און גייען מיר נאָך, און נישט ווילנדיק קומען מיר אויפן זינען מיינע אייגענע פערזן פון מיין ליד „כ׳האָב געזען אַ באַרג״, געווידמעט דעם איבערגעבליבענעם באַרג שיך פון מאַידאַנעק און איך שעפּטשע זיי ווי אַ תפילה :

הערט אויס, הערט אויס דאָס אויסגעמישטע טרעטן
פון אַלע גענג : פון רבינס שטיבילעטן,
און שטיוול פּראָסטע און געמיין,
פון פּראָסטע יידן, פון קצבים־שינדער,
און פון געשטריקטע שיכעלעך פון קינדער,
וואָס הייבן נאָר־וואָס אָן צו גיין.

באַגעגענישן מיט עולים

דער באַגריף „גרינער" אָדער „עמיגראַנט" עקזיסטירט נישט אין ישראל, ווייל סיי „גרינער" און סיי „עמיגראַנט" האָבן געשמעקט מיט נייעם גלות. ביידע האָבן זיי געטראָגן מיט זיך עלנט און איינזאַמקייט, דעם איבערבייט פון צרות אויף אַנדערע צרות, דאָס איינטווישן די פרעמד אויף אַ צווייטער פרעמד. נאָך די צוויי באַגריפן האָבן זיך נאָכגעשלעפּט דאָס אַרומלויפעניש נאָך אַ פּאַפּירל ביי מלכות, דאָס צופּאַסן זיך צו נייע מלאכות, דאָס צוגעווינען זיך צום קלאַנג פון אַ ניי לשון און צו דער זאָרג וועגן אַ דאַך איבערן קאָפּ און אַ קישן אונטערן קאָפּ.

„עמיגראַנט" קלינגט אין אונדזער געהער טראַגיש און „גרינער" — טראַגי־קאָמיש. אַ גרינער — אַ שלימזל, אַ לא־יוצלח.

ס'איז גוט וואָס די צוויי פּיינע ווערטעלעך עקזיסטירן נישט אין ישראל. אַנשטאָט „גרינער" און „עמיגראַנט" איז פאַראַן „עולה חדש". נישט וויכטיק דער טייטש, אַבי ס'איז נישט „עמיגראַנט". לאַנג איז מען נישט אין ישראל קיין „עולה חדש", ווייל סוף כל סוף קומט דאָך אַ ייד קיין ישראל צו זיך. אַלנפאַלס, האָט אַמאָל דאָס אויסגרינען זיך געדויערט אַ סך לענגער ווי אין ישראל דאָס אויס־עולה־חדשן־זיך. די פראַגע איז פון איבערקומען דאָס פּאַקן און מאַזלען, דאָס איינאָרדענען זיך, וואָס איז אויך אַמאָל ביי עמיגראַנטן געווען אַ שרעק־וואָרט. אין ישראל איז די שרעק אַוועקגענומען געוואָרן, ווייל די ווערטער „איינאָרדענען זיך" זענען אַוועקגענומען געוואָרן. אַנשטאָט זיי גיט מען דיר דאָס וואָרט „קליטה" וואָס איז דער זעלבער עקוויוואַלענט, אָבער עס קלינגט פאָרט אַנדערש, לייכטער, גרינגער. אגב, ווינטשט מען טאַקע אַ נייעם עולה: „אַ גרינגע קליטה". פונקט ווי מען ווינטשט אַ קימפעטאָרין: „אַ גרינגע דערציאונג".

אויף אַ שיף קיין ישראל האָב איך אַמאָל געטראָפן אַ ייד, וואָס האָט אויסגעוואַנדערט מיט זיין משפּחה פון פוילן. מ'האָט זיך צערעדט,

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, ווי צווישן יידן, בפרט אויף אַ שיף, נעמט דער ייד אַרויס פון דער הויזן־קעשענע אַ שליסל. מיין איך אַז ער האָט פאַר־געסן איבערצולאָזן גאָמולקען דעם שליסל פון זיין דירה אין וואָצלאַוו, צי אין לאָדזש. זאָגט ער מיר גאָר, אַז דאָס איז דער שליסל פון זיין נייער דירה אין באר־שבע. דאָס הייסט אַז דער ייד איז נאָך אויף דער שיף זייענדיק שוין געווען איינגעקליטהוועט. דעם ענין קען מען פאַרשטיין ווען מען ווייסט, אז אין ישראל איז פאַראַן אַ ספּעציעל מיניסטעריום, וואָס איז אין קיין שום לאַנד אין דער וועלט נישטאָ: אַ מיניסטעריום פאַר פּאַקן און מאָזלען, ס'הייסט פאַר קליטה. אָבער דאָס איז נישט קיין איי־ביקער פּאָסטן, ווייל ווי־נאָר דער „קיבוץ גלויות" וועט פאַרווירקלעכט ווערן, וועט דער מיניסטער ווערן אויס מיניסטער. אָבער דערווייל איז עס נאָך אַ פעסטער פּאָסטן.

ווי לאַנג אייגנטלעך, איז מען אַן „עולה חדש"? אָפיציעל דאַרף מען אָננעמען דריי יאָר. ווייל דריי יאָר צאָלט נישט דער נייער עולה קיין מס (שטייערן). דריי יאָר צייט איז ער אַ יחסן, די רעגירונג פּיעשטשעט אים דערווייל, אָבער זי וועט זיך שפּעטער אָפּנעמען ס'איריקע. נישקשה, מען קען זיך פאַרלאָזן אויף איר. ס'איז אמת, אַז די שטייערן אין ישראל זענען גרויסע און ס'איז נישט קיין וווּנדער, אירע זאָרגן און קלאָפּאָטן זענען גרויסע. די וועלט דריקט אויף ישראל, איז אויף וועמען זאָל יש־ראל דריקן, אויב נישט אויף אירע בירגער? און די ישראל־בירגער נע־מען אויף דאָס דריקעניש באהבה, אָדער לכל הפּחות מיט איינזען און פאַרשטענדעניש. איך האָב, אַלנפאַלס, נישט באַגעגנט אין ישראל אַ ייד, וואָס זאָל זיך באַקלאָגן, צי גאָר אַריינפאַלן אין כעס צוליב דעם.

דערווייל, איידער די נייע עולים ווערן אויס נייע עולים, כאַפּ איך מיט זיי אַ שמועס. נישט מיט אַלע, פאַרשטייט זיך ווייל דאָס איז פיזיש נישט מעגלעך. איך בין נישט געלאָפן זיי זוכן, ווי אַ געניטער רעפּאָרטער פאַר דעם צוועק, נאָר איך האָב גערעדט מיט די עטלעכע עולים וואָס איך האָב צופעליק אָדער נישט־צופעליק באַגעגנט. עולים פון פוילן, פון רו־מעניע, פון ראַטנפאַרבאַנד און פון די פאַראייניקטע שטאַטן. עס איז פאַראַן אַ קאַטעגאָריע עולים, וואָס הייסן עולים פון די ווילשטאַנד־לענ־דער. דאָס זענען די בעסטע עולים, ווייל זיי ליגן נישט אויפן קאָפּ פון דער רעגירונג. יידן פון די ווילשטאַנד־לענדער איז אויך אין ישראל ווויל. דאָס זענען ס'רוב יידן, וואָס אָדער זיי זענען שוין „רעטייערטע", צוריקגעצויגן פון זייערע ביזנעס, אָדער זיי האָבן געלאָזט גיין פאַר זיי די ביזנעס דורך אַנדערע. פון אויסנאַמען רעדט מען נישט. וואָס האָט זיי געשטויסן צו קומען אַהער? פאַרשטייט זיך, אַז דאָס ביסעלע אהבת

ישראל און אהבת ציון, צו זיין צווישן יידן, צו לעבן אין דער יידישער „קאַנטרי". עס זענען געווען פּאַלן ווען קינדער האָבן אַהערגעצויגן על־טערן און פאַרקערט, ווען עלטערן האָבן אַהערגעצויגן קינדער.

די עולים פון אַמעריקע ליידן פון דעסטוועגן פון אַ געוויסן קאָמפּ־לעקס. זיי האַלטן, אַז מען פאַרזעט זיי, אַז מען שענקט זיי וויניציקער אויפמערקזאַמקייט ווי די עולים פון די „נויט־לענדער". איינער פון זיי האָט פאַר מיר אויסגעדריקט אַ טענה, אַז זיי זענען וויכטיקערע עולים פון די אַנדערע, ווייל זיי זענען געקומען פרייוויליק, פון אייגענעם ווילן, און נישט ניקסאָן, צי פריער דזשאָנסאָן, האָבן זיי געטריבן אַהער ווי גאָ־מולקאָ און מאָטשאַר.

**
*

פרייטיק אינדערפרי כאַפּ איך אַ שמועס מיט מיין שערער פון רמת־גן, ווען איך זיץ אויפן כסא־הכבוד און ער שטייט איבער מיר מיט זיינע כלים. איך דערוויס זיך, אַז ער איז אַן עולה פון רומעניע און מסתמא שוין לאַנג אַריבער די צייט ווען מען קען אָנגערופן ווערן „בייער עולה", ווייל זיין שערעריי, זע איך, איז פיין איינגעאָרדנט. ווען אַ טיר מאַכט זיך אויף, באַמערק איך אין אַ דערבייאיקן צימער אַ גאַנצע שורה ווייבערישע קעפּ איבערגעדעקט מיט קאַסקעס ווי מיט קוגלשאַרבנס. דאָס גרייט מען זיך נושא חן צו זיין ביי די שבת־ליכט.

אַרבעטנדיק ביי מיין קאָפּ, האָט מיין שערער חשק צו פאַרפירן מיט מיר אַ שמועס, ווי אַלע שערערס אין דער וועלט. איך אָבער בין אין אַ פאַרלעגנהייט, ווייל פון איין זייט ווילט זיך מיר כאַפּן אַ שמועס מיט אַן עולה און פון דער צווייטער זייט האָב איך נישט ליב אַריינצולאָזן זיך מיט אַ שערער ווען ער האָט צו טאָן מיט אַזאַ וויכטיקער און אָפּגעצי־טערטער זאַך ווי עס איז מיין אייגענער קאָפּ, ווייל פאַררעדנדיק זיך אַזוי קען ער מיר נאָך אַריין מיטן שערל אין אַן אויער.

מיין שערער איז צופרירן פון האָבן עולה געווען פון רומעניע, כאָטש ער וואָלט צופרידענער געווען, זאָגט ער מיר, ווען אויך אַ רומענישער ייד וואָלט געווען אַ מיניסטער...

ס'איז פאַרשטענדלעך, אַז יעדן אויסלענדישן ייד, וואָס קומט אַמאָל אַריין צו אים זיך שערן, וואָלט ער אויך געוואָלט האָבן אַלס עולה אין לאַנד. גיט ער מיך אַ פרעג צי איך בין אַ „תייר" (טייאַר, טוריסט). איך ענטפער אים נישט גלייך. עס איז מיר נישט צו דער האַנט. עס האָט אָנגעהויבן עפּעס צו זיין אומבאַקוועם צו זיין אַ טוריסט אין ישראל. פון

אין זייט איז מען צופרידן אין ישראל וואָס עס קומען אין לאַנד אַריין טוריסטן, ווייל זיי ברענגען אַריין דעוויזן, פון דער אַנדערער זייט וואָלט מען בעסער געוואָלט אַז אַחוץ די דעוויזן זאָלן זיי זיך אַליין אויך ברענ־גען און זיך באַזעצן דאָ מיט די דעוויזן צוזאַמען.

האָב איך מיין שערער נישט געוואָלט ענטפערן, אַז איך בין אַ תייר. ער קען נאָך זיין אומצופרידן, האָב איך געטראַכט, און דאָ האַלט ער נאָך דעם חלף איבער מיין האַלדז... האָב איך אים, נאַטירלעך, געענטפערט, אַז איך בין נישט קיין תייר, זייענדיק זיכער, אַז מיט דעם וועט עס זיין געענדיקט. הייבט זיך נישט אָן. אין שייכות מיט דעם האָט מיר דער שערער ערשט געהאַט צו שטעלן קשיות, דהיינו, ווי לאַנג בין איך שוין אין לאַנד און פון וואַנען בין איך און וואָס איז מיין טועון און וואָס איז מיט „קליטה"? איז וואָס־זשע ענטפערט מען אים? און דאָ גייט ער מיטן מעסער פונקט איבערן קנעפּעלע וואָס אונטער מיין גאָמבע...

**
*

אַ סך מילדער און נישט מיט אַזעלכע נסיונות ווי ביים שערער איז געווען מיין שמועס מיטן שוסטער, וועמען איך האָב געגעבן צו פאַר־ריכטן די שיך. דער שמועס איז פאָרגעקומען אין זיין שוסטעריי, וואָס גע־פינט זיך צוזאַמען מיט זיין וווינונג אין פאַרטער און גייט אַרויס צום סאַ־מע כביש, ס'הייסט צום שאָסיי. ער האַלט זיך שוין נישט פאַר קיין עולה, אָבער ער האָט נאָך זיין מיינונג וועגן זיין פאַרלאָזן פוילן און קומען אַהער אין לאַנד.

— איר פאַרשטייט מיך, זאָגט ער צו מיר, וואָס דאַרף איך מער? איך פיל מיך ביי זיך און ס'קומט מיר צו פון דעם אַ שטיק געזונט. איר זעט אָט דעם שווערן לאַסט־אויטאָ, וואָס שטייט דאָ פאַרן טויער? איך גיי צו, איך ריר אים אָן, איך ווייס, דאָס איז אונדזערס... איר זעט דאָס הויז אַקעגנאיבער, וואָס האַלט זיך אין בויען? איך גיי צו, איך ריר אָן די מויער און גיב איר אַ גלעט, ס'איז אונדזערס... איר זעט די שיינע זעלנערקע, וואָס גייט פאַרביי, מיטן היטעלע אַזוי ממזריש פאַררוקט אויף דער זייט? איך גיי צו איר צו, איך ריר זי אָן, ס'איז אונדזערס...

און אַזוי גייט אַוועק אַ גאַנצע סעריע „אונדזערס" און ער זעצט פאָר: איך גיי מיר דאָ אַזוי אין גאַס נאָך צוויי ביינאַכט און איך האָב פאַר קיינעם נישט קיין מורא...

דאָ רייס איך אים איבער, אַז איך זע פון דעסטוועגן אין די צייטונגען, אַז עס מערן זיך פאַרברעכנס אין ישראל, אַז מען באַפאַלט מענטשן.

— קען זיין, ענטפערט ער מיר, אָבער פאַר מיר איז וויכטיק, אַז איך ווער נישט באַפאַלן ווי אַ ייד, נאָר ווי סתם אַ מענטש. ס'איז פאַרט עפּעס אַנדערש. אַחוץ דעם ליגן אויך נישט מיינע הענט אין קימפּעט, ווי איר קוקט מיך אָן. איר זעט אַט דאָס צווענגל? איך טראָג עס שטענדיק מיט מיר. איך דאַרף עס נישט, נאָר ס'איז שוין ביי מיר אַזאַ געוווינהייט נאָך פון פּוילן. טאָמער וואָלט מיך ווער אָנגעריררט, וואָלט איך יענעם אַזוי אַ, נישט פאַר איך אָנגעצייכנט... נאָר ס'איז מיר נישט בויטיק. איין איינציק מאָל האָט מיך דאָ עפּעס אַ לאָבוז פאַרטשעפּעט ערגעץ אין אַ ווינקל ביינאַכט און פאַרלאַנגט פון מיר געלט. האָב איך אים בלויז געזאָגט: פּע! איר, אַ ייד? שעמען מעגט איר איך אין אייער וויטן האַלדז אַריין... און ער האָט זיך טאַקע פאַרשעמט און זיך אָפּגעטראָגן...

***

מיין לעצטע באַגעגעניש איז געווען מיט אַן עלטערער, איך קען זאָגן אַלטער, פרוי פון ראַטנפאַרבאַנד. זי איז געהאַט געקומען קיין ישׂ־ראל פון קיעוו צו אירע קינדער. זי געפינט זיך פון ערשטן מאָמענט אָן פון איר עליה אויף זייער אויסהאַלטונג און ס'איז דאָ נישט שייך געווען צו ווינטשן איר אַ גרינגע קליטה, נאָר גיכער אַ גרינגע עלטער.

די באַגעגעניש איז טאַקע פאָרגעקומען ביי אירע קינדער אין דער היים אין תל־אביב.

די פרוי האָט איבערגעלעבט די ביטערע צייט פון דער ליקווידאַ־ציע פון דער יידישער קולטור אין די יאָרן 1948־1949 און איך בעט זי, זי זאָל מיר דערציילן וועלכער עס איז געווען דער שטאַרקסטער מאָ־מענט וואָס זי האָט איבערגעלעבט אין יענער צייט.

— מיין ליבער ייד, הייבט אָן די פרוי, עס פעלן מיר נישט קיין שטאַרקע מאָמענטן, אַזוי פיל גוטע יאָרן זאָל האָבן אונדזער מדינה. נאָר איך זאָגן וועלכער ס'איז געווען דער שטאַרקסטער מאָמענט איז מיר נישט אַזוי לייכט. איך מיין אָבער אַז פאַר איך, ווי אַ יידישן שרייבער, וועט זיין אינטערעסאַנט צו הערן מיינע אַן איבערלעבונג, וואָס איך וועל איך דאָ איבערגעבן.

איך בין אַלע מיינע יאָרן געווען אַ ליבהאָבערין פון דער יידישער ליטעראַטור. אין מיין שטוב איז געווען אַ גאַנץ שיינע ביבליאָטעק פון יידישע ביכער. וויסנדיק אָבער, אַז מען קומט זוכן אין יידישע שטובן, האָב איך אליין געמאַכט פון איר אַ תל, בכדי מען זאָל נישט טרעפן ביי

מיר קיין יידיש וואָרט פאַר וואָס מען וואָלט מיך געקענט אַוועקשיקן קיין סיביר. מיינע אַ שכנה, אַן עלטערע יידענע אָן אַ פוס האָט מען טאַקע פאַרשיקט קיין סיביר, ווייל מען האָט ביי איר געפונען אַ תחינה.

ווייסנדיק אַז מען קען קומען צו מיר ביינאַכט זוכן און טרעפן מיינע יידישע ביכער, האָב איך זיי, צו מיין גרויסן האַרצווייטיק, געגומען אַליין פאַרניכטן, זיי זאָלן נישט אַריינפאַלן צוזאַמען מיט מיר. איך האָב זיי אַליין צעשניטן און צעריסן אויף שטיקלעך און אַזוי פּעקלעכווייז אַריינגעוואָרפן אין מיסט אַריין ווייט אַוועק פון מיין שטוב און אין פעלד היגטער דער שטאָט, קיינער זאָל דאָס נישט באַמערקן. איבערגעלאָזט האָב איך מיר בלויז די ווערק פון דור בערגעלסאָנען, ווייל בערגעלסאָן איז מיין באַליבטסטער שרייבער און איך האָב נישט געהאַט קיין האַרץ אים אַריינצווואַרפן אין מיסט אַריין. אָבער אַז די סכנה איז געוואָרן נאָך גרעסער, האָב איך באַשלאָסן צו פאַרברענען זיינע ביכער. און דאָ האָט זיך געשטעלט פאַר מיר אַ פראַגע: וואָס טוט מען מיטן אַש? אַז מען וועט קומען זוכן, וועט מען עס דאָך טרעפן און מען וועט פרעגן וואָס איז דאָס פאַר אַן אַש? און וואָס וועל איך קענען זאָגן? אפשר זאָל איך דאָס אַריינלייגן אין דער הרובע, האָב איך געטראַכט. אָבער אויך דאָ וועלן זיי דאָך זוכן און וועלן מיך מאַטערן וואָס איז דאָס אַזוינס פאַר אַן אַש? וואָסזשע טוט מען?

איך קען אייך זאָגן, אַז דאָס וואָס איך האָב איבערגעלעבט איז נישט צום באַשרייבן...

איך האָב זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון וועגן די עמאָציעס פון דער אַלטער פרוי און כ'האָב איר געבעטן, אַז זי זאָל זיך אַ ווײַלע אָפּרוען און נעמען אַ טרונק. מען האָט דערלאַנגט צום טיש גלעזער „מיץ” און נאָך עטלעכע מינוט האָט די פרוי פאָרגעזעצט:

איך האָב באַשלאָסן דאָס אַש אַוועקצופירן אין אַ וואַלד אַריין הינטער דער שטאָט. צוגעקומען דאָרטן, האָב איך באַמערקט, ווי אַרבעטער פאָרען זיך ביי עפּעס, האָב איך זיך דערשראָקן. איך האָב זיך באַצייטנס אָפּגעטראָגן. אָבער כסדר געטראַכט מיט שרעק צי איך האָב נישט אויסגעזען אין זייערע אויגן פאַרדעכטיק. און טאָמער שטעלט מען מיך אָפּ און מען געפינט ביי מיר דאָס אַש? וואָס וועל איך קענען ענטפערן? און טאָמער זאָגט מען מיר אַז דאָס איז אַש פון פאַרברענטער וואַלוטע, אָדער גאָר פון פאַרברענטע שפּיאָנאַזש־דאָקומענטן? ווי וועל איך קענען באַווייזן אַז ס'איז נישט אַזוי?

אַהיימגעקומען קוים מיט צרות, בין איך געפאַלן אויף אַ נייעם פּלאַן.

איך האָב אַוועקגעפּירט דאָס אַש אויפֿן בית־עולם. ס'איז גראָד געווען אַ לוויה, ווו ס'זענען געקומען אַ סך מענטשן. קיינער האָט אויף מיר קיין אַכט נישט געלייגט. איך האָב דאָס אַש אונטערגעשיט אונטער אַ היפּשער צאָל מצבות, און איך בין אַוועק מיט אַ דערלייכטערונג אויף דער נשמה, אַז אַך און וויי.

אַזוי האָב איך קובר געווען די ווערק פֿון דוד בערגעלסאָן. דאָס האָט געקענט זיין אין ניין־און־פֿערציקסטן אָדער אין פֿופֿציקסטן יאָר. אַלנ־פֿאַלס, איידער מען האָט בערגעלסאָנען גופֿא קובר געווען.

.1970

אייזנבאַן-געשיכטעס פון ישראל

אין די באַנען שפּילט זיך אָפּ אַ שטיק פון אונדזער לעבן. אויף די רייזעס באַגעגענען זיך אומבאַקאַנטע מענטשן און ווערן גיך באַקאַנט, היימיש צווישן זיך. עס פאַרקניפּן זיך לייכט שמועסן אויף וואָס פאַר אַ טעמע עס זאָל נישט זיין, אַבי צו רעדן אַ ביסל און אָפּשטופּן די צייט, אָדער ווי פראַנצויזן זאָגן: הרגענען די צייט. מיר יידן הרגענען נישט אַזוי לייכט, אַפילו צייט, פון וועלכער עס גייט נישט קיין בלוט. מיר שטופּן זי בלויז אָפּ מיט הומאַניטאַרע מיטלען אויף טרוקן.

מיר דערמאָנען זיך אַלע אין שלום-עליכמס ווערק „אייזנבאַן-געשיכטעס״, אַלץ געשיכטעס וואָס שפּילן זיך אָפּ אין באַן, אין די וואַגאָנען, אין די קופּעען און די פּאַסאַזשירן זענען מערסטנטייל יידן, קאָמי-וואָיאַזשאָרן, סוחרים, פּרנסה-זוכער. אָבער איך וועל דאָ נישט גיין דערציילן די געשיכטע פון די „געשיכטעס״. איך האָב זיך בלויז דערמאָנט אין שלום-עליכמס ווערק בעת מיינע באַן-רייזעס אין ישראל. און נישט צוליב דעם ווייל די רייזעס זענען ענלעך צווישן זיך. ניין, ס'איז נישט די זעלבע באַנען און נישט די זעלבע פּאַסאַזשירן, כאָטש שלום-עליכמס פּאַסאַזשירן זענען יידן און די היינטיקע ישראלדיקע פּאַסאַזשירן זענען אויך, פאַרשטייט זיך, יידן. אין שלום-עליכמס וואַגאָן האָט אַ ייד אַ שדכן געקענט וועלן צונויפּברענגען אַ „וואַנט מיט אַ וואַנט״ און דאָ קען אַ ייד, אַריינלאָזנדיק זיך אין אַ וויכוח וועגן אַ ישראל-אַראַבישן שלום, וועלן צונויפּברענגען אַ שכן מיט אַ שכן צום פאַרהאַנדלונגס-טיש און עס קומט אים דאָס אָן אַ סך שווערער.

אָבער קודם-כל וועגן דעם באַן-וועזן פון ישראל, אויב איך מעג זיך אַזוי אויסדריקן. דאָס הויפּט-קאָמוניקאַציע-מיטל איבערן גאַנצן לאַנד זענען, אייגנטלעך, די אויטאָבוסן. די באַנען, וואָס קורסירן צווישן תל-אביב-ירושלים, תל-אביב-חיפה און באר-שבע זענען אַ צווייטראַנגיק

פאַרקער־מיטל. צום רומל דאַרף מען זיי אָבער האָבן, ווייל אַ מאָדערן לאַנד אָן באַנען ווי וואָלט עס אויסגעזען? די באַנען אין זייער פאָרם, און צוליב דער קליינער צאָל וואַגאָנען, דערמאָנען אין די אַמאָליקע „קאַליי־קעס" אין פּוילן, אָדער ווי אַ מעטראָ־צוג אין פּאַריז, וועלנדיק זיין מיל־דער און מער יושרדיק אין פאַרגלייכן.

די ישראל־בירגער פאָרן גערנער מיט די אויטאָבוסן, ווייל מיטן אויטאָבוס איז דער פּאַסאַזשיר זיכערער. ווען ער קומט צו אויף דער סטאַציע וואַרט אויף אים אָן אויטאָבוס און ווי נאָר ער פילט זיך אָן לאָזט ער זיך אין וועג אַריין און אַ צווייטער, אַ ליידיקער, רוקט זיך אונ־טער און פאַרנעמט זיין אָרט. דער אויטאָבוס פּאַסט זיך צו צום פּאַסאַזשיר און נישט דער פּאַסאַזשיר צום אויטאָבוס. אחוץ דעם האָט ער אַ טבע, אַז ער קומט אָן אויפן אָרט אַ סך פריער פאַר דער באַן. איך האָב זיך איינ־געלעבט מיט דער באַן אַ שטיק צוליב די אייזנבאַן־געשיכטעס וואָס מען קען דאָרט אויסהערן געמיטלעך. ס'איז דאָ באַקוועמער און מען קען זיך אויסשמועסן מיט די פּאַסאַזשירן און זיך מחיה זיין ביים בופעט מיט אַ „קפה בחלב". אַמאָל טרעפט, אַז עס איז פאַראַן אַ ליידיקע באַנק און אַ פּאַסאַזשיר לענט זיך צו און כאַפּט אַ דרימל און איך האָב נישט מיט וועמען צו רעדן. וועל איך צוואַרטן אַ ווײַלע ביז ער וועט זיך אויפ־כאַפּן און איך וועל כאַפּן מיט אים אַ שמועס. איך האָב צייט און דער ייד וואָס שלאָפט האָט אויך צייט. עס ברענט נישט. די פּאַסאַזשירן, וואָס פאָרן מיט דער באַן איילן זיך נישט אַזוי ווי די אויטאָבוסניקעס.

דערמאָנט זיך מיר אין שלום־עליכמס געשיכטע וועגן די שווערי־קייטן צו געפינען אין וואַגאָן אַ צענטן צו מנין. דאָ איז דאָס נישט קיין פּראָבלעם. אָבער עס קומט נישט אויס, אַז מען זאָל דאָ דאַרפן אַ מנין. יידן פאָרן דאָ שוין געדאַוונטע און אחוץ דעם דויערט נישט די רייזע מער ווי אַ צוויי שעה און נישט ווי אַמאָל אין אוקראַינע גאַנצע טעג און אַז עס פלעגט קומען פאַרנאַכט האָט מען געדאַרפט טראַכטן וועגן אַריינ־כאַפּן אַ מנחה, אָדער מען האָט געדאַרפט אַ מנין צו אַ יאָרצייט. וואָס־וואָס, נאָר דאַוונען מיט אַ מנין אין באַן איז מיר נישט אויסגעקומען צו זען.

אויך האָב איך דאָ נישט באַגעגנט ווי אין שלום־עליכמס געשיכ־טעס, אַ ייד וואָס זאָל פאָרן אין באַן בכדי צו האַנדלען, בכדי צו פאַרדינען אויף פּרנסה פאַרנדיק. אַ ייד קען דאָ גיכער פאָרן בכדי צו פאַרדינען אַ מצווה. אָט ווי דער יונגערמאַן, צום ביישפּיל, וואָס גייט אַרום און שטייט צו צו די פּאַסאַזשירן, אַז מען זאָל זיך לאָזן פון אים לייגן תפילין.

די אַקציע פון תפילין־לייגן איז פאַר מיר נישט קיין נייעס. איך האָב שוין געזען אירע שליחים אַרבעטן מעשים ביים כותל־מערבי און אויך אויף רח׳ אלנבי אין תל־אביב, אָבער דאָרט האָט מען נישט אַזאַ גוטע געלעגנהייט צוצוקוקן זיך רואיק צו דעם ווי דאָ.

איך קוק זיך צו ווי דער בחור שטייט צו צו צוויי זעלנער אַז זיי זאָלן לייגן תפילין. איינער לאָזט זיך נישט צורעדן, זאָגט אָפּ. דער צווייטער, זעט אויס, קען נישט מעיז פּנים זיין און אָפּזאָגן. ער איז ווייכהאַרציק. פאַרט יידיש מיליטער. און ער שטרעקט אויס מיט קינדישער תמימות דעם אָרעם, אַז דער בחור זאָל נישט אַוועקגיין פון וואַגאָן מיט ליידיקן. אויף צום לייגן תפילין אויף יענעמס אָרעמס לייגט דער בחור צו אויף באַן־הוצאות, אַבי ער האָט נישט קיין היזק, פאַרקערט, ער גייט נאָך אַרויס מיט ריוח, ער פאַרדינט אַ מצווה.

זיצט איינמאָל לעבן מיר אין וואַגאָן אַ מיליטער־מאַן, מסתמא פון נישט קיין קליינעם ראַנג, ווייל ער איז נישט קיין יינגעלע, נאָר אַ באַיאָר־טער מענטש, מיט אַ פּאָר היפּשע בלאָנדע גוישע וואָנסעס. ווען אַזאַ „יון״ וואָלט געזעסן ביי שלום־עליכמען און וואַגאָן וואָלט מען אים באַטראַכט פאַרן אמתן פּאָניע און מען וואָלט שוין פון קיין צענטן צו מנין נישט געטראַכט. פאַרמאַך איך אַ ווײַלע די אויגן און איך זע לעבן מיר אַמאָל אין פּוילן אַ גוי, אַ מענטש, אַן אַנטיסעמיט. פּלוצלונג זע איך ווי דער „גוי״ נעמט אַרויס פון קעשענע אַ ספרל מיט לשון־קודשדיקע אותיות און קוקט אריין דערין. איך שמייכל פון גאָטס וווּנדער. איך רייב מיר די אויגן און עס ווילט זיך מיר נישט צוגלייבן אַז איך זע דאָס דאָזיקע נישט־גלויבלעכע בילד.

אויף מיינע באַן־רייזעס איז פאַר מיר נישט קיין נאָווינע צו זען זעלנער. מען פאָרט אויף חופש (אורלויב) אָדער פון חופש. מען זעט אַפילו אַמאָל זעלנער מיט קאַפּעלעך אויף די קעפּ און זעלנער וואָס האָבן מיט זיך זייער געווער. אַזעלכע זעלנער קען מען נישט זען אין קיין שום אַנדער לאַנד. נישט בלויז נישט מיט קיין קאַפּעלעך, נאָר אויך נישט מיט קיין געווער. אין אונדזערע מקומות דאַרף דער זעלנער איבערלאָזן זיין געווער אין קאַזאַרמע אין ספּעציעלן געווער־מאַגאַזין. ס׳איז נישט זיינס. מען געטרויט עס אים נישט. אין ישראל האָט די מלוכה צוטרוי צום זעלנער און דער זעלנער האָט צוטרוי צו דער מלוכה. ס׳איז אויך נישטאָ קיין מורא, אַז אין ציווילן לעבן וועט זיך דער זעלנער אָנשיכורן און באַנוצן דאָס געווער פאַר זיין „אייגענעם״ געברויך.

אָט זעט מען זיי אין וואַגאָן מיט זייער סאָלדאַטסקן געפּעק, פאַר־

מאַטערטע פון וועג, פאַרשטויבטע און באַוואַקסענע, און פּלוצלונג דער־הערט מען פון זייערע מיילער דאָס לשון פון תנ״ך און עס ווירקט אויס־טערליש. מען איז דאָך געוווינט געווען צו הערן סאָלדאַטן אויף אַלערליי לשונות און די לשונות, צוזאַמען מיט דריי־גאָרנדיקע קללות, ניבול־פּה און שיכורע לידער, האָט זיך געפּאַסט צו זיי און דאָ דאַרף זיך צום ערשטן מאָל דאָס געהער צוגעוווינען צום וווּנדער־קאָנטראַסט: סאָלדאַטן און לשון־קודש.

**
*

דאָס מאָל בין איך געפאָרן קיין ירושלים. איך האָב געדאַרפט נע־מען די באַן פון תל־אביב. אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די שעה ווען די באַן גייט אָפּ איז נישט קיין ריכטיקע, מען האָט זי מיר אָנגעגע־געבן לויט אַן אַלטן רייזע־פּלאַן. לויטן נייעם פּלאַן וועט זיין אַ באַן ערשט אין אַ שעה אַרום. זעט אַ באַן־באַאַמטער, אַ מענטש אין די יאָרן, מיין פאַרלעגנהייט און לייגט מיר פאָר צו פאָרן מיט דער באַן וואָס גייט אָפּ אין פּופצן מינוט אַרום קיין באר־שבע. אין לוד וועל איך איבערזיצן און נעמען אַ צווייטע באַן, וואָס גייט קיין ירושלים. ער אַליין, זאָגט ער, איז דער נהג (נאָהאָג, קאָנדוקטאָר) און ער וועט מיך פירן. און געזאָגט האָט ער דאָס מיט אַזאַ טאָן ווי דאָס וואָלט געדאַרפט זיין אַ באַזונדערע זכיה פאַר מיר און אַז נאָר מיך אַליין וועט ער פירן קיין ירושלים און מער קיינעם נישט. „איר האָט אייך נישט וואָס צו זאָרגן, איך אַליין וועל אייך שוין פירן״, פאַרזיכערט ער מיר אין אַ גוטן יידיש. ער גייט אַליין דערליידיקן ביים דירעקטאָר, אַז איך זאָל קענען נעמען דעם צווייטן צוג אויפן זעלבן בילעט. באַוויליקט דער דירעקטאָר און שמייכלט. איך האָב דעם איינדרוק, אַז עס ווילט זיך אים אויך זאָגן אַ פּאָר ווערטער אויף יידיש, נאָר ער האַלט זיך איין, עס פּאַסט נישט. פאָרט אַ דירעקטאָר.

האָב איך שוין אויף מיין נסיעה אַ היימישן מיטשמועסער. דער נהג איז אָפּט אַריינגעקומען צו מיר אין וואַגאָן צו זען וואָס איך מאַך, ער האָט מיך אויסגעזוכט, זיך צוגעזעצט און זיך אויסגעטענהט מיט מיר. דערוויסנדיק זיך אַז איך בין פון פראַנקרייך האָט ער געמאַכט אַ זויערע מינע, וואָס איז מיר שוין געווען באַקאַנט פון אַנדערע און ער איז אַרויס צו מיר מיטן שוין נישט איין מאָל געהערטן גוטמוטיקן פּזמון: „אייער דע גאָל״... מיטן טראָפּ אויפן „אייער״, אַזש ס׳איז מיר שוין געוואָרן אומבאַקוועם און זשעניִרנדיק צו ענטפערן פון וואַנען איך בין. האָב איך געענטפערט דעם נהג, דאָס וואָס איך ענטפער אַלע: איך שענק אים אייך

אַוועק, איר קענט אים ביי מיר צונעמען. „צו זיין אַזוי פּאַדלע צו אונדז, האָט דער נהג צו מיר גערעדט, איך שטאַם פון ביאַליסטאָק, זאָג איך אייך אַז אַסור צי די אונטערוועלט פון יענע מקומות וואָלט אַזוי גע־האַנדלט: צונעמען אי דאָס געלט און אי די סחורה... איר וועט זען, ער וועט נאָך טייער באַצאָלן פאַר דעם... אַז מען הייבט אָן מיט יידן שניידט מען אָפּ שלעכט. איר וועט זען, ער וועט נאָך שלעכט אָפּשניידן.

***

אַז דער נהג גייט אַרויס, כאַפּ איך אַ בליק אין דער צייטונג, וואָס עס לייענט מיין שכן. ס'איז אַ ידיעה אַז אַ צה"ל־פּאַטרול האָט אין אַ צוזאַמענשטויס מיט אַ דיווערסאַנטן־גרופּע פאַרניכטעט עטלעכע פון זיי. איך דריק אויס מיין השערה דעם שכן מיינעם, אַז ער דאַרף אַוודאי זיין צופרידן. דאָ לאָזט ער אַרויס אַ יידישלעכן זיפץ, וואָס נאָך אים קומט זיין ענטפער:

„זייערע געהרגעטע זענען פאַר אונדז נישט קיין נחמה".

איצטער האָב איך פאַרשטאַנען דעם יידס זיפץ, אַ זיפץ פון אַ ישראל־בירגער אויפן טויט פון זיינע שונאים.

„אַוודאי, זעצט פאָר מיין שכן, זיי קומען אונדז עוקר מן השורש זיין, איז נישטאָ קיין אַנדערע ברירה ווי נישט לאָזן זיך. מיר פרייען זיך ווען מיר זענען מצליח זיי אָפּצושטויסן, אָבער מיר פרייען זיך נישט מיט זייער טויט. א ראיה האָט איר אַז ווען מיר כאַפּן זיי לעבעדיק לאָזן מיר זיי לעבן".

דעם יידס געדאַנקען־גאַנג האָט געמאַכט אויף מיר אַ רושם. ס'איז די יידישע מאָראַל, ס'איז די מאָראַל פון ישראל.

איך ווייס נישט צי איר ווייסט, האָב איך אים געזאָגט, אַז די פאַר־שטייער פון זייערע טעראָר־אָרגאַניזאַציעס קומען מאַכן אין פראַנקרייך אָפיציעלע דערקלערונגען, ווי עפּעס רעכטס, אַז זייער ציל איז בלויז צו פאַרניכטן די ישראל־מלוכה, אָבער נישט די ישראל־בירגער, מיט די יידן ווילן זיי צוזאַמענלעבן.

„נו, יאָ, לאָזט ווידער מיין שכן אַרויס אַ יידישלעכן זיפץ, זיי ווילן צוזאַמענלעבן מיט טויטע יידן... און ווי אַזוי זיי האָבן גאָרנישט צו די ישראל־בירגער און ווי אַזוי זיי ווילן מיט זיי לעבן האָט איר דאָך גע־קענט זען אין די אַטענטאַטן אויפן מאַרק אין ירושלים, אין סופּערמאַר־קעט, אויפן אוניווערסיטעט. דאָ האָט איר אַ קליינעם אדערויף צו זייער הייסן באַגער און חשק צוזאַמענצולעבן...

דערהערנדיק, אַז איך בין פון פראַנקרייך, וואָס איך האָב זיך וועגן דעם אַרויסגעכאַפּט נישט־ווילנדיק, האָט מיין שכן אויך איבערגעחזרט די טענה מיט „אייער דע גאָל”, וואָס ער האָט מיר שוין געשלאָגן צו דער גאָל. „זאָגט מיר, וואָס פאַר אַ שלעכטס האָבן מיר געטאָן אַז מען זאָל אונדז אָפּצאָלן מיט אַזויפיל שלעכטס, וווּנדערט ער זיך צו מיר, איך האָב געלייענט ווי ביי אייך אין טולאָן האָט מען אויסגעשולט אַ מצרישע קאַ־מאַנדאַ ווי אַזוי אַריבערצוגיין דעם סועץ־קאַנאַל. מען האָט זיי נאָך צו־געגעבן ספּעציעלע שיפלעך און מיט זיי זענען זיי ביינאַכט שטילערהייט ווי גנבים, אַריבער דעם קאַנאַל און אויסגעשאָכטן עטלעכע פון אונדזערע בחורים... דאָס הייסט דאָך שוין פּשוט געגאַנגען אויף אונדזער לעבן, ממש איינגעטונקען די פרומע נאָבעלע הענט אין אונדזער בלוט... פון וואַנען האָט זיך גענומען אַזאַ רשעות?”

די פראַגע איז אויך געווען מיינע.

דאָס באַווייזן זיך דורכן פענצטער פון די בערג פאַר ירושלים האָט געמאַכט אַ הפסקה אין אונדזער שמועס.

אין בית־שמש איז אַריין אין וואַגאָן אַ זעלנער מיט אַ ביקס, קענ־טיק אַ פרומער, ווייל ער האָט געטראָגן אויפן קאָפּ אַ קאַפּעלע. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, אַריינגעשטעקט די ביקס צווישן די קני און אַרויס־גענומען פון זיין טורניסטער אַ ספר און זיך פאַרטיפט אין אים.

דאָ האָב איך זיך דערמאָנט אין דעם ליד פון פרץ מאַרקיש „צום יידישן שלאַכטמאַן”:

> וועסט, יידישער סאָלדאַט, זיך נישט צעשיידן מיט דער ביקס,
> ווי ס'האָבן דיינע זיידעס נישט צעשיידט זיך מיטן ספר.

ביי מאַרקישן איז עס געווען בלויז אַ פּאַטעטישער מעטאַפאָר אין אַ ספּעציעלן מאָמענט און אויך אַ צייטווייליק־טאָלערירט נאַציאָנאַל גע־פיל, פאַר וועלכן ער האָט שפּעטער באַצאָלט מיט זיין לעבן. דאָ זע איך בפועל ממש ווי דער יידישער סאָלדאַט צעשיידט זיך נישט נישט מיט דער ביקס און נישט מיטן ספר. דער יידישער שלאַכטמאַן געפינט זיך נישט ערגעץ־אַנדערש, נאָר דאָ.

*****

דער צוג שטעלט זיך אָפּ. דער נהג באַווייזט זיך ווידער און רופט אויס צו מיר:

— איר זענט אָנגעקומען. כ'האָב אייך צוגעזאָגט, אַז איך וועל אייך פירן קיין ירושלים און איך האָב געהאַלטן וואָרט...

1968

אינהאַלט

פאַרבליבן אין זכרון

דאָרט, ווו ס'איז געווען אַמאָל דער לאַגער דראַנסי — — — — — — — — — 7
ווען די ערשטע יידישע ערובניקעס זענען דערשאָסן געוואָרן אין פּאַריז — 13
ווען יידישע שרייבער זענען דעפּאָרטירט געוואָרן פון פראַנקרייך — — 19
יאָסל צוקער — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 26
זכרונות פון אַ ליכטיקער שטאָט און אַ פינצטערער צייט — — — — — 32
אויף די חורבות פון אָראַדור — — — — — — — — — — — — — — 44
ווען ווירקלעכקייט שטייגט איבער פאַנטאַזיע — — — — — — — — — 54
מחילה פאַר עס־עס — אַן ענין פון דיסקוסיע ? — — — — — — — — 59
מעמאָריאַל — היינטצייטיקער יידישער מקום־קדוש — — — — — — — 65

דער שפּיגל פון אונדזער צייט

דער שפּיגל פון אונדזער צייט — — — — — — — — — — — — — — 73
ווען די צייט באַנייט זיך — — — — — — — — — — — — — — — 79
מיין רייזע אַרום דער לבנה — — — — — — — — — — — — — — — 84
דער געפּאַנצערטער גולם אויף די גאַסן פון פּראַהא — — — — — — — — 91
צווישן יידן אין בראַטיסלאַוואַ — — — — — — — — — — — — — 96
צווישן אַלטן און נייעם יאָר — — — — — — — — — — — — — — 102
דער פאַל סאָלזשעניצין — — — — — — — — — — — — — — — — 108
עס וויינען די מנורות פון וואַרשעווער געטאָ־דענקמאָל — — — — — — 114

דער זומער גייט אַוועק... — 122
דאָס אַמאָליקע יידישע וואַרשע — 128
„אַ שפּיגל אויף אַ שטיין" — אַ שטיין פאַר אַ דענקמאָל — 134
פראַנצויזישע פּאָעזיע אין אַ יידישן לבוש — 139
אינעם וווּנדערלאַנד פון מאַנע־קאַץ — 148
גיי איך מיר אַרויס דאָס שטעטעלע באַקוקן — 154
רייזע ־ נאָטיצן פון פּראָוואַנס — 159
מדינת־מאַנטאָן — 166

יידיש היימלאַנד

די עקספּאַנסיע פון דער באַגריסונג „שלום" — 179
פאַרצייכענונגען פון ירושלים אין 1965 — 183
וואָס איז מכוח דעם יידיש פון מאה שערים ? — 193
דענקמעלער אין ישראל — 200
דאָרט, וווּ ס'איז געווען די היים פון שלום אַש און פון ראָמען ראָלען — 205
אין דער לענג און אין דער ברייט פון ישראל — 211
וואָס די קעמפער דערציילן — 222
„די זעקס טעג פון „יד ־ מרדכי" — 229
ביים סדר אין אַ קיבוץ — 235
נס חנוכה און נס ישראל — 240
ווען טרויער און פרייד רירן זיך אָן אין ישראל — 245
אין קיבוץ לוחמי הגטיאות — 249
באַגעגענישן מיט עולים — 253
אייזנבאַן ־ געשיכטעס פון ישראל — 260

דערשינענע ביכער פון זעלבן מחבר:

ברויט און בליי (לידער), לובלין 1934

דאָס פּייפל אין די בערג (לידער), וואַרשע 1936

אויפן אַש פון מיין היים (פּאָעמע), פּאַריז 1945

אַ בוים צווישן חורבות (לידער און פּאָעמעס), פּאַריז 1947

צווישן רואינען און רושטאָוואַניעס (רייזע - איינדרוקן פון פּוילן), פּאַריז 1949

אַ רעגנבויגן איבער גרענעצן (לידער און פּאָעמעס), פּאַריז 1950

דער ניגון פון דורות (דראַמאַטישע פּאָעמע), פּאַריז 1950

געקליבענע לידער, וואַרשע 1954

אַ לייטער צו דער זון (לידער און פּאָעמעס), פּאַריז 1954

בלומען פון באַדויער (לידער און פּאָעמעס), פּאַריז 1959

גאָלד און פּייער (משלים און לידער), פּאַריז 1962

ביים פּנקס פון לובלין (פּאָעמע), פּאַריז 1966

איבער די דעכער פון פּאַריז (דערציילונגען), תל־אביב, 1968

געשטאַלטן פאַר מיינע אויגן (עסייען), פּאַריז 1971

דער מאָרגנשטערן אין מיין פענצטער (לידער און פּאָעמעס), פּאַריז 1974